STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03109

# DI GROYSE IDISHE GESHIKHTE

Hayim Shoys

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

## די גרויסע

# אידישע געשיכטע

### פון די עלטסטע צייטען ביז אויף היינט

**באַנד II**

פון דער גרינדונג פון דער
מלוכה ביז ירבעם דעם צווייטען

צוזאַמענגעשטעלט פון די ווערק פון פאַרשידענע
פאָרשער און אויטאָריטעטען
פון
**חיים שויס**

מיט דער רעדאַקציאָנעלער מיטווירקונג פון
דר. ק. פאַרנבערג

ליטעראַרישער פאַרלאַג

411 גרענד סטריט. ניו יאָרק

1919

# אינהאלט:


זייט

**די פאראייניגטע מלוכה — — — — — 5—149**

ערשטע אפטיילונג.

**די געשיכטע פון דער פאראייניגטער מלוכה — — 7—123**

פון ר. קיטעל און ב. בענטש.

1. שמואל און שאול — — — — — — — — — — — — — — — — 7

די ערשטאפט פון די פלשתים. שמואל. — שאול. — שאול און דוד. — שאול'ס ענד. — שאול'ס כאראקטער.

2. דוד המלך — — — — — — — — — — — — — — — — — 44

דוד און אשבעל. — דוד אין ירושלים. די פלשתים. — ווייטע־ריגע מלחמות. — דוד'ס הויף און זיין רעגיערונג. — שאול'ס הויז. גבעון. — פון דוד'ס פאמיליעדגעשיכטע. אבשלום. — דוד'ס כא־ראקטער.

3. שלמה המלך — — — — — — — — — — — — — — — — 97

שלמה'ס טראָז־באשטייגונג. — שלמה אלס קעניג. — שלמה'ס בית־המקדש און זיין פאלאץ.

צווייטע אפטיילונג.

**דאָס אידישע לעבען אונטער דער פאראייניגטער מלוכה 124—149**

פון ר. קיטעל און ה. גוטהע.

1. לעבען און קולטור — — — — — — — — — — — — — — 124

דער אופן פון לעבען. — קולטור און גייסטיגעס לעבען. — אי־נערליכע פאליטישע פארהעלטענישען, קאנסטיטוציע, קריג.

2. געשריבענע ליטעראטור. זיטען — — — — — — — — — 129

3. רעליגיאָן און קולט — — — — — — — — — — — — — 137

די פאלקס־רעליגיאָן. — די אפיציעלע רעליגיאָן. — די העברעע רעליגיאָן. — צוקונפט־דערוואַרטונג.

**די געטיילטע מלוכה — — — — — — 151—272**

ערשטע אפטיילונג.

**פון שלמה'ס טויט ביז ירבעם דעם צווייטען — 153—225**

פון ר. קיטעל און דזש. פ. מק'קורדי.

1. רחבעם און ירבעם און זייערע נעכסטע נאכפאלגער — — — — 153
די שפאלטונג פון דער מלוכה. — רחבעם. אביה. אסא. — ירבעם. נדב. בעשא. אלה. עמרי.
2. עמרי׳ם דינאסטיע — — — — — — — — — — — — — — — — 175
די אשורים. עמרי. — אחאב. אליהו און די נבואה פון זיין צייט.— אחאב׳ם מלחמות מיט דמשק און אשור. — אחזיה בן אחאב. יורם בן אחאב.
3. יהוא און זיין דינאסטיע. דאס קעניגרייך יהודה — — — — — — — — 206
יהוא׳ס רעוואלוציע. — יהושפט פון יהודה און זיינע זיהן. עתליה. — יהוא און זיינע נאכפאלגער ביז ירבעם דעם צווייטען.

צווייטע אפטיילונג.

דאס אידישע לעבען אין דער צייט נאך שלמה׳ן — 226—272
פון ר. קיטעל און ק. בודע.

1. לעבען און קולטור — — — — — — — — — — — — — — 226
דער אופן פון לעבען. — קולטורעלע השפעות. — קאנסטיטוציע און אינערליכע פארהעלטעניסען.
2. געשריבענע ליטעראטור און זיטען — — — — — — — — — — 238
3. רעליגיאן און קולט — — — — — — — — — — — — — — — 248
צפון און דרום. — פאלקס־רעליגיאן. — אפיציעלע רעליגיאן. — העכערע רעליגיאן. — צוקונפט־דערווארטונג.

דער אידישער דארף און די אידישע שטאדט
אין דער צייט פון דער מלוכה — — — — 273—313
(לויט דזש. פ. מק׳קורדי, ב. שטאדע, י. בענצינגער, וו. נאוואק און אנדערע).

1. דער סאציאלער געבוי פון אידישען לעבען — — — — — — — 275
קנעכט און גדולים. — דער אויסלענדער, דער פרעמדער, דער איינגעזעסענער און דער בירגער.
2. דער אידישער דארף — — — — — — — — — — — — — — — 282
דער פאסטוך. — דער פויער. — דאס לעבען ביי דער ערד־ארבייט.
3. די אידישע שטאדט — — — — — — — — — — — — — — — 288
דאס אויסזעהן פון דער שטאדט. — די בעלי־מלאכות. — דאס הויז. — שפייזען און געטראנקען. — קליידונג. — צירונג.

ביבליאגראפיע

# די פאראייניגטע מלוכה

ערשטע אפטיילונג.

ר. קיטעל

# די געשיכטע פון דער פאראייניגטער מלוכה

## 1.

### שמואל און שאול.

**די הערשאפט פון די פלשתים. שמואל.**

אן אומבאשטימטע צייט נאך דעם פאלען פון אבימלך'ן — דאס האט געקאנט געשעהן צווישען דעם צווייטען דריטעל און דעם סוף פונ'ם 11טען יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייט — האט זיך ווידער אנגעהויבען פאר די אידען א שלעכטע, געדריקטע צייט. די געפאהר איז זיי איצט פאר־געשטאנען ניט ווי פריהער פון די רויבערישע נאמאדען־שבטים פון מדבר, נאר פון א קריגס־פעהיגען פאלק — פון די פלשתים. זינט א געוויסער צייט האבען די פלשתים געהאט פארנומען די פרוכטבארע טאלען אין מערב־זייט פון די בערג פון אפרים און יהודה: דעם שרון און די שפלה, און דעם ברעג פון מיטעללענדישען ים וואס ליגט הינטער די דאזיגע טאלען. פון וואנעט זיי שטאמען און ווי אזוי זיי זיינען אהער געקומען, קענען מיר נאר אומגעפעהר באשטימען. לויט דעם תנ"ך, איז זייער היים כפתור און מ'נעמט געוועהנליך אן, אז דאס איז דער אינזעל קרעטא*). זיכער איז דאס בשום אופן ניט: אבער עפעס א שייכות צו קרעטא האבען זיי הפנים פארט געהאט. ס'איז וואהרשיינליך, אז זיי האבען אין קרעטא גופא ארייגעוואנדערט פון עפעם אנדערשוואו. עגיפטישע אויפשריפטען פיהרען אונז קיין דרום־מערב פון קליינאזיען, וואס ווערט אנגערופען אונטער רעמסס דעם דריטען, ארום

*) כפתור: עמוס ט 7; ירמה מ"ז 4; דברים ב 23. אויף קרעטא דרינגט מען פון דעם נאמען „כרתי", שמואל א, ל 14; שמואל ב, ח 18; יחזקאל כ"ה 16; צפניה ב 5.

דעם יאהר 1200, אלס היים פון א ים־רויבערישען פאלק מיט'ן נאמען פ ו ר ס א ט י. וואס שטימט זעהר גוט אין קלאנג מיט פעלישתי. זיי ווערען אפילו געשלאגען פון רעמסס'ן אויפ'ן וואסער און אויפ'ן לאנד, אבער ביי דעם גיכען צעפאל פון דער עגיפטישער הערשאפט אונטער רעמסס דעם דריטען גופא און אונטער זיינע נעכסטע נאכפאלגער האט זיך זיי קענטיג איינגעגעבען זיך פון דאס ניי צו באזעצען אין דרום־סיריען. עס ווייזט אויס, אז זיי, אדער לכל הפחות וויכטיגע טיילען פון זיי, זיינען דורך רעמסס'ן צור־ריקגעשטויסען געווארען קיין קרעטא און אז פון דארטען האבען זיי ענט־ווערער זיך אונטערנומען אריינצודרינגען אין כנען, אדער זיי האבען פון דארטען צוגעקראגען נייע פארשטארקונגען. אין יעדען פאל האבען זיי ארום דעם יאהר 1100 שוין געהאט זיך איינגעפונדעוועט אין דער געגענד וואס ליגט אין דרום־זייט פון כרמל; ווארים בערך אין דער דאזיגער צייט קומען פאר די צוזאמענשטויסונגען, וואס שפיגלען זיך אפ אין די מעשיות ווענען שמשון הגבור.

לויט זייער קליידונג און זייערע געוועהר — זיי טראגען א קיווער, א פאנצער, א גרויסען, רונדען שילד, א שפיז און א שווערד און ווייסען ווי אומצוגעהן מיט דעם רייטוואגען אין מלחמה — שטאמען זיי פון מערב־קליינאזיען. דערמיט שטימט אויך דער פאקט וואס זיי ווייסען ניט פון דעם מנהג פון מילה, וועלכער איז געווען שטארק פארשפרייט ביי די סעמי־טען און ביי די פעלקער פון דרום: זיי ווערען אנגערופען „ערלים" (שמואל א, ל"א 4; שמואל ב, א 20). בכלל אבער האבען זיי זיך דא אין לאנד אלץ מעהר און מעהר סעמיטיזירט בנוגע צו שפראך און רעליגיאן*). עס קומט פאר אין זייערע באציהונגען צו די כנענים אז עהנליכער פראצעס ווי ביי די אידען, נאר מיט דעם חילוק וואס זייער רעליגיאן האט אסך ווייניגער ווי די אידישע זיך געקאנט שטעלען אנטקעגען דער כנעני'שער. פאליטיש באריהרען זיי זיך מיט די איינוואוינער פון לאנד, אזוי ווייט ווי זיי צעפאל־לען אין קליינע, זעלבשטענדיגע געמיינדעס, אין די פינף שטעדט: עזה, אשקלון, אשדוד, עקרון, גת. אבער זיי נעהמען דא אויף איינענע ווענען, אזוי ווייט ווי זיי האבען ניט קיין מלכים, נאר „סרנים".**) און וואס

---

*) זייערע נעמען, וועלכע מיר ווייסען פון תנ"ך און פון די אויסגעגראבענע אויפ־שריפטען זעהען אויס צו זיין אין גאנצען סעמיטיש; פונקט אזוי אויך זייערע געטער: דגון, בעל־זבוב.

**) מאנכע פארשער נעמען אן, אז „סרן" איז א פעפיטישע איבערלעגונג פונ'ם גרי־כישען „טיראן". ה. ש.

צייטענווייז פארבינדען זיי זיך ענג צוזאמען אונטער דער אויבער־ממשלה פון אן איינצעלנער שטאדט*). זייערע באפעסטיגטע שטעדט באשיצען זיי פון אן אטאקע דורך די אידען. אט אזוי האבען ביידע טיילען על־פי השערה געלעבט א לענגערע צייט בשלום: די פלשתים אין זייער פרוכטבארען טאל ביים ברעג ים, די אידישע שבטים וואס האבען זיך מיט זיי געגרעניצט (יהודה, דן, אפרים) אויף זייער באשיידענעם בערגלאנד: ביז איין טייל אדער דער אנדערער (וואהרשיינליך די פלשתים) האט דערשפירט די לוסט זיך ווייטער אויסצושפרייטען — א לוסט וואס האט איין טייל פון שבט דן געקאסט די אלטע היים**).

די יוסף־שבטים, קענטיג צוליב זייער שטארקערער פאראייניגונג אונטער ירבעל און אבימלך, האבען איינגעזעהן, אז אויך די אידען קענען זיך מעהר ניט צופרידען שטעלען מיט דעם ביז איצטיגען גערדיקטען צושטאנד. אפרים, און הפנים אויך יהודה, האבען, ווי עס ווייזט אויס, נאך דעם דורכפאל פון שבט דן זיך ווידער ארויפגערוקט אינ'ם טאל צו מערב צו. אט אזוי אנטשטעהט א קאמף צווישען ביידע טיילען אויף צעהנדליגע יאהרען, אהן אן ענדגילטיגען ערפאלג, און קיינער פון די געגנער איז ניט ביכולת צו בלייבען דויערענד דער זיגער איבער דעם אנדערען. די פאלקסטימליכע געשיכטען און לעגענדען, מיט וועלכע דער ספר שופטים פארהערליכט דעם נאמען פון שמשון, ווייזען אויף אט דער צייט. זיי גיבען אונז אין א געוויסער מאס אן ארייבליק אין די צושטענדען פון יענער צייט, און פילייכט מוז מען אננעמען, אז עס זיינען שוין געווען פארגעקומען ערנסטע אידישע מפלות***). עס איז א לאנגער, אנהאלטענדער קאמף. מ'פיהרט ניט קיין רעגולערע מלחמה, נאר מ'זוכט צו שעדיגען דעם געגנער וואו עס מאכט זיך נאר א געלעגענהייט און אן אורזאך דערצו. דערביי האבען אויך געקאנט פארקומען געפלאנטע מלחמות און אמת'ע שלאכטען. אבער זיי פיהרען ניט צו קיין רעזולטאטען און פארוואנדלען זיך אין פלאנלאזע שלעגערייען און רייסערייען.

סוף כל סוף גיט זיך די פלשתים איין צו געבען די אידען א געוואלדיגען קלאפ, און פון דאן אן טרעט די גאנצע באוועגונג פאר אונז ארויס דייט־

---

*) שמואל א, כ"ז 2; כ"ט 2 (נת).

**) זעה שופטים י"ז און אין באנד 1, ז. 259.

***) זעה באנד 1, ז. 284 און פארגלייך אויך שופטים י"ג 5 (והוא יחל לחושיע את ישראל מיד פלשתים).

ליבער איג'ם ליכט פון דער געשיכטע. דער נצחון פון די פלשתים רופט ארויס א באוועגונג וואס פיהרט צו דער אידישער פארשטארקונג אונטער שאול'ס מלוכה. פונ'ם טאל שרון אונטערנעמען די פלשתים א שטארקע אטאקע געגען דאס אידישע בערגלאנד. אויב עס וואלט זיך זיי איינגעגעבען צו געווינען די קייט פון די בערגלעך צווישען דעם טאל ביים ברעג ים און דעם טאל יזרעאל, וואלטען זיי גלייכצייטיג אויך געקאנט באקומען אין זייערע הענט דעם צוגאנג צו די בערג פון אפרים און צו יענעם טאל. עס קאן גרייליך זיין, אז זיי האבען טאקע געטראכט וועגען דעם: פיליכט אבער האבען זיי דערוייל געהאלטען זייער אויג נאר אויף דעם מיטעלסטען טייל פונ'ם לאנד. אויך די אידישע שבטים, וועמען דאס האט אם נעהנטסטען באריהרט, האבען קענטיג איג'ם מאמענט פון געפאהר זיך פאראייניגט און ארויסגעשטעלט א רעכטען, שטארקען חיל. עס האט אבער הפנים אויסגעפעהלט אן איינהייטליכע פיהרערשאפט און בכלל א ריכטיגער צוזאמענהאלט.

ביי אפק אין דעם טאל שרון, קענטיג ניט ווייט פון יפו, צו דעם בערגלאנד צו, האבען געלאגערט די פלשתים. די אידען האבען געהאט זייער פעסטען לאגער ביי א ב ן ־ ה ע ז ר. ניט ווייט פון דארטען, הפנים אויפ'ן שיפוע פון די בערג. צוויי מאל קומט דא צו א שלאכט. שוין אין דער ערשטער שלאכט האבען די אידען געליטען א נידערלאגע. זיי האבען געלאזען 4000 טויטע אויפ'ן מלחמה־פעלד און האבען געמוזט אנטלויפען אין זייער פעסטען לאגער אין די בערג. צו דער הויפט־שלאכט ברייננגט מען דעם הייליגען ארון פון שילה. אויב יהוה געפינט זיך אין מיטען פון זיינע מחנות, דאן מוז מען זיגען. אבער אויך די האפענונג האט אפגענארט. דער אידישער חיל ווערט געשלאגען דאס צווייטע מאל נאך ערגער ווי דאס ערשטע מאל: 30,000 פון די אידישע קריגער זאלען האבען געפונען דעם טויט דורך דעם שונא'ס האנט. די איבעריגע ווערען צעשפרייט און אנטלויפען אין אומארדנונג „יעדערער צו זיין געצעלט". דער ארון פון יהוה, דאס הייליגטום פון ישראל, פאלט אלס רויב אין די הענט פון דעם שונא; און זיינע טרעגער, די כהנים חפני און פנחס, פאלען טויט אויפ'ן פעלד. די אידען פארלירען זייער חיל און זייער הייליגטום, און דערמיט אויך זייער לאנד, עהרע און פרייהייט. אם וועניגסטען קענען זיי מעהר זיך ניט פריי באוועגען. צו מערב און צפון, צו די בערג פון אפרים און אהן א ספק אויך צום פרוכטבארען עמק יזרעאל איז איצט דער צוגאנג אפען פאר דעם שונא. די פלשתים נוצען עס אויס און שפארען זיך אהין דורך. דער טעמפעל אין שילה אין מיטען פונ'ם בארג אפרים ווערט צעשטערט, דאס גאנצע לאנד, ווי עס

ווייזט אויס, באזעצט. אין גבעה, ווייטער צו דרום־זייט פון שילה, זיצט פון איצט אן א פלשתי'שער גובערנאטאר. געוויס איז ער ניט דער איינציגער. אויך שטיקער פון יהודה זיינען קענטיג פארבייגעהענדיג צוגעפאלען צו זיי. דער קיצור איז, אז דאס וואס ס'איז נאך קיינמאל ניט געשעהן, ניט קוקענ־דיג אויף אלע צרות פון די לעצטע צייטען, איז איצט איינגעטראטען: ישראל איז אין זיין אייגענעם לאנד געווארען אונטעריאכט פון א פרעמדען אונ־טערדריקער. מ'האט זאגאר אוועקגענומען ביי די אידען זייערע געוועהר און אוועקגעפיהרט די שמידען פון לאנד.

פאר די קלוגע און ווייטזעהעדיגע צווישען די אידען איז געווען קלאר פון וואנעט דאס אומגליק קומט. וואלטען אלע שבטים און משפחות, וועלכע האבען זיך באטראכט אלס קינדער פון ישראל, פאראייניגטערהייט זיך געשטעלט אנטקעגען דער געפאהר, דאן וואלט די צרה ניט געקאנט קומען. אפילו ווען עס וואלט נאר געהערשט אזוי פיעל צוזאמענשלוס ווי אונטער ירבעל און אבימלך, און עס וואלט א פאסענדער מאן געשטאנען בראש פון אלעמען, אויך דעמאלט וואלט די צרה ניט געקאנט ווערען אזוי גרויס. ס'איז זעהר וויכטיג צו באמערקען וואס אין אונזער באריכט האט זיך ניט דער־האלטען קיין נאמען פון א פיהרער. ווארים דער אידישער חיל איז שווערליך געווען פאראייניגט אין די הענט פון אן איינצעלנעם. אז ניט איז אוממעגליך צו פארשטעהן די ווילדע אנטלויפעניש, דאס פלוצליכע פאנאנדערפאלען פונ'ם חיל אפילו נאך א שווערער מפלה און דאס איבערגעבען זיך צום פיינד גאר אהן באדינגונגען: און אויך וואס מ'האט זיך אפילו ניט גע־שטעלט מיט'ן שווערד ביים בערגלאנד, וואס איז אזוי לייכט געווען צו פארטיידיגען.

די ערינערונג אן דבורה און גדעון האט געקאנט ווייזען דעם וועג, און האט טאקע געוויזען: די אידען האבען באדארפט פאראייניגונג און אן איינהייטליכע פיהרערשאפט; אבער ניט בלויז פאר איינעם אדער צוויי פון די הויפט־שבטים, נאר פאר דאס גאנצע פאלק; און ניט בלויז פאר דעם מאמענט פון געפאהר, נאר אויף שטענדיג. די אידען האבען זיך ווידער געמוזט פיהלען אלס נאציאן און צו דעם צוועק האבען זיי זיך געמוזט אנ־פארטרויען צו א קעניג, וואס זאל צוזאמענרופען זיין חיל און איהם פיה־רען אין מלחמה. אין א קעניגטום איבער דעם גאנצען פאלק, אזוי ווייט ווי עס האט גענומען אן אנטייל אין דעם אידישען לעבען, איז געלעגען די איינ־ציגע ישועה. דאס האבען הפנים די קלוגע און ווייטזעהעדיגע שוין לאנג איינגעזעהן. אבער עס פרעגט זיך: צי האבען די אידען געקאנט אין זיך גע־

פינגען די כוחות און די אחדות פאר דעם דאזיגען באשלום און דעם ריכטיגען מאן פאר דעם?

ביידע זאכען האבען זיך געפונען, אבער ניט אזוי גיך. ווי לאנג די שאנד פון דער פארקנעכטונג האט געדויערט איז ניט באקאנט. אויף יעדען פאל איז עס געווען א לענגערע צייט. דעם אויסוועג האט געוויזען דער אל־טער „זעהער" שמואל.

אין די יונגע יאהרען, ניט צו לאנג פאר דער שלאכט ביי אפק, איז ער געקומען קיין שילה, צום טעמפעל וואס איז נאך דאמאלסט געשטאנען. הגם ער האט געשטאמט פון שבט אפרים, איז ער אבער פון עלי'ן, דעם כהן פונ'ם ארון אין שילה, אנגענומען געווארען אלס משרת אינ'ם הייליגען הויז און איז איינגעפיהרט געווארען אין דער כהונה. נאך דעם אומגליקס־טאג ביי אפק און דער צעשטערונג פונ'ם הייליגטום פון שילה פארשווינדט פאר אונז ווי גאנץ ישראל אזוי אויך ער אין דער טונקעלקייט. ערשט אלס גרייז געגען סוף פון דער צייט פון דער אונטערדריקונג טרעט ער ווידער אויף. עס ווייזט אויס, אז ער האט געמאכט ר מ ה פאר זיין היים. אט דא ווירקט ער אלס כהן און זעהער. ביי די אמאליגע אידען אזוי ווי ביי די אראבער זיי־נען די ביידע טעטיגקייטען געגאנגען ענג צוזאמען: ווארים וויבאלד ער איז אלס זעהער געשטאנען אין א באזונדערער התקרבות צו יהוה, איז ער שוין ממילא דערמיט געווען אויך דער פאסיגסטער מאן פאר א כהן. דערצו איז געשטאנען אין רמה א „במה". אויף וועלכער מ'האט קיין קרבן ניט מקריב געווען אהן איהם.

פאר וואס שמואל האט ניט געהאט זיין היים ביים ארון פון יהוה, וואו ער איז אויסגעוואקסען, איז א רעטעניש, אבער ניט קיין גרעסערע רעטע־ניש ווי דער שיקזאל פון אט דעם הייליגטום גופא. אריינפאלענדיג אין שלאכט צו די פלשתים אין די הענט, איז דער ארון געבראכט געווארען אין דעם טעמפעל פון דגון. אין די פורעניות'ן, וואס קומען אויף זיי, גלייכצייטיג אויף גאט און פאלק, אנערקענען די פלשתים יהוה'ס שטראפענדיגע האנט. זיי שיקען יהוה'ס ארון צוריק צו די אידען. אבער ניט בלויז שמואל און שאול, אויך דאס פאלק האלט זיך פון ווייטען פון דעם אלטבאריהמטען הייליגטום. ביז דוד'ן שטעהט דער ארון אן א זייט און האלב פארגעסען אין ק ר י ת־י ע ר י ם. צי האט מען געהאלטען, אז ער האט דורך זיין אומגליק פאר־לארען אין קראפט, אדער אז ער איז פארשוועכט געווארען ביים פיינד? אדער צי האט מען געגלויבט, אז ער איז צוזאמענגעבונדען מיט'ן צעשטער־

טען הייליגטום פון שילה און די פלשתים האבען ניט געלאזען עס צוריק־ אויפבויען כדי צו בארויבען יהוה פון זיין הייליגען ארט און דערמיט אויך די אידען פון זייער קראפט? דאס לעצטע לעגט זיך בעסער אויפ'ן שכל.

אבער כאטש צעשיידט פון ארון, פיליכט איבער געוואלד, איז שמואל פארט אהן ספק ניט געשטאנען לעדיג אין דער לאנגער צייט פון שאנד און קנעכטשאפט. אויב מיר טרעפען דעם גרייז אלס פאטריאט, וועמען די נויט פון זיין פאלק ליגט נאהנט צום הארצען, טא קאנען מיר זיך אויך דעם מאן ניט אנדערש פארשטעלען. געוויס האט ער פון רמה אויס געהאט א וויטע השפעה אין דער צייט ווען די נויט איז געווען גרויס און די האפענונג פאר־ לארען. מ'האט געמוזט אויפהויבען ביים אידישען פאלק דעם בטחון אין זיך און אין זיין גאט. מ'האט געמוזט אין דער שטיל אויפלעבען דעם אידעאליזם פון פאלק און אויפהייבען דעם ריינעם קולט פון יהוה געגען דער פארמי־ שונג פון היידנישע עלעמענטען, ווי אין דער שופטים־צייט, וועלכע איז שטארק באגינסטיגט געווארען דורך דער פרעמדהערשאפט פון די פלשתים. אהן ספק האבען איהם דערין געפיהרט די טראדיציעס פון שילה. מיר געפינען נאך אין שמואל א, ז א ידיעה אין א זעהר שפעטעריגער און שטארק געענדערטער טראדיציע וועגען אזא מין טעטיגקייט שמואל'ס. דאס שטיק איז אין זיין היינטיגער געשטאלט בלי ספק ניט היסטאריש, ווארים פון שמואל'ס א גרינטליכען נצחון איבער די פלשתים קאן היסטאריש קיין רייד ניט זיין: מיר וואלטען דערמיט אונטערגראבען דעם פונדאמענט פון שאול'ס קעניג־ טום און פון דער גאנצער אנטוויקלונג אין דער וויטערינגער צייט. אבער דער יסוד פון די געשעהענישען וואס ווערען דא איבערגעגעבען בלייבט, ווי עס ווייזט אויס, דאך און דאס איז דער פאקט, אז שמואל האט אפגעהאלטען א פארזאמלונג אין מ צ פ ה מיט די פארשטעהער פון די אידישע שבטים און משפחות. די פראגע וואס איז געלעגען יעדערען אויף די ליפען איז גע־ ווען: וואס זאל מען טאן כדי זיך צו ראטעווען פון דעם יאך פון די פלשתים? שוין דערביי האט געמוזט שמואל'ן און די זקנים אריינקומען דער געדאנק וועגען א קעניגטום. גלייכצייטיג האט שמואל, דער כהן און דער זעהער פון יהוה, וואס האט פארבראכט זיין יוגענד ביי דעם ארון אין שילה, געמוזט זעהן דעם זיכערסטען אויסוועג פון דער נויט אין צוריקקעה־ רען זיך צו יהוה און אין דינען צו גאט אהן די פרעמדע עלעמענטען. וואס האבען זיך צוגעטשעפעט אין דער לעצטער צייט. א דירעקטע באשטעטיגונג פאר דעם געפינען מיר אין א ידיעה, וואס איז אונז געבליבען אין א גאנץ אנדער צוזאמענהאנג, אז שאול האט אפגעשאפט פון לאנד די היידנישע

טויטען־באשווערער („אובות וידעונים“, שמואל א, כ“ח 3). געווים דארף מען דערביי טראכטען פון שמואל'ס השפעה.

אינ'ם זעלביגען ליכט ווערט שמואל פאר אונז געשטעלט דורך זיין באציהונג צו די קאמפאניעס נביאים. אז שמואל איז ניט געווען דאס וואס די שפעטעריגע צייט האט גערופען „נביא“, איז באוואוסט געווען דעם דער־צעהלער וועגען איהם אין ספר שמואל. ער באצייכענט שמואל'ן ניט אלס נביא, נאר אלס „זעהער“ („רואה“), און ער באמערקט נאך דערביי, אז דאס איז דער אלטער נאמען, יענער אבער דער נייערער פאר דערזעלביגער ערשיי־נונג (שמואל א, ט 9). ער ווייסט, הייסט עס, אז ניט קוקענדיג אויף דער פארשידענקייט איז פארט פאראן א נאהנטע שייכות צווישעןביידען. די שפעטערע גרויסע נביאים זיינען ארויסגעוואקסען פון אזוינע זעהער־גע־שטאלטען ווי שמואל. אבער שמואל גופא האט א נאהנטע שייכות צו דעם אריבערגאנג פון דער אלטער צו דער אינגערער פארם. ניט בלויז דער בייט פון די נעמען איז פארבונדען מיט זיין פערזאן, נאר ער איז הפנים אויך געשטאנען אין א נאהנטער פארבינדונג מיט דער גרינדונג פון באזונדערע געזעלשאפטען פון „בני הנביאים“, פון וועלכע מיר הערען אזוי פיעל אין דער שפעטערער צייט, לכל הפחות אזוי ווייט ווי דאס איז נוגע זייער ערש־טען אנהויב.

אט די חברות נביאים זיינען, ווי עס ווייזט אויס, געווען דער נאטירלי־כער באדען, פון וואנעט עס איז ארויסגעוואקסען די נבואה אין ישראל, באפרוכפערט מיט דעם גייסט פון דער רעליגיאן פון יהוה און אנגעפיהרט פון אזוינע מענער ווי שמואל און שפעטער אליהו. באנדעס פון עקסטאטישע בעלי־דמיון, זינגענדיג און טאנצענדיג, מיטרייסענדיג אלעמען מיט זיך אין זייער ווילדער התלהבות, שטורעמען זיי דורך ווי וואהנזיניגע דורך דאס לאנד. פאראויס פאר זיי קלינגט רוישענדע מוזיק, און ווען איי־נער קומט מיט זיי אין באריהרונג, קען פאסירען, אז די השפעה פון דעם עקס־טאז זאל זיך אריבערטראגען אויף איהם (שמואל א, י 5, 6). אין די דאזיגע חברות, אין וועלכע זיי האבען געלעבט צוזאמען, האבען זיי זיך הפנים גע־לערענט ווי אנצואווענדען אלערליי מיטלען כדי אריינצוקומען אין עקסטאז. דאס זיינען רעליגיעזע פאנאטיקער, פול מיט א הייליגען פייער פאר זייער גאט: אבער עס איז געווים ניט דער רעליגיעזער פאנאטיזם אליין וואס טרייבט זיי. רעליגיאן און פאטריאטיזם ווירקען אין איינעם. איז דאך ישראל יהוה'ס פאלק: געהערען דאך גאט, פאלק און לאנד צוזאמען, אז מ'קאן זיי ניט אפשיידען איינע פון די אנדערע. אט אזוי האט דער דרוק פונ'ם פלשתי'שען

יאַד, וואס איז געלעגען ווי א לאַסט אויף יהוה׳ס לאנד און פאלק, ארויסגערופען די דאָזיגע ווילדע מענער פון עקסטאַז, און איז א הייליגער קנאות פאַר יהוה און זיין זאך ציהען זיי דורך דאָס לאנד. דאָס וואס איז רעליגיעז און פאָליטיש אויפגערעגטע צייטען פונ׳ם היינטיגען אָריענט איז דער דערוויש — טרעט אונז שוין דאָ אַנטקעגען. באנדעס פון ווילד אויפגערעגטע דערווישען ציהען ארום אין לאנד ווירקענדיג פאַר יהוה און פאַר דער באַפרייאונג פון זיין לאנד*).

אז שמואל איז ניט געשטאַנען אין וועלכער עס איז שייכות צו זיי, לאָזט זיך ניט גלויבען. עס איז דאָך ניט קיין צופאל וואס זיי זיצען גראַד אין זיין וואוינאָרט „רמה“ און וואס זיי טרעפען זיך צוזאמען מיט שאול׳ן גראַד נאָכדעם ווי ער האָט געהאט זיין וויכטיגען געשפּרעך מיט שמואל׳ן. אין דער דאָזיגער ברויזענדער צייט, ווען דאָס פאלק האָט געפיהלט אויף זיך דעם שענדליכען יאָך פון די פלשתים האָט עס גאר אנדערש ניט געקאָנט זיין, אז שמואל און די עקסטאַטישע נביאים זאָלען זיך געפינען איינע ביי די אנדערע. שמואל גופא האָט אין דעם עקסטאַז פון די נביאים קיין אנטייל ניט גענומען; ער בלייבט וואס ער איז געווען. אבער ער האָט די באוועגונג ב א נ ו צ ט, און אונטער איהם און זיין השפעה איז פארגעקומען די פארבינדונג פון ביידע ערשיינונגען: פון דעם אַלט־אידישען זעהערטום און פון דער ביי די אידען נייער נבואה. ער האָט דערמיט געפיהרט דעם נביא׳יזם אין נייע וועגען און האָט אָנגעהויבען צו ל י י ט ע ר ע ן און צו פ א ר ג י י ס ט י ג ע ן די נאַטורהאפטע, האלב־היידניש־דיאָניזישע באוועגונג. ער האָט אין פרינציפ געמאכט פון איהר דאָס וואָס עס איז שפּעטער פון איהר געוואָרען. וואהרשיינליך איז אויך שמואל׳ס ווערק די זאמלונג פון די אומגעאָרדנעטע קאמפּאַניעס אין געשלאָסענע חברות. די ערשטע התחלה פון זייער לייטערונג און ריייניגונג. און די שטארקסטע אונטערשטיצונג אין אלע זיינע שטרעבונגען האָט ער געוויס געפונען אין יענע קרייזען פון פאלק, וועלכע האָבען געהאלטען אין זכרון דעם ארון, משה׳ס אויפטואונגען און דערמיט אויך די גרויסע פארגאנגענהייט פון ישראל.

ס׳איז לחלוטין ניט ריכטיג צוצושרייבען שמואל׳ן בלויז א ל א ק א־

---

*) די דאָזיגע סיטואַציע איז ארויסצוזעהן פון שמואל א, ט און י. פארגלייך אויך שמואל א, י״ט 20־24. — עס איז ניט די איינציגע פאָלקסבאוועגונג אין דער געשיכטע, וואָס ווערט פאראורזאכט דורך רעליגיעז עקסצענטרישע עלעמענטען.

לע באדייטונג. האט ער זיך באראטען אין מצפה מיט די פאר־שטעהער פון פאלק וועגען די אידישע ליידען און איז ער געשטאנען אין א שטילער אבער באדייטונגספוללער פארבינדונג מיט די עקסטאז־נביאים. דאן איז ער ניט געוועזן דער אומבאקאנטער זעהער, פון וועמען מ'האט נאר גע־וואוסט אין א ווינקעל פון בנימין, און וואס האט אין ישראל גאר ניט גע־האט צו זאגען. דאך אפילו ווען עס זאלען איהם ניט צוגעשריבען ווערען יע־נע אלע זאכען, איז פארט איין זאך זיכער: צו שאול'ס קעניגטום שטעהט ער לכל הדעות אין א נאהענטער שייכות. אויב ער איז דער מאן געווען, וואס האט די אידען געגעבען זייער קעניג, דאן דערגרייכט זיין באדייטונג און זיין השפעה ווייטער איידער רמה און איהר אומגעגענד. ווי עס זאל ניט זיין צוגעגאנגען ביי יענע געשעהענישען. איז אבער זיכער, אז שמואל האט א גרויסען איינפלוס געהאט אויף דער גרינדונג פון דער מלוכה. ער האט דעריבער פריהער אין נאכהער געמוזט פארנעמען א שטעלונג, וואס איז געגאנגען אסך ווייטער ווי די מויערן פון רמה. די געשיכטע פון שאול'ן וועט מוזען דעם פאקט קלאר באלייכטען.

## שאול.

עס איז געווען שמואל, וועלכער האט אויסגעקליבען פאר דאס קעניגטום דעם ריכטיגען מאן: שאול'ן, דעם זוהן פון קיש, א פארשטעהער פון א משפחה פון בנימין אין גבעה, וואס האט געשטאמט פון אן ארט אין בנימין מיט'ן נאמען צלע (שמואל ב, כ"א 14).

ווי אזוי שאול איז געווארען א מלך איז איינגעוויקעלט אין טונקעלקייט און וועט אזוי פארבלייבען. נאר איין זאך איז זיכער, אז שמואל האט דא אויף א באזונדערען אופן מיטגעהאלפען. אסך פארשער האבען באשטימט שמואל'ס אנטייל אין שאול'ס קעניגטום, אננעמענדיג אלס יסוד איינע פון אונזערע דערצעהלונגען אין ספר שמואל, די עלטערע. די אנדערע דער־צעהלונג אבער, ווייל זי שטעלט פאר דעם שפעטערדיגען קוק אויפ'ן גאנג פון די געשעהענישען, האבען זי לגמרי געלאזען אן א זייט*). לויט דער דאזיגער מיינונג האט שמואל, טראגענדיג אין הארצען די נויט פון פאלק, על־פי סיבה זיך געטראפען מיט שאול'ן, וועלכער איז צו איהם געקומען צור־

---

*) די עלטערע דערצעהלונג געפינט זיך אין קאפ. ט (אחוץ פסוק 9) און קאפ. י 1—16 (אחוץ פסוק 8).

ליב זיין פאטער׳ס פארלארענע אייזלען. שמואל האט גלייך דערזעהן, אז דאס איז דער ריכטיגער מאן, וועמען ער האט פון לאנג שוין געזוכט. ער גיט איהם א קלארע אנצוהערעניש מכוח דעם און שיקט איהם אוועק אהיים, זיך פארלאזענדיג, אז ער וועט שוין אליין דערקענען ווען עס וועט קומען דער ריכטיגער מאמענט צו האנדלען. שאול טוט ווי שמואל האט איהם אנגעזאגט. דער רוף נאך הילף פון יבש אין גלעד גיט איהם א געלעגענהייט זיך צו שטעלען בראש פון אידישען חיל. אלעס אנדערע, ניט בלויז ווי מ׳קלייבט אויס שאול׳ן אלס מלך, נאר אויך ווי שמואל ווייזט לכתחילה צוריק דעם פארלאנג פון פאלק פאר א קעניג איז לויט אט די פארשער ניט מעהר ווי א שפעטערדיגע דיכטונג.

איך קאן ניט צושטימען אומבאדינגט צו דער דאזיגער מיינונג. עס קאן זיין, אז אין עצם שטימט יענע פארשטעלונג מיט דעם פאקטישען גאנג פון די פאסירונגען, אדער קומט לכל הפחות נאהנט צו דעם. אבער ערשטענס טאר מען ניט באטראכטען די אידיליע פון שמואל א, ט אלס ריינע היסטאריע. און צווייטענס דארף מען ניט פארגעסען, אז די אינגערע שיכט פון דער דערצעהלונג איז גאר ניט אזוי יונג, אז זי זאל ניט קאנען אנטהאלטען גע־וויסע ערינערונגען אן דעם פאקטישען גאנג פון די געשעהענישען. צו דעם רעכען איך צו אויך די ערינערונג מכוח פארהאנדלונגען, וואס זאלען האבען פארגעקומען צווישען שמואל׳ן און די עלטסטע פון ישראל וועגען א קע־ניגטום. די פארשער זיינען גענייגט צו זעהן דעריין, באזונדערס אין דעם וואס שמואל האט לכתחילה ניט געוואלט צולאזען קיין קעניגטום, דורכאויס א ניט־היסטארישען שטריך, וואס קאן שטאמען נאר פון א צייט ווען דאס קע־ניגטום איז שוין געווארען איבערדרריסיג. אבער אויב שמואל באט אן שאול׳ן די מלוכה מיט עפעס א רעכט און מיט אן אויסקוק אויף ערפאלג, טא קאן מען עס זיך ניט אנדערש פארשטעלען ווי נאר, אז ער איז פריהער געקומען צו א פארשטענדיגונג מיט די אידישע פיהרער, די פארשטעהער פון די שבטים. שמואל נעמט זיך אן דורכצופיהרען דאס וואס האט זיך שוין לאנג געטראגען אין דער לופט, וואס האט זיך לאנג שוין באוועגט און איז פון אלעמען ארומגערעדט געווארען אין אינטימע געשפרעכען.

אבער וויבאלד, אז די אויפשטעלונג פון דער קעניגליכער קאנסטיטוציע איז אהן א ספק דער פועל יוצא פון לאנגע פארהאנדלונגען און אפוועגונגען אין אן ענגערען קרייז, איז דאן שמואל׳ס וויכטיגע האלטונג גאר ניט אזא געוואלדיגער חידוש ווי עס דוכט זיך אויס פון אויבען אויף. באדענקליכקייטען

געגען דאס קעניגטום האבען לייכט געקאנט ארויפקומען אויפ'ן געדאנק פון א טיף־בליקענדען פאטריאט פון יענע טעג. דאס קעניגטום און די קעניגליכע קאנסטיטוציע זיינען ניט געווען אומבאקאנט ביי די אידען. „אלע פעלקער ארום"—עגיפטען און אשור, אדום, מואב, עמון, די כנעני'שע און פלישתי'שע שטעדט האבען לאנג שוין געהאט מלכים. דורך גדעון'ען און אבימלך'ן זיינען אויך די אידען דערמיט באקאנט געווארען. ניט קוקענדיג אויף די אויסערליכע מעלות פונ'ם קעניגטום, האבען אבער אויך זיינע חסרונות ניט געקאנט זיין פארבארגען פאר אזא פאלק ווי די אידען, וועמעס אלע ערינערונגען פון דער פארגאנגענהייט האבען גערעדט געגען דעם. משה האט די אידען פאר א פאלק געמאכט און איז ניט געווען קיין קעניג. ערפאהרונגען פון דער שופטים־צייט האבען וועניגער ווי אלץ געקאנט דערמוטיגען דערצו. זיי האבען געוויזען ווי די געפאהר פון דעספאטיע איז שטענדיג געשטאנען הינטער דער קעניגליכער ארדנונג.

כאטש שמואל'ס האלטונג ווערט אויף אזא'ן אופן אין אונזערע קוועלען בעצם ריכטיג געשילדערט, איז אבער אן אנדער פראגע: צי דארפען מיר ארויסגעבען דעמזעלביגען אורטייל אויך וועגען שאול'ס אויסוועהלונג אלס קעניג? אויב שמואל האט געזעהן אין שאול'ן דעם מאן וואס איז מסוגל צו ווערען דער מלך, און אויב ער האט געווארפען זיין אויג אויף איהם מיט דער צושטימונג פון די זקני ישראל, ווי איך בין געניינגט אנצונעמען, טא בלייבט דאך מעהר קיין פלאץ ניט פאר דאס וועהלען אדער פאר א גורל.

דאס ערשטע וואס שאול טוט, איז צו צעשלאגען די ע מ ו נ י ם. י ב ש אין גלעד, א אידישע שטאדט אין מזרח־זייט פון ירדן, שטעהט אין סכנה דורך דעם קעניג פון עמון נחש. ס'איז געווען דער נאטירליכער פועל יוצא פון דער אידישער שוואכקייט, אז אויך די שכנים אין מזרח האבען נאכגעטאן דעם ביישפיל פון די פלשתים אין מערב. די לעצטע האבען הפנים זיך באגנוגענט מיט דעם מערב. יבש שיקט שלוחים איבער דעם ירדן נאך הילף צו די אנדערע שבטים. זיי קומען — געווים ניט צופעליג — אויך קיין גבעה. שאול איז אויפ'ן פעלד, די לייט פון גבעה אבער האבען פאר זייערע ברידער אויף יענער זייט ירדן בלויז מיטלייד און קלאג, אבער קיין מוט ניט צו העלפען. שאול, קומענדיג הינטער די רינדער צוריק אהיים פון פעלד, הערט וואס דא איז געשעהן. שנעל איז זיין באשלוס געפאסט. אויפ'ן שטעל כאפט ער א פאר אקסען, צעשנייט זיי אויף שטיקער און הייסט די שלוחים ארומפאהרען מיט די שטיקער פון די אקסען־פלייש איבער גאנץ ישראל מיט דעם אויפרוף

צום הייליגען קריג: „ווער עס געהט ניט ארויס נאך שאול און שמואל*), דעם וועט מען אזוי טאן צו זיינע רינדער" (שמואל א, י"א).

ס'איז געווען א שנעלער, מוטיגער אויפטו און א צינדענד ווארט, וואס די שלוחים האבען געהאט מפרסם צו זיין אין ישראל. עס האט געבראכט די גע־ווינשטע ווירקונג. שאול האט געהאנדעלט ווי א מאן און א גבור, שוין בא־שיינט מיט דעם גלאנץ פון'ם קעניגטום וואס איז איהם פארגעשטאנען**). זיין העלדישער מוט, זיין האפענונג אויף די שבטים האבען איהם ניט אפ־גענארט. זיין אויפרוף קלינגט אפ אין די הערצער. עס גיט זיך איהם איין צונויפצוזאמלען א חיל: ביי ב ז ק מושטירט ער דעם חיל: ביי נאכט געהט ער אריבער דעם ירדן און אויף מארגען אין דער פריה ווערט יבש בא־פרייט. איצט איז די קרוין — שאול'ס אייגענטום, וועלכע ער האט באקומען פאר זיינע אייגענע מעשים. מיט טריאומף ווערט ער פון פאלק געפיהרט קיין גלגל, דעם אלט־הייליגען ארט ביים ירדן נאהנט צו יריחו, און דארטען ווערט איהם דאס קעניגטום אנגעבאטען. די דאזיגע מלוכה, זעהט אויס, האט ארומ־גענומען דעם מיטעלסטען טייל פון לאנד, דאס בערגלאנד פון אפרים ביז צום טאל יזרעאל. אויך יהודה האט געהערט דערצו, וועניגסטענס שפעטער. דאסגלייכען א היבשער טייל פון עבר־הירדן, דער לעצטער וואהרשיינליך שוין זינט דעם נצחון איבער עמון.

איצט איז אבער פאר שאול'ן ערשט רעכט געקומען די צייט צו האנד־לען. עס איז דאך אויף די אידען געלעגען דער יאך פון די פלשתים, וועלכער האט זיי נאך מעהר געדריקט און דערנידעריגט איידער דער יאך פון עמון. אט דא איז ערשט רעכט געלעגען פאר שאול'ן דאס „וואס זיין האנט זאל געפינען", ווי שמואל האט איהם געהיימניספול פארטרויט (שמואל א, י 7). אין גבעה גופא פון בנימין, אין שאול'ס היים און וואוינארט, איז געזעסען א פלשתי'שער גובערנאטאר. ער ווערט געטויט פון שאול'ס זוהן יהונתן.

---

*) פון די מעהרסטע פארשער ווערט די באציהונג אויף שמואל'ן דערקלערט אלס שפע־טערדיגע הוספה. פאר אוממעגליך האלט איך ניט די בארופונג אויף איהם. — וועגען דער צעשניידונג פון די רינדער פארגלייך שופטים י"ט 29. אזוינע ביישפילען אין אראביען זיי־נען אויך פאראן פון דער נייערער צייט.

**) אזוי איז עס אם וועניגסטען אויב דער סדר פון די פאסירונגען איז ריכטיג אי־בערגעגעבען אין ספר שמואל. אויב דאס איז ניט דער פאל, טא לעגט זיך אויפ'ן שכל, אז דער קריג געגען עמון איז געווען דער אמת'ער גרונט פארוואס שמואל האט אויסגעקליבען און געזאלבט שאול'ן פאר א מלך. דאן מוז דער היסטארישער תוך פון דער עלטערער דער־צעהלונג פון ט, י 1 — 16 נאך מעהר איינשרומפען.

קענטיג באלד נאך דער צוריקקעהרונג פון גלעד. דערמיט איז געגעבען דער צייכען זיך אויפצוהייבען געגען די אונטערדריקער. עס זעהט אויס, אז דער חיל איז שוין אין גאנצען אדער צום גרעסטען טייל געווען אויפגעלייזט. אויף גיך נעמט שאול פון דאס ניי צוזאמען אזוי פיעל פון זיינע לייט ווי־פיעל ער קאן נאר*). דאס זיינען 600 מאן. זיי לאגערען ביי גבעה, שאול'ס וואוינארט. די פלשתים שטעהען איינציגע שעה גאנג פון דארטען צו צפון־מזרח, אנטקעגען גבע ביי מכמש**). מכמש ביים ארויפשטייג צום בארג אפרים איז דער ארט פון'ם באקאנטען פאס, וועלכער איז דער שליסעל צום בארג פון דרום־זייט. אט דא זאלען שאול און זיינע לייט אפגעשניטען ווערען פון די איבעריגע אידען. די פלשתים האט זיך געדוכט, אז עס וועט זיי אויף אזא'ן אופן זיין גאר גרינג צו צעדריקען דעם קליינעם אידישען חיל.

מכמש און גבע זיינען אפגעטיילט איינע פון דער אנדערער דורך א שמאלען טאל, דער דאזיגער טאל פאלט אראפ אויף ביידע זייטען משופע'דיג אין פעלז־ווענט און האט אויסגעזעהן צו זיין א נאטירליכע וואנט צווישען ביידע לאגערען. א וואך פון די פלשתים שטעהט אפילו ביים ראנד פון'ם שמאלען טאל. אבער זי האלט עס ניט פאר נויטיג אזוי שטארק צו היטען. ווער וועט דא קומען צו קריכען אויף דער משופע'דיגער וואנט פון פעלז? דער

---

*) שמואל א, י"ג 1—6. מען מוז צוגעבען, אז גאר גלאט איז דא ניט. אויב שאול האט עפעס געפלאנעוועט געגען די פלשתים, טא צו־וואס לאזט ער אוועק דעם חיל (י"ג 2)? ווי קומען די פלשתים אין מכמש, ווען שאול שטעהט דארטען לויט י"ג 2? ווי אזוי איז זיך פארצושטעלען די סיטואציע פון י"ג 2 און ווייטער, באזונדערס, די אידישע שרעקעדיגקייט פון פסוק 6 תיכף נאך דעם נצחון איבער עמון? ווי קענען די פלשתים געברויכען קאוואלעריע אין דער געגענד פון בית־אל? עס פרעגט זיך בכן: אויב אחוץ דעם פסוק 2 איז נאך עפעס וואס פאראן אורשפרינגליכעס אין אט דעם גאנצען שטיק פון קאפ. י"ג. דאן וואלט עס הייסען, אז שאול האט גלייך ווי ער האט זיך צוריקגעקעהרט פון גלעד זיך גענומען מיט זיינע 600 מאן צו די פלשתים, אדער ער האט, כדי זיך צו פארשטעלען, פארהאלטען ביי זיך פון גאנצען חיל נאר די 600 מאן. אן אנדער דערקלערונג איז, אז שאול האט נאך דער צוריקקעהרונג זיך באזעצט צוערשט אין מכמש און איז פון די פלשתים פון דארטען ארויסגעשטופט געווארען. שאול, הייסט עס, האט געליטען צוערשט א נידערלאגע און דעריבער איז דאס פאלק געווען אזוי שרעקעדיג און זיין חיל איז זיך צעגאנגען פון איהם.

**) גבעה און גבע זיינען צוויי באזונדערע ערטער. דאס קאן מען זעהן קלאר פון ישעיה י 29. גבעה איז די היינטיגע טעל־על־פול, דריי מייל אין צפון־זייט פון ירושלים, גבע איז די מאדערנע דזשעבא, אויף דער דרום־זייט פונ'ם פאס פון מכמש, 8 מייל אין צפון־מזרח־זייט פון גבעה. אזוי ווי די צוויי ערטער האבען ענליכע נעמען זיינען זיי אפט צעמישט אין תנ"ך.

פוטיגער, דרייסטער יונתן אבער קלעטערט ארויף מיט זיין וואפען־טרעגער אויף דער פעלז־וואנט. די זארגלאזע זעלנער פון דער וואך ווערען איבער־ראשט און צעטומעלט. יונתן שליידערט אנידער די וואס קומען איהם אין וועג, זיין וואפען־טרעגער הינטער איהם טויט זיי. דער רעשט פון דער וואך, מיינענדיג אז הינטער די דאזיגע צוויי דרייסטע לייט קומט נאך א גאנצע מחנה, צעלויפט צעשראקענערהייט און ברייננט א פלוצליכען שרעק אין לאגער, וואו עס קומט פאר א טומעל און א ווילדער געלאף (שמואל א. י"ד 1—15).

שאול'ס אויסקוקערס פון דער הויך פון זיין שטאדט — זי ליגט 840 מעטער איבער דעם ים — און זיינע וואך־לייט אויף דער זייט פון גבעה באמערקען דעם גערודער אין לאגער פון די פלשתים און מעלדען עס שאול'ן. שאול זאמעלט זיינע לייט: יונתן און זיין וואפען־טרעגער פעהלען אויס. עס ווערט קלאר וואס ס'איז געשעהן און וואס מ'דארף טאן. שאול נוצט אויס די געלעגענהייט און מאכט א שנעלען איבערפאל. אן ערד־ציטער־ניש קומט איהם צו הילף און ברייננט ארויס ביים פיינד א „גאט'ס־שרעק" („חרדת אלהים"). דאס איז דער העברעאישער אויסדרוק פאר דאסזעלביגע וואס די גריכען רופען פאניק. אין א ווילדער יאגעניש אנטלויפען די פלשתים פון דאנעט צעשאטענערהייט. אויך די וואס זיינען געווען אריבערגעגאנגען צו זיי טרעטען איצט אריבער צוריק צו די אידען: די וואס האבען זיך באהאלטען אין הייהלען און פעלזען־שפאלטען קומען ארויס אין דער ליכטיגקייט צו נעמען אן אנטייל אין דער פארפאלגונג, וועלכע דערגרייכט ביז אילון ביים מערב־ראנד פון די בערג. יונתן אבער, וועלכער, ניט וויסענדיג פון זיין פא־טער'ס פארבאט, האט פארזוכט שפייז בשעת דער פארפאלגונג, איז שיער ניט געווארען דער קרבן פון שאול'ס בלינדען אייפער. נאר דאס איינשטעלען זיך פונ'ם פאלק האט געראטעוועט דאס לעבען פון העלד פון טאג.

ווי גרויס און דויערנד שאול'ס ערפאלג איז געווען, ווייסען מיר ניט. מיר וועלען יעדענפאלס טאן גוט, ווען מיר וועלען זיך איהם ניט פארשטעלען אלס צו גרויס. אן אמת'ער נצחון איז נאך ניט אויסגעקעמפט געווארען. די פלשתים האבען אין זייער פאניק, ווי עס ווייזט אויס, ניט געלאזט קומען צו קיין שלאכט און דעם גרעסטען טייל פון זייער ארמיי האבען זיי קענטיג געראטעוועט. דאך שאול און די אידען האבען געוואונען א מ א ר א ל י־ש ע ן ע ר פ א ל ג: און פאקטיש איז על־כל־פנים בנימין, אפשר אויך יהודה, באפרייט געווארען פון די פלשתים. נאטירליך זיינען די מלחמות

געגען די פלשתים נאך ניט צו ענד דערמיט; אדרבה, זיי האלטען אן, לויט ווי עס שטעהט אויסדריקליך אין איין באריכט, די גאנצע צייט פון שאול'ס לעבען (שמואל א, י"ד 52). דער ערפאלג האט מן־הסתם זיך געביטען, אמאל אויף דעם, אמאל אויף יענעם צד, ביז שאול פארלירט אין די מלחמות זיין טראן און זיין לעבען. אויך אין אנדערע פרטים האט שאול באטראכט אלס זיין עובדא צו מאכען די אידען פאר די איינציגע באלעבאטים אין זייער לאנד. אט אזוי האט ער געברויכט געוואלד געגען די כנענים, וועלכע האבען נאך אין לאנד געלעבט, ניט היטענדיג די אלטע אפמאכען מיט זיי (שמואל ב, כ"א 2). און כדי צו קאנען אנפיהרען מיט ערפאלג דעם קאמף געגען די פלשתים, זאמעלט ער ארום זיך אלע העלדישע לייט, וואו ער געפינט זיי נאר (שמואל א, י"ד 52). אט אזוי קומט אויך דוד אין זיין הויף — א ראיה פאר דעם, אז שאול האט זיך באמיהט צו פארבינדען אויך יהודה, וואס איז ביז אהער געשטאנען פאר זיך, ענגער מיט ישראל.

אויף א שמערצליכען אופן לאזט זיך דא פיהלען די ארימקייט פון אונ־זערע טראדיציעס אין תנ"ד. נאר איינמאל נאך, איידער ער טרעט אראפ פון דער ביהנע שטארבענדיג, ווערט שאול פארגעפיהרט פאר אונז, האנד־לענדיג נאך אויסווערטס. מ'קאן זיך אבער אנשטויסען, אז אויך דער דאזיגער אויפטו שאול'ס ווערט נאר דערצעהלט, ווייל עס קניפט זיך אן דעם אן זיין צערייסען זיך מיט שמואל'ן, וואס האט הפנים געהאט דעם גרעסטען חלק אין שאול'ס מרה־שחורה.

צוערשט דורך דעם קאמף אין מזרח געגען עמון און נאכהער דורכ'ן פאריאגען די פלשתים פונ'ם ענגערען ישראל, וועניגסטענס פון אפרים, בנימין און יהודה, האט שאול באפעסטיגט זיין הערשאפט. די נעהנטסטע זאך וואס ער האט געדארפט איצט טאן, איז געווען צו מאכען אומשעדליך די רויבערישע עמלקים אין דרום־זייט פון יהודה, פון וועמעס אנפאלען די אידען האבען אפט געליטען. פון א באזונדערער סיבה וואס האט געבראכט די מלחמה געגען עמלק'ן, ווייסען מיר ניט*). די שנאה אבער צווישען ישראל און עמלק איז געווען אלט גענוג, און מ'האט ניט באדארפט קיין נייע אורזאך

---

*) דאך ווערען דערמאנט אין שמואל א, ט"ו 33 אגג'ס אכזריות'דיגע מעשים. פי־לייכט איז דא געווען דער עיקר די איינזעהעניש מיט יהודה, וועלכע האט לויט איהר לאגע אם מעהרסטען געהאט צו ליידען פון די עמלקים. קיין בעסערער מיטעל האט אויך ניט געקאנט זיין צוצוקריגען יהודה, וועלכע איז נאך אלץ אן א זייט געשטאנען. פארגלייך אויף שמואל א, ל 1 און ווייטער.

צום קריג*). שאול מאכט אן אטאקע און האט א גלענצענדן ערפאלג. דאס וואס די אידען נעמען געפאנגען פון עמלק, פארטיליגען זיי לויט דעם אלט־הייליגען מנהג פון מלחמה. דעם קעניג אגג און א טייל שאף און רינדער פונ'ם רויב לאזט שאול לעבען. שמואל, ניט צופרידען דערמיט, צערייסט אגג'ן אויף שטיקער מיט זיין אייגענער האנט „פאר יהוה אין גלגל". ער לאזט וויסען שאול'ן, אז יהוה האט חרטה וואס ער האט איהם געמאכט פאר א קעניג. דאן געהט שמואל צוריק קיין רמה, שאול אבער געהט קיין גבעה. „און שמואל האט מעהר ניט געזעהן שאול'ן ביז דעם טאג פון זיין טויט" (שמואל א. ט"ו).

צווישען אט דיביידע מענער איז דערמיט פארגעקומען א צערייסונג, וואס האט געהאט אומגליקליכע און שווערע רעזולטאטען. מיר האבען קיין גרונט ניט צו צווייפלען אויב עס איז טאקע געווען אזוי. פאקטיש גיט אונז שמואל'ס פארדאמענדער אורטייל איבער שאול'ן און דער געדאנק שאול'ס, אז ער האט איצט געגען זיך דעם זעהער פון יהוה, וועלכער האט איהם דעם טראן פארשאפט, דעם איינציגען שליסעל פאר דעם אומגליקליכען צושטאנד פון שאול'ס גייסט, וואס איז איצט אויף איהם אנגעפאלען. וואס אבער ס'איז באמת געווען דער גרונט פון דער צערייסונג, ווייסען מיר ניט. די פארשידענע מיינונג בנוגע צו אגג'ן און זיין רויב האט דאס אפשר געקאנט פארענדיגען; די איינציגע אורזאך איז עס אבער ניט. שוין דער פאקט אליין וואס אונזערע קוועלען אין ספר שמואל זוכען אנדערע סיבות,**) ווייזט, אז עפעס אן אנדער זאך האט געמוזט פארקומען, וואס האט פון אנהויב אן פארוואלקענט דאס דעליקאטע פארהעלטעניש צווישען דעם קעניג און דעם זעהער. וואס פאר א מין זאך דאס איז געווען, זאגט ניט אונזער עלטערער באריכט, ווייל ער האט הפנים געהאלטען מיט שאול'ס צד און איז פיליכט צוזאמענגעשטעלט פון נאטיצען, וואס זיינען אויפגעצייכענט געווארען אין די קרייזען פון שבט בנימין. עס קאן גרייליך זיין, אז כדי צו שאנעווען שאול'ן האט אט דער באריכט אויסגעלאזען מאנכע זאכען, וואס זיינען פאר

---

*) דעריבער די עריננערונג אן עמלק'ס אלטער שולד, שמואל א, ט"ו 2. פארגלייך אויך שמות י"ז 14.

**) פארגלייך שמואל א, י"ג 7—15. דאס שטיק, ווי מיר לעזען עס היינט, שטאמט פון א שפעטעריגען רעדאקטאר. אבער דא האט געמוזט ליגען אלס יסוד עפעס אן עלטערע געשיכטע, וועלכע האט אויך דערצעהלט מכוח שמואל'ס צערייסען זיך מיט שאול'ן צוליב א קרבן אין גלגל.

איהם ניט געווען גינסטיג. מעגליך, אז צוליב דעמזעלביגען טעם דערווייסען מיר זיך אזוי וועניג וועגען שאול'ס מעשים.

מ'קאן זיך אנשטויסען, אז אין קאמף געגען די פלשתים, וועלכע זיינען געווען אין א בעסערער לאגע איידער די אידען דורך זייער געניטקייט אין מלחמה און געוואוינהייט צו הערשען, איז ניט אלצדינג געגאנגען שטענדיג נאכ'ן וואונש. אויך די אידישע שבטים, וואס האבען אין אנהויב זיך געבוי־גען פאר'ן זיגער אבער פארט ניט פארגעסען זייער אלטע אומאפהענגיגקייט, זיינען קענטיג איצט וועניגער געווען גענייגט זיך צו אונטערוואַרפען אונטער שאול'ס קרוין. שאול'ס לאגע וואס איז שוין דורך דעם אליין גענוג שווער געוואַרען, האט געמוזט ווערען לגמרי ניט אריבערצוטראַגען, ווען אויך דער באנד, וואס האט איהם פארקניפט מיט דעם זעהער שמואל, האט זיך גע־האלטען ביים איבעררייסען. עס זעהט אויס, אז שאול האט געהאט א האסטיגען און היציגען גייסט, וואס ווערט געהויבען ווען ער האט ערפאלג און ווערט צעדריקט ווען עס גיט זיך איהם עפעס ניט איין. קיין וואונדער ניט דערפאר וואס זיין שלעכטע לאגע איז געוואַרען איבער זיינע כוחות. „א בייזער גייסט פון יהוה" פאלט אויף איהם אן (שמואל א, ט"ז 14). א טיפער אומעט לעגט זיך ווי א כמארע אויף זיין געמיט, און ער פאלט אריין אין אן אומהיילבארער מרה־שחורה. באלד פארשטארקט זיך נאך דער אומעט דורך די יסורים פון אייפערזוכט, און שאול פלאצט אפט ארויס אין א ווילדען וואהנזין.

## שאול און דוד.

א יונגער מאן,*) דוד דער זוהן פון ישי פון בית־לחם־יהודה, א טייפ־טער אויף דער לויטע, דערצו אויך שען אין אויסזעהן און קלוג אין ריידען.

---

*) דוד איז געווען ארום 25 יאהר אלט, דאס הייסט אויס'ן גרעניץ צווישען א יונגען בחור און א מאן. דוד'ס יחוס ווערט אין ספר שמואל גענויער ניט מיטגעטיילט. נאר דאס ביכעל רות גיט אן עפעס מעהר אויספיהרליך וועגען דעם און פיהרט צוריק דוד'ס יחוס פון זיין מוטער'ס צד אויף מואב. די דאזיגע טראדיציע איז קענטיג ניט קיין אויסגעטראכטע; לכל הפחות לאזט זיך ניט דערקענען קיין מאטיוו אויסצוטראכטען אזא טראדיציע. אדרבה, א שטארקען סמך געפינט אט דער סדר־היחוס אין שמואל א, כ"ב, וואו מיר דער־ווייסען זיך, אז דוד האט צייטווייליג געשטעלט זיין משפחה אונטער דער באשיצונג פון מואב. עס ווייזט דערפון אויס, אז ער האט נאך געהאט א שייכות פון קרובה'שאפט צו מואב.

קומט אין שאול׳ס הויף. זיין שפילען זאל פארטרייבען דעם קעניג׳ס מרה־שחורה. ביז איצט איז ער נאך געווען א פאסטוך אין דינסט פון זיין פא־טער; אבער שאול׳ס קנעכט האבען איהם אויסגעפונען און רעקאמענדירט צום קעניג. דער יונגער דוד ווערט שאול׳ס לייב־דינער: דער לעצטער בא־קומט ליב דעם באצויבערענדען בחור און מאכט איהם באלד פאר זיין וואפען־טרעגער. אט אזוי איז אויף שאול׳ס באזונדערען וואונש דאס פאר־העלטעניש צווישען איהם און דוד׳ן געווארען א דויערענדיגעס, נאכדעם ווי דוד האט אויסגעהאלטען די פראבע און האט „געפונען חן ביי שאול׳ן“. דער בארוהיגענדער איינפלוס פון דעם קלוגען מאן, וועלכער פארשטעהט אזוי מייסטערהאפט צו שפילען אויף דער ליטע און אזוי אנגענעהם צוריידען און צו דערצעהלען*), ווירקט זעהר גוט אויף שאול׳ן.

אבער אין גאנצען פרעהליך מאכען שאול׳ן האט דער נייער פריינד ניט געקאנט. נאכדעם ווי שאול האט מיט שמואל׳ן, אדער שמואל מיט איהם, זיך צעריסען, האט זיך איהם געדוכט, אז דאס אומגליק האט זיך אנגעזעצט אויף איהם. ער האט זיך געפיהלט פארלאזען פון גאט און האט קיינמאל ניט געקאנט פרעהליך זיין. אומעטום האט ער געזעהן שווארצע שאטענס. אומעטום האט זיך איהם געדוכט, אז אומגליקען ווארטען אויף איהם. און טראגיש גענוג איז געווען פאר שאול׳ן, וואס גראד דער, צו וועמען ער האט זיך פארטרויט כדי ער זאל פארטרייבען די בייזע גייסטער פון זיין נשמה, גראד ער האט זיי פון דאס ניי געוועקט און נאך שרעקליכער געמאכט.

דוד האט געהערט צו יענע פון גאט־באשאנקענע נאטורען, וואס ציהען יעדען צו, מיט וועמען זיי קומען אין באריהרונג, וועמעס צויבער קיינער קאן ניט ווידערשטעהן. קוים איז ער נאר אריין אין שאול׳ס הויף האט ער געוואונען פאר זיך איינעם נאכ׳ן אנדערען דעם קעניג, דערנאך דאס פאלק, דעם הויף, דעם זוהן, די טאכטער שאול׳ס. דאס אלץ איז אבער צופיעל פאר שאול׳ס חשד. ער הייבט אן זיך צו שרעקען פאר זיין טראן, און דוד׳ס הויכער פאטראן ווערט אין קורצען זיין דם־שונא.

די מלחמות מיט די פלשתים געהען ווייטער אן. באלד דא, באלד דאר־טען קומט עס צו א צוזאמענשטוים. מיר געפינען אויך שאול׳ן דא אין דער־היים אין גבעה. דא אין לאגער ביים חיל. דוד, זיין פארטרויטער באגלייטער און וואפען־טרעגער, איז דא ווי דארטען נעבען איהם. אין איינער פון די מלחמות טויטעט דוד א פלשתי׳שען ריז. די לעגענדע האט איהם צו־

*) דאס לאוט זיך ארויסלייענען פון שמואל א, ט״ז 18.

זאמענגעשטעלט מיט יענעם ריז ג ל י ת פון גת. װעמען אײנער פון דוד׳ס גבורים, אלחנן פון בית־לחם, האט שפּעטער דערשלאגען און „װעמעס שפּיז איז געװען װי א װעבער־בוים״ (שמואל א. י״ז; שמואל ב. כ״א 19). אויך בײ אנדערע פאלען האט דוד געװאונען אלערלײ לארבערן אין קאמף געגען די פּלשתים, װאס איז, װײזט אויס, געװען שאול׳ס הויפּט־עובדא, און ער װערט דערפאר באעהרט פון שאול׳ן מיט א קאמאנדע. אויך דא גיט זיך איהם אײן װאס ער אונטערנעמט נאר, און ס׳איז גאר ניט נויטיג געװען דאס ליד פון די װײבער: „שאול האט געשלאגען זײנע טויזענדער, אבער דוד זײנע צעהנטויזענדער״*), כדי צו דערװעקען אין שאול׳ן דעם חשד און די מורא, אז דער יונגער זינגער און גבור איז פאקטיש געװען בכוח איהם גופא, דעם קעניג, צו שטעלען אין שאטען**).

געװיס װאלט א געזונטער מאן אויף שאול׳ס טראן געװען מלא שמחה מיט דוד׳ס הצלחה. אבער שאול איז ניט געװען געזונט. זײן גײסט און געמיט זײנע געװען מורא׳דיג פארכמארעט, און װאו אן אנדערער װאלט געקוקט מיט שטאלץ און פרײד און װאלט געזוכט עס אויסצונוצען פאר זיך און זײן מלוכה, דארטען האט שאול געזעהן נאר אומגליקען און סכנות שװעבענדיג איבער זײן קאפּ; און דער שװארצער חשד איז נאך מעהר געװאקסען אין איהם.

און אז דוד האט נאך אין גאנצען געװאונען זײן סימפּאטיע פון פאלק און פון הויף, די פרײנדשאפט פון׳ם ריטערליכען פּרינץ יונתן און גאר צום סוף, פול צו מאכען די מאס פון זײן גליק און זײן הצלחה — אויך די ליבע פון שאול׳ס טאכטער מיכל — איז פול געװארען די מאס פון שאול׳ס שטילען פארדאכט. פון שטופּע צו שטופּע איז שאול׳ס אײפערזוכט אויף נײע פּראבעס געשטעלט געװארען***). ענדליך פּלאצט זײן קאכעדיגע לײדענשאפט ארויס אין א װילדען, װאהנזיניגען צארן. שאול האט מעהר קײן ספק ניט: דער װאפענטרעגער, װעמען ער האט דערהויבען צום פיהרער פון׳ם חיל װײל

*) אז דאס לידעל איז היסטאריש, קאן קײן ספק ניט זײן; די פראגע איז נאר: צי עס איז שוין איצט אין דוד׳ס צײט געזונגען געװארען?

**) דער קאפּ. י״ח אין זײן הײנטיגער געשטאלט איז לגמרי טונקעל. דער איבערזעצער פון תרגום השבעים האט דעריבער געקירצט דעם גאנצען קאפּיטעל, װײל ער האט געװאלט װי עס איז אויסגלײכען די סתירות, װאס געפינען זיך אין איהם.

***) פארגלײך װי שאול׳ס אײפערזוכט װערט אלץ שטארקער און שטארקער אין שמואל א, י״ח 12, 15, 29.

ניט בלויז שטעלן אין שאטן דעם קעניג׳ס גרויסן נאמען — נייז, ער שטרעבט נאך העכער. ער וויל ווערן דער פריינד פון דעם קעניג׳ס זוהן, דעם קעניג׳ס איידעם; דער פאררעטער וויל ווערן דעם קעניג׳ס נאכפאלגער שוין פאר זיין צייט. פון איצט אן שטעהט אויך פעסט שאול׳ס באשלוס: דער פאררעטער פארדינט דעם טויט. ער זוכט עס דורכצופיהרען ווי און וואו ער קאן נאר. און נאכדעם ווי דער קרבן פון זיין חשד האט אויסגעמיידט זיין מערדערישען שפיז, פאלגט ער איהם נאך: און מיט דער עקשנות פון א וואהנזיניגער פארשטעלונג לעבט שאול פון איצט אן כמעט נאר מיט דעם געדאנק נקמה צו נעמען פון זיין שונא און פארפאלגער. מ׳מעג זאגען, אז דער דאזיגער געדאנק, וואס האט דעם אומגליקליכען ניט מעהר אפגעלאזען, האט איהם סוף כל סוף אומגעבראכט.

צי איז דוד טאקע באמת שולדיג געווען אין דעם וואס שאול האט איהם פארגעווארפען, דאס קען מען גאר ערנסט ניט פרעגען. דוד האט געמעגט זיין אויף אזוי ווייט ניט מעהר ווי א מענש, אז ער, דער שנעל אויפגעקומענער, זאל זיך פיהלען וואויל אין זיין גליק און גלאנץ; ער האט זיך געמעגט פיהלען באפרידיגט וואס די עפענטליכע מיינונג ציהט פאר איהם און זיינע אויפטואונגען פאר דעם קעניג גופא און זיינע ערפאל־גען; אבער אז דוד זאל שוין איצט האבען געשטרעבט נאך דער קרוין לאזט זיך אוממעגליך גלויבען. זיין פריינדשאפט מיט יונתן׳ען. דעם געזעצליכען יורש פון טראן, איז דער שארפסטער באוויז געגען דעם. אויב אזא מין חשד וואלט באשטאנען אנדערשוואו אחוץ אין דעם קראנקהאפט איבערגע־שפאנטען מוח פון שאול׳ן און אין דעם קרייז פון יענע לייט אין שאול׳ס הויף, וועלכע האבען זיך מתקנא געווען אן דוד׳ן, און אזעלכע האבען געוויס ניט אויסגעפעהלט, דעמאלט וואלט יונתן גופא געווען דער ערשטער זיך אוועקצוקעהרען פון דוד׳ן מיט פאראכטונג. דערצו נאך האט דוד געמעגט צופרידען זיין מיט זיין גורל, ווען ער האט געקוקט אויף דאס וואס ער האט שוין דערגרייכט. אלס דעם קעניג׳ס איידים איז ער אויף יעדען אופן גע־ווען דער נעכסטער אויפ׳ן טראן נאך שאול׳ס טויט און, אזוי לאנג ווי יענער האט געלעבט — דער ערשטער אין דער מלוכה נאך יונתן׳ען.

אז שאול האט געגעבען דוד׳ן פאר א ווייב זיין טאכטער מיכל, וועלכע איז געווען אזוי שטארק פארליבט אין דעם לעצטען, שטעהט אויסער יעדען ספק. ס׳איז אפילו ניט אוממעגליך, אז זיין באשטימונג צום קעניג׳ס איידעם איז נאך געפאלען אין דער צייט ווען ער האט געהאט דעם גאנצען חן

אין שאול'ס אויגען. לויט איין דערצעהלונג*) האט דער דאזיגער ענין א צוזאמענהאנג מיט שאול'ס ערשטען פרואוו צו באזייטיגען זיין קאנקורענט. וועלכער איז איהם פלוצלונג פארהאסט געווארען. שאול, וויסענדיג פון מיכל'ס ליבע צו דוד'ן און געפינענדיג דערין א באשטעטיגונג פון זיין חשד וואס ער האט שוין פריהער געטראגען אין דער שטיל, האפט אויסצושמי־דען פון דעם דאזיגען ליבע־פארהעלטעניש א כלי־זין פאר דוד'ס פארניכטונג. ער פארשפרעכט איהם זיין טאכטער, אבער פאר א פרייז וואס דוד, לויט ווי שאול גלויבט, וועט ניט קאנען צאהלען, סיידען ער וועט שטעלען זיין לעבען אין סכנה: ער זאל ברייגגען שאול'ן — אן עכטער שטריך פון דער רויה־קייט פון יענער ווילדער קריגערישער צייט — די ערלות פון הונדערט פון איהם דערשלאגענע פלשתים אלס קויף־פרייז**) פאר מיכל***). דוד באַ־שטעהט די פראבע און קומט ארויס ניט באשעדיגט. ער בריינגט אהיים די דאפעלטע צאהל פון יענע משונה'דיגע טראפעען. שאול האט פאר־משכונ'ט ביי דוד'ן זיין קעניגליך ווארט: דאס קעניגס־קינד איז דוד'ס.

ווען דער ערשטער בייזער פלאן האט זיך ניט איינגעגעבען, האט שאול'ס ווילדע שנאה געמוזט פלאנעווען אלץ נייע פלענער ווי צו באזייטיגען דוד'ן, וואס מעהר מקורב דוד איז געווארען צו איהם אלס זיין איידים. ניט קאנענדיג קומען צום ציל אויף וועגען ארום, האט ער גֿעהאפט אם זיכערס־טען צו קאנען עס אויספיהרען אויף דעם גראדען וועג****). איין טאג, ווען דוד האט זיך גליקליך צוריקגעקעהרט אהיים פון א נצחון איבער די פלשתים און האט געשפילט אויף דער לויטע פאר דעם קעניג, וועלכער האט געהאט א נייעם אנפאל פון מרה־שחורה, ווארפט שאול דעם שפיז אויף איהם. דוד דרעהט זיך געשיקט אויס און ראטעוועט זיך דערמיט דאס לעבען*****). אבער

---

*) לויט מאנכע פארשער איז די דאזיגע דערצעהלונג ניט היסטאריש.

**) „מהר", דער פרייז וואס דער חתן פלעגט אין יענע צייטען צאהלען דער כלה'ס פאטער פאר זיין טאכטער. אפטמאל איז דאס באשטאנען אין שוה־כסף. יעקב, למשל, ארבייט זיבען יאהר אלס „מהר", זעה בראשית ל"ד 12; שמות כ"ב 16. ח. ש.

***) פיליכט האט זיך דא אין דער טראדיציע פארדרעהט דער צוזאמענהאנג, און שאול האט טאקע באמת געוואלט אויספרובירען דוד'ס העלדישקייט און האט איהם אנגעבאטען זיין טאכטער כדי צוצוקניפען זיין באגלייטער פעסטער צו זיך.

****) אין שמואל א, י"ט 1—7 ווערט דערצעהלט, אז שאול איז דורך יונתן'ס מיה ווידער גוט געווארען אויף א ווײלע מיט דוד'ן. דאס שטיק איז קענטיג א פאראלעל צו קאפ. כ.

*****) שמואל א, י"ט 8—10. דאס שטיק איז דא אויף זיין ריכטיגען פלאץ. א פאראלעל דערצו געפינט זיך אין י"א 10, 11.

אין קעניגליכען הויף קאן ער לענגער ניט בלייבען. ער געהט שנעל אהיים. דורך מיכל'ס פארמיטלונג קאן ער האפען איינצושטילען דעם קעניג'ס צארן און חשד. שאול אבער שיקט זיינע לייט צו באוואכען זיין הויז און איהם אויף מארגען פריה צו ברייגנען. מיכל, וועלכע דערוויסט זיך דערפון, רעדט דוד'ן צו, אז ער זאל האסטיג אנטלויפען. ווען שאול'ס לייט קומען, הערען זיי פון מיכל, אז ער ליגט קראנק אין בעט. זיינע קנעכט קומען נאך אמאל און צוטרעטענדיג נעהנטער צום בעט געפונען זיי דארטען ליגענדיג אנשטאט דוד'ן די תרפים*).

מיר האבען ניט קיין גרונט צו באשטרייטען דעם היסטארישען אמת פון דער דאזיגער דערצעהלונג לויט איהר אינהאלט. אבער מען מוז צוגע־בען, אז זי שטויסט זיך צוזאמען מיט א אנדער מיטטיילונג וועגען דעם אופן ווי אזוי דוד אנטלויפט פון שאול'ן, אזוי אז ביי דעם מאגערען און שטארק פארפלאנטערטען צושטאנד פון אונזערע ידיעות קאנען מיר קיין גאנץ קלארען בילד מעהר ניט באַ־קומען. לויט יענעם אנדערען נוסח האט דוד פון דעם קעניג'ס האלטונג געגען איהם באקומען א גרונט אנצונעמען, אז שאול איז פיינדליך צו איהם און אז ער זוכט איהם אומצובריינגען. ער פארטרויט זיך יונתן'ען, וועל־כער זאגט איהם צו צו פארשאפען געוויסהייט וועגען דעם. דוד געהערט אלס דעם קעניג'ס איידים און וואפענטרעגער, אויב ער איז נאר ניט אין פעלד מיט יונתן'ען און אבנר'ן, דעם אויבערסטען פון חיל, צו שאול'ס טישגעזעל־שאפט. אויף דעם ווערט א פלאן געגרינדעט: דוד קומט ניט צום טיש און באהאלט זיך אויפ'ן פעלד. אז אפגערעדטער צייכען דארף איהם מודיע זיין ווי דער קעניג איז געשטימט צו איהם, ווייל דאס וועט זיך מוזען ביים טיש קלאר ארויסווייזען. יונתן דארף קומען מיט א איינגעל אויפ'ן פעלד וואו דוד באהאלט זיך הינטער א קופע שטיינער און אויסשיסען א פייל. רופט ער צו דעם איינגעל: „נעם דעם פייל און קום אהער!”, דאן קאן דוד אהן א גע־פאהר זיך צוריקקעהרען; הייסט ער אבער דעם איינגעל אוועקגעהן, דאן מיז דוד אנטלויפען. שאול באמערקט טאקע, אז דוד פעהלט אוים ביים טיש, אם וועניגסטען דעם צווייטען טאג. יונתן אנטשולדיגט איהם, אז ער איז געגאנגען פון בית־לחם צו א קרבן־יום־טוב פון זיין משפחה. שאול פאלט אריין אין צארן געגען דעם איינענעם זוהן, וועלכער וואגט צו פיהרען די עסקים פון דעם פאררעטער. ער סטראשעט איהם מיט דעם שפיז אויסגעשטעלט געגען

---

*) זעה אין באנד 1, ז. 310.

איהם. יונתן ווייסט שוין אבער וואס ער האט געוואלט וויסען, און לויט דעם פארשפרעכען לאזט ער עס וויסען דוד'ן.

דער ריס מיט שאול'ן איז פארענדיגט, דוד מוז אנטלויפען. וואוהין ער זאל לויפען, האט פאר דוד'ן ניט געקאנט זיין קיין ספק. היים און משפחה־בונד האבען איהם גערופען קיין דרום. אין די בערג פון יהודה האט ער אם געהנטסטען געקאנט געפינען א באשיצונג און א באהעלטעניש. די כנענים און די אדומים, וועלכע גרעניצען זיך דא מיט ישראל, קומען ווי עס איז אויס מיט די אידען. אזוי אז ווען ער טרעט אריבער אויף זייער געביט דארף ער ניט קיין סך מורא האבען, און אויך שאול'ס האנט קאן ניט גרייכען אזוי ווייט.

דעם וועג קיין דרום נעמט ער איבער נ ו ב, א שטעדטעל אביסעל צו צפון צו פון ירושלים. די כהנים פון עלי'ס הויז האבען, ווי עס ווייזט אויס, נאך דער צעשטערונג פון זייער הייליגטום אין שילה, דא אין א נייעם הייליגטום זיך באזעצט, דאך אהן דעם ארון פון יהוה. זייער הויפט איז אחימלך. דוד, קומענדיג אליין און אהן געוועהר, גיט אן, אז ער האט א נע־היימע שליחות פון שאול'ן און אז ער מוז זיך שטארק איילען. דער כהן גיט איהם אויף זיין פארלאנג אנשטאט געוועהנליכע ברויט און א שווערד, וועלכע ער האט גראד ניט ביי דער האנט, הייליגע ברויט און דעם שווערד פון דעם ריז וועלכען ער האט דערשלאגען, וואס איז געווען איינגעוויקעלט ביי דעם אפוד*), און דערצו נאך האט ער איהם געגעבען אן אראקעל־שפרוך. זיין אינהאלט איז ניט געזאגט. עס קאן אבער זיין, אז גראד דער דאזיגער אראקעל־שפרוך האט באשטימט דעם שיקזאל ניט בלויז פון די כהנים, נאר אויך פון שאול'ן און דוד'ן**).

דוד לויפט ווייטער אויף גיך צו דרום צו און באהאלט זיך אין דער בארג־בעסטונג***) עדולם. צו וועמען די דאזיגע פעסטונג געהערט און ווי אזוי זי קומט אין דוד'ס הענט, איז ניט קלאר. אם בעסטען לעגט זיך אויפ'ן שכל, אז די פעסטונג האט נאך געהערט צו די כנענים****), וועלכע האבען

---

*) אויך די אראבער הענגען אויף אין הייליגטום געוועהר וואס זיי כאפען אלס רויב אין מלחמה.

**) דער אראקעל־שפרוך ווערט נאך דערמאנט אין קאפ. כ"ב 10, 15, איז אבער יעדענ־פאלס פאר אט דעם דערצעהלער די הויפט־זאך.

***) אין שמואל א, כ"ב 1 דארף שטעהן „מצודת עדולם".

****) פארגלייך יהושע י"ב 15 און בראשית ל"ח 1.

גערן אויפגענומען שאול'ס פאווארים און קריגס־מאן, פאר וועמען אלע האָ־
בען מורא געהאט. זיין משפחה, אוים מורא פאר שאול'ס נקמה, אנטלויפט
צו איהם אהער און בילדעט דעם אנהויב פון א קליינעם חיל, וועלכען דוד
האט געזאמעלט ארום זיך, צוערשט מיט דעם צוועק זיך צו פארטיידיגען
געגען א ניט־דערווארטעטען איבערפאל פון שאול'ן. אויסערדעם האבען זיך
געזאמעלט ארום איהם אומצופרידענע און פארביטערטע עלעמענטען פון
אלע מינים, אזוי אז זיין חיל איז געשטיגען אויף 400 מאן (שמואל א, כ"ב
1—5).

פון שאול'ן קאן ניט בלייבען פארבאָרגען, אז דוד איז אנטרונען גע־
ווארען און האט געפונען א זיכערע באהעלטעניש. אויף זיין שפיז אנגע־
שפארט, ארומגערינגעלט פון זיינע קנעכט, האלט ער אָפּ אין גבעה א „קע־
ניגליכען ראט" מיט די פארשטעהער פון די משפחות פון שבט בנימין. פאר
זיי ברייננט ער פאָר מיט ריהרענדע ווערטער וואס ער האט פאר זיין שבט
געטאן: דאָר דולדען זיי, אז זיין זוהן זאל מאכען א קאָנספּיראַציע געגען
איהם מיט דוד'ן פון שבט יהודה און אז קיינער גיט איהם אפילו קיין
ידיעה ניט וועגען דעם. די קלאגע דערהערט דואג דער אדומי, וועלכער
איז געוועזן גלייכצייטיג מיט דוד'ן אין נוב און האלט זיך אויף צופעליג אין
גבעה. ער גיט איבער דעם קעניג וואס ער האט געזעהן אין נוב. אין זיין
גרימצאָרן הייסט שאול ברייננען אלע כהנים פון נוב. אלע זייערע פארזי־
כערונגען, אז זיי זיינען אומשולדיג, אלע זייערע טענות, אז דוד איז דעם
קעניג'ס איידים און זיין פארטרויטער דינער, אלע דערקלערונגען פון
אחימלך'ן, אז ווי ער טוט עס אָפּט האט ער אויך פאר דוד'ן געפרעגט ביי
יהוה, ניט האבענדיג דעם מינדסטען חשד דערביי, האָבען ניט געהאט קיין
ווירקונג אויף דעם צערייצטען קעניג. ער איז זיכער מיט זיין זאך: אלע
כהנים זיינען מיט דוד און יונתן אייניג, כדי איהם, דעם קראנקען קעניג, צו
באזייטיגען און אז אנדערע, צי יונתן'ען צי דוד'ן, אויף זיין טראָן אוועק־
צוזעצען. זיי מוזען מיט דעם טויט באשטראפט ווערען. דעם קעניג'ס דינער
קווייגקלען זיך צו לעגען א האנט אויף די כהנים פון יהוה. דואג אליין פיהרט
דורך דעם קעניג'ס בלוטיגען באפעהל. 85 כהנים ווערען אומגעבראכט*).
דערצו האט שאול פארניכטעט זייער שטאָדט נוב. זייערע צוגעהעריגע, מאן,
ווייב און קינד, צוזאמען מיט די בהמות קומען אום דורכ'ן שווערד. נאָר

*) די צאהל איז אויף יעדע אופן אין חשד. שילה האט נאָר געהאט עלי'ן און זיינע
זיהן פאר כהנים. דער גימטריא פון „כהני" איז 85.

איין זוהן אחימלך׳ס, אביתר, ווערט אנטרונען פון דעם מורא׳דיגען בלוט־באד. ער אנטלויפט צו דוד׳ן און ווערט זיין כהן (שמואל א, כ״ב).

פון דעם שיקזאל פון נוב האט יעדערער וואס האט געהאלטען מיט דוד׳ן געקאנט זעהן ווי ער מוז זיך היטען פאר שאול׳ן. ס׳איז אויך אהן א ספק געווען שאול׳ס כונה צו געבען א ביישפיל יעדען אידען ניט אריינ־צופאלען אין אן עהנליכען חשד ווי נוב און איהרע כהנים.

דוד האט, ווי עס זעהט אויס, זינט א געוויסער צייט זיך געפונען אויף דעם באדען פון יהודה*), אזוי באהאלטען, אז שאול האט איהם אזוי גרינג ניט געקאנט כאפען. אבער דאך האלט דוד פאר נויטיג צו זוכען אן אנדער ארט. ער האט אפשר ניט אזוי שטארק מורא געהאט צוליב זיך ווי צוליב זיינע לאנדסלייט פון יהודה. דערצו נאך האט ער געזעהן, אז ער האט דא א געלעגענהייט זיך נוצליך צו מאכען אין דער געגענד. די נאך אלץ כנעני׳שע שטאדט קעילה, וועלכע ליגט אין מיטען צווישען יהודה און די פלשתים, אביסעל אוועק צו דרום־זייט פון עדולם, שטעהט אין געפאחר מצד פון די פלשתים. דוד מאכט אן איבערפאל אויף די פלשתים, כאפט פון זיי רייכע רויב, באפרייט קעילה און באזעצט זיך דארטען. שאול דער־הערט עס מיט פרייד. אין א שטאדט, אפילו ווען זי האט א מויער ארום, קאן ער באלאגערען זיין פיינד און מוז איהם סוף כל סוף באקומען אין זיין האנט. ער רופט צוזאמען דעם חיל פון ישראל און איז אנטשלאסען צו באַ־לאגערען קעילה. דוד אבער, פאלגענדיג יהוה׳ס אראקעל, פארלאזט קעילה מיט זיין חיל, וואס איז שוין אויסגעוואקסען אויף 600 מאן, ווייל ער האט מורא, אז די איינוואוינער זאלען איהם ניט איבערגעבען אין שאול׳ס הענט. ער טרייבט זיך בעסער ארום, ווי ביז אהער, דא און דארטען אין די בערג. דאס אומבאשטענדיגע לעבען פון דעם אוואנטוריסט גיט איהם א בעסערע באשיצונג געגען שאול׳ס חיל איידער דאס זיצען אויף א י י ן פונקט. עס זעהט אויס, אז ער האט זיך איצט באזונדערס אויפגעהאלטען אינ׳ם בערג־לאנד ארום חברון, וואס איז רייך אין טיפע טאלען און הייהלען**). עס איז

*) פארגלייך כ״ג 3. אין אט דעם פאל וואלט עס הייסען, אז דוד האט פארלאזען עדולם. אבער עס קאן אויך גריילעך זיין, אז דער דערצעהלטער רעכענט עדולם צו יהודה, אויב דאסווארט „ביהודה" איז ניט קיין שפעטער צוגעשטעלטע באמערקונג.

**) שמואל א, כ״ג. די נעמען ז י ף און מ ע ו ן לעבען נאך היינט אין דער געגענד.

ניט אוממעגליך, אז יונתן האט איהם דא איינמאל אין געהיים באזוכט אום איהם אריינצוגעבען מוט און „צו שטארקען זיין האנט אין גאט"*).

פון דאנעט אן פארלירען מיר ווידער כמעט אין גאנצען די שפורען פון זיינע האנדלונגען און מעשים. ניט מחמת עס פעהלען אונז ידיעות פון דער דאזיגער צייט, נאר אדרבה, ווייל מיר האבען צופיעל פון זיי. גראד אט א דא, אזוי נאהנט צו זיין היים, איז די פאעטישע לעגענדע באזונדערס גע־ווען באשעפטיגט צו באפוצען דוד'ס העלדען־געשטאלט מיט אלערליי אוואנ־טוריסטישע און וואונדערליכע געשעהענישען און איבערלעבונגען, וועמעס היסטארישער קערן לאזט זיך נאר טיילווייז דורכקוקען. צו דער דאזיגער צייט און געגענד געהערט די געשיכטע ווי אזוי דוד האט אין זיין גרויסמו־טיגקייט געשאנעוועט שאול'ן. אבער די שילדערונג פון דער פאסירונג מיט אלע איהרע פרטים, שוין דערפאר אליין ווייל מיר האבען זי אין צוויי פאר־שידענע נוסחאות**), איז יעדענפאלס א פראדוקט פון דער פרייער באאר־ביימונג פון דער זאך אין מויל פונ'ם פאלק.

פארקעהרט אבער שטעהען מיר ווידער אויף א פעסטען היסטארישען באדען מיט אן אנדער איבערלעבונג פון יענער צייט. אין דער געגענד ארום חברון, ווי מיר האבען שוין דאס געלערענט אין דער געשיכטע וועגען דער עראבערונג, איז געזעסען דער שבט כלב. דוד הערט, אז א וואוילהאבענדער מאן פון דעם דאזיגען שבט, וואס טראגט דעם שפאט־נאמען „נבל" און וואוינט אין מעון, פייערט מיט זיינע לייט אין כרמל, א שטעדטעל אין דרום־מזרח־זייט פון חברון צום ים־המלח צו (היינט על קורמול). דעם יום־טוב פון שערען די שאף. נבל האט 3000 שאף און 1000 ציגען. דוד, וועלכער האט זיין לאגער אין מדבר מעון, האט נאטירליך געמוזט זוכען מיטלען אויסצוהאלטען זיינע 600 מאן. ער איז געווען אנגעוויזען אויף דאס וואס ער פלעגט כאפען ביי די רויבערישע נאמאדען, וואס פלע־גען אריינפאלען אין דעם נגב יהודה, און אויף דעם לוין פון די אייגענטימער פון די סטאדעס, וועמעס באשיצער ער איז געווען. אט אזוי האט ער א רעכט צו פאדערען א חלק פאר זיך און פאר זיינע לייט אויך פון דעם רייכען נבל אין דעם יום־טוב וואס זיי פייערען. דאס איז דא א מנהג געווען אין אלע צייטען און אויך נאך היינט. דאס געשענק וואס דוד בעט איז ניט

*) שמואל א, כ"ג 14—18. דאך דער אינהאלט פון אט דעם שטיק דערוועקט עפעס א געוויסע באדענקליכקייט.

**) שמואל א, כ"ד און כ"ו.

פיעל אנדערש ווי די „ברודערשאפט“, וואס דער פויער צאהלט היינט אלס טריבוט דעם רויבערישען בעדואין, כדי ער זאל איהם באשיצען פון אנדערע פון זיין גלייכען.

ער שיקט שלוחים, וועלכע דערמאנען נבל׳ן ווי ער איז דורך דוד׳ן באשיצט געווארען, און בעט דורך זיי זיין לוין. גראב און העזה׳דיג פאלט נבל אויף זיי אן: קנעכט, וועלכע אנטלויפען פון זייערע הארען, זיינען פאראן אסך: צי דען האט ער עם פאר זיי צוגעגרייט זיין ברויט, זיין וויין און זיין שעכ־טונג? דוד באשליסט נקמה צו נעמען פאר דער באליידיגונג. 400 פון זיינע לייט נעמט ער מיט זיך צו באשטראפען נבל׳ן: 200 בלייבען אין לאגער. נבל׳ס פרוי אביגיל, דערקענענדיג דעם נוצען וואס איהר מאן האט געהאט פון דוד׳ן און זיך שרעקענדיג גלייכצייטיג פאר דוד׳ס נקמה, געהט איהם ארויס אנטקעגען מיט רייכע מתנות. זי שטילט איין זיין צארן. ווען נבל, וועלכער האט הפנים צו פיעל געהוליעט ביי דעם יום־טוב, שטארבט עטליכע טעג נאכהער, זוכט דוד די האנט פון זיין שענער און קלוגער פרוי. דוד קריגט דערמיט אין זיינע הענט נבל׳ס רייכען פארמעגען. און נאך פיעל וויכטיגער איז פאר דוד׳ן וואס ער איז געווארען א נאהנטער מחותן מיט דעם אידישען אדער לכל הפחות נאהנט צו די אידען שטעהענדען שבט כלב: דערמיט וואס ער האט זיך מתחתן געווען מיט איינער פון זיינע רייכסטע און איינפלוסרייכסטע משפחות*).

פילייכט איז דער אומשטאנד געווען אן אורזאך צו צעשטערען פון דאס ניי שאול׳ס רוה. ניט בלויז פיהלט זיך שאול באליידיגט אין זיין פא־מיליען־עהרע דורך דוד׳ס נייער פארבינדונג: נאר נאך מעהר האט איהם געקאנט פארשאפען שווערע דאגות דער אומשטאנד וואס פון א היימלאזען פיהרער פון א באנדע איז דוד געווארען א רייכער שעיך פונ׳ם שבט כלב. וואס מעהר דוד הייבט אן, ווען אפילו געצוואונגען דורך די פארהעלטענישען, צו כאפען רויב אויף זיין אייגענעם חשבון און צו נעמען „געשאנקען“ פון פרידליכע פויערים און קענטיג אויך פון קאראוואנען אינ׳ם דרום פון שאול׳ס מלוכה, אלץ מעהר ווערט ער פאקטיש א געפאהר פאר שאול׳ן. און אט דא איז דער מאמענט, וואו מיר הייבען אן צו פיהלען מיט שאול׳ן: מיר קאנען אננעמען, אז ביי אט דעם שטעך פון דער געשיכטע הייבט זיך אן יענע פאר־שטעלונג, וועלכע לאזט זיך דורכקוקען דורך דער טראדיציע, אז דוד איז דער

*) שמואל א, כ״ה. איינע פון אונזערע בעסטע דערצעהלונגען

פון יהוה אויסגעקליבענער נאכפאלגער פון שאול׳ן*). א פאקט איז, אז דוד וועלכער האט א לאנגע צייט זיך אויפגעהאלטען אין אט דער געגענד, האט זיך ווידער ניט געפיהלט זיכער. צווישען פארטריבען פון דעם דרום־מערב, איצט פון דעם דרום־מזרח, האט דוד קיין אנדער ברירה ניט ווי צו מאכען דעם לעצטען פארצווייפעלטען טריט: ער טרעט אריבער מיט זיינע 600 לייט אין דער טעריטאריע פון דעם פלשתי׳שען קעניג אכיש בן מעוך פון גת. אויף דוד׳ס בקשה, אז ס׳איז ניט באקוועם פאר איהם צו בלייבען א לענגערע צייט אין דער קעניגליכער רעזידענץ, ווייזט איהם אכיש אן איינע פון זיינע לאנד־שטעדט צקלג אלס פון קעניג געשאנקענע נחלה. מ׳קאן לייכט באגרייפען, אז זייענדיג אביסעל פון ווייטען פון קעניגליכען הויף האט דוד זיך געפיהלט זיכערער פון חשד און פון קאנפליקטען איידער אין דער הויפטשטאדט.

אט אזוי איז געשעהן עטוואס וואס האט קיין גלייכען ניט. דוד, דער פאטריאט, דער פאפולערסטער מאן אין ישראל און דער גליקליכסטער און ערפאלגרייכסטער קעמפער געגען די פלשתים — איז אריבערגעגאנגען צו זיי, צו די בלוטיגסטע פיינד פון די אידען. ניט לאנג צוריק — ס׳איז קוים מעהר ווי א יאהר פארגאנגען — שוין פון שאול׳ן צום טויט פארפאלגט, האט נאך אויפגעלעבט אין איהם זיין אלטע ליידענשאפט: דער קאמף געגען די פלשתים, און ער האט ארויסגעריסען קעילה פון דעם שונא׳ס האנט. איצט ווערט ער איינער פון די זייעריגע. ווי לאזט זיך אזוי וואס דענקען? און ווי האבען די פלשתים געקאנט פועל׳ן ביי זיך אויפצונעמען דוד׳ן?

אבער דאס איז ניט דער איינציגער פאל אין דער היסטאריע, אז צוויי שונאים ווערען גוט צווישען זיך ווען זיי האבען א שותפות׳ען קריג געגען א דריטען און פארגעסען אזוי לגמרי זייערע פריהערדיגע שטרייטיגקייטען. מאנכע פארשער באהויפטען, אז עס האט שוין פריהער עקסיסטירט אז אפ־מאך, לויט וועלכען דוד האט געזאלט שאנעווען די געגענד פון די פלשתים. אוממעגליך איז דאס ניט, אבער דאס אנצונעמען איז מען אויך ניט מחויב. לויט מיין מיינונג האט די התקרבות געקאנט קומען אויך מיט אמאל און דירעקט. ווען דוד האט נאר געוואלט קומען, איז ער געווען פאר די פלשתים צו יעדער צייט אן אנגעלעגטער פריינד. ווי לאנג ער איז געשטאנען ביי שאול׳ן אין דינסט איז ער דאך געווען זייער געפעהרליכסטער פיינד: און ווער האט געקאנט קאווירען, אויב שאול, ווען די פלשתים האבען שטארק

*) זעה אין באנד 1, ז. 242.

דערנומען, וועט פארט ניט דערקענען אמאל זיין נוצען און וועט ניט גוט ווערען מיט דוד'ן? אדער וואס וועט זיין א שטייגער ווען דער קראנקער שאול מאכט פלוצלונג צו די אויגען און יונתי ברייגגט צוריק דעם לאנג פארפאלגטען פריינד אין פולען טריאומף? דער קיצור איז, אז ס'איז אונטער אלע אומשטענדען געווען גלייכער פאר די פלשתים צו האבען דוד'ן אויף זייער זייט. ווארים עס האט זיך זיי געדוכט, אז ערשט דעמאלט ווערט ער אומשעדליך אלס קעמפער אויף דער זייט פון ישראל.

אלס פארבאדינג פאר אזא טריט איז אבער נאטירליך, אז א י צ ט זיינען פארגעקומען באשטימטע אפמאכונגען צווישען דוד'ן און אכיש'ן. האט דוד געוואלט אנגענומען ווערען אלס פריינד פון די פלשתים, דאן האט ער געמוזט געבען געוויסע גאראנטיעס פון זיין לאיאליטעט. ער האט אהן א ספק געמוזט שווערען מיטצוגעהן מיט אכיש'עס חיל אין פאל פון א קריג מיט שאול'ן (שמואל א, כ"ח 1); און שוין איצטער האט ער געמוזט באוויזען, אז ער איז באמת שאול'ס פיינד און די פלשתים'ס פריינד. דעם קלוגען דוד'ן גיט זיך אויך איין, אז ער זאל ניט דארפען קומען אין דער לאגע צו געהן אין שלאכט געגען ישראל. פון זיין נייעם וואוינארט צקלג — און אט דא פארשטעהען מיר שוין בעסער פארוואס די הויפטשטאדט איז פאר איהם געווען אן אומבאקוועמער ארט — אונטערנעמט ער אפט עקספעדיציעס פון וועלכע ער קומט צוריק אהיים באלאדען מיט רויב. ער זאגט, אז דאס ברייגגט ער פון יהודה, אבער פאקטיש ברייגגט ער עס פון די כנענים און פון די אראבישע מדבר־שבטים. כדי אז מ'זאל ניט דערגעהן אט די מעשים זיינע, ווערען אלע, וואוהין ער קומט, מענער, פרויען און קינדער, אומגעבראכט.

דוד האט דא פאקטיש געמאכט א פארצווייפעלטען טריט. נאר מיט דעם מוט פון א פארצווייפעלטען האט ער אזוי וואס געקאנט דורכפיהרען. אויב ער האט ניט געוואלט פאררראטען זיין פאלק, אויב ער האט געוואלט זיין עפעס בעסערס ווי ער האט זיך ארויסגעגעבען פאר אכיש'ן, דאן איז פאר איהם קיין אנדער ברירה ניט געבליבען ווי זיך צו פארשטעלען, אפצונארען און דערצו באגעהן אכזריות. ס'איז געווען א געפעהרליך שפיל, וואס דוד האט דא געשפילט, נאך געוואגטער, ווייל נאך אלעמען איז ער דאך קיינמאל ניט זיכער געווען ווי לאנג ער וועט קאנען אנגעהן מיט זיין צוויי־פנים'דיגקייט. א צופאל האט יעדען טאג געקאנט ברייגגען די אנטדעקונג און גלייכצייטיג דוד'ס זיכערען און שענדליכען אונטערגאנג. נאר א באפרייאונג פון דער דאזיגער אומדערטרעגליכער און אומווירדיגער לאגע האט איהם נאך

געקאנט ראטעווען. ס'איז געווען דוד'ס גליק וואס ער איז באלד פון איהר אויסגעלייזט געווארען, כאטש דער הארטסטער נסיון האט נאך געווארט אויף איהם.

מיר האבען פאנאנדערגעוויקעלט ביז איצט דוד'ס געשיכטע, זיך פאר־לאזענדיג מיט א גוטען גרונט אויף די ביבלישע דערצעהלונגען וועגען דער פאר־היסטאריע פון דוד'ן. מיר האבען בשום אופן ניט גענומען די דאזיגע דערצעהלונגען אלס היסטארישע דאקומענטען אין א שטרענגען זין: גי־כער האנדעלט זיך דא וועגען אנעקדאטען אדער נאוועליסטיש פארברייטער־טע פאלקס־מעשיות. אבער די צושטענדען און די פערזאנען, כאטש אויך אפט פארגרעסערט און גוזמא'דיג, זיינען דאך אין עצם ריכטיג געצייכענט. געגען דער דאזיגער אויפפאסונג קאן מען ניט אויפהייבען די טענה, אז די גאנצע צייכענונג פון דער פריהעריגער געשיכטע פון דוד'ן איז בלויז לע־גענדאריש און מיטאלאגיש, מחמת מיר קענען געוויסע עהנליכע שטריכען אויך ביי אנדערע גרויסע הערשער, וועלכע זיינען אויפגעקומען פון קליינע אנ־הויבען. די עובדא פון א געשיכט־שרייבער ווערט אין אזא פאל ניט געלייזט דערמיט, וואס מען ווייזט אויף אייניגע שטריכען, וועלכע עם דוכט זיך, אדער זיינען טאקע באמת עהנליך אדער מיטאלאגיש. ניכער מוז מען אויפווייזען די אנטשטעהונג פון די טראדיציעס און, אזוי ווייט ווי עס האנדעלט זיך וועגען א היסטארישער געשטאלט, מוז מען אויך על־פי השערה ארויסדרינגען דעם פאקטישען גאנג פון די געשעהענישען.

## שאול'ס ענד.

רעזולטאטען פון דוד'ס אריבערגעהן צו אכיש'ן און זיין פארבינדען זיך מיט איהם לאזען זיך באלד זעהן. די פלשתים פיהלען זיך איצט גענוג שטארק ווידער צו אונטערנעמען א שטארקע אטאקע געגען ישראל. זיי ווילען, אז די צייטען פון עלי און שמואל זאלען צוריקקומען. אכיש זאמעלט דעם חיל פון די פלשתים. דוד איז איצט א פלשתי'שער וואסאל: אכיש דערמאנט איהם אז זיין פליכט און ער פארשפרעכט זי צו ערפילען. ווי אנדערע פאר איהם, אזוי האט אויך דער דאזיגער קעניג פון די פלשתים ניט געקאנט ווידערשטעהן דעם כישוף'דיגען כוח וואס איז געלעגען אין דוד'ן. ער פארלאזט זיך אויף איהם אומבאדינגט און באשטימט איהם אלס זיין לייב־וועכטער (שמואל א, כ"ח 2). אנדערש דענקען אבער זיינע מיט־פירשטען, וועלכע האבען דוד'ן ניט געקענט פון פערזענליכען פארקעהר. נאר האבען אין איהם

געזעהן דעם אמאליגען קעמפער געגען די פלשתים, דעם ליבלינג פון שאול און דעם פריינד פון יונתן.

ווי מיט עטליכע יאהרצעהנדליג פריהער, אזוי ציהען אויך איצט די מחנות פון די פלשתים צו צפון צו, כדי פון טאל יזרעאל צו מארשירען געגען ישראל*). ווייטער אין צפון האט שאול'ס מלוכה, ווי עס ווייזט אויס, זיך ניט אויסגעשפרייט. די פלשתים זיינען בכן געדעקט פון הינטען. דוד, טוענדיג זיין פליכט, האט ביז אהער מיטגעמארשירט. איצט דארף קומען צו דער אנטשיידונג. דער צוזאמענשטויס פון די ארמייען שטעהט פאר דער טיר. וואס זאל דא פון איהם ווערען?

ס'איז שווער צו זאגען וואס דוד וואלט טאקע געטאן ווען אכיש וואלט באשטאנען אויף זיין רעכט און איהם מיטגענומען אין דער שלאכט געגען שאול'ן און די אידען. וואלט ער אין אמת'ן זיך ניט באזינענדיג געצויגען דעם שווערד געגען זיין פאלק? אדער וואלט ער אין דער לעצטער רגע אפ־געזאגט אכיש'ן, וואס וואלט זיכער געבראכט זיין אונטערגאנג? אדער ענד־ליך וואלט איהם אויך איצט בייגעשטאנען זיין חכמה, וועלכע האט איהם קיינמאל ניט פארלאזען, און ער וואלט געפונען אן אויסוועג ווי ניט צו ווע־רען קיין פאררעטער? די לאגע איז אזוי קריטיש, אז אן אנדערער אויף זיין ארט וואלט ניט געקאנט אריבערטראגען ביז איצט דעם אינערליכען קאמף אין זיין נשמה. ניט אזוי אבער דוד. ער געהט מיט ביז אפק, געוויס ניט מיט א לייכטען הארצען, און גיט זיך איבער אין האנט פון זיין גאט, אויף וועמען ער האט זיך ביז איצט פארלאזען.

אין דער לעצטער שעה קומט טאקע די ישועה. אכיש'עס פירשטען, ניט זייענדיג איבערצייגט דורך דעם צוטרוי וואס זייער אויבערהאר האט אין דוד'ן, פאדערען שטרענג, אז ער זאל דערוויטערט ווערען פון דער ארמיי. פאר זיי איז עס נענוג וואס דוד קעמפט ניט געגען זיי: מעהרער דערוואר־טען זיי גאר ניט פון איהם. מ'קאן ניט זאגען, אז זיי זיינען אומגערעכט. אויך אן אנדער וויפיעל ניט אין פארזיכטיגער קאמאנדיר, אויב ער איז נאר ניט געוועזען אזוי לייכט זיך צו פארלאזען אויף יעדען ווי אכיש, וואלט פונקט אזוי געהאנדעלט, און ווער קאן וויסען אויב, אין פאל ווען אכיש וואלט דורכגעפיהרט זיין ווילען, וואלט זיך ניט ארויסגעוויזען, אז די דאזיגע פירש־טען זיינען טאקע גערעכט געווען?

עס איז געווען אין איינקלאנג מיט דוד'ס חכמה צוריקצואווייזען אלס

---

*) שמואל א, כ"ט. דער קאפיטעל איז דער המשך פון כ"ח 1, 2.

באליידיגונג דאס וואס ער האט אזוי שטארק זיך געוואונשען אין הארצען. נעגען זיין ווילען און זיך אנטשולדיגענדיג פאר דוד'ן, גיט אכיש נאך. דוד איז איצט באפרייט. ער ציהט צוריק קיין צקלג. אנקומענדיג דארטען אויפ'ן דריטען טאג, געפינט ער דעם ארט פוסט און פארוואנדעלט אין א קופע אש. די עמלקים, אהן א ספק נעמענדיג נקמה פאר די רויב-צוגען וואס דוד האט אונטערנומען פון צקלג געגען זיי, זיינען אנגעפאלען, ווען ער איז ניט געווען, האבען פארברענט און אויסגערויבט די שטאדט און אוועקגע־שלעפט די ווייבער און קינדער. דוד'ס לייט קלאגען און וויינען. עס האלט ביי א מרידה געגען איהם, ווענען זיינע לייט שרייבען צו די שולד פאר דעם אומגליק. זיי האבען פיליכט געטראכט פון זיין אכזריות געגען די בעדואינער פון מדבר. דוד, שנעל אנטשלאסען, פרעגט יהוה און באשליסט נאכצויאגען די פיינד. 200 פון זיינע לייט, וועלכע זיינען אויסגעמאטערט, לאזט ער איבער ביים „נחל הבשור" (וואדי עש שעריא). די אנדערע 400 ציהען ווייטער קיין דרום. א האלב-מויטער, וועלכען זיי געפינען אויפ'ן וועג און מינטערען אפ, ווייזט זיי אן וואוהין צו געהן. ס'איז אן עגיפטישער שקלאף פון אן עמלקי, וועלכער האט מיטגעמאכט דעם צוג. אט אזוי גיט זיך דוד'ן איין א פלוצלונגער איבערפאל. די מענער, אזוי וויט ווי זיי אנטרינען ניט, ווערען געטויט. אלע מענשען און דאס גאנצע האב-און-גוטס פון צקלג, דערצו נאך רייכע רויב, ווערט פון זיי צוגענומען (שמואל א, ל).

אונטערדעסען האט אין דעם טאל קישון זיך שנעל אפגעשלאסען דער שיקזאל פון שאול'ן און די זייניגע. ווי די אידען אמאל אין עלי'ס צייטען, אזוי אויך איצט ווארט ניט שאול ביז די פלשתים זאלען זיך באפעסטיגען אין טאל יזרעאל און פון דארטען אריינדרינגען אין דעם מיטעלסטען טייל פון לאנד. ער ציהט זיי אנטקעגען אהין. ווידער אמאל דארף קומען צו א שלאכט אין דעם טאל יזרעאל אדער נאהנט דערביי. ביז שאול האט צוזאמענגעקליבען זיין חיל זיינען די פלשתים שוין געווארען די באלעבאטים פונ'ם טאל און האבען געלאגערט ביי זיין מזרח-ענד ביי שונם (שמואל א, כ"ח 3). מארשירענדיג פון מערב אהער, האבען זיי קענטיג געפונען ביי די נאך אלץ כנעני'שע פעסטונגען מגידו און תענך גיכער הילף איידער מניעות*). שאול זאמעלט זיין חיל, ווי עס ווייזט אויס ערשט אבי־

*) עס זעהט אויס פון ל"א 7, אז ענטוועדער די דאזיגע שטעדט זיינען שוין געוועזן אונטערווארפען אונטער די אידען אדער זיי האבען לכל הפחות געהאט שטארקע אידישע מינדערהייטען (ווי פריהער שכם). אבער די כנעני'שע באפעלקערונג האלט מיט דעם פיינד און קריגט די אויבערהאנט גלייך ביי דער ערשטער אידישער נידערלאגע.

סעל שפּעטער, ביים שיפּוע פון'ם בארג ג ל ב ע. וואָס ליגט ביים דרום־ראנד פון'ם טאָל. דער בארג קאָן שיצען שאול'ן פון הינטען, און פאַל ער זאָל דורכפאַלען מיט זיין אַטאַקע אין טאָל*).

ווי אין די פאַריגע צייטען, אזוי זוכט אויך איצט שאול פאַר דער גרויסער שלאַכט אַן אנדייטונג וועגען יהוה'ס ווילען. בייזע חלומות האָבען אַנגעווארפען פינסטערע כמארעס אויף דעם שוין פון פריהער מעלאַנכאָלישען און אומגליקליכען הערשער. דער הייליגער אראקעל און דער שפּרוך פון די נביאים האָבען איהם קענטיג ניט פאַראויסגעזאָגט קיין גליק**). זיין פינסטערער געמיט איז פול מיט אימה. די אנגסט פון זיין הארץ טרייבט דעם אומגליקליכען צו דעם לעצטען מיטעל וואָס ער גופא האָט פארבאָטען. מיט שמואל'ס נאָמען איז פארבונדען זיין אומגליק. זינט יענער האָט איהם פארלאָזען, איז ער פון גאָט פארלאָזען. שמואל איז לאַנג שוין טויט: שאול אָבער מוז איהם נאָך איינמאָל זעהן אין אַ דער שעה פון שרעקליכער נויט, כדי צו קריגען פון איהם אַן עצה. אין דער טונקעלקייט פון דער נאַכט, פאַרקליידט און באַגלייט פון אייניגע פארטרויטע דינער, גנב'עט ער זיך אריין אין ע י ן ־ ד ו ר, עטליכע שעה צו צפון ביים ראנד פון גלבע, עטוואָס אין צפון־מזרח־זייט פון שונם, וואו אַ טויטען־באשווערערין האַלט זיך אויף. פון אבערגלייבען איז ער בכלל ניט פריי געווען. אָבער אין פאַראייניגונג מיט שמואל'ן און געוויס אונטער זיין השפּעה האָט ער פארבאָטען צווישען אידען די שווארצע קונסטען. איצט אין דער פארצווייפלונג ווערט ער זיך גופא אומגעטריי. די קלוגע פרוי דערקענט באַלד ווער עס פרעגט זי. ס'איז אויך ניט געווען שווער פון דעם אופן און דעם המשך פון די פראגען צו דערגעהן ווער עס פרעגט. אויך שמואל, ווען די פרוי ברייננגט ארויף צו רייִדען מיט איהם, פאַרשפּרעכט איהם ווייניג גליק. צעדריקט פון קומער און מיד צום טויט קעהרט זיך שאול אום ביינאַכט צוריק אין זיין לאַגער***). אויף מארגען פריה הייבט זיך אָן די שלאַכט.

---

*) שמואל א, כ"ח 4. דאָס שטיק כ"ח 3—25 געהערט נאָכ'ן אינהאַלט נאָך הינטער קאַפּ. כ"ט. עס זעהט אויס, אַז די פּלשתים לאָזען גאָר ניט שאול'ן אראָפּשטייגען אין טאָל, נאָר זיי נעמען דעם בארג מיט שטורם.

**) אזוי איז צו פארשטעהן דעם פּסוק 6. אַז ענטפער האָט ער הפּנים באַקומען, אָבער אזא וואָס האָט איהם ניט באַפרידיגט.

***) די געשיכטע איז אָנגענומען אלס היסטאָריש, באַגרינדעט אויף אַן אמת'ער פּאַסירונג. מ'מוז באַמערקען, אַז שאול זעהט ניט דעם גייסט, נאָר ער הערט איהם. די פרוי איז הפּנים געווען אַ קלוגע באַטריגעריִן. מאַנכעס איז איהרע רייד איז שפּעטער אין דער טראַדיציע סטיליזירט געוואָרען.

שאול איז געווען פארלארען נאך איידער זיין חיל האט די שווערדען ארויסגעצויגען. ווארים וואו דעם פיהרער גרוילט פון שרעק, פעהלט דעם חיל די קראפט. זיינע מחנות ווערען געשלאגען און אנטלויפען. שאול׳ס דריי עלטערע זיהן יונתן, אבינדב און מלכישוע פאלען. איהם גופא יאגען נאך די פלשתי׳שע בויגען־שיסער*). און ווען זיין וואפען־טרעגער אנטזאגט זיין בקשה איהם דורכצושטעכען, ווארפט זיך שאול אליין ארויף אויף זיין שווערד, כדי ניט אריינצופאלען לעבעדיגערהייט אין דעם שונא׳ס האנט. טרעטענדיג איבער די טויטע פארפאלגען די פלשתים די לעבעדיגע, ביז די נאכט פאלט אן און באשיצט דעם אומגליקס־פלאץ און זיינע קעניגליכע טויטע. ערשט אויף מארגען אין דער פריה, ווען די זיגער קעהרען זיך אום צו באראבעווען די טויטע, געפינען זיי אויך שאול׳ס קערפער. דער קאפ ווערט אפגעשניטען אלס טראפעע און אוועקגעשיקט מיט שאול׳ס געוועהר אין דאס לאנד פון די פלשתים. לויט דעם ספר דברי הימים האבען זיי אנגעשלאגען זיין קאפ אן דעם דגון־טעמפעל. דעם קערפער האבען די פלשתים אויפגעהאנגען צום שפאט פאר די אידען אויף דעם שטאדט־מויער פון בית־שאן. די איינוואינער פון יבש אין גלעד, די שטאדט וואו שאול האט באוויזען זיין ערשטע גבורה אין מלחמה, געדענקען אין דאנקבארקייט און טריישאפט זייער אמאליגען רעטער. זיי קומען צו לויפען ביי נאכט, גנב׳ענען אראפ דעם קערפער און זיינען איהם מקבר ביי זיך אין יבש. שפעטער האט איהם דוד געלאזט מקבר זיין אין זיין פאמיליען־קבר אין צלע (שמואל ב. כ"א 11—15).

## שאול׳ס כאראקטער.

מיט שאול׳ס טויט איז געפאלען א אידישער העלד, וועלכער האט אנגעהויבען גלענצענד און מיט גרויסע פארשפרעכונגען. עס האט אויסגעזעהן, אז שאול איז באשטימט געווארען דורכצופיהרען עפעס גרויסעס. מיט א רייך באגאבטער נאטור, מיט א גיכער באשלוס־פעהיגקייט און א פעסטער האנט, דרייסט אין זיינע אונטערנעמונגען, העלדיש אין קאמף, באגייסטערט פאר דער גרויסקייט פון ישראל און פרום איבערגעגעבען צו יהוה, בלייבט ער פלוצלונג שטעהן אין מיטען גאנג, פאראליזירט דורך א געהיימניספולער מאכט. ער ווייזט זיך פלוצלונג ארויס צו זיין ניט גענוג געוואקסען פאר

*) עס קאן זיין, אז ער איז פארוואונדעט.

דער אויפגאבע וואס זיין פאלק און זיין טראן האבען איהם געשטעלט. מיר קאנען אבער גענוי ניט זאגען, וואו ס'איז באמת געלעגען זיין שוואכקייט און זיין שולד. זיין באציהונג צו שמואל'ן האט געוויס א חלק אין דעם. אבער וואס האט שמואל געפאדערט פון איהם, וואס ער פון שמואל'ן? פארוואס איז דער געדאנק וועגען דער נויט פון פאלק ניט גענוג געווען בייצוקומען דאס וואס האט זיי פאנאנדערגעשיידט? — אז די שטרייטיגקייט איז געווען פון א רעליגיעזען כאראקטער, איז קיין ספק ניט. פילייכט איז ניט אהן א באדייטונג דער פאקט, וואס שאול ווייסט ניט די גאנצע צייט זיך צו דערמאנען אן דעם אלטען הייליגטום, דעם ארון פון יהוה. שמואל'ן האט עס פון שילה אן געמוזט ליגען נאהנט צום הארצען.

אלס צוגאב נאך האבען שאול'ן געפעהלט צוויי אייגענשאפטען, וואס יעדערער האט אומבאדינגט געמוזט האבען. ווער עס האט איצט געוואלט אנפיהרען מיט ערפאלג דעם גורל פון אידישען פאלק: ער איז אין גרונט גענומען געווען **ניט קיין קאמאנדיר און ניט קיין קעניג**. אנהייבענדיג מיט שטורם האט ער א ווייל'ע אויפגעטאן גרויסע זאכען, ווען אבער נאך דעם שטורמדיגען אנפאל איז געקומען די צייט פון באטראכטען און אפוועגען רוהיג, צו קוקען ווייט און אויסצוהאלטען קרעפטיג, דאן איז זיין קראפט פאראליזירט געווארען. ער איז געווען, ווי עס ווייזט אויס, מעהר א סאלדאט און א מאן פון שווערד איידער א קאמאנדיר אויפ'ן פעלד, און ער האט וואהרשיינליך פון אנהויב אן אונטערשאצט די שטארקייט און דעם כוח פון זיינע הויפט-געגנער, די פלשתים. און אין נאך א העכערען גראד האט איהם געפעהלט דער אינערליכער קעניגליכער אימפולס. מיר הערען לחלוטין ניט, אז ער זאל עפעס האבען געפרואווט צוצוציהען אויך די שבטים אין צפון-זייט פון טאל יזרעאל צו די נאציאנאלע אינטערעסען. א גאנץ פאלק ישראל איז נאך פאר איהם ניט געווען. אבער אויך ביי דער שבטים-גרופע, ביי וועלכער די אומשטענדען האבען איהם פילייכט געצוואונגען זיך צו באשרענקען, הערען מיר ניט פון קיין אינערליכער דערהייבונג, אדער פון ארגאניזאציע. מלחמה, שלעגעריי, דער פרואוו אויסצוראטען בלוטיג די כנענים און צו באזייטיגען דוד'ן, האבען קענטיג צוגענומען זיין גאנצען אינטערעס. אז ער האט ווייטער ווי דאס ניט געטראכט, ווייזט א פארגלייך מיט דוד'ן, וועלכער האט די ערשטע זאך געזעהן צו קריגען א הויפטשטאדט פאר זיין מלוכה. ער האט גלייך דערקענט וואס פאר א באדייטונג דאס האט. שאול, דער זוהן פון א פויער אין גבעה, איז זיין גאנצען לעבען געבליבען דאס וואס ער איז פריהער געווען. עס האט איהם געפעהלט דער הויכער שוואונג פון

גייסט און דער קעניגליכער בליק. וואלט ער געהאט אט די מעלות, וואלט
ער דאן ניט אויסגעבראכט אומזיסט זיינע כוחות און פעהיגקייטען אויף אזא
פרואוו צו רעגירען א מלוכה פון דעם פויערים־דארף, פון וועלכען ער האט
געשטאמט.

אבער אפילו ווען מיר וואלטען געוואוסט מעהר ווי דאס, וואס די מא־
גערע טראדיציע האט אונז פארגונען צו וויסען; אויך דעמאלט וואלטען
זיין פערזאן און זיין שיקזאל געווען ארומגעדעקט מיט דעם שלייער, וואס
ליגט אויף יעדער אמת טראגישער געשטאלט פון דער געשיכטע. פון אנהויב
אן האבען געדרעמעלט אין זיין רייך־באגאבטער נאטור איינע ביי די אנדערע
פינסטערע און ליכטיגע כוחות. מיט א נאבעלען ענטוזיאזם און א מיס־
טעריעזער נייגונג צו עקסטאז־נבואה*) איז געווען אין איהם פארבונדען נאך
אין די געזונטע טעג אומבאזונענקייט, בלינדע צעהיצטקייט און איינגע־
שפארטקייט, ווילדער פאנאטיזם, שרעקעדיגער אבערגלויבען**) און אפט־
מאל אויך דעספאטישע און בלוטדארשטיגע אכזריות***). זיין געמיט האט זיך
זיך א געמיש פון דעם מערדערישען און אויפגערעגטען טעמפעראמענט, וואס
פיהרט לייכט צו א געפעהרליכער מרה־שחורה. אבער אט די אלע קערנדלעך
און אנדייטונגען זיינען דאך ניט גענוג צו דערקלערען דעם אומגליקליכען קרי־
זיס פון זיין נשמה און זיין שיקזאל. די טראגיק פון זיין לעבען ליגט דע־
רין, וואס א פינסטערער גורל, פון וועלכען מיר פארשטעהען ניט גענוג דעם
גרונט און די אורזאך, קריגט די מאכט איבער איהם און צווינגט איהם פאר־
בלענדעטערהייט זיך גופא צו רואינירען, זיין ענערגיע צו פאראליזירען און
אלץ טיפער און טיפער צו זינקען אין דעם פינסטערען אומעט, וועמעס ווואר־
צעל ער האט שוין פון אנהויב אן אין זיך געטראגען. אבער ווער קען זא־
גען, אז ער האט געטראגען דערפון אין זיך מעהר איידער אסך אנדערע, וועל־
מעס לעבען ס'איז פארלאפען גאנץ אנדערש? ס'איז וויכטיג וואס שאול
פאלט סוף כל סוף דורך זיין אייגענער האנט: פון אנהויב אן, זינט זיין
שטערן האט אנגעהויבען זינקען, איז עס געווען זיין גורל אויסצובריינגען זיי־

---

*) פארגלייך דאס שפריכווארט: „איז אויך שאול צווישען די נביאים?", שמואל א,
י, 10—13; י״ט, 23, 24.

**) פארגלייך שמואל א, י״ד (זיין אומפארזיכטיגער נדר און זיין האלטונג געגען
יונתן'ען)) און כ״ח (זיין באזוך ביי דער מכשפה).

***) פארגלייך שמואל א, כ״ב און שמואל ב, כ״א זיין האלטונג געגען די כהנים
פון נוב און געגען גבעון. פיליכט איןביידע פאלען, יעדענפאלס אין ערשטען, דער־
קענען מיר שוין די טאט פון א וואהנזיניגען.

נע איינענע כוחות דורך חשד און בלינדער ליידענשאפט און צו ארבייטען אין א פינסטערער פארבלענדונג פאר זיין אייגען אומגליק. — אז ניט קוקענדיג אויף דעם אלעמען איז ניט פארגעסען געווארען שאול'ם איידעלע נאטור און אלצדינג וואס ער האט אויפגעטאן און וואס ער איז געוועז פאר'ן אידישען פאלק אין גוטע טעג. קאן מען זעהן פון דעם וואס עם האבען געטאן די איינוואוינער פון יבש און וואס דוד האט אויף איהם געזונגען פון הארץ פון דעם טרויערענדיגען פאלק ישראל.

2.

## דוד המלך.

### דוד און אשבעל.

נאך דעם טויט פון שאול'ן און זיינע זיהן איז די לאגע געוועז זעהר קריטיש. אונטער שאול'ן האבען די אידען פארט אנגעפיהרט דיזם קאמף געגען די פלשתים, כאטש ניט אלעמאל מיט ערפאלג, און האבען צום סוף זיך פארט ווי עם איז אפגעוועהרט פון זיי. איצט אבער איז פון מלחמה ניט געוועז מעהר צו דענקען. די אידישע מיליטערישע כוחות זיינען געווען צעשפליטערט און פארניכטעט, די פיהרער געפאלען. די פיינד האבען ניט פארלארען קיין צייט אויסצונוצען אין גאנצען זייער נצחון. דער טאל קישון, ניט בלויז ביז צום גלבע, נאר אויך בית־שאן און די שטעדט פונ'ם ירדן־טאל פוןביידע זייטען פונ'ם טייך, זיינען ממילא אריינגעפאלען אין זייערע הענט (שמואל א, ל"א 7). ווער האט איצט געהאט כוח זיי ניט צו לאזען פארנעמען פון דאס ניי, ווי אמאל, די בערג פון אפרים און אריינזעצען זייער גובערנאטאר אין גבעה?

דער וועג צו דעם איז איצט געשטאנען אפען פאר די פלשתים. אויב זיי האבען עם ניט געטאן, איז עם וואהרשיינליך געוועז זייער קלוגע פאליטיק, וואס האט זיי געראטען זיך צוריקצוהאלטען. זיי האבען געקענט די כוחות וואס האבען געדרעמעלט אינ'ם פאלק ישראל. און כאטש שאול'ם ארמיי איז דעם מאל געשלאגען און אפילו פארניכטעט געווארען, האבען אבער די מחנות פון ישראל אונטער שאול'ן און זיינע גבורים זיך אויסגעלערענט צו פיהרען מלחמה: ס'איז ניט געוועז ראטזאם זיי צופיעל צו דערביטערען. דערצו נאך איז שאול'ם דינאסטיע ניט געוועז אויסגעשטארבען און דער פיהרער פון זיין חיל, אבנר, האט נאך געלעבט. מ'האט געמוזט האבען איינזעהעניש מיט זיי.

עס שטעהט ניט געשריבען ווי אזוי אבנר איז אנטרונען געווארען פון ער שלאכט פון גלבע, אין וועלכער ער האט קענטיג גענומען אן אנטייל, און וויפיעל ער האט דערביי געראטעוועט פון שאול'ס חיל. ס'איז זיכער ניט געבליבען גענוג צו געבען אבנר'ן די מעגליכקייט אנצוגעהן ווייטער מיט דער מלחמה געגען די פלשתים. עס לעגט זיך בעסער אויפ'ן שכל, אז אבנר און אשבעל (איש־בשת*), שאול'ס געבליבענער זוהן, דער געזעצליכער יורש פון שאול'ס טראן, אין וועמעס אויפטראג אבנר האט געהאנדעלט, האבען זיך אונטערווארפען אונטער א פרידען, וואס האט לכל הפחות לויט'ן נאמען נאך איבערגעלאזען פאר שאול'ס דינאסטיע דאס קעניגטום איבער ישראל. עס האט אבער זעהר א גרויסע באדייטונג, וואס אשבעל'ס רעזידענץ איז ניט מעהר אין גבעה, שאול'ס קעניגס־שטאדט, איבערהויפט ניט מעהר אין בנימין אדער אנדערשוואו אין מערב־זייט פון ירדן, נאר אין דער אלט־באריהמטער מחנים ביים טייך יבוק. געווים האבען אשבעל און אבנר ניט פרייוויליג אריבערגעטראגען דעם צענטער פון זייער הערשאפט אין דעם מזרח, אויף דער אנדערער זייט פון ירדן, וואו די אידען האבען געהאט פאר זייער פרייער אנטוויקלונג בלויז א באשרענקטע געגענד. מיר מוזען גיכער זעהען דעריין איינע פון די רעזולטאטען פון דעם פלשתי'שען נצחון, איינע פון די דערנידעריגענדע באדינגונגען פונ'ם פרידען. מיט אנדערע ווערטער: ישראל איז נאך געדולדעט געווען אלס מלוכה ניט אנדערש ווי אלס וואסאל־מלוכה פון די פלשתים. ער האט גע־מוזט צאהלען טריבוט און איז געווען געצוואונגען צו זוכען דעם צענטער אין מזרח, כדי צו זיין אביסעל פון דערווייטען פון די פלשתים און אויך אביסעל ווייטער פון געפאהר. עס קאן אפילו געמאלט זיין, אז אויך צו מואב און עמון, וועלכע זיין פאטער האט ערובערט, האט אשבעל געמוזט צאהלען טריבוט, כדי זיי צו האבען פאר גוטע שכנים. אט אזוי שפילט שאול'ס מלוכה זעהר א געפאלענע ראלע אונטער דעם גייסטיג אומבאדייטענדען אשבעל און דעם געוואלטזאמען אבנר, פון וועמען מיר הערען אגב מעהר ווערטער ווי מעשים.

ס'איז געלעגען אין די אינטערעסען פון די פלשתים אפצושוואכען נאך מעהר דעם אזוי אויך שוין שוואכען קיום פון אשבעל'ס מלוכה. דעריבער האבען זיי זיך אנגעכאפט אן יעדער געלעגענהייט וואס האט געקאנט שאפען נייע שטרויכלונגען פאר דער אומבאדייטענדער וואסאל־מלוכה: שטרויכלונ־

*) די אלטע פארם פונ'ם נאמען געפינט זיך אין דברי הימים א, ח 33; ט 39.

גען וואס זאלען פון סאמע אָנהויב אוועקנעמען פון איהר דעם חשק צו זיך צו קומען פון איהר ביטערער מפּלה. אזעלכע באטראכטונגען גיבען אונז די מעגליכקייט צו פארשטעהן פארוואס די פלשתים, וועלכע באהערשען איצט די סיטואציע ביז צו א געוויסער מאס אין שאול'ס גאנצער מלוכה, מאכען ניט דוד'ן קיין מניעות דורכצופיהרען פלענער, וואס האבען אונטער אומ־שטענדען געקאָנט ווערען פאר זיי גופא שטארק געפעהרליך.

מיר טארען ניט פארגעסען, אז דוד איז איצט געווען דער וואסאל פון די פלשתים אין צקלג און איז געווען פארפליכטעט זיי צו געבען מיליטע־רישע הילף. ס'איז קיין ספק ניט, אז פונקט ווי ער איז פריי אריינגעטרא־טען אין די באציהונגען, אזוי האט ער עס יעדען טאג געקאָנט ברעכען און זיך באפרייען. אָבער ער האט צוליב זיין ביזאהעריגער שטעלונג צו די פלשתים און באזונדערס צוליב זייער איצטיגער אויבער־מאכט ניט געקאָנט אונטער־נעמען אין יענער געגענד קיין זאך, וואס איז זיי ניט געפעלען. מיר האבען געלאָזען דוד'ן אין צקלג, ווי ער קעהרט זיך צוריק פון זיין פארפאל־גונגס־צוג באלאדען מיט רויב. עס האט ניט געקאָנט דויערען מעהר ווי איינינע טעג ביז די ידיעה ווענען אלץ וואס איז אונטערדעסען פארגעקומען איז צו איהם דערגאנגען. אויפ'ן דריטען טאָג נאָך זיין צוריקקעהר קריגט ער די ערשטע ידיעה דורך אן עמלקי, וועלכער ברייננט דוד'ן שאול'ס קאפ־ציר־רונג און זיין ארמבאנד*) און דערצעהלט, אז ער האט עס אויף שאול'ס איי־גענעם פארלאנג איהם דערלאנגט דעם טויט־קלאפ. דוד נעמט איהם ביי זיין ווארט און לאזט איהם אויפ'ן שטעל טויטען, כדי ניט צו דערוועקען פון אנ־הויב אָן דעם מינדסטען חשד, אז ער איז עפּעס א מיטשולדיגער, אדער אז ער האט זיך געפרעהט מיט שאול'ס אונטערגאנג. מ'דארף ניט אויסטייטשען זיין האלטונג אלס גרויסמוטיגקייט אדער איידעלקייט: מ'קאָן עס פשוט פאר־שטעהן אלס א קלוגע האנדלונג. פארוואס די דאזיגע דערצעהלונג זאל זיין אז אויסגעטראכטע, ווי מאנכע פארשער ווילען אננעמען, איז ניט איינצוזעהן. עס איז גענוג, אז דער ברייננער פון דער ידיעה האט דערצעהלט א לי־גען, כדי צו קריגען פון דוד'ן דעם דאזיגען לוין. די מעגליכקייט צו באַ־רויבען שאול'ן איז געווען לייכט אין דער נאכט נאָך זיין טויט, בשעת זיין קערפּער איז געלעגען אויף דעם שלאכטפעלד. עס איז אויך ניט געווען אזוי

*) ווי אזוי שאול האט זיי געבראכט אין דער שלאכט, איז קיין פראגע ניט. עפּעס א סימן מוז אויסצייכענען דעם פיהרער פון חיל. דאס זעהען מיר אויך אין מלכים א כ"ב, אין דער געשיכטע ווי אחאב פאלט אין שלאכט. דערצו איז די צירונג אויך א קמיע.

ווייט פון וועג צו זעהן אין דוד'ן, ווען אויך ניט דעם צוקינפטיגען קעניג פון ישראל, דאך אבער דעם, וואס האט געמעגט טראכטען נאך דעם טויט פון שאול און יונתן צו באקומען א טייל פון דער ירושה.

אז דוד'ן אליין, און וואהרשיינליך אויך אנדערען, זיינען אריינגעקומען אזוינע געדאנקען, באווייזט דער אומשטאנד וואס דוד פארברויכט דעם רויב, וואס ער האט נאר וואס געבראכט פון זיין נקמה־צוג געגען עמלק, טיילווייז אלס מתנות פאר די פאמיליען־פארשטעהער פון יהודה*). שאול'ס טויט און דוד'ס רויב־צוג פאלען אזוי נאהענט צוזאמען אין צייט, אז מיר האבען אלע רעכטען אנצונעמען, אז דוד האט געשיקט זיינע מתנות ניט פאר, נאר נאכדעם ווי ער האט דערהערט די טרויעריגע בשורה וועגען שאול און יונתן. די מתנות האבען געקאנט האבען די איינציגע באדייטונג, אז זיי, די זקנים, זאלען אונטערשטיצען דוד'ס קאנדידאטור אויף דער הערשאפט פון יהודה און זיי זאלען באוועגען די פארשטעהער פון די קלאנס צו זיין אויף זיין צד. די מתנות האבען די באדייטונג ווי די ברכות וואס ווערען געשיקט קורץ נאכהער צו די איינוואוינער פון יבש אין גלעד פאר דער פיינקייט וואס זיי האבען באוויזען געגען שאול'ן (שמואל ב, א 5—7**). יבש האט געהאט די טרייעסטע אנהענגער שאול'ס, וועלכע האבען אין איהם באטרויערט זייער העכסטען בעל־טובה. זיי צוצוקריגען איז פאר דוד'ן געווען פון א באזונדערער וויכטיגקייט, גראד ווען אשבעל האט זיך געגרייט זיך אנטקעגען צו שטעלען. דאס וואס דוד זאגט אומפארשטעלט צו די איינוואוינער פון יבש: שאול, זייער רעכטמעסיגער קעניג, איז טויט און זיי זאלען זיך דעריבער איצט האלטען אן איהם, האט ער אויך אהן א ספק ניט פארשוויגען בשעת ער האט געשיקט די מתנות צו די זקנים פון יהודה.

---

*) שמואל א, ל 26. גענויער האנדעלט זיך דא, ווי די ליסט ווייזט, וועגען דעם „נגב" (אין דרום־ און אין דרום־מערב־זייט פון חברון). צו דרינגען דערפון אויף א קע־ניגטום איבער דעם נגב, ווי מאנכע פארשער טוען, איז א טעות. חברון איז נעבען ירושלים די געגעבענע הויפטשטאדט פון דער גאנצער געגענד אין דרום־זייט פון די בערג אפרים; און די געגענדען אין צפון־זייט פון חברון — יעדענפאלס די געגענד פון בית־לחם — האט דוד, ווי מ'קאן זיך משער זיין — ממילא געהאט פאר זיך.

**) עס קאן זיין, אז דוד'ס טראן־באשטייגונג אין חברון און דער קריג מיט אשבעל'ן וואס האט געהאלטען אין אויסברעכען האבען גראד אט די טרייעסטע אנהענגער שאול'ס געמאכט פאר דוד'ס ביטערסטע פיינד; און די שליחות צו זיי האט באצוועקט אפצושוואכען זייער פיינדשאפט. פילייכט זיינען זיי עס געווען דער „רוח החיה" פון אשבעל'ס ווידער־שטאנד געגען דוד'ן.

נאך א שטיקעל ישוב־הדעת האבען די דאזיגע זקנים אויך ניט געקאנט צווייפלען וואס זיי האבען איצט צו טאן*). די אומצופרידענקייט מיט שאול׳ס רעזשים, אויב זי האט זיך וואו עס איז אויסגעדריקט, האט דאס געמוזט זיין אט דא אין יהודה. די רדיפות וואס דוד האט געליטען האבען געמוזט שטארק וועה טאן זיין שבט. דערצו איז נאך דער מפלה פונ׳ם איר־דישען חיל געבליבען דאס לאנד אפען פאר די פלשתים. אבנר און אשבעל זיינען ניט געווען בכוח צו געבען עפעם הילף. וואס איז דער וואונדער, וואס דער דרום, וועלכער איז געלעגען אם נעהנטסטען צום פיינד, האט געזוכט זיך אליין צו העלפען ווי ווייט עס האט זיך נאר געלאזען? קיין בעסערע געלע־גענהייט האט ניט געקאנט זיין פאר דעם ווי דוד׳ס אנבאט. ווארים ניט בלויז איז דוד געווען פון זייער אייגענעם שבט, און זינט נבל׳ס טויט, א רייכער לאנד־אייגענטימער אין יהודה; ניט בלויז איז ער שוין פון לאנג אלס פיהרער געגען די פלשתים געקרוינט מיט נצחון און עהרע; נאר ער איז איצט אויך געווען דער וואסאל פון די פלשתים. אזוי לאנג ווי ער איז דאס געבליבען — און געוויס זיינען פריהער געווען פארהאנדלונגען ווענען דעם מיט אכיש׳ן, פונקט ווי מיט די זקנים פון יהודה — האט יהודה ניט געהאט וואס זיך צו שרעקען פאר די פלשתים. און אויב אפילו די באציהונגען וועלען אויפהערען, איז אויך געווען דאס בעסטע פאר יהודה און ישראל צו האבען אין זייער שפיץ דוד׳ן, דעם אויסגעפרובירטען קעמפער געגען די פלשתים.

מיר האבען שוין אויבען געזעהן וועלכע איינזעהענישען די פלשתים האבען געקאנט האבען, ווען זיי האבען נאכגעגעבען דוד׳ן און האבען גאר ניט ערנסט א טראכט געטאן, אז זיי קאנען שפעטער שטארק חרטה האבען פאר־וואס זיי שטימען צו צו דעם וואס קומט איצט פאר. א פארבאדינג פאר זייער צושטימונג צו דוד׳ס פלענער איז נאטירליך זיין הבטחה, אז ער איז מרוצה אויך נאכהער צו בלייבען זייער וואסאל. מיט דעם אויסקוק זיינען פאר די פלשתים געווען מעהר ניחא צוויי אידישע מלכים איידער איינער. זיי האבען געקאנט האפען, אז זיי וועלען זיך שטערען איינער דעם אנדערען. און אפילו אויב זיי האבען ניט גענוג אפגעשאצט דוד׳ס אויסערגעוועהנליכע פערזענליכקייט, האבען זיי אבער געמעגט רעכענען אויף דעם, אז טאמער וועט איינער עפעם פרובירען אויסשפרייטען די הענט, וועט מען מיט דער הילף

---

*) אזוי ווי לויט שמואל ב, ב קומט דוד אומגערופען, איז דערפאר מעגליך, אז דוד האט דעם ישוב־הדעת פון די זקנים פון יהודה אונטערגעהאלפען מיט סטראשונקעס און געוואלט.

פון דעם צווייטען איהם קאנען צוריקהאלטען. אבער דוד האט ביז אהער שוין געמאכט צו נישט מאנכע קלוגע חשבונות.

אט אזוי ווערט דוד, אזוי ווי יהוה'ס אראקעל איז אויך פאר דעם, קעניג איבער יהודה. דער שבט יהודה טרעט דערמיט, נאך א לאנגער צוריקגעצויגענקייט, ווידער אין פאדערגרונט פון עפענטליכען לעבען פון דער נאציאן. גענוג לאנג, קענטיג 200 יאהר און מעהר, האט דאס לעבען פונ'ם פאלק זיך אפגעשפילט אין מיטעלסטען טייל פון לאנד, אויף די בערג פון אפרים און אין די געגענדען וואס גרעניצען זיך דירעקט מיט זיי. יהודה איז געוועזן אפגעשניטען פון יעדער פארבינדונג מיט דעם איבעריגען ישראל דורך די באזונדערס ערפאלגרייכע כנענים אין דער געגענד פון דער שטארקער יבוס־פעסטונג ירושלים. ערשט שאול האט ווידער אויפגעשטעלט די פארבינדונג דערמיט וואס ער האט, אזוי לאנג ווי ער האט געהאט די מאכט דערצו, אויך די קינדער פון יהודה געשיצט פון די פלשתים. אבער שטארק ענג האט די פארבינדונג ניט געקאנט ווערען. כל זמן ירושלים און די געגענד ארום דער פעסטונג איז נאך געוועזן אין פרעמדע הענט*).

דוד באזעצט זיך אויף יהוה'ס געבאט אין דער אוראלטער הויפטשטאדט פון יענער געגענד און פונ'ם גאנצען לאנד אין דרום־זייט פון ירושלים: חברון. דא ווערט ער אויך פארמעל געזאלבט אלס קעניג איבער דעם הויז פון יהודה (שמואל ב. ב 1—4). לויט די דאקומענטען וואס מיר האבען אין תנ"ך האט ער זיבען און א האלב יאהר געהערשט איבער דער דאזיגער מלוכה (שמואל ב. ב 11). ס'איז ניטא קיין גרונט אויפצוהייבען א פראגע וועגען דער ריכטיגקייט פון אט דעם טערמין. דאס איז געוועזן א באשיידענער אנהויב. אויב דוד האט טאקע, ווי ס'איז צו זעהן פון זיין אויבען דער־מאנטער שליחות צו יבש, שוין געטראגען אין געדאנק די קרוין איבער אן

*) איך האלט ניט פאר זעהר וואהרשיינליך די מיינונג פון מאנכע פארשער, אז דוד האט ערשט ארגאניזירט דעם שבט יהודה און האט פארגרעסערט זיין שטח מעהר ווי אויף א העלפט, דערמיט וואס ער האט ארייגענומען אין איהם כלב, ירחמאלי, קיני, קנזי, און אויך די כנעני'שע משפחות שלה, פרץ און זרח (בראשית ל"ח). עס דוכט זיך בלויז, אז דאס זעהט זיך אין דער פראזעאלאגיע פון שמואל א, כ"ז 10, וואו דער נגב פון יהודה ווערט אונטערשיידען פון דעם נגב פון ירחמאלי און דעם נגב פון קיני; ווארים אין פסוק 12 ווערען זיי דאך אלע גערעכענט צו ישראל. דערצו האט דוד'ס גאנצע האנדלונג נאר א זין, ווען יענע שבטים האבען פאקטיש געהערט צו יהודה. דעמזעלביגען רעזולטאט באקומען מיר אויך פון שמואל א, ל 26—31, וואו דער גאנצער נגב ערשיינט אלס שטעהענדיג אונטער די זקנים פון יהודה.

אומגעטיילטע און פרייען ישראל. אבער ביי דער געפאהר וואס איז דוד'ן פארגעשטאנען יאהרען לאנג, און ביי דעם שיקזאל וואס האט איהם גראד אין די לעצטע חדשים געהאט געבראכט צום ראנד פון אפגרונט, איז דאס געווען א באדייטענדע ווענדונג צום גוטען. און דוד איז געווען דער מאן צו קאנען אפווארטען זיין צייט מיט געדולד. אויב ער האט וואס געלערענט אין די שטורעמס און קאמפען פון זיין פארפאלגונגס־צייט, האט עס גע־מוזט זיין געדולד און זעלבסטבאהערשונג.

ווי מ'האט אויפגענומען דוד'ס האנדלונג אין מחנים, וואו אשבעל, אדער גיכער וואו אבנר האט אין זיין נאמען רעגירט, קאן מען זיך לייכט פארשטעלען. מ'האט עס געמוזט באטראכטען אלס אן אטאקע אויף שאול'ס הויז און אויף דאס געזעצליכע קעניגטום; און אזוי איז טאקע דוד'ס גאנצע צייט אין חברון — דאס הייסט: די צייט ביז אשבעל'ס טויט — פארנומען מיט א ברודער־קריג צווישען יהודה און דעם צפון (שמואל ב, ג 1, 6). אויב דער קאנטראסט צווישען יהודה און ישראל, וואס האט געשפילט אזא וויכטיגע ראלע אין דער ווייטערדיגער אנטוויקלונג פון דער אידישער געשיכטע, האט ניט עקסיסטירט שוין פון פריהער, דאן האט ער דא געהאט זיינע ווארצ־לען. אונטער אלע אומשטענדען האט דוד געהאט א גרויסען חלק אין דעם, דערמיט וואס ער האט ארויסגעשטעלט זיינע אייגענע פרעטענזיעס געגען אשבעל'ס. דאך איז א גרויסע פראגע אויב, קוקענדיג אויף דעם הויכען פרייז וואס דאס אידישע פאלק האט דערפאר באצאהלט, דאס הייסט די איינהייט פון זיין אנטוויקלונג, וואלטען מיר וועלען זעהן אויסגעשטראכען פון דער היסטאריע דוד'ס געשטאלט און זיין דינאסטיע.

מיר מוזען זיך היטען פון דעם טעות מגזם צו זיין דעם דאזיגען קריג. דוד איז פאקטיש ניט געווען שטארק פאראינטערעסירט אין איהם. ער האט געמוזט קומען צום ציל דורך אנדערע וועגען איידער דורך דעם כוח פון גע־וועהר. אשבעל איז טאקע געבליבען אין א צושטאנד פון קריג מיט דוד'ן די פולע 7½ יאהר וואס דער לעצטער האט רעגירט אין חברון. אבער דוד האט הפנים זיך בלויז פארטיידיגט. זיין געגנער, כאטש ער האט געהאט דעם רצון, האט ער אבער ניט געהאט דעם כוח פאר א קרעפטיגען קאמף. אין פאלק גופא האט דער ברודער־קריג געקאנט געפינען ווייניג סימפאטיע, און דאס ביסעל סימפאטיע וואס האט לכתחילה עקסיסטירט האט אויך בים־לעכווייז געמוזט פארשווינדען, ווארים וואס לענגער אלץ קלערער האבען די צפון־שבטים געמוזט קומען צום באוואוסטזיין, אז שאול'ס הויז איז דער אונטערגעהענדער שטערן, בעת דוד איז דער אויפגעהענדער שטערן אין

ישראל, צו ווערן עס געהערט די צוקונפט. אויב דאס גופא איז שוין געווען אן אומגליק, וואס אשבעל — מעג זיין, אז ער איז געווען מינדיג אדער מינדער־יעהריג*) — איז לגמרי פארשוואונדען הינטער דער פיגור פון זיין גענעראל אבנר, איז נאך אבנר גופא ווייט ניט געווען ביכולת אויסצוהאלטען א פארגלייך מיט דוד'ן. פערזענליך העלדיש און, אזוי לאנג ווי אשבעל האט איהם אלצדינג נאכגעגעבען, טריי צו שאול'ס הויז, האט ער אבער ניט ארויסגעוויזען אין קיין פרט עפעס אויסערגעוועהנליכעס. על־פי הכרח האט דערפאר די סימפאטיע פון'ם פאלק בכלל זיך אלץ מעהר און מעהר געמוזט צואווענדען צו דוד'ן. נאר פון איהם האט מען געקאנט דערווארטען, אז ער וועט זיין גענוג גרויס געוואקסען פאר דער אויפגאבע, אונטער וועלכער שאול'ס הויז איז וואס א טאג ווייטער אלץ מעהר און מעהר צוזאמענגעפאלען. מיר קאנען דעריבער זעהן פון טאג צו טאג ווי דוד'ס שטעלונג האלט אין איין וואקסען און אשבעל'ס טראן ווערט אלץ שוואכער און וואקעלדיגער (שמואל ב, ג 1). אונטערדעסען האלטען דוד'ס חכמה און מעסיגקייט אפ מעהר ווי איין נצחון.

וועגען די איינצעלנע אקטען פון'ם קריג, וואס האט פארנומען די 7½ יאהר פון אשבעל'ס רעגירונג, זיינען אונז געבליבען ניט קיין סך, אבער דאך מאנכע ידיעות. מ'האט קיין רעכט ניט אויך דאס קליין ביסעל צו דערקלערען קורץ אלס ניט־היסטאריש, כאטש עס האבען זיך דערמיט געמענגט פארבינדען מאנכע לעגענדארישע שטריכען. ביי גבעון קומט עס צו א צוזאמענשטויס, וואס פאלט אוים אומגינסטיג פאר אבנר'ן און זיין חיל. אויף דוד'ס זייט קעמפען יואב און זיינע ברידער אבישי און עשהאל. דער לעצטער, „לייכט אויף די פיס ווי א גאזעל אויפ'ן פעלד", יאגט אלעמען אריבער אין פארפאלגען דעם געגנער. אבנר, מורא האבענדיג פאר יואב'ס נקמה, איז איהם מתרה, אז ער זאל אוועק פון איהם. עשהאל אבער לאזט איהם ניט אפ. אבנר טויט איהם אויף אן ארט און גרייט צו דערמיט זיין אייגענעם שיקזאל (שמואל ב, ב 12—32).

געוויס איז דער צוזאמענשטויס צווישען דוד'ס און אשבעל'ס לייט ניט

---

*) עס הערשט וועגען דעם א שטרייט צווישען די פארשער; זעהר יונג, ווייזט עס אוים, איז אשבעל אויף יעדען פאל געווען. די צאהל 40 אין שמואל ב, ב 10 פאר אשבעל'ס עלטער קאן פונקט אזוי ווייניג ריכטיג זיין ווי די דארטען אנגענומענע צוויי יאהר פון זיין רעגירונג. אשבעל האט רעגירט, פונקט אזוי ווי דוד אין חברון, זיבען און א האלב יאהר.

געווען דער איינציגער, פון וועלכען ס׳איז געווען צו דערצעהלען. אבער דעם ביבלישען היסטאריקער איז קענטיג געווען צום הארצען אפצואווישען אזוי־ פיעל ווי מעגליך די ערינערונג אן יענע צייטען פון ברודער־קריג. וואס ס׳איז נאך געווען צו דערצעהלען פון ווייטערדיגע געפעכטען, איז קוים געווען ניט גינסטיג פאר דוד׳ן (שמואל ב. ג 1): אבער זיין נאמען אלס העלד איז געשטאנען צו פעסט צו דארפען נאך מעהר באשיינט ווערען אויפ׳ן חשבון פון שאול׳ס הויז. פון דער אנדערער זייט ווידער האט מען ממילא גע־ קאנט זעהן ווי ניט האלטבאר אשבעל׳ס לאגע איז מיט דער צייט געווארען. אפילו ווען מ׳האט גענוי ניט באשריבען די פאקטען פון דער מלחמה.

דוד האט געוויס געטאן וואס ער האט נאר געקאנט אום צו קריגען פאר זיך סימפאטיע אין אשבעל׳ס טעריטאריע. אין זיין שליחות צו יבש אין גלעד לאזט ער וויסען דער שטאדט, אז יהודה האט איהם געזאלבט אין חברון פאר א קעניג, און לויבענדיג די בירגער און אנערקענענדיג די פרומע מענשען זייערע וואס זיי האבען געטאן מיט שאול׳ן, גיט ער זיי דערווייל אן אנצור־ הערעניש, אז זייער התחייבות צו שאול׳ס הויז איז איצט געענדיגט*). די דאזיגע שליחות איז געוויס ניט געווען די איינציגע אין איהר זארט. דוד איז ניט געווען דער מאן צו פארנאכלעסיגען זיין נוצען. ער האט געטאן אין דער שטיל וואס ער האט געקאנט, ניט ציהענדיג אויף זיך קיין חשד מצד פון די פלשתים און ניט אויפרייצענדיג געגען זיך די צפון־שבטים. אבער אם מעהרסטען געהאלפען האט איהם די אומפעהיגקייט פון אשבעל׳ן גופא. דוד האט רוהיג געקאנט צוקוקען ווי די פרוכט דערפון ווערט צייטיג פאר איהם. א פארגלייך צווישען דוד׳ן און זיין קאנקורענט האט דאך אין אשבעל׳ס טעריטאריע גופא געמוזט אלץ מעהר און מעהר אויספאלען לטובה פון דוד׳ן.

מיר דארפען זיך דערפאר ניט חידוש׳ן, וואס מיט דער צייט בילדעט זיך צווישען די זקנים פון ישראל גופא א פארטיי, וואס שטעהט פעסט אויף דוד׳ס זייט און גלויבט, אז די אידישע צוקונפט הענגט אפ נאר פון זיין **קעניגטום איבער גאנץ ישראל**. דערצו נאך האט ביי אשבעל׳ס אומפעהיגקייט געמוזט ווערען אלץ שווערער דער יאך פון די פלשתים, און הייסער די בענקשאפט נאך א באפרייער, נאך א קעמפער גע־ גען די פלשתים, ווי שאול איז אמאל געווען (שמואל ב. ג 17). דערמיט איז פאר דוד׳ן געקומען די צייט צו טאן דאס, צו וואס ער האט שוין לאנג זיך

*) זעה אויבען ז. 47.

געפיהלט באשטימט פון גאט*). אבער אויך איצט פארשפארט ער צוצוקומען צו זיין ציל מיט געוואלד. דער דערצעהלער פון ספר שמואל האלט פאר וויכטיג אונז צו לאזען וויסען, אז דוד'ס גאט, אויף וועמען ער האט זיך פארלאזען, האט שוין אזוי געמאכט, אז די צייטיגע פרוכט פאלט איהם פארטיגערהייט אין האנט אריין. אבער כאטש דער גאנג פון די געשעהענישען ווערט בכיון אוועקגעשטעלט אין אט דער באלייכטונג, איז נאך דערמיט ניט געזאגט, אז דוד טוט מעהר וויפיעל ער האט געקאנט טאן מיט א ריינעם געוויסען. מ'קאן זיך משער זיין, אז זיין קלוגקייט אליין האט דוד'ן ניט געלאזט האנדלען אנדערש ווי עס ווערט אונז דערצעהלט. דאס וואס דער פיינדליכער פארטיי־גייסט האט שפעטער ביי געלעגענהייטען אנדערש באטראכט דעם צוזאמענהאנג פון די פאקטען און האט, זיך באציהענדיג דארויף, גערופען דוד'ן „בלוטיגער מאן", איז נאך לאנג ניט קיין באווייז, אז עס איז ניט געווען אזוי.

אבנר האט ביז אהער זיך געהאלטען טריי צו אשבעל'ן. שאול'ס הויז איז אויך געווען זיינס**). דאס קעניגטום פון בנימין איז געווען דער שטאלץ פון זיין שבט און זיין פאמיליע. זיין אמביציע און זיין לוסט צו הערשעוועו, וועלכע זיינען געווען פאראייניגט אין זיין כאראקטער, געפינען א באפרידיגונג אין דער פראמינענטער שטעלונג וואס ער פארנעמט ביי אשבעל'ס זייט. אלצדינג איז געווען אפהענגיג פון זיין פערזאן און פון זיינע פערזענליכע געפיהלען. זיין קעניגליכער האר האט געקאנט האבען גענוג אורזאכען צו זיין אייפערזיכטיג און ברוגז אויף אבנר'ן. אבער ער פארשווייגט אלעם, מחמת ער קאן אהן איהם ניט אויסקומען. איינמאל אבער פלאצט ער דאך ארויס. אבנר זאל האבען גענומען צו זיך שאול'ס א קעפסווייב. לויט די השגות פון

---

*) פארגלייך שמואל ב, ג 18. אבנר'ס רעדע צו אשבעל'ן אין זעלביגען קאפיטעל איז קוים אזוי געדעדט געווארען. אבער עס קאן זיין, אז אבנר האט געגעבען אלערליי טונקעלע אנצוהערענישען. דער עיקר איז כדאי צו באמערקען, אז אויסער דא ווערט אויך אין אסך אנדערע שטעלען דערמאנט א גאט'ס־שפרוך, וואס האט צוגעזאגט דוד'ן, אז ער וועט ווערען שאול'ס נאכפאלגער. באזונדערס אין שמואל ב, ג 18; ה 2, אבער אויך שוין אויף אן אומבאשטימטערען אופן אין שמואל א, כ 14; כ"ד 20; כ"ה 30; כ"ו 25. אזא שפרוך האט טאקע געמוזט זיך געפינען. עס לעגט זיך גאנץ גוט אויפ'ן שכל, אז ער שטאמט שוין פון אחימלך'ן און אביתר'ן, יענע כהנים וועלכע זיינען דאמאלסט אם נעהנטסטען געשטאנען צו דוד'ן, און עס קאן אויך זיין, אז אט דער אראקעל־שפרוך איז געווען די אורזאך פון שאול'ס גרויזאמער נקמה אן די כהנים פון נוב און פון זיינע אלץ שטארקער ווערענדע רדיפות געגען דוד'ן.

**) ער איז וואהרשיינליך שאול'ס א שוועסטערקינד, ניט זיין פעטער.

יענער צייט האט אשבעל דורך דעם אז ערנסטען חשד אויף אבנר'ן, אז ער איז איהם ניט געטריי. ער האט מורא, אז אבנר שטרעבט נאך דעם טראן. דערמיט איז אויך א סוף צו אבנר'ס איבערגעבענקייט צו איהם. אבנר איז דערביי וועניג וואס געווען באאיינפלוסט פון מורא פאר דעם שוואכען אשבעל; דער שטרייט צווישען זיי וואלט אויך געקאנט לייכט אויסגעגליכען ווערען, ווען אבנר וואלט נאר געוואלט. ניכער ווי אלץ האט אבנר זיך געפרעהט, וואס ער האט דא א געלעגענהייט ארויסצוטרעטען אפען, מיט עפעס א שיין פון רעכט, פאר דעם אויפגעהענדען שטערן (שמואל ב, ג).

גלייך טרעט אבנר אריין אין פארהאנדלונגען מיט דוד'ן. ער באט זיך זיך אן ניט בלויז אליין אריבערצוטרעטען צו איהם, נאר אויך איהם צו ברייגען גאנץ ישראל (שמואל ב, ג 12). דאס ווייזט, אז ניט בלויז האט ער געקענט די שטימונג אין ישראל, נאר ער איז אויך געווען זיכער מיט איהר. עם זיינען אהן ספק שוין געווען פארגעקומען געהיימע אפמאכונגען צווישען אבנר'ן און די זקנים פון ישראל און אפילו מיט די פארשטעהער פון בנימין גופא, נאך איידער אבנר האט זיך צעריסען מיט אשבעל'ן (שמואל ב, ג 17—19). מ'האט געוואלט אין ישראל דוד'ן פאר א קעניג, ווייל נאר אין איהם האט מען געקאנט זעהן דעם רעטער פון די פלשתים. אבנר האט זיך געשטעלט אין דינסט פון אט דער שטרעמונג און האט אהן ספק געזוכט זיך איינצורייסען מיט אשבעל'ן.

דוד נעמט אן דעם אנבאט אהן באדינגונגען. די לאגע דוכט זיך איהם, איז נאך אלץ ניט אזוי שטארק זיכער פאר איהם, אז ער זאל זיך קאנען זעצען אויף שאול'ס טראן, ניט דארפענדיג מורא האבען טאמער וועט דער שטרייט און די קנאה־שנאה ווייטער פארטגעזעצט ווערען. צו דעם צוועק מוז ווידער אויפגעשטעלט ווערען דער באנד, וואס האט איהם אמאל פאר־בונדען מיט שאול'ס הויז און וואס גיט איהם עפעס א רעכט צו ווערען שאול'ס יורש. ער פאדערט צוריק זיין פרוי מ י כ ל, שאול'ס טאכטער, וועלכע שאול האט פון איהם מיט געוואלד אוועקגענומען (שמואל ב, ג 13).

אום זי צו קריגען האט ער געמוזט האבען אבנר'ס הילף. נאך איז אבנר געווען דער בעל־עצה פון זיין האר, און אויב די מחלוקה צווישען זיי איז שוין אפילו געווען פארגעקומען, איז דאך געווען וואהרשיינליך, אז אשבעל וועט זוכען איבערצובעטען זיין ברוגז'ען גענעראל און וועט גערן טאן זיין ווילען אויב ער וועט איהם בעטען. פאר דוד'ן איז אבער געווען זעהר וויכ־טיג צו קריגען זיין פרוי ניט איבער געוואלד, נאר אויף דעם געזעצליכען וועג. ווען דאס וועט נאר געשעהן, וועט דאס איבעריגע שוין ממילא ארויסקומען.

אבנר וועט דאן זיין פריינדליך צו איהם. און עס וועט קוים זיין נויטיג, יעדענפאלס וועט זיין ניט שווער, אוועקצושטופען אשבעל'ן אז א זייט. אויב אבנר וועט מעהר ניט שטעהן הינטער איהם. דוד האט גאנץ רוהיג געקאנט דאס אלעס איבערלאזען פאר אבנר'ן. אט אזוי דארפען מיר פארשטעהן, פאר וואס דוד ווענדט זיך דירעקט צו אשבעל'ן וועגען זיין פרוי. וואס איז אין פלוג א חידוש נאך אבנר'ס אנבאט צו איהם: און נאך מעהר חידוש איז וואס אשבעל איז אויפ'ן שטעל גרייט נאכצוגעבען דוד'ס וואונש. דאס האט מיט'ן פרייען ווילען אוממעגליך געקאנט געשעהן. אשבעל האט דא פשוט געהאנדעלט אונטער דעם דרוק פון אבנר'ן. דוד'ס אויבערמאכט איז הפנים געווען אזוי גוט באוואוסט, אז אויב אבנר האט זיך אויך איינגעשטעלט פאר דעם, האט אשבעל געמוזט נאכגעבען. ער איז פאקטיש אזוי אין אבנר'ס האנט, אז אבנר פיהלט, אז ער אליין זאל אויסגעקליבען ווערען צו ברייגנען שאול'ס טאכטער צו דוד'ן.

בראש פון צוואנציג שלוחים פון אשבעל'ס סביבה באגלייט אבנר מיכל'ען קיין חברון. ביי דער יום־טוב'דיגער סעודה, וואס דוד מאכט לכבוד זיי, באנייט אבנר פאר זיך און גאנץ ישראל זיין אנבאט אריבערצוטרעטען פון אשבעל'ן צו דוד'ן. וואס דוד האט פון איהם געפאדערט, האט ער געטאן: די בת־מלך איז ווידער געבראכט געווארען צו דוד'ן אלס זיין געזעצליבע פרוי: איצט מעג דוד אויפטרעטען אויפ'ן פלאץ פון דעם אומפעהיגען אשבעל אלס יורש פון שאול'ס קרוין. דוד נעמט איצט אן דעם אנבאט. מען מאכט אפ, אז אבנר זאל זיך נעמען דורכצופיהרען זיין צוזאג גלייך ווי ער וועט זיך צוריקקעהרען (שמואל ב, ג 20, 21). אבנר ווערט דערמיט א פאררעטער צו זיין הער און דוד א מיטשולדיגער און אונטערשטיצער פון א לאנג צוגעגרייטער און גוט אויסגעפלאנעוועטער קאנספיראציע געגען אשבעל'ן. מיר האבען ניט קיין גרונט און ניט קיין רעכט צו פארקלענערען דאס וואס דוד האט געטאן. אבער א גערעכטער אורטייל מוז אנערקענען, אז אזוי ווייט ווי מיר קענען זעהן, איז דוד ניט געווען דער איניציאטאר פון דער קאנספיראציע, נאר ער האט זיך באנוצט מיט איהרע פרוכט. לויט די אומשטענדען האט דוד געקאנט און געמוזט האנדלען אזוי ווי ער האט געהאנדעלט. וויבאלד אשבעל האט זיך ארויסגעוויזען אלס אומפעהיג דורכצופיהרען פאר ישראל די אויפגאבע פון שאול'ס א נאכפאלגער, האט דוד, וועלכער האט לאנג שוין געשפירט אין זיך יהוה'ס רוף צו ווערען ישראל'ס קעניג און באפרייער, געהאט א רעכט אויפצונעמען פריינדליך ישראל, ווען ער איז פרייוויליג צו איהם אריבערגעטראטען. ער האט געקאנט אוי־

בערלאזען פאר „אבנר׳ן די אחריות פאר זיינע מעשים; איהם שטערען האט ער על־כל־פנים ניט באדארפט.

אבנר׳ן איז אבער ניט באשערט געווען צו ענדיגען זיין ווערק. זיין שיקזאל האט איהם נאך איין חברון געכאפט. יואב, דוד׳ס אמביציאזער און געוואלדטעטיגער גענעראל, האט געמוזט ווערען אבנר׳ס דם־שונא, נאכדעם ווי אבנר האט דער׳הרג׳עט זיין ברודער עשהאל. אלס צוגאב האט נאך געקאנט צוקומען די פערזענליכע אייפערזוכט, אויב יואב האט געוואוסט פון אבנר׳ס פלענער. פון פארזיכטיגקייט וועגען האט דוד אפילו אוועקגעשיקט יואב׳ן פון חברון. אבער ער קומט פאר דער צייט צוריק, כאפט נאך אבנר׳ן און, נעמענדיג נקמה אומגעזעצליך*) פאר זיין ברודער עשהאל, דער׳הרג׳עט ער אבנר׳ן ביים טויער פון חברון (שמואל ב, ג 23—27). — דוד האט יעדען גרונט געהאט צו זיין בייז אויף יואב׳ן און צו טרויערען אויפריכטיג אויף אבנר׳ן. ווארים מיט איהם איז געווען באזייטיגט דער אמת׳ער גייסט פון דער שוין כמעט פארענדיגטער פאראייניגונג צווישען יהודה און ישראל און דאס גאנצע ווערק איז איצט געשטאנען אויף משקולת. ניט בלויז האט זיך איהם געקאנט דוכטען, אז פון זיינע פלענער מיט אבנר׳ן איז גארנישט געווארען, נאר דער שאטען פון א שענדליכער בגידה האט גאנץ לייכט פון יואב׳ן געקאנט פאלען אויף דוד׳ן. ווארים פון אויבען אויף האבען מאנכע געקאנט מיינען, אז מיט אבנר׳ן איז לגמרי געפאלען די איינציגע שטיצע פון אשבעל׳ס טראן. באמת אבער, ווי מיר ווייסען, האט דוד ניט געהאט די מינדסטע אורזאך צו באזייטיגען אבנר׳ן.

דאך אויך אהן אבנר׳ס פארראט געהט אשבעל׳ס שיקזאל גיך צו זיין סוף. ער ווערט פארראטעריש דער׳הרג׳עט פון צוויי הויפטלייט פון בנימין. זיי כאפען זיך אריין אין זיין פאלאץ אין מיטאג־צייט, בשעת די טיר־היטעריןאיז איינגעשלאפען**) און אשבעל גופא נעמט זיין מיטאג־רוה אויף זיין

---

*) זעה מלכים א, ב 5.

**) דער פסוק 6 אין שמואל ב, ד איז פארגרייזט. לויט׳ן תרגום השבעים דארף עס שטעהן: „והנה שוערת הבית סוקלה חטים ותנם ותישן ורכב ובענה אחיו נמלטו". „סוקלה חטים" הייסט: זי קלייבט ארויס די שטיינדלעך פון די ווייץ ווי „ויסקלהו", ישעיה ה 2. „נמלטו" ווערט דא ניט געברויכט אינ׳ם ספעציעלען זין פון אנטרונען ווערען פון פארפאלגער, נאר לויט׳ן אורשפרינגליכען זין פון ווארט (ישעיה ל״ד 15; ס״ו 7) האט עס דא די באדייטונג פון ארייננליטשען זיך אומבאמערקטערהייט. די ערשטע ווערטער אין פסוק 7 „ויבואו הבית" געהערען בכן צו „נמלטו" אין פסוק 6. דאס איז, הייסט עס, א דערקלערונג, אז בשעת די היטערקע איז געווען אנדרעמעלט האבען זיי זיך דערווייל אריינגעכאפט אין הויז. ח. ש.

געלעגער, און דערמארדעט איהם. האט דוד געוואוסט דערפון, אדער האט ער פיליכט געהאט א האנט אין דעם? ער האט קוים געוואוסט דערפון מעהר ווי בכלל וועגען אבנר׳ס פלענער, אין וועלכע עס האט געקאנט אריין אויך די באזייטיגונג פון אשבעל׳ן. מ׳קאן דערפאר גלויבען, אז בשעת די מערדער האבען געבראכט דוד׳ן אשבעל׳ס קאפ, דערווארטענדיג זיין דאנק, האט ער זיי באלוינט אויף אן עהנליכען אופן ווי אמאל דעם עמלקי, וועלכער האט איהם געבראכט די בשורה פון שאול׳ס טויט. ער האט עס געקאנט טאן, ניט ווערענדיג באשולדיגט אין היפאקריטסטווע; ווארים וואס פאר אן אינטערעס האט דוד געהאט אין אשבעל׳ס טויט, בפרט איצט נאך אבנר׳ס טויט, ווען „זיינע הענט זיינען שלאף געווארען"? די מאכט און די געלעגענהייט אפצוראמען אשבעל׳ן פון וועג איז אן אפענעם קאמף האט דוד שוין פון לאנג געהאט, ווען ער וואלט עס נאר געוואלט, ווער רעדט נאך איצט, ווען אבנר איז מעהר ניט געווען. דערצו איז אשבעל׳ס טויט ניט געווען אין דוד׳ס אינטערעסען איצט, ווען ער איז געווען אין אזא פארלעגענהייט צוליב אבנר׳ס טויט.

אהן ספק איז אשבעל׳ס שיקזאל געווען אריינגעצויגען אין דער פארשטענדיגונג צווישען אבנר׳ן און זיינע חברים. איצט אבער, נאך אבנר׳ס פלוצליכען טויט איז זיין פארטיי אהן א פיהרער, און די שותפים פון אבנר׳ס פלענער האלטען זיין און זייער זאך פאר פארלארען. זיי האבען דעריבער געמוזט האנדלען אויף גיך, איידער אשבעל וועט דערגעהן וועגען אבנר׳ס פלענער. איז אשבעל באזייטיגט, דאן איז יעדע געפאהר אריבער און די מערדער זיינען זיכער מיט דוד׳ס קעניגליכען דאנק. אבער גראד דער חשבון איז געמאכט געווארען אהן דוד׳ן. אויב דוד האט ניט פאראורזאכט די קאנספיראציע, דאן האט ער אויך קיין גרונט ניט געהאט צו שאנעווען די מערדער, וועלכע האבען זיך ארויפגעצוואונגען אויף איהם אויף אן אפשטויסענדען אופן. וואס קאן איהם שטעלען אין א פאלשען ליכט. אלס שאול׳ס איידים און אשבעל׳ס שוואגער מעג ער אפילו נעמען אויף זיך דעם חוב פון בלוט-נקמה.

מ׳האט זיכער געקאנט דערווארטען, אז ניט קוקענדיג אויף דעם, וועט מען איהם באשולדיגען אין אשבעל׳ס און אבנר׳ס טויט. אט אזוי ווייסען מיר, אז אין שבט בנימין, און קענטיג אויך בכלל אין די קרייזען וואס זיינען געשטאנען אויף שאול׳ס זייט, האט די בלינדע פארטיי-ליידענשאפט אנגעוויזען אויף דוד׳ן, נאך ביי זיין לעבען, אלס אויף דעם שולדיגען אינ׳ם

בלוטיגען סוף פון שאול'ס הויז*). נאך ווייניגער חידוש איז עס, וואס אויך ביי מאדערנע היסטאריקער קומט אמאל ארויף דער אלטער חשד. ס'איז דאך ניט בלויז דאס רעכט, נאר אויך דער חוב פון דעם היסטאריקער נאכצושפירען אומפארטייאיש די געדאנקען וואס ליגען אזוי נאהנט ביים וועג, א פשיטא נאך ווען זיי שפיגלען זיך אפ אין דער טראדיציע גופא: און ווען אלס צוגאב גיט נאך דער מנהג פונ'ם אריענט אן אנצוהערעניש דעם ניי־אויפגעקומענעם הערשער צו באזייטיגען אלע קרובים און אנהענגער פון זיין פארגענגער. אבער ביי דוד'ס באוויזענער קלוגקייט און מעסיגקייט לאזט זיך פסיכאלאגיש זעהר שווער פארשטעלען, ווי אזוי ער האט געקאנט טאן אזא נארישקייט. בנוגע צו אבנר'ן גילט לחלוטין ניט יענער מנהג, מחמת ער האט געהאלטען אין אריבערטרעטען צו דוד'ן; בנוגע צו אשבעל'ן האט דער מנהג געקאנט קומען אין באטראכט ביי דוד'ן, נאר ווען ער וואלט געווען אזוי נאריש ניט צו קענעןווארטען אויף דאס וואס וועט איהם באלד ממילא ארייננפאלען פארטיגערהייט אין האנט אריין. און אז ער האט דוקא געדולד צו ווארטען, האט דוד ביז אהער געגנוג באוויזען. אויב מיר זעהען בכן ניט קיין מאטיוו ביי דוד'ן וואס זאל אונז בארעכטיגען צו דעם חשד, זיינען אבער פארקעהרט דא אלע באדינגונגען אין דער היים און אין דער סביבה פון די באזיגטע, אז אזעלכע פארוואורפען זאלען געשאפען ווערען, אפילו ווען זיי האבען ניט קיין פאקטישען יסוד.

דער לעצטער שטיין אויף דוד'ס וועג צו ווערען דער קעניג איבער גאנץ ישראל איז דערמיט באזייטיגט געווארען. אז אויסער אשבעל'ן זאל נאך א זוהן האבען אריבערגעלעבט שאול'ן, ווערט אין ערגעץ ניט דערמאנט. עס זעהט אויך אויס, אז פון די דריי זיהן וואס זיינען געפאלען מיט שאול'ן, זיינען די צוויי אינגערע געשטארבען נאך אהן קינדער. אדער על־כל־פנים ניט לאזענדיג קיין זיהן. זיי זיינען אהן ספק נאך געווען זעהר יונג, ווי אשבעל גופא. נאר יונתן האט געלאזען א זוהן מריבעל, וועמען די שפעטערדיגע באארבייט פון אונזער טעקסט האבען איבערגעלעגט אויף מפיבשת**). בשעת זיין פאטער'ס טויט איז ער אלט געווען פינף יאהר. ער איז בכן איצט

---

*) שמואל ב, ט"ז 7, 8. ס'איז דערביי צו דענקען ניט בלויז וועגען די זיהן פון רצפה בת איה אין שמואל ב, כ"א, נאר אויך וועגען אבנר'ס און אשבעל'ס טויט.

**) די ריכטיגע פארם פונ'ם נאמען געפינט זיך אין דברי הימים א, ט 40. ביז דוד'ן האט מען אזוינע נעמען, פארבונדען מיט בעל, פשוט אריבערגענומען פון די כנענים. ס'איז אבער כאראקטעריסטיש פאר דעם וואוקס פונ'ם רעליגיעזען זעלבסטבאוואוסטזיין האנט אין האנט מיט דעם נאציאנאלען זעלבסטבאוואוסטזיין פון אידישען פאלק, אז פון נאך

אלט געווען צוועלף אדער דרייצעהן יאהר און ער האט דעריבער ניט געקאנט האבען קיין פרעטענזיעס אויפ'ן טראן. דערצו נאך איז דער איינציגער אייניקעל שאול'ס א קריפעל, ווייל בשעת ס'איז אנגעקומען די שרעקליכע בשורה פון שאול'ס און יונתן'ס טויט האט זיין אם לויפענדיג איהם געלאזט ארונטערפאלען אויף דר'ערד (שמואל ב. ד 4). אז ער זאל זיין א נאכפאלגער אויפ'ן טראן האט דערפאר קיין רייד גאר ניט געקאנט זיין. עס בלייבען נאך פון שאול'ס קינדער צוויי זיהן פון זיין קעפסווייב רצפה (שמואל ב. כ"א), נאר אויך זיי זיינען נאך על־כל־פנים ניט מינדיג. די אידען האבען אבער באדארפט, איצט נאך מעהר ווי אלעמאל, א מאן.

## דוד אין ירושלים. די פלשתים.

די אידען האבען איצט געקאנט זייערע אויגען אויסשטעלען נאר אויף דוד'ן. אלע שבטים פון ישראל, פארטראטען דורך זייערע זקנים, קומען צו דוד'ן קיין חברון און זאגען: „מיר זיינען דאך דיין פלייש און ביין: שוין לאנג, בשעת שאול איז נאך אונזער קעניג געווען, האסטו ארויסגעפיהרט און אריינגעפיהרט די אידען. אויך יהוה האט צו דיר געזאגט: דו זאלסט פאשען מיין פאלק ישראל און דו זאלסט זיין דער פירשט איבער ישראל". די זקנים פון ישראל זאלבען באלד דוד'ן אלס זייער קעניג פאר יהוה אין חברון (שמואל ב. ה). קיין זאך דריקט ניט אויס דייטליכער ווי אט די ווערטער פון אונזער ביבלישען דערצעהלער דעם געדאנק, יועלכער האט באהערשט גאנץ ישראל ווען זיי האבען גערופען דוד'ן אויף שאול'ס טראן. אלס באריהמטער און גלענצענדער פיהרער אין די מלחמות געגען די פלשתים לעבט ער נאך אין דעם פאלק'ס זכרון. און וואס דריקענדער די געגענווארט איז געווען, אלץ לעבעדיגער האט געמוזט ווערען אינ'ם זכרון פון פאלק די ערינערונג אן שאול'ס טעג. שאול איז אונטערגעגאנגען, מלחמה האלטענדיג מיט די פלשתים, און פאר יעדערען איז געווען לייכט צו זאגען, אז דער גורל פון שאול'ן און פון ישראל וואלט געווען א בעסערער, ווען ער וואלט ניט אזוי לייכטזיניג אוועקגעשטויסען פון זיך דעם בעסטען פון זיינע העלדען.

---

דוד'ן אז הערט אויף דער דאזיגער מנהג. שפעטערע איבערשרייבער פון די ביכער פון תנ"ך האבען פון שנאה צום נאמען „בעל" איהם איבערגעלענט אויף „בשת", שאנד. אין ווענינער געלעזענע ביכער אבער, ווי א שטייגער אין דברי הימים, זיינען געבליבען אזוינע נעמען אין זייער אורשפרינגליכער פארם.

דוד האט ניט געקאנט זיין אין א פארלעגענהייט וואס זיין ערשטע עובדא זאל זיין אלס ניי־געוועהלטער קעניג פון גאנץ ישראל. ס'איז געווען גענוג דייטליך פארגעצייכענט וואס ער האט צו טאן. די אידען מוזען ווערען פריי, די פ ל ש ת י ם מוזען ווידער צוריקגעטריבען ווערען אין זייער לאנד ביים ברעג ים. אויב אפילו די אויבער־הערשאפט פון די פלשתים האט ניט אזוי שטארק געדריקט: אויב אפילו זי האט זיך אויסגעדריקט בלויז אין נעמען טריבוט, זיינען דאך די אידען פארט ניט געווען די פולע באַלעבאטים ביי זיך אין דערהיים. אט דאס האבען עס די שבטים געמיינט, ווען זיי האבען געבעטען, אז דוקא דוד זאל ווערען זייער פיהרער. און דערמיט אליין האט דוד, ווי אמאל שאול, געקאנט זיין זיכער אז דער צוטרוי וואס די אידישע שבטים האבען איהם ארויסגעוויזען איהם זאלבענדיג פאר א קעניג וועט לאנג אנהאלטען.

אויך אין לאנד פון די פלשתים באגרייפט מען שנעל וואס דא איז געשעהן אין חברון. מ'האט גאר ניט באדארפט קיין סך ווערטער און קיין שלוחים צו לאזען וויסען די פלשתים, אז דוד איז ניט מעהר זייער וואסאל, וויבאלד אז שאול'ס קרוין איז אריבערגעגאנגען צו דוד'ן. האט ער געמוזט פארטרעטען די אידישע רעכטען נעגען די פלשתים ווי אין שאול'ס טעג. עס ווייזט אבער אויס, אז דוד איז אטאקירט געווארען פונ'ם פיינד נאך פריהער איידער ער האט עס דערווארט. גלייך*) ווי די פלשתים דערהערען נאר, אז מ'האט געזאלבט דוד'ן פאר א מלך איבער גאנץ ישראל, רייסען זיי זיך אריין אין יהודה. דוד דארף איבערראשט ווערען. דער פרואוו פון די אידען דורך איהם זיך ווידער צו מאכען זעלבשטענדיג, דארף אין סאמע ערשטען אנהויב דערשטיקט ווערען. בית־לחם, דוד'ס היים, ווערט שנעל פארנומען און חברון שטעהט אין געפאהר. דוד דערווייסט זיך באלד דערפון. עס בלייבט איהם מעהר ניט קיין צייט צוזאמענצורופען דעם חיל: ער מוז אויף גיך זיך צוריקציהען אין דער, איהם פון לאנג באקאנטער, פעסטונג „עדולם"**). אט א דא האט ער זיך קענטיג א לענגערע צייט אויפגעהאלטען

---

*) דאס איז צו זעהן פון ה 17 און עס באווייזט, אז די ערא־בערונג פון ירושלים קומט נאכהער. אויך דער אינערליכער צוזאמענהאנג פון די געשעהענישען פאדערט דאס. מען מוז דעריבער אומשטעלען די ארדנונג פונ'ם טעקסט אין דעם דאזיגען קאפיטעל.

**) נאר אט די פעסטונג קאן געמיינט זיין אויך אין שמואל ב, ה 17, לויט ווי עס איז צו זעהן פון כ"ג 13, וואו אנשטאט „מערה" דארף מען לויט פסוק 14 לעזען „מצודה". פארגלייך אויך „וירד" דארטען און דא. עדולם ליגט בערך 20 קילאמעטער פון חברון און בית־לחם.

ביז ער האט געזאמעלט זיינע כוחות. אין א געוויסער צייט ארום אבער גיט זיך איהם איין צו צעשלאגען די פלשתים, וועלכע האבען געהאט זייער לאגער אין דעם טאל פון די ריזען (עמק רפאים), אין דרום־מערב־זייט פון ירושלים, הארט ביי דער שטאדט*).

די פלשתים זיינען אבער דערמיט נאך לאנג ניט געווען פארניכטעט און אפילו אויך נאך ניט מאכטלאז. עס קומט שפעטער ווידער צו א מלחמה, פאראורזאכט דורך דעם וואס דער שונא פאלט נאך אמאל אריין אין יהודה (שמואל ב. ה 22). פאלגענדיג דעם אראקעל פון יהוה, רינגעלט דוד ארום די פלשתים, וועלכע האבען ווידער געלאגערט אין „עמק רפאים", און פאלט אויף זיי אן פון הינטען. ער טרייבט זיי צו צפון צו אויף גבעון**), און פון דא־נעט יאגט מען זיי נאך ביז גזר, דעם מערב־גרעניץ פון דער אידישער טעריטאריע. דוד וויזט זיך ארויס אלס אלטער, ערפאלגרייכער קעמפער גע־גען די פלשתים, וואס איז באקאנט מיט דער קונסט און דעם אופן פון זייער קריג־פיהרונג. נעבען זיין גרויסער פעהיגקייט אלס פיהרער אין מלחמה קומט איהם נאך שטארק צוניץ די לאנדשאפט פון יהודה מיט איהרע משופע'דיגע בערג־רוקענס און טיפע טאלען. די פלשתים, וועלכע זיינען אויסגעלערענט צו קעמפען אויפ'ן פלאכען לאנד, קאנען דא מיט זייערע רייטוועגען גאר ניט טאן, בעת די שליידערער פון יהודה זיינען ניט בלויז גוט באקאנט מיט יעדען קנייטש פון דער לאנדשאפט און קאנען עס אויס־נוצען, נאר זיינען בכלל אין א בעסערער לאגע געגען זייערע פיינד אין אזא מין געגענד.

עס זעהט אויס, אז דערווייל זיינען די פלשתים געבליבען שטיל דורך די צוויי שווערע מפלות, וואס זיי האבען געכאפט פון דוד'ן. איינע נאך דער אנדערער. אבער זייער מאכט איז נאך אויך דערמיט ניט גע־

---

*) דעם צוזאמענהאנג פון די געשעהענישען קריגען מיר ארויס ווען מיר פארבינדען שמואל ב, ה 17—25 מיט שמואל ב, כ"ג 13—17. ה 17 איז א דירעקטער המשך פון ה 3. צווישען ה 17 און ה 18—21 דארף שטעהן דאס שטיק אין קאפ. כ"ג פון פסוק 13 אן. די סיטואציע אין ה 17 ווערט ערשט קלאר פון כ"ג 13 און ווייטער. די פלשתים, זיך בא־זעצענדיג אזוי ווייט צו צפון צו, זיינען געווים אויסען געווען אפצושניידען דוד'ס פאר־בינדונג מיט דעם צפון. די נאך כנעני'שע ירושלים האט זיי דא יעקאנט באהילפיג זיין. איהר ערגבערונג קומט בכן נאכדעם.

**) אין ה 25 דארף מען לעזען לויט דעם תרגום השבעים „מגבעון" אנשטאט „מגבע".

בראכען. עס זיינען נאך הפנים פארגעקומען איצט און שפעטער א רייה מלחמות*). ס'איז אבער משונה'דיג וואס אונזער טראדיציע, וועלכע איז אזוי רייך בנוגע צו דוד'ן, היפט כמעט לגמרי אריבער די אלע געשעהענישען. דער חידוש איז נאך גרעסער, ווען מיר באטראכטען, אז אט די געשעהענישען האבען באשטימט דוד'ס שטעלונג אין ישראל און ישראל'ס שטעלונג אין סיריען, און זיינען דערמיט געווארען פון דער העכסטער וויכטיגקייט פאר דער אידישער געשיכטע. עס וועט אונז אויך אלע מאל בלייבען טונקעל פאר וואס דער זאמלער פון די באריכטען וואס מיר פארמאגען בנוגע צו יענער צייט, נאכדעם ווי ער האט דערצעהלט באריכות מכוח דוד'ס ראנגלען זיך מיט שאול'ן און מכח זיין קאמף פאר דעם קעניגטום אין חברון און יבוס, באריכטעט אזוי וועניג פאר די שפעטערדיגע דורות וועגען דוד'ס הויפט־אויפטואונגען, וועלכע האבען געלעגט דעם יסוד פאר זיין שטעלונג אין דער היסטאריע**).

ס'איז על־כל־פנים א פאקט, אז ביז די אידען זיינען געוועזען זיכער, אז זיי וועלען מעהר ניט געשטערט ווערען אין זייער רוה פון די פלשתים, האט נאך דוד געמוזט פיהרען מאנכע, אהן א ספק ערנסטע, מלחמות. זיי האבען זיך נאך געמעגט ציהען אפילו נאך דער עראבערונג פון ירושלים. מאנכע ערינערונגען וועגען דוד'ן און זיינע גבורים, מאנכע העלדען־געשיכטען, וואס האבען געלעבט אין דעם זכרון פון די שפעטערדיגע דורות, זיינען פארבונדען געוועזען גראד מיט אט די מלחמות (שמואל ב, כ"א, כ"ג). איינמאל, ווערט דערצעהלט, איז דערביי געשטאנען אין קאן דוד'ס אייגען לעבען (שמואל ב, כ"א 15—17). די סכנה איז איהם פארגעשטאנען פון א ריז, וועמעס שפיז האט געוואויגען 300 שקל, און וועמען אבישי האט דאן דערהרג'עט. דאמאלסט, הייסט עס, האבען איהם זיינע לייט באשווארען, צו שאנעווען זיין לעבען אין קינפטיגע מלחמות און זיך האלטען פון ווייטען פון דער שלאכט, „כדי עס זאל ניט פארלאשען ווערען דאס ליכט פון ישראל." אן אנדערט מאל איז געטויט געווארען גלית פון גת, וועלכער האט געגעבען זיין נאמען דעם אומבאקאנטען ריז, וועמען דוד האט גאר אמאל שוין דער-

*) פארגלייך „אחריכן" אין שמואל ב, ח 1.

**) פיליכט מעג מען מאכען א השערה, אז אמאל האט עקסיסטירט א באזונדער בוך — אזא מין ווי דער „ספר מלחמות יהוה" —, וואס האט דערצעהלט בפרטות וועגען די דאזיגע מלחמות. אונזער שרייבער פון ספר שמואל האט אנגענומען אלס פארבאדינג, אז יעדערער איז מיט דעם דאזיגען בוך באקאנט און ער האט דערפאר ניט געוואלט ברייגגען פון איהם קיין לענגערע שטיקער.

שלאגען*). זעהר וויכטיג איז וואס ביי די דאזיגע מלחמות רעדט זיך וועגען אן עגיפטישען קעמפער מיט א שפיז, וועמען איינער פון דוד'ס גבורים האט דערשלאגען. עס זעהט דערפון אויס, אז אויף דער זייט פון די פלשתים האבען אויך מיטגעקעמפט עגיפטישע זעלנער. דאך גיכער האנדעלט זיך דא וועגען פאראיינצעלטע לאנדס-קנעכט איידער וועגען אן אפיציעלער באטייליגונג פון דער מלוכה פון די פרעה'ס אינ'ם קריג.

סוף כל סוף גיט זיך דוד'ן איין — ווען, ווייסען מיר ניט— איז אן אנטשיידענדער שלאכט אוועקצונעמען די דאמאלסדיגע הויפטשטאדט פון די פלשתים, גת, און דערמיט זייער גאנץ לאנד**). די מאכט פון די פלשתים איז פון איצט אן געבראכען. אין א משך פון א לאנגער צייט טרעטען זיי מעהר ניט אויף אלס די פיינד פון ישראל. דוד'ן איז באשערט געווען צו באצווינגען דעם דאזיגען שונא, וועלכער האט אנגעטאן די אידען אזויפיעל שאנד און האט מעהר ווי איין מאל געשטעלט אין סכנה דעם גאנצען אידישען קיום. זינט פון דוד'ן אן לעבט ישראל מיט די פלשתים בשלום. ניט קוקענדיג אויף זיינע נצחונות האט דוד אויך איצט ניט אונטערזשאכט די פלשתים און האט ניט צעשטערט זייער נאציאנאלען קיום. נאכדעם ווי די פלשתים האבען זיך מייאש געווען זיך צו קאנען שטעלען ווען עס איז געגען דוד'ן מיט געוואלד, האבען זיי הפנים, ווי פריהער די כנענים, זיך איינגעלעבט מיט די אידען אלס גוטע שכנים. מ'האט זיי באלד אזוי וועניג באטראכט פאר אידישע דם-שונאים, אז דוד האט אויסגעקליבען פון זיי מענשען פאר זיין לייב-גווארדיע***).

דוד איז אבער ניט צופרידען געווען מיט דעם, וואס איהם האט זיך ביז אהער איינגעגעבען. אויב ער וואלט אפילו נאר דורכגעפיהרט די איינציגע זאך, וואס איז געווען זיין ערשטע עובדא אלס קעניג, די אידישע באפרייאונג פונ'ם יאך פון די פלשתים, וואלט ער שוין דערמיט אליין געווען דער גרעסטער מאן, וואס די אידען האבען ארויסגעבראכט זינט משה'ן. ווארים ער האט די אידען צוריק געמאכט פאר דאס וואס זיי זיינען געווען. אבער זיין שטרעבונג איז געגאנגען אסך העכער. די אידען זאלען ניט בלויז זיין פריי,

---

*) שמואל, ב, כ"א 19. זעה אויבען ז. 25, 26.

**) שמואל ב, ח 1. מיט „מתג האמה" איז שווער עטוואס צו מאכען. לעז לויט דברי הימים א, י"ח 1.

*) די „כרתי" און „פלתי", אין וועלכע מ'זעהט נאך אלץ מיט דער גרעסטער וואהרשיינליכקייט קרעטער און פלשתים. זעה אונטען ז. 79.

נאָר זיי זאָלען אויך זיין ביכולת צו געניסען פון זייער פרייהייט. דאָס קאָן אונטער אַלע אומשטענדען געשעהן נאָר ווען מיט דער פרייהייט פון אַ פאָלק איז אויך פאַרבונדען נאַציאָנאַלע אחדות און מאַכט. די אידען מוזען פאַר־אייניגט ווערען און פאַרנעמען אַ בכבוד'ען פּלאַץ צווישען די שכנות'דיגע מלוכות פון סיריען. טריט ביי טריט איז דוד געגאַנגען אַלץ נעהנטער צו דעם דאָזיגען ציל. ער האָט פון דאָס ניי געלערענט די שבטים אויסצודריקען זייער צוזאַמענגעהעריגקייט בעסער ווי זיי האָבען דאָס ווען ניט איז פריהער געטאָן: ער האָט זיי אַריינגעגעבען דעם כוח און די מעגליכקייט צו האָבען די גאַנצע דעה איבער זייער אייגענעם שיקזאַל: יאָ, איהם האָבען די אידען געהאַט צו פאַרדאַנקען וואָס זיי איז באַשערט געווען צו שפּילען אַ ווײַלע אַזאַ גרויסע ראָלע צווישען די פאָדער־אַזיאַטישע פעלקער אין מערב־זייט פון טייך פּרת. עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס די אידען קאָנען ניט קיין גרעסערען קעניג ווי דוד און וואָס זיין נאָמען איז געבליבען אויף דור דורות דער אויסדרוק פון דעם גרעסטען טריאומף און גלאַנץ, וואָס די אי־דען האָבען זיך נאָר ווען געקאָנט פאָרשטעלען. דוד איז געווען און גע־בליבען דער גרעסטער נאָך משה'ן און ער איז גלייכצייטיג דער פּאָפּולערס־טער מאַן אין דער אידישער געשיכטע.

דאָס וואָס די אידישע שבטים האָבען זיך געפיהלט אַלס איינהייט, אַלס פאָלק, און האָבען אין געוויסע צייטען אויך אַרויסגעוויזען דורך פּראַקטישע מעשים, אַז זיי זיינען איין נאַציאָן — האָט ניט דוד ערשט אויפגעטאָן. שוין משה, און שפּעטער ווידער שאול, פאַר אַ טייל פון די שבטים אויך דבורה, האָבען אויסגעדריקט אַט די אידעאַלע איינהייט און האָבען עס אויך צייטווייליג פאַרווירקליכט. אַז זיי זיינען גלידער פון איין נאַציאָן, האָבען די שבטים שוין לאַנג געמוזט וויסען. אָבער עס האָט אַלץ אויסגעפעהלט, אפילו ביז שאול'ן, דער כוח אויפצוהאַלטען און צו פאַרטיידיגען דאָס וואָס מ'האָט געוואונען אויף אַ קורצער צייט. עס האָט באַזונדערס געפעהלט, אפילו דאָרטען וואו מ'האָט אויסגעקעמפט די פרייהייט — ד ע ר נ אַ צ י אָ־נאַלער מיטעלפּונקט, וואו עס זאָל זיך קאָנען קאָנצענטרירען דאָס פּאָליטישע ווי דאָס רעליגיעזע לעבען פונ'ם פאָלק. ערשט ווען מ'וואָלט דאָס געהאַט, וואָלט די אייניגונג באמת דורכגעפיהרט געוואָרען, און די פרייה־הייט, וועלכע דער שווערד האָט אויסגעקעמפט, וואָלט געקאָנט אַ לענגערע צייט אַנגעהאַלטען ווערען אין פרידען. שאול האָט אין אַן אומבאַגרייפליכער קורצזיכטיגקייט כמעט לחלוטין קיין זאַך ניט געטאָן פאַר דעם. דאָס פאַר־לאָרענע און שפּעטער ווידער געוואונענע נאַציאָנאַלע הייליגטום האָט ער גע־

לאזט שטעהן ניט געריהרט אין א אידישען ווינקעל. און געוואוינט האט ער אלס קעניג פונקט ווי פריהער אלס פויער אין זיין געבורט־שטעדטעל גבעה אין בנימין, אן ארט וואס האט ניט געהאט ניט קיין פארגאנגענהייט און אויך ניט קיין צוקונפט. דאס איז די בעסטע ראיה, אז שאול'ן האט געפעהלט דער חוש פון א קעניג. **דוד האט געקוקט ווייטער פאר שאול'ן.** שאול איז געווען א געבארענער קריגער, און ווען ער האט אריינגעשטעקט דעם שווערד צוריק אין שייד, האט ער זיך צוריקגעקעהרט צו זיינע רינדער אין גבעה. דוד איז אבער געווען א געבארענע הערשער־נאטור. ער האט איינגעזעהן, אז א רעליגיאן און א פאלקס־לעבען מוזען האבען א צענטער, די איינהייט — א שטיצפונקט, די נאציאנאלע מאכט — א זאמעלפונקט — קורץ, אז אויב דאס לאנד וויל אנהאלטען די איינהייט און פרייהייט, דאן מוז עס האבען א בכבוד'ע און זיכערע הויפטשטאדט פאר דער מלוכה.

ווי נאר דוד איז פארטיג געווארען לכל הפחות מיט די ערשטע מלחמות נעגען די פלשתים, האט ער זיך גלייך גענומען צו דערגרייכען אט דעם ציל.*) דער אויסקלייב ווייזט ארויס דוד'ס געניאלען בליק. חברון, ליגענדיג ביים דרום־ענד פונ'ם לאנד, דערצו נאך די אלטע הויפטשטאדט פון א שבט, האט סאי נאך איהר לאגע, און סאי נאך איהר שייכות צו די שבטים, ניט געקאנט ווערען דער מיטעלפונקט פון דער נייער מלוכה, וועלכע האט געזאלט שטעהן העכער איבער די אלע חילוקים פון די שבטים. שאול'ס רעזידענץ גבעה איז צוליב אן עהנליכען גרונט ניט געווען מסוגל פאר דעם. דערצו האט זי אויך ניט געהאט קיין סטראטעגישע באדייטונג. פארקעהרט אבער ערפילט די יבוס־פעסטונג, ירושלים, דוד'ס אלע פאדערונגען בעסער ווי וועלכער ניט איז צווייטער ארט אין ישראל. פון דער נאטור פארזארגט מיט א פעסטונג, וואס מ'האט מיט די הילפסמיטלען פון אלטערטום ניט געקאנט איינעמען, איז ירושלים סטראטעגיש איינער פון די וויכטיגסטע פונקטען אין לאנד. דער הארטער ווידערשטאנד, וועלכען ירושלים האט ארויסגעוויזען צו די מעכטיגסטע פעלקער פון איהר צייט: די אשורים, די באבילאניער און די רוימער — איז דער בעסטער עדות דערפאר. ליגענדיג אין מיטעלפונקט פונ'ם פארקעהר פון דעם מיטעללענדישען ים צו מזרח צו, ווי אויך פון סיריען קיין עגיפטען, נאהנט צו די גרויסע פארבינדונגס־וועגען איןביידע ריכטונגען, איז ירושלים א נאטירליכער צענטער פאר האנדעל און פארקעהר. אזוי ווי זי האט ביז דעמאלט געהערט צו די

*) שמואל ב, ה 4—16. דאס דאזיגע שטיק דארף שטעהן צווישען ה 20 און 21.

כנענים, איז זי געווען און פארבליבען ניט פארוויקעלט אין דעם קאמף פון די שבטים איבער דער אויבער־הערשאפט. און דערצו זיינענדיג נאהנט צו דוד'ס היים, איז ירושלים געווען מסוגל אויפצוהאלטען די פארבינדונג צווישען דוד'ס קרוין און דעם שבט יהודה, א פארבינדונג וואס איז אין געוויסע גרעניצען געווען דורכאויס נויטיג. די באשטימונג פון ירושלים*) פאר דער הויפטשטאדט פון זיין מלוכה איז פאקטיש געווען דוד'ס א ווערק, וועמעס גרויסע באדייטונג ס'איז אוממעגליך אפצושאצען. מ'קאן בשום אופן ניט זאגען, וואס עס וואלט געווארען פון יהודה און פון דוד'ס טראן אין די יאהרהונדערטען נאך שלמה'ס טויט אהן ירושלים. וואס פאר א חלק ירושלים האט אבער געהאט אין דעם גורל פון אידישען פאלק פאר און נאך דעם גלות איז גוט באוואוסט צו יעדען וואס איז עפעס באקאנט מיט יענעם גורל. די נביאים און די אידישע פאעטען האבען באלד איינגעזעהן איהר באדייטונג. עס דויערט ניט לאנג, און מ'קאן זיך ניט פארשטעלען יהודה און אפילו ניט ישראל, אהן ירושלים. איהר גורל איז געווארען די מאס צו מעסטען דעם מצב פונ'ם אידישען פאלק, און צוויי מאל איז דורך איהר חורבן אויך חרוב געווארען דאס אידישע פאלק. אויב דוד'ס באפרייאונגס־מלחמה געגען די פלשתים, וועלכע ער האט גליקליך דורכגעפיהרט, איז דער ערשטער דימענט אין זיין ניי געוואונענער קעניגליכער קרוין, דאן איז ירושלים, וועלכע ער האט איצט איינגענומען און דערהויבען צו דער קעניגס־שטאדט פונ'ם פאלק ישראל, דער צווייטער דימענט.

ביז איצט איז ירושלים געווען דער רעשט פון א גרעסערען שטח א שמאלען פאס לאנד, וואס האט אנטהאלטען די ערטער: גבעון, בארות, קרית־יערים און כפירה און האט זיך אריינגעשניטען אין דער אידישער טעריטאריע. אמאל אין די צייטען פון דער עראבערונג און אויך א היבשע צייט נאכדעם. דער גרעסטער טייל פון דער דאזיגער געגענד, וואס איז לאנג געבליבען פרעמד צו די אידען, איז קענטיג מיט דער צייט פארשלונגען געווארען פון זיי. שאול האט געזוכט דאס דורכצופיהרען איבער געוואלד (שמואל ב, כ"א 1). אויך די לעצטע מלחמות מיט די פלשתים האבען שטארק צעטרייסעלט די דארטיגע כנענים, ווארים על־פי השערה זיינען זיי געשטאנען

---

*) די באדייטונג פונ'ם נאמען איז טונקעל. אמאל האט מען אנגענומען, אז יבוס איז דער אלטער און ירושלים דער נייער נאמען, וועלכען די אידען האבען געגעבען דער שטאדט. די דאזיגע הנחה איז אבער לגמרי אפגעשלאגען געווארען דורך דעם פאקט, אז שוין אין די אמארנא־טאוולען קומט פאר ירושלים אלס אורו־שאלים.

אויף דער זייט פון די פלשתים; און ירושלים אלס שטיצע און גבעון איז גזר אלס הויפט־ערטער וואוהין מ'האט געקאנט זיך צוריקציהען האבען אין די מלחמות געשפילט א באזונדערס וויכטיגע ראלע*). נאר ירושלים מיט איהר שטארקער פעלזען־פעסטונג ציון האט הארטנעקיג אויסגעהאלטען אלע אטאקעס. איהרע איינוואוינער זיינען, ווי עס ווייזט אויס, געווען א באזונדער כנעני'ש פאלקעל, די יבוסים. אונטער זייער הערשאפט האט די שטאדט קענטיג געטראגען דעם נאמען יבוס.

דוד האט געפרואווט קריגען די יבוסים און זייער שטאדט פאר די אידען דורך פרידליכע מיטלען, אבער עס האט זיך איהם ניט איינגעגעבען.**) די יבוסים האבען געמיינט, אז זייער פעלזען־נעסט ציון איז אזוי שטארק, אז בלינדע און הינקעדיגע זיינען גענוג עס צו פארטיידיגען***). דוד פארלירט ניט דעם מוט פון זייערע שפאט־רייד. ער געהט עס נעמען מיט געוואלד און נעמט טאקע איין מיט שטורם די שטאדט און די פעסטונג. די פעסטונג נעמט ער צו פאר זיך אלס זיין אייגענס און רופט זי „דוד'ס פעסטונג" („עיר דוד"), נאכדעם ווי ער בויט זי איבער, כדי זי זאל פאסען פאר זיינע צוועקען (שמואל ב, ה 9). חירם, דער קעניג פון צור, וועמען עס האט געמוזט זיין שטארק אנגעלעגט די פריינדשאפט פון זיין מעכטיגען שכן, זאל איהם דערביי האבען געהאלפען מיט צעדערהאלץ און בוימייסטערס (שמואל ב, ה 11). די פריהעריגע באלעבאטים פון דער שטאדט האט דוד, ווייזט אויס, ניט באהאנדעלט לויט די מנהגים פון מלחמה, נאר, פונקט ווי נאכהער די פלשתים, האט ער אויך זיי געשאנעוועט. אם וועניגסטען געפינען מיר שפעטער ווי די יבוסים וואוינען צוזאמען מיט די אידען אין ירושלים (שמואל ב, כ"ד 18).

די ערא‌בערונג פון ירושלים דורך דוד'ן און די באשטימונג פון דער שטאדט פאר דער הויפטשטאדט פונ'ם לאנד האט אבער נאך א ווייטערדיגע באדייטונג. צו דער קעניגליכער רעזידענץ און דער הויפטשטאדט פונ'ם לאנד האט על־פי הכרח אויך געהערט א קעניגליך הייליגטום, ווארים די רעליגיאן איז ביי די אידען געווען א פאלקס־זאך. קיין ענין וואס איז נוגע געווען דער גאנצער נאציאן האט ניט געקאנט אויסקומען אהן איהר. די נאציא־

---

*) זעה אויבען ז. 61.

**) לויט ה 6 דארף מען אזוי אננעמען.

***) דוד'ס ענטפער איז ה 8 אויף זייערע שפאט־רייד איז איצט ניט מעהר פארשטענדליך. פיליכט האנדעלט זיך דא וועגען א וויציגען ווערטעל, וואס האט געזאלט אויפוועקען דעם מוט פון די באלאגערער צום שטורם.

נאלע הויפטשטאדט. דער צענטער פונ׳ם פאלקס־לעבען, האט דערפאר אויך געמוזט זיין דער מיטעלפונקט פונ׳ם רעליגיעזען לעבען. כדי צו מאכען פון ירושלים דאס וואס זי האט אלס הויפטשטאדט געקאנט ווערען און כדי אז זי זאל פארנעמען דעם פלאץ, וואס דוד האט איהר געוואלט געבען אין אידישען לעבען, האט זי געמוזט ווערען דער צענטער פונ׳ם דינסט פון יהוה.

דוד׳ס גרויסקייט שטייגט נאך דערמיט וואס ער האט אויך פאר דעם געהאט אן אויג. היסטאריע מאכט דער, וועלכער דערקענט דעם גייסט פון זיין צייט און פון זיין פאלק און איז בכוח ענערגיש צו האנדלען אין איינקלאנג מיט דעם גייסט. דוד האט איינגעזעהן, אז דער גייסט פון זיין פאלק קאן ווירקען נאר אין אן ענגער פארבינדונג פונ׳ם פאלקס־לעבען מיט דעם רעליגיעזען לעבען. ער האט פיליכט אומבאוואוסט געהאט אן אויג פאר דעם פארבארגענסטען אינערליכען מהות פון זיין נאציאן, לויט וועלכען די אידען האבען געזאלט ווערען דאס פאלק פון דער רעליגיאן, דאס פאלק פון גאט. אט אזוי איז ער גלייכצייטיג געווארען דער היסטארישער און אויך דער רעליגיעזער העלד פונ׳ם פאלק ישראל. מ׳דארף לחלוטין ניט מבטל זיין דוד׳ס שוואכקייטען און דעספאטישע קאפריזען אדער מאכען פון דעם פרימיטיווען גבור א ווייכהארציגען הייליגען, כדי אפצושאצען זיין טיעף רעליגיעזען כאראקטער און זיין באדייטונג פאר דער אידישער רעליגיאן. פונקט ווי משה האט באצווינגען מיט א גלאנץ די אידישע פארגאנגענהייט, אזוי האט דוד עס געטאן מיט דער אידישער צוקונפט: און אין אומעטיגע טעג האט זיין נאמען אויפגעפרישט די אידישע האפענונג און דעם אידישען גלויבען אין גאט. יהוה, דער גאט פון ישראל, ווערט דורך דוד׳ן גלייכצייטיג דער העכסטער איינוואוינער פון ירושלים, דער שכן, דער בעל־הבית און דער פאטער פון ישראל׳ס קעניג: ירושלים, די קעניגס־שטאדט, ווערט צוגלייך גאט׳ס שטאדט, די הייליגע שטאדט: דוד׳ס דינאסטיע איז יהוה׳ס קעניגטום און איהרע מיטגלידער — יהוה׳ס זיהן: און אפילו דעם העלד פון דער ענד־צייט, דעם משיח, וואס וועט ברייגען א גאלדענע צייט און וועט אויסלייזען די אידען און די וועלט פון אלע צרות, אפילו איהם האט מען זיך אנדערש ניט געקאנט פארשטעלען ווי נאר אלס משיח בן־דוד, אלס דעם גרויסען זוהן פון דעם דערהויבענעם גרינדער פון דער הייליגער שטאדט.

דאס אלטע הייליגטום פון משה׳ס צייט, דער ארון פון יהוה, איז כמעט געווען פארגעסען זינט די אומגליקליכע טעג, ווען ער איז אריינגעפאלען אין דעם שונא׳ס האנט. די פלשתים, פיהלענדיג פאר דעם ארון א הייליגען גרויל, האבען איהם אפילו צוריקגעשיקט. אבער ניט שאול, ניט די כהנים

אין נוב, די נאכפאלגער פון די כהנים פון שילה, ניט ווער עס איז אז אנ־דערער אין ישראל האט זיך ווענען איהם געקימערט. ער איז פיליייכט פאר־שוועכט געווארען דורכ׳ן פארבלייבען אין לאנד פון שונא. דערצו נאך איז צעטרייסעלט געווארען דער גלויבען אין איהם דורך דעם קליינעם גליק וואס ער האט געבראכט דעם אידישען חיל.

דוד אבער האט אנדערש געהאנדעלט. איהם האבען וועניג וואס געקי־מערט די שרעקען פון דעם אבערגלויבישען שאול און זיין צייט. ער זעהט אין ארון דאס וואס ער איז באמת און וואס ער, דוד, באדארף: דאס אלטע הייליגטום פון ישראל, וואס האט אין מדבר פארזיכערט יהוה׳ס אנוועזענ־הייט און מיט וועלכען עס זיינען געווען פארבונדען גרויסע ערינערונגען. דוד פארבינדט דורך דעם ארון זיין אייגען קעניגטום מיט דער נאמאדישער פארגאנגענהייט פון ישראל; און אויפנעמענדיג צוריק די טראדיציע פון שילה, לאזט ער ווידער אויפלעבען דעם גייסט פון שמואל און משה — אין היפוך צו דעם הערשענדען כנעני׳זם. קיין וויכטיגערע זאך האט ער ניט געקאנט אויפטאן פאר זיין נייער הויפטשטאדט ווי דאס וואס ער האט איהר צונעגעבען א העכערען גלאנץ דורך דאס הייליגטום פון משה׳ס צייט. נאך א וויכטיגער גרונט פאר איהם אפצוגעבען דעם ארון זיין אלטען כבוד איז געווען, וואס דאס דאזיגע הייליגטום האט א לאנגע צייט און אפשר פון אנ־הויב אן זיך געפונען ביים שבט יוסף. קיין וויכטיגערע זאך האט פאר דוד׳ן ניט געקאנט זיין ווי צו געווינען פאר זיך און פאר ירושלים גראד די שבטים־גרופע פון צפון. אויב אפגעבענדיג כבוד דעם הייליגטום פון מדבר, האנדעלט דוד אלס מאן פון יהודה אונטער דעם באזונדערען בייפאל פון זיין צום טייל נאך נאמאדישען שבט: האנדעלט ער אין דערזעלביגער צייט אלס קעניג און פארטרויטער מאן אויך פון די שבטים פון בארג אפרים, דערמיט וואס ער ברייננט זייער הייליגטום אין זיין הויפטשטאדט.

אט אזוי ווערט דער ארון געבראכט פון בעלת יהודה*) אין א פייערליכער פראצעסיע, אין וועלכער דאס גאנצע פאלק נעמט אן אנטייל. אן אומגליקס־פאל, וואס טרעפט אונטערוועגענס דעם פיהרער פון וואגען. אויף וועלכען דער ארון ווערט געטראגען, צעטומעלט דוד׳ן. די איינבילדונג, וועלכע ער האט געגלויבט שוין צו האבען געבראכטן, נעמליך, אז יהוה האט

*) לויט דברי הימים א, י״ג 6. ווי ס׳איז צו זעהן פון יהושע ט״ו 9, 60 און י״ח 14 איז עס דאסזעלביגע וואס קרית־יערים. דאס איז אהן א ספק דער אלט־כנעני׳שער נאמען פונ׳ם ארט.

כלומר׳שט צוריקגעצויגענע זיין ברכה פון דעם ארון, ווייזט איצטער זיך ארויס צו זיין אמת. ער וואגט ניט מעהר צו ברייננגען דעם ארון קיין ציון. ערשט ווען א פרעמדער, עובד־אדום פון גת, ביי וועמען איז הויז מ׳לאזט דעם ארון דריי חדשים, האט געפונען אין איהם א קוואל פון ברכה, פיהרט דוד אויס זיין פלאן. מיט יובעל און טראמפייטען באגלייט דאס פאלק יהוה קיין ציון. דוד גופא געהט טאנצענדיג פאראויס פאר דעם ארון אין א לייגענעם געוואנט פון א כהן און פונקציאנירט אלס ערשטער פון די כהנים פאר יהוה אויפ׳ן בארג ציון. מיכל, שאול׳ס שטאלצע טאכטער, שעמט זיך מיט איהר מאן, וועלכער האט זיך דערנידערינגט פאר זיינע קנעכט און דינסטען. דוד איז אבער שטאלץ זיך נאך מעהר צו דערנידעריגען פון יהוה׳ס וועגען. עס לעבט אין איהם אן אמת רעליגיעזע נאטור, וועלכע שרעקט זיך ניט צו געהן ביז׳ן גרעניץ פון דעם וואס איז אויך דאמאלסט באטראכט געווארען פאר רע־ליגיעזע עקסצענטריש (שמואל ב, ו).

אויף וועלכען פלאץ פון דעם בארג ציון דוד האט אוועקגעשטעלט דעם ארון, ווערט ניט געזאגט. עס שטעהט בלויז, אז דער ארון איז געבראכט געווארען אין דוד׳ס פעסטונג („עיר דוד", שמואל ב, ו 16). אבער אזוי ווי מיר מוזען אננעמען, אז דוד׳ס פעסטונג איז געלעגען אויפ׳ן דרום־שיפוע פון׳ם ציון, אין דרום־זייט פון שפעטעריגען פאלאץ און שלמה׳ס בית־המקדש, מוזען מיר דערפאר אננעמען, אז דער מזבח, וואס איז געשטאנען אומגע־פעהר ניט ווייט פון ארון און פון דעם געצעלט, אין וועלכען ער איז גע־ווען פארבארגען, האט זיך אויך ניט געפונען אויפ׳ן פלאץ פון דעם שפע־טעריגען מזבח פון בית המקדש. ערשט ספעציעלע איבערלעבונגען ווייזען דוד׳ן אן אויף יענעם ארט, אויף וועלכען ס׳איז שוין פילייכט געשטאנען א מזבח פון די יבוסים (שמואל ב, כ״ד).

פארוואס דוד האט ניט געבויט קיין בית המקדש פאר דעם ארון, איז א געוואלדיגער חידוש. וויבאלד ער האט איהם געבראכט אין זיין הויפט־שטאדט און ביי זיין פאלאץ, האט ער אויך געמוזט א טראכט טאן וועגען אויפבויען א פאסיגען ארט פאר יהוה. אויב דוד האט עס ניט געטאן, האט ער געוויס געמוזט האבען א וויכטיגען גרונט פאר דעם. אויב ס׳איז ריכטיג, אז דער ארון האט שוין אין שילה געהאט א טעמפעל*), דאן קאן

*) פארגלייך שמואל א, א, 24 ; ג 3 ; ירמיה ז 14 ; אנדערש אבער די טראדיציע וואס געפינט זיך אין שמואל ב, ז 6.

מען זאגען, אז נאר אן אראקעל פון גאט האט דוד'ן געקאנט אפהאלטען פון בויען א בית המקדש. דער אראקעל ווידער האט געקאנט זיין באגרינדעט אויף אלטע קולט־מנהגים אין יהודה. דוד'ס שטרעבונג צונויפצוקיטען דעם צפון און דעם דרום האט ניט געקאנט געפינען קיין בעסערען מיטעל ווי נאכצוקומען דעם קולט־מנהג פון אפרים — אזוי ווייט ווי דער רעליגיעזער געפיהל פון יהודה איז ניט געווען שטארקער ווי זיין שטרעבונג צו איינ־הייט. פאקטיש אבער ווייזט טאקע אויס, אז דאס לעצטע איז געווען דער פאל. די טראדיציע פון יהודה האט געפאדערט א געצעלט, פונקט ווי שילה האט עס אמאל געהאט*). ס'איז דעריבער ניטא קיין גרונט צו דערקלערען אלס שפעטערדיגע ערפינדונג די טראדיציע, אז דוד האט געוואלט בויען א בית המקדש, נאר ער איז אין דעם געשטערט געווארען פון דעם נביא'ס ווארט. דאס וואס דער היינטיגער נוסח פון דעם באטרעפענדען שטיק שטאמט פון א שפעטעריגער צייט איז נאך ניט געזאגט, אז מ'דארף צווייפלען אין דער היסטארישער ריכטיגקייט פון דעם עצם פאקט וואס איז דעריין אנט־האלטען.

דאס ווערט נאך באשטעטיגט פון אן אנדער דערצעהלונג, לויט וועלכער דוד האט אויפגעבויט א מזבח אויף דעם שייער פון ארונה דעם יבוסי*). דאס איז דער פלאץ פונ'ם שפעטערדיגען בית המקדש אויפ'ן שפיץ פון בארג ציון. פאקטיש איז דאס געווען דער איינציגער ארט וואס איז געווען מסוגל פאר א גרעסערען הייליגטום, און דוד גרייט דערמיט בעצם צו א טעמפעל־בוי. אויך פון דאנעט אוים קאן מען לייכט דרינגען, אז דוד האט ערנסט גע־טראכט וועגען בויען דארטען א בית המקדש.

## ווייטערדיגע מלחמות.

(לויט ר. קיטעל און ב. בענטש)

ס'איז ניט אויסגעפאלען אויף דוד'ס גורל צו געניסען אין פרידען דאס וואס ער האט געוואונען דורכ'ן שווערד. עס האט גאר אנדערש ניט געקאנט זיין, און דוד גופא האט אויך אנדערש ניט געוואלט. עס איז אוממעגליך, אז ער זאל זיך האבען צופרידענגעשטעלט מיט דער קרוין איבער ישראל און מיט

*) זעה אין באנד 1, ז. 315. דאס איז אויך דער היסטארישער קערן פון יהושע י"ח 1.

*) שמואל ד, כ"ד. לויט'ן המשך געהערט וואהרשיינליך די דאזיגע דערצעהלונג פאר קאפ. ז.

דער אונטערוואַרפונג פון די פּלשתים. כדי די אידען זאָלען ווערען די הער־שער אין סיריען, כדי די אידישע גרעניצען און די אידישע אַזוי אַפּט באַ־שטריטענע זעלבשטענדיגקייט זאָלען זיין זיכער געגען אַנפאַלען פון אַרום, האָט נאָך געמוזט קומען צו מלחמות מיט די איבעריגע שכנים.

אין דער גרויסער וועלט־געשיכטע האָט דעמאָלט געהערשט אַ שטיל־קייט. עס האָבען געפעהלט די געוואַלדיגע שטורעמס וואָס האָבען פריהער פון מזרח און שפּעטער פון מערב געברויזט איבער פּאַדעראַזיען און האָבען ניט געלאָזט אויפקומען אין כנען קיין זעלבשטענדיגע, קאָנצענטרירטע מאַכט. עגיפּטען האָט דעמאָלט געדרעמעלט אין מערב און באַבילאָניען אין מזרח. אַט דאָס טאַקע איז געווען דער פאַרבאַדינג, אַז עס זאָל קאָנען אַנטשטעהן אַ נייע אידישע מלוכה, נאָך בפרט אַזאַ קרעפטיגע מלוכה ווי דוד׳ס.

אויך אין דוד׳ס צייט האָבען ניט אויסגעפעהלט קיין פאַרשידענע קלע־נערע שטורעם־ווינטען, מיט וועלכע די נייע אויפגעקומענע אידישע מלוכה האָט זיך געמוזט פאַרמעסטען אין כוחות. אויסער די קלענערע שכנים־פעל־קער, ווי עמון און מואב אין דרום־מזרח און אדום און עמלק אין דרום, וועל־כע האָבען פון די עלטסטע צייטען אַן געמאַכט אומזיכערער די אידישע גרעט־ניצען, האָט זיך דאַמאָלסט באַוויזען אַ נייע מאַכט אין פּאַדעראַזיען, דאָס זיינען געווען די אַראַמעער, וועלכע זיינען נאָך דער אונטערוואַרפונג פון די פּלשתים געבליבען די גרעסטע סכנה פאַר די אידען.

די אַראַמעער זיינען סעמיטען אַזוי ווי די אידען, זיי זיינען בכן זייערע קרובים אין שפּראַך און בלוט. זיי געהערען אָבער וואַהרשיינליך צו אַן אַנ־דער שיכט פון דער סעמיטישער פעלקער־וועלט. זינט דעם 14טען יאָהר־הונדערט (פאַר דער קריסטליכער צייט) באַווייזען זיך דייטליכע שפּורען פון די אַראַמעער. העכסט וואַהרשיינליך זיינען זיי געקומען פון אַראַביען, פּונקט ווי די סעמיטישע וואַנדער־שבטים פון דער פריהערדיגער צייט. די אַשורישע אויפשריפטען פון 14טען יאָהרהונדערט באַצייכענען זיי אַלס אַראַ־מעאישע בעדואינער־שבטים. בערך פון מיטען דעם 13טען ביז דעם 12טען יאָהרהונדערט גיט זיך זיי איין זיך איינצופונדעווען אין מעסאָפּאָטאַמיען און דאָרטען צו גרינדען אַ גרעסערע צאָהל פון קליינע מלוכות. בערך אין דערזעלביגער צייט פאַרנעמען זיי אַלץ מעהר און מעהר אויך סיריען, וואו ס׳איז זיי אַנגעקומען לייכט זיך צו באַזעצען, מחמת די אַמאָליגע, מעכטיגע מלוכה פון די חתים איז געווען צעשפּליטערט אויף שטיקלעך. אַרום דעם יאָהר 1000 (פאַר דער קריסטליכער צייט) זיינען די אַראַמעער דער הער־

שענדער עלעמענט אין מעסאפאטאמיען און סיריען ביז צום גרעניץ פון פע־ניקיען.

אין דוד'ס צייט האבן שוין די אראמעער געגרינדעט, אדער זיי האל־טען לכל הפחות אין גרינדען, מעהרערע קליינע מלוכות ביים צפון־ און מזרח־גרעניץ פון אידישען לאנד, און מאכען שוין א מינע, ווי זיי וואלטען וועלען אנהויבען א מלחמה געגען דער מערב־זייט פון ירדן. די אראמעאישע מלוכות, מיט וועלכע דוד האט געהאט צו טאן, זיינען געווען: די פון מעכה, פון צובה און פון בית־רחוב. וואו זיי זיינען געלעגען איז נאך ניט אין גאנצען קלאר. זיכער איז נאר, אז די אראמעער פון מעכה זיינען געזע־סען ביים פוס פון בארג חרמון. דער נאמען פון דער שטאדט „אבל בית מעכה" (אין מערב־זייט פון אויבערסטען ירדן) האט דערהאלטען פאר שפע־טערדיגע צייטען די ערינערונג אן יענער אראמעאישער מלוכה. אויב צובה איז דיזעלביגע צ ו ב י ט, וועלכע מיר געפינען אין אשורבאניפאל'ס אויפ־שריפטען, דאן דארף מען העכסט וואהרשיינליך זוכען די דאזיגע אראמע־אישע מלוכה אין דרום־זייט פון דמשק. צוליב דער פארבינדונג וואס די אראמעער פון בית־רחוב האבען אין ספר שמואל מיט עמון, נעמט מען אן, אז די דאזיגע אראמעאישע מלוכה איז געלעגען אין דער געגענד פון דער היינטיגער ר י ח א ב אין מזרח־זייט פון די רואינען פון ג ע ר א ז א. אבער צו אסך א גרעסערער באדייטונג איידער די אלע קליינע אראמעאישע מלוכות צוזאמען האט זיך דערהויבען די אראמעאישע מלוכה פון דמשק, וועלכע האט געשפילט א באדייטענדע ראלע אין אלטען מזרח אומגעפעהר פון יאהר 1000 ביז דעם יאהר 730 (פאר דער קריסטליכער צייט). די גרוי־סע מלחמות צווישען ישראל און ארם ווערען ערשט אויסגעקעמפט אין 9טען און אין דער ערשטער העלפט פון 8טען פאר־קריסטליכען יאהרהונדערט. אין דוד'ס צייט האנדעלט עס זיך בלויז וועגען די ערשטע באדייטענדע צוזאַ־מענשטויסונגען, וועגען דעם אנהויב פונ'ם גרויסען קאמף, וואס האט גע־זאלט ארויפלעגען זיין שטעמפעל אויף די פאלגענדע יאהרהונדערטען.

דער אנשטויס צו דער מלחמה מיט די שכנים ארום, וועלכע איז גע־ווען פאר דוד'ן ניט אומגעוואונשען, איז געקומען פון דרויסען, פון די עמונים. שוין פון שאול'ס צייטען אן איז עמון געווען, נאמינעל ווניגס־טענס, אונטערוואַרפען אונטער די אידען; אבער זי האט זיך אלץ מעהר און מעהר פריי געמאכט. דוד איז ניט געווען דער מאן וואס האט געקאנט צופרידען זיין מיט א האלבען וועג. מיט די עמונים האבען זיך אבער באלד פארבונדען די פארשידענע אראמעאישע פעלקער, אזוי אז אויב דוד זאל אויך

זיי מנצח זיין, ווערט ער דער האר איבער דער גאנצער טעריטאריע, וואס האט זיך געגרעניצט מיט די אידען אין צפון און אין מזרח.

דער קעניג פון עמון, ח נ ו ן ב ן נ ח ש*), האט באליידיגט די שלוחים, וועלכע דוד האט צו איהם געשיקט, לויט דעם מנהג פון דער צייט**), כדי איהם צו טרייסטען וועגען זיין פאטער'ס טויט און איהם צו גראטולירען מיט זיין באשטייגען דעם טראן. די פריינדשאפט צווישען דוד'ן און דעם אמאליגען געגנער שאול'ס לאזט זיך דערקלערען פון דער צייט פון דוד'ס פארפאלגונג, און עס קאן זיין, אז דוד האט נאך געזוכט צו פאר־שטארקען די דאזיגע פריינדשאפט אין אשבעל'ס צייט. חנון'ס הנהגה וואלט אונז דערפאר געווען אומפארשטענדליך, ווען מיר וואלטען ניט געמוזט אננעמען, אז אויך די אידישע שכנים האבען געהאלטען א מלחמה מיט דוד'ן פאר אומפארמיידליך. זיי האבען געהאט יעדען גרונט צו קוקען מיט'ן גרעסטען חשד אויף דוד'ס מעכטיגער שטעלונג און מורא צו האבען פאר זייער אייגענער זיכערקייט. נאך מעהר, אויב מיר מעגען זיך משער זיין (און מיר זיינען פולקום בארעכטיגט צו אזא השערה) אז אשבעל האט געקאנט אויפהאלטען זיין זעלבשטענדיגקייט אויך לגבי די שכנים אין מזרח נאר צאהלענדיג טריבוט, דאן ווערט דער גאנצער ענין נאך קלארער פאר אונז. מיט דוד'ס אויפטריט האט נאטירליך אויפגעהערט די צאהלונג פון טריבוט. עמון און מואב אבער האבען געמוזט זעהן אויפצוהאלטען זייער פאזיציע. אויב די אייגענע כוחות האבען ניט געקלעקט דערצו, האט מען עס געמוזט פרואווען מיט פרעמדער הילף. עמון האט אנגעהויבען דעם צוזאמענשטויס מיט אן אפענער ארויספאדערונג: אויך מואב איז פיליכט ניט געבליבען פון הינטען.

אז די עמונים שליסען זיך טאקע אן די אראמעער פון צובה, ווי אויך

---

*) דער דאזיגער נחש איז קענטיג דערזעלביגער, וועמען שאול האט צעשלאגען. ער האט לויט דעם געמוזט רעגירען א היבשע צייט נאך זיין נידערלאגע; דאס הייסט: די גאנצע צייט פון שאול'ס און א טייל פון דוד'ס רעגירונגס־צייט. זעהר לאנג נאך דער עראבערונג פון ירושלים איז על־כל־פנים די דאזיגע מלחמה ניט אויסגעפאלען, מחמת שלמה, וועלכער ווערט געבוירען ערשט נאך דער מלחמה, איז שוין ביי דוד'ס טויט א מאן. דערמיט איז בערך אנגעגעבען די צייט. דאס שטימט אויך מיט דעם, וואס צווישען דוד'ס עלף זיהן, וועלכע זיינען געבארען געווארען אין ירושלים, שטעהט שלמה דער פערטער אין דער רייה, ער איז בכן צווישען די ערשטע (ה 14).

**) אן עהנליכער פאל ווערט דערצעהלט אין די אמארנא־בריף.

די פון בית־רחוב און מעכה*). דא האנדעלט זיך, ווי מ׳זעהט, וועגען א פאראייניגונג פון די שכנים־פעלקער פון מזרח און פון צפון־מזרח אפצו־שוואכען די הערשענדע שטעלונג, וועלכע די אידען האבען באקומען אונטער דוד׳ן.

יואב, דער הויפט־קאמאנדיר פון דוד׳ס ארמיי, מארשירט נעגען די פיינד. בעת ער קומט אן אין דער טעריטאריע פון די עמונים, האבען די פיינד שוין געהאט פאראייניגט זייערע קרעפטען. זיי זיינען איהם פארלא־פען דעם וועג; און בעת די עמונים, ארויספאלענדיג פון זייער הויפטשטאדט, האבען באגעגענט יואב׳ן אין אן אפענער שלאכט, האבען זייערע פארבינ־דעטע געזוכט איהם צו באפאלען פון הינטען. א שנעלער באשלוס איז מי־טען פון דער שלאכט ענדערט יואב׳ס געפעהרליכע לאגע. ער לאזט א העלפט פון זיין חיל אונטער זיין ברודער אבישי קעמפען געגען די עמונים און ער אליין גיט זיך אווארף מיט די איבעריגע סאלדאטען אויף די אראמעער. וואס האבען איהם אטאקירט אין רוקען. די אראמעער ווערען פון יואב׳ן צוריקגעווארפען, און דאן פארלירען זיך אויך די עמונים געגען אבישי און אנטלויפען אין זייער שטאדט (שמואל ב, י 7—14).

די שטאדט גופא אבער, ר ב ת ע מ ו ן, איז דערמיט נאך ניט ער־אבערט, דער פעלד־צוג איז בלויז אפגעשטעלט אין מיטען. אויך די ארא־מעער באווייזען זיך ווידער אין א יאהר ארום, אין זייער שפיץ שובך, דער הויפט־קאמאנדיר פון הדדעזר, דעם קעניג פון ארם צובה, וועלכער האט צו־זאמענגעצויגען אלע זיינע וואסאלען ביז די געגענדען פון פרת. דאס מאל מארשירט דוד גופא אין דער שפיץ פון זיין ארמיי און צעשלאגט די פיינד אין א הייסער שלאכט. הדדעזר׳ס וואסאל־לענדער זיינען קענטיג ארייננעפא־לען אין דוד׳ס האנט, לכל הפחות א טייל פון זיי (שמואל ב, י 15—19). אבער אויך הדדעזר גופא איז אזוי אפגעשוואכט, אז עס קאן איהם שוין מעהר ניט קומען אין געדאנק צו שיקען מיליטערישע הילף צו די עמונים. אין א יאהר ארום, דאס הייסט בכן אין דעם דריטען יאהר זינט דער פעלד־צוג האט זיך אנגעהויבען, גיט זיך יואב׳ן איין צו ברייננען רבת עמון נאהנט צו דער עראבערונג. ער נעמט איין די אזויגערופענע „וואסער־שטאדט“. דוד גופא ענדיגט די עראבערונג. ער נעמט דארטען רייכען רויב, אונטער

---

*) אין דעם טעקסט פון שמואל ב, י ווערט אויך דערמאנט איש־טוב. דאס האט קוים עפעס א שייכות צו „ארץ טוב“ אין שופטים י״א 3, נאר „טוב“ איז גיכער דער נאמען פון דעם מלך פון מעכה.

וועלכען עם האט זיך געפונען די קרוין פון „מלכם", דעם גאט פון די עמונים, וואס האט געוואויגען א טאלענט גאלד און איז געווען באזעצט מיט בריליאנ־טען (שמואל ב, י"א 1, 17 י"ב 26—30). די געפאנגענע ווערען שטרענג באַ־שטראפט*). אויך די מואבים זיינען קענטיג איצט צעשלאגען און באשטראפט געווארען**). צו די עמונים בלייבען אזוי אויף שטענדיג אונטערוואָרפען. איז א גרויסער ספק. שפעטער האט זייער טעריטאָריע על־כל־פנים ניט גע־הערט צו ישראל, אבער אונטער דוד'ן יא. אויף יעדען פאל זיינען די, פאר די אידען אזוי געפעהרליכע, רויבערישע שבטים אין מזרח איצט געבליבען שטיל.

דער גרעניץ פון דוד'ס מלוכה איז איצט אין מזרח געזיכערט געגען אנ־פאלען ביז צום מדבר. אבער אין צפון־מזרח און אין צפון שטעהען איהם נאך פאר נייע און פיליכט שווערערע מלחמות. יענער הדדעזר פון צובה, וועלכער האט זיך אמאל פארבונדען מיט עמון און וועמעס וואסאל־מלכים אין חורן און צום פרת צו דוד האט אונטערוואָרפען, האט ניט געוואלט אויפגעבען אזוי לייכט זיין שטעלונג אין סיריען. אזוי ווי זיין הויפט־קאמאנ־דיר איז געפאלען, האט ער זיך איצט אליין גענומען צוריק צו עראבערען זיין פארלארענע הערשאפט ביים פרת, דאס הייסט: צוריק צו געווינען זיינע

---

*) לויט אונזער נוסח פון שמואל ב, י"ב 31 האט דוד געלאזט פייניגען די געפאנ־גענע. אבער אסך מאדערנע מבארים מאכען פון „העביר" „העביד" און זיי דערקלערען די באדייטונג פון דעם פסוק, אז דוד האט פאראורטיילט די געפאנגענע צו געצוואונגענער אר־בייט. די דאזיגע קריטיקער שרעקען זיך אפילו ניט אפ פאר דעם וואס אין דברי הימים א, כ 3 שטעהט „וישר במגרה" (געזעגט מיט א זעג). אדרבה, לויט זיי איז דאס נאך א ראיה פארקעהרט: פונקט ווי דער שרייבער פון דברי הימים, מאכענדיג א טעות אין דעם פשט פונ'ם פסוק אין מלכים, האט פון „וישם" געמאכט „וישר", אזוי האט אויך אן אי־בערשרייבער פון מלכים, צוליב דעמזעלביגען טעות, געקאנט מאכען פון „העביד" „העביר".
ח. ש.

**) דוד האט לויט אונזער טעקסט צוויי דריטעל פון די געפאנגענע פון מואב געלאזט היגריכטען (שמואל ב, ח, 2). פארוואס דוד איז געווען אזוי גרויזאם צו מואב, מיט וועמען ער איז אין די אמאליגע יאהרען געווען אזא גוטער פריינד (שמואל א, כ"ב 3, 4), איז א געוואלדיגער חידוש. פיליכט האט ער עס באטראכט אלס פארראט, וואס זיי, זיינע אמאליגע גוטע פריינד, האבען זיך איצט פארבונדען מיט זיינע שונאים. לויט מאנכע פארשער איז דא דער דערצעהלער דער קרבן פון א מיספארשטענדעניש. די טראדיציע האט לכתחילה דערצעהלט, אז דוד האט פארמאסטען דאס לאנד און האט צוויי דריטעל געלאזען פאר די באזינטע מואבים און איין דריטעל האט ער צוגענומען אלס קרוין־לאנד.
ח. ש.

אמאליגע וואסאלען אין צפון־מזרח פון ארם*). דוד צעשלאגט איהם און ווען ארם דמשק שיקט הילף צו הדדעזר'ן, כאפט זי דיזעלביגע מפלה. דמשק ווערט אונטערווארפען און דוד זעצט אריין זיינע גובערנאטארען אין לאנד. דוד'ס ממשלה דערגרייכט איצט אין צפון ביז צום לבנון און חרמון, אין צפון־מזרח איבער דמשק ארויס ביז צו די געגענדען פון פרת. איינצעלנע שכנות'ע מלכים זוכען גאר פרייוויליג זיין פריינדשאפט. אזוי דער ארא־מעאישער קעניג ת ע י פון ה מ ת**), וועלכער איז פון תמיד אן געווען הדדעזר'ס א שונא. ער האט זיך דעריבער זעהר געפרעהט וואס זיין שונא איז פון דוד'ן צעשלאגען געווארען. פונקט אזוי דער קעניג תלמי פון גשור, א געגענד ביים חרמון אין גולן, אין מזרח־זייט פון ים־כנרת. זיינע א טאכטער געהערט צו דוד'ס פרויען. זי ווערט אבשלום'ס מוטער (שמואל ב, ג 3; י"ג 37).

נאך מעהר ווי די שכנים פון מזרח און צפון־מזרח האבען די פעניקיער געהאט יעדען גרונט צו זיין פריינדליך צו דוד'ן. זייערע קאמערציעלע פארבינדונגען האבען געקאנט אסך געווינען פון אזא מעכטיגער און איינ־געארדנעטע מלוכה אין פאלעסטינישען הינטערלאנד, צו וועלכער דוד האט געשטרעבט. זייער קעניג חירם פון צור שליסט מיט דוד'ן א בונד פון פריינד־שאפט, וועלכער האט נאך אנגעהאלטען אונטער שלמה'ן.

אין צפון און אין מזרח איז בכן ניט פארגעשטאנען פאר די אידען מעהר קיין געפאהר. זינט די פלשתים זיינען ענדגילטיג באזיגט געווארען, איז אויך פון מערב ניט געווען מעהר מורא צו האבען פאר קיין געגנער. נאר אין דרום און דרום־מזרח האט מען נאך געקאנט געשטערט ווערען. מיט ע מ ל ק, א ד ו ם און מ ו א ב האבען די אידען אפט געהאט צו טאן. אויך זיי האט דוד נאך אונטערווארפען, צום טייל שוין אין דער צייט פון די מלחמות מיט עמון און ארם, צום טייל ערשט נאכהער***). עמלק, מיט וועמען די אי־דען האבען שוין ניט איין מלחמה געפיהרט, פארשווינדעט אין גאנצען פון דער היסטאריע. אט דער בעדואינער־שבט, פעהיג אין קריג און זשעדנע נאך רויב, איז, ווי עס ווייזט אויס, לגמרי צעריבען געווארען פון דוד'ן. אדום ווערט אונטערווארפען אין א בלוטיגער שלאכט אין „זאלץ־טאל" — דער

*) דאס איז דער פשט פון שמואל ב, ח 3.

**) שמואל ב, ח 9. דא האנדעלט זיך הפנים וועגען א חמת אין דער געגענד פון צובה, ניט וועגען דער חמת ביים אראנטעס. זעה דברי הימים ב, ח 3.

***) שמואל ב, ח 11—14. ארם אין פסוק 13 איז פארגרייזט פון אדום. פארגלייך אויך במדבר כ"ד 17—20.

נאָמען האַלט זיך נאָך ביז אויף היינט, דירעקט אין מזרח־זייט פון באר־שבע—, דוד זעצט דאָרטען אריין זיינע גובערנאַטאָרען, וועלכע פאַרוואַל־טען דאָס לאַנד, און דער צוגאַנג צום רויטען ים און די האַפענס איל ת און עציון גבר פאַלען אריין אין דוד'ס הענט. א שפּעטערע נאַ־טיץ*) זאָגט אונז, אז עס איז נאָך געקומען צו לאַנגע און בלוטיגע מלחמות. ביז אדום האָט זיך אין גאַנצען אונטערגעגעבען. דער רעזולטאַט פון דעם פיינד'ס עקשנות איז געווען א מערדערישע בלוט־באד, וועלכע איז געוואָ־רען דער מקור פון שפּעטערע פאַרוויקלונגען.

דוד'ס מלוכה ציהט זיך איצט פון רויטען ים ביז צום לבנון; אין א ווייטערען זין, ווען מ'רעכענט צו די געגענדען וואָס האָבען געצאָהלט טרי־בוט, דערגרייכט דוד'ס מלוכה איבער דמשק ארויס צום פרת צו. זי איז די הערשענדע מאַכט אין סיריען. מעכטיג און אומבאַשטרי־טען שטעהט זי. פאַר קיין פיינד האָט זי מעהר ניט קיין מורא. דעם גרעס־טען חלק נאָך דוד'ן גופא אין די אלע ערפאָלגען האָט זיין הויפּט־קאָמאַנדיר יואב. נאָך מעהר ווייל אין דער שפּעטערער צייט קומט דוד גופא, ווי עס ווייזט אויס, ניט אויפ'ן שלאַכטפעלד. יואב איז פון אָנהויב ביז'ן סוף, דורך אלע ענדערונגען און שטורעמס פון שיקזאַל, אפילו ביז צום פאַרברע־כען, געבליבען געטריי צו דוד'ן. ער איז דער באַדייטענדסטער מאַן אין דוד'ס הויף, א בעל־עצה פון גרויס חכמה און פאַרזיכטיגקייט, א קריגער מיט וועמען דאָס גליק איז אומעטום מיטגעגאַנגען, און פאַר וועמען אלע אידישע פיינד האָבען געציטערט; אבער ער איז אויך א מענש פון ברוטאַ־לער מאַכט און ניט איינגעהאַלטענעם עגאָאיזם, פאַר וועמען קיין באַנד איז ניט הייליג און יעדער מיטעל איז גוט אבי נאָר דורכצופיהרען וואָס ער וויל.

## דוד'ס ארמיי.

צו אזוינע מלחמות ווי דוד האָט געפיהרט אויף אלע זייטען איז נויטיג געווען א גוט באַוואָפענטע און איינגעמושטירטע ארמיי. דער קערן פון דוד'ס ארמיי איז געווען א מין גוואַרדיע, אויף וועלכער ער האָט זיך אומבאַדינגט געקאָנט פאַרלאָזען. זי איז באַשטאַנען פון יענע 600 מאַן, וועלכע האָבען זיך געזאַמעלט ארום איהם אין די טעג ווען ער איז געווען אנטלאָפען פון שאול'ן און וועלכע זיינען איהם טריי געבליבען דורך דער גאַנצער צייט פון זיין פאַרפאָלגונג. נאָכדעם ווי דוד איז געוואָרען קעניג, זיינען זיי געבליבען

*) מלכים א, י"א 14 און ווייטער.

ביי איהם אלס זיין לייב־גווארדיע. אסד פון זיי זיינען נאטירליך געפאלען אין דוד׳ס פיעל מלחמות און זייערע רייהען זיינען שפעטער נאך דעם נצחון איבער די פלשתים, אויסגעפילט געווארען דאס רוב פון אויסלענדער. דאס לאזט זיך דערקלערען דערמיט וואס אט די קערפערשאפט איז איצט גע־ווארען דעם קעניג׳ס לייב־גווארדיע. אם מעהרסטען זיינען עס געוועזן פלשתים, און די מיט די פלשתים פארוואנדטע קרעטער און זיי האבען דע־ריבער באקומען דעם נאמען „כרתי ופלתי"*). זייער אנפיהרער איז בניהו בן יהוידע פון ק ב צ א ל אין נגב, על־פי השערה א איד, אבער פון דער גרעניץ־געגענד.

נאך א מחנה סאלדאטען, וועלכע שטעהען נאהנט צו דער לייב־גוואר־דיע, אבער דארפען מיט זיי ניט פארביטען ווערען, זיינען די „גבורים". זיי שטעלען פאר א קליינע קאמפאניע פון אויסגעקליבענע קריגער, וועלכע שטעהען צו דוד׳ן אין זעהר א נאהנטער פערזענליכער באציהונג: דרייסיג אויסגעפרובירטע העלדען, וואס אין זייער שפיץ שטעהען „די דריי". דאס הייסט: די אויבערסטע. ס׳איז זעלבסטפארשטענדליך, אז די דאזיגע גבורים האבען געהאט דורכצופיהרען ספעציעלע אויפגאבען**). — אין איינקלאנג מיט די פאדערונגען פון זיין ירושלים׳ער קעניגטום האט דוד, ווי עס ווייזט אויס, גענומען נאכהער אין זיין דינסט נאך זעלנער. וועניגסטענס ווערט איינמאל דערמאנט א מחנה פון 600 מאן, וואס האט מיט די „כרתי ופלתי" ניט צו טאן. זי שטעהט אונטער דער פיהרערשאפט פון אן אויס־לענדער, אתי פון גת.

ווי וויכטיג די מיליטערישע קערפערשאפטען זיינען ניט געוועזן פאר

---

*) זעה אויבען ז. 63. מאנכע פארשער מיינען, אז מען איז לחלוטין ניט זיכער, אויב דוד׳ס גווארדיע איז באשטאנען פון פלשתים. עס האנדעלט זיך דא אפשר וועגען זעלנער וואס זיינען געקומען פון די שבטים פון׳ם נגב. פון שמואל א, ל 14 ווייסען מיר, אז ס׳איז געוועזן א „נגב הכרתי". דאס וואס זיי ווערען אנגערופען אין פסוק 16 "ארץ פלשתים" איז קיין ראיה ניט; זיי האבען געמעגט שטעהן אונטער דער אויבערהערשאפט פון די פלשתים. דערצו געפינען מיר אין דברי הימים א, ב 33 איינעם א „פלת" צווישען די קינדער פון דעם שבט ירחמאל. צו די דאזיגע שבטים פון׳ם נגב האט דוד געהאט א נאהנטע שייכות נאך וואוינענדיג אין צקלג (שמואל ב, ל, 26). ס׳איז דערפאר געווען ניט מעהר ווי נאטירליך, אז דוד זאל נעמען פון זיי סאלדאטען פאר זיין לייב־גווארדיע. דערמיט שטימט אויך וואס זייער אנפיהרער בניהו בן יהודיע איז פון׳ם נגב. זעה ווע־גען קבצאל יהושע ט"ו 21 און נחמיה י"א 25. ח. ש.

**) וועגען העלדישע מעשים פון איינצעלנע צווישען זיי זעה שמואל ב, כ"ג און אויבען ז. 62.

דוד'ן אין יעדער צייט. האבען זיי פארט ניט געקאנט קלעקען פאר זיינע גרעסערע פעלד־צוגען. לויט דעם אלטען מנהג אין ישראל זיינען אלע אי־דען צוזאמענגערופען געווארען ווען ס'איז פארגעשטאנען א סכנה פון פיינד*). אלע אידען וואס האבען געקאנט טראגען געוועהר האבען צוזא־מענגעשטעלט די פאלקס־ארמיי. וואס מעהר די שבטים האבען זיך געהאל־טען צוזאמען, אלץ רייכער איז זי געווען אין צאהל: וואס וועניגער שבטים עס האבען ערנסט זיך גערעכענט צו ישראל, אלץ וועניגער סאלדאטען הא־בען זיך צונויפגעקליבען. נאך מעהר, וואס ווייטער א שבט איז געלעגען פון דער אויגענבליקליכער געפאהר, אלץ נאכלעסיגער זיינען זיינע לייט געווען ביים זאמלען זיך ארום דער אידישער פאהן. אויך דער צושטאנד האט קענ־טיג ניט באפרידיגט דוד'ן. זיין שטארקייט און די גאנצע שטעלונג פון די אידען, וועלכע ער האט געשאפען איז געווען געגרינדעט אויף זיין שווערד. אויב די מאכט זיינע האט זיך געזאלט האלטען, האט דער שווערד געמוזט זיין גרייט צו יעדער צייט. דוד האט אנערקענט, אז פאר אזוינע מלחמות ווי ער האט געהאט צו פיהרען איז נויטיג געווען א פעסטע און דויערנדע מ י ל י ט ע ר י ש ע א ר ג א נ י ז א צ י ע שוין אין צייטען פון שלום. מ'האט געקאנט דאן האבען השגחה אויף דעם אידישען חיל שוין בשעת פרידען, און קיין שבט האט זיך ניט געקאנט ארויסמאכען פון זיין פליכט אין מאמענט פון קריג. צו דעם צוועק דינט א פאלקס־צעהלונג, וואס יואב נעמט פאר אויף דוד'ס באפעהל. די דאזיגע צעהלונג האט געזאלט אפשאצען וויפיעל אידען עס זיינען פעהיג געווען צו טראגען געוועהר און האט געזאלט לעגען דעם יסוד פאר יענער ארגאניזאציע. יואב איז געווען אונטערוועגענס דריי פערטל יאהר: ס'הייסט, אז ער איז צוגעקומען אויף זיין רייזע, ביז קדש ביים אראנטעס, די הויפטשטאדט פון דער אמאליגער מעכטיגער מלוכה פון די חתים**). און איז דאן אנגעקומען אין דער געגענד פון צידון און ביי

---

*) פארגלייך דעם אויסדרוק „העם". דאס פאלק, אדער „איש ישראל", דער מאן פון ישראל, אדער „אנשי ישראל", די מענער פון ישראל ביי שאול'ס מלחמות און אויך אנ־דערשוואו.

**) שמואל ב, כ"ד 6. לויט דעם תרגום השבעים דארף מען לעזען דעם פסוק „ואל ארץ חתים קדשה." מיט דער דאזיגער הגהה איז מען אבער ניט זיכער. עס קאן גרייליך גע־מאלט זיין, אז די גריכישע איבערזעצונג איז געמאכט געווארען בדרך חשערה. אזוי אבער ווי אויסער צידון שטעהט דא אויך „מבצר צור", די פעסטונג פון צור, וועלכע האט דאך קיינמאל ניט געהערט צו ישראל, האט מען דעריבער קיין אנדער ברירה ניט ווי אנצונע־מען, אז דאס איז אן אידעאליזירטע פארגרעסערונג פון דער ווירקליכקייט.

דער פעסטונג פון צור, וועלכע האבען, אויב אט די נאטיץ אין ספר שמואל איז ריכטיג, אויך געמוזט זיין אונטערוואָרפען אונטער דוד'ן. אבער מ'זעהט קלאר, אז דער דערצעהלער האט דא צונויפגעמישט דאס וואס האט טאקע באמת געהערט צו די אידען מיט דעם וואס איז געשטאנען אונטער דוד'ס איינפלוס און אונטער זיין רשות. אויב מ'באשטימט דעם שטח פון דוד'ס מלוכה לויט דעם, דאן האט זי טאקע פאקטיש דערגרייכט ביז צום צוגאנג קיין חמת ביים אראנטעס, טיף אריין אין סיריען*). סאלדאטען אבער האט דא דוד געקאנט צונויפרופען פונקט אזוי ווייניג ווי אין צור. באלד נאך יענער צעהלונג קומט א שרעקליכע מגפה אויף די אידען. דוד דערקענט אין איהר די שטראפענדע האנט פון יהוה (שמואל ב, כ"ד). פאלקס-צעהלונגען זיינען ביז אויף הייניגען טאג זעהר ניט באליבט אין סיריען, דער עיקר ווייל די באפעלקערונג זעהט אין זיי א פארשפיל פאר נייע שטייערן: ניט זעלטען אבער ליגט הינטער דעם א מיסטעריעזער גרויל ווי פאר עפעס א גהויסער זינד. די אראבער און די פעלאכען פון סיריען לאזען זיך איבערהויפט ניט אויספרעגען, אם וועניגסטען ניט וועגען דעם שטאנד פון זייער פאמיליע. צו פרעגען וועגען דעם ווערט באטראכט פאר א זינד, ווייל דאס איז בלויז נוגע צו גאט, און וואס גאט טוט און שענקט טאר א מענש ניט נאכרעכענען. איבעריגענס האבען מיר א גרונט אנצונעמען, אז דוד'ס גייער מיליטערישער סיסטעם איז ניט געוועזען דער פונדאמענט פון דוד'ס הצלחה אין זיינע מלחמות מיט די שכנים-פעלקער. גיכער זעהט עס אויס, אז ערשט אויפ'ן יסוד פון די פראקטישע ערפאהרונגען וואס זיינען געזאמעלט געווארען אין די דאזיגע מלחמות איז פארגענומען געווארען די נייע ארגאניזאציע אלס א מיטעל פאר שפעטעריגע צייטען.

## ב. בענטש

### דוד'ס הויף און רעגירונג.

וועגען דוד'ס הויף און רעגירונג זיינען אונז געבליבען גאנץ ווייניג ידיעות. כאטש מיט שלמה'ס הויף איז דוד'ס ניט צו פארגלייכען, דאך שטעהט אויך דוד'ס הויף גאר אהן אן ערך העכער איבער שאול'ס אין גבעה

*) א חמת אין גליל ביי טבריה האט, ווי ווייט מיר ווייסען, קיינמאל ניט געשפילט קיין באדייטענדע ראלע.

און אשבעל׳ס אין מחנים. לויט דער ביבלישער טראַדיציע איז די לעבענס־פיהרונג פון די דערמאַנטע צוויי מלכים ניט געווען העכער ווי פון רייכע אידישע לאַנד־אייגענטימער. דוד אבער טראָגט אין זיך אַלע שטריכען פון אן אָריענטאַלישען הערשער אין א גרעסערען סטיל. די ערשטע זאַך האָט ער געזעהן זיך צו שאַפען א קעניגליכע רעזידענץ אין ירושלים אויף דעם בארג ציון, וואָס זאָל באמת פאַרדינען אזא נאָמען. אַט דאָ האָט ער זיך געלאָזט אויסבויען — לויט דער טראַדיציע מיט דער הילף פון צור׳ישע בוימייסטערס — א קעניגליכען פּאַלאַץ. צווישען אַנדערע בנינים האָט אַט דער פּאַלאַץ אויך געהאַט א האַרעם־הויז, וואו עס האָבען געוואוינט דוד׳ס פרויען. פון זיי ווערען אונז אַכט אָנגערופען מיט די נעמען. די באַקאַנטסטע פון זיי, אחוץ מיכל, זיינען אביגיל און בת־שבע, וועלכע זיינען געוואָרען דוד׳ס פרויען אונטער עהנליכע אומשטענדען. ביידע האָבען פריהער געמוזט פאַרלירען זייערע מענער איידער זיי האָבען געקאָנט געהערען צו דוד׳ן. פון זיהן, וועלכע די דאָזיגע פרויען האָבען געבאָרען דוד׳ן, ווערען זיבעצעהן דערמאָנט מיט די נעמען (שמואל ב, ג 2—6 ; ה 14—16). מיט דעם פּאַלאַץ איז נאַטירליך אויך געווען פאַרבונדען א הייליגטום. דאָרטען איז געווען דער ארון פון יהוה. ביי דעם הייליגטום האָט זיך אויך געמוזט געפינען א מזבח, אויף וועלכען מ׳האָט מקריב געווען די טעגליכע קרבנות צו גאָט. לויט דער דערצעהלונג אין שמואל ב, כ״ד האָט דוד בשעת דער מגפה געגרינדעט א באַזונדערען מזבח אויף דעם מזרח־בארג, אין צפון־זייט פון „דוד׳ס פעסטונג“*).

וואו עס געפינען זיך הייליגטימער, מוזען אויך זיין כהנים, וואָס פיהרען אַז דעם קולט אין דער ריכטיגער אָרדנונג. לויט דער טראַדיציע האָט דוד אָנגעשטעלט צוויי כהנים אין זיין הייליגטום אויף דעם בארג ציון. איינער איז א ב י ת ר, פון דער אַלטער כהנים־משפחה פון עלי׳ס הויז, וועלכער איז אנטלאָפען פון דער בלוט־באַד אין נוב און איז מיט דעם אפוד, דאָס הייסט: מיט דעם אָראַקעל־אַפּאַראַט, אריינגעטראָטען אין דוד׳ס דינסט. דער אַנדערער איז צדוק, וועגען וועמעס יחוס עס שטעהט גאָר ניט אין די עלטערע ביכער פון תנ״ד. שפּעטער אבער האָט מען קינסטליך צוגערעכענט זיין סדר־היחוס ביז אהרן׳ען, משה׳ס ברודער. ווי אזוי די ביידע כהנים האָבען זיך געטיילט מיט דעם אמט, ווייסען מיר ניט. פיליייכט איז אביתר׳ס ארבייט געווען ספּעציעל צו געבען דעם אָראַקעל. נעבען די ביידע הויפּט־

---

*) זעה אויבען ז. 70.

כהנים זיינען נאטירליך געווען נאך אנדערע כהנים. אין איין שטעל שטעהט עס, אז אייניגע פון דוד'ס זיהן זיינען געווען כהנים (שמואל ב, ח 18) און אין נאך א שטעל ווערט דערמאנט עירא היארי*) אלס דוד'ס א כהן (שמואל ב, כ 26). ביי א יום־טוב'דיגער געלעגענהייט האט דוד גופא דורכגעפיהרט די פונקציע פון א כהן**). וועגען באזונדערע רעכטען פון כהנים פון שבט לוי האט מען נאך על־כל־פנים אין יענער צייט ניט געוואוסט.

אלס קעניגליכע הויפט־כהנים האבען אביתר און צדוק נאטירליך גע־האט ניט קיין קליינע חשיבות און ניט קיין קליינעם פאליטישען איינ־פלוס. דאס זעהען מיר ביים סוף פון דוד'ס לעבען אין דעם שטרייט וועגען דעם טראן, ווען אביתר שטעלט זיך ענערגיש אויף אדוניהו'ס זייט און צדוק אויף שלמה'ס.

אין פאליטישע פראגען און אין ענינים פון דער רעגירונג באדינט זיך דוד מיט דער עצה פון זיינע יועצים און מיניסטארען. צווישען זיי איז אונז אם בעסטען באקאנט אחיתפל, וועלכער האט געטראגען דעם טיטעל פון „דוד'ס יועץ" און וועמעס עצה איז געווען אזוי ווי א אראקעל פון גאט (שמואל ב, ט"ו 12 : ט"ז 23). נעבען אחיתפל'ן ווערט דערמאנט חושי הארכי, וועלכער טראגט דעם טיטעל „דוד'ס פריינד" (שמואל ב, ט"ו 37). „פריינד" פונ'ם קעניג איז אגב ניט קיין געוועהנליכע באצייכענונג פון אן אמט, נאר א באזונדערער עהרען־טיטעל. וועלכען מ'האט געקראגען פאר וויכטיגע אויפטואונגען. פון הויף־באאמטע ווערען נאך דערמאנט: דער „סופר", דאס הייסט: דער שרייבער אדער קאנצלער; דער „מזכיר", אונ־טער וועלכען מ'דארף זיך פארשטעלען א מיניסטער אדער א פארלעזער, און דער צינז־מייסטער (שמואל ב, ח 17; שמואל ב, כ 24). א מין הויף־באַ־אמטע זיינען אויך געווען דיביידע זעהער: נתן און גד. דער לעצטער ווערט אויסדריקליך אנגערופען "דוד'ס זעהער" (שמואל ב, ז 2; י"ב 1; כ"ד 11: מלכים א, א 8). די פראמינענטסטע ראלע אבער צווישען אלע הויף־באַ־אמטע האט געשפילט דער הויפט־קאמאנדיר יואב, דער זוהן פון דוד'ס שוועסטער צרויה (דברי הימים א, ב 16). א צווייטער גענעראל איז געווען אבישי, אויך א זוהן פון צרויה. אחוץ דעם האט דוד, ווי אלע אריענטאלישע הערשער, נאך צוגעצויגען צו זיין הויף אלערליי באדייטענדע מענער פון אלע געגענדען פון לאנד, כדי זיי ארויסצואווייזען זיין דאנקבארקייט פאר גע־

*) זעה באנד 1, ז. 252.
**) זעה אויבען ז. 70.

וויסע גוטע אויפטואונגען זייערע און כדי פעסטער צו פארקניפען דעם באנד צווישען זיין פערזאן און דער באפעלקערונג פון לאנד. די דאזיגע מענער זיינען ניט געווען קיין באאמטע, נאר זיי האבען געגעסען ביים „קעניג'ס טיש". א ביישפיל פון דעם מין הויף־לייט איז דער אלטער ברזלי פון גלעד, וועלכער אנטזאגט זיך פון דעם כבוד, צוליב זיין הויכען עלטער, גיט אבער דערפאר דוד'ן אנצוהערעניש, אז ער זאל אויף זיין שטעל צונעמען אין הויף כ מ ה ם, מן־הסתם זיינעם א זוהן אדער א נאהענטען פארוואנדטען (שמואל ב, כ).

ווי אזוי דוד האט אנגעפיהרט זיין רעגירונג, ווייסען מיר ניט פיעל. אז ער האט זיך אינטערעסירט מיט אויסערליכער פאליטיק, ווייזט אונז דייטליך זיין שליחות צום קעניג פון עמון חנון נאך דעם טויט פון זיין פאטער נחש. אינ'ם אינערליכען אידישען לעבען האט ער געזארגט פאר א ריכטיגען משפט. יעדערער האט געקאנט קומען צום קעניג פאדערען גערעכטיגקייט (שמואל ב, י"ד: ט"ו 2). נאטירליך פלעגט מען ניט קומען צו איהם מיט קליינע ענינים: פאר דעם צוועק זיינען געווען „זקנים" און „שופטים" אר־מעטום. אבער ווען עס איז פארגעקומען א באזונדערס שווערער פאל, אדער ווען איינער האט געגלויבט, אז די ריכטער האבען איהם געקריוודעט, איז ער געגאנגען דאן צום קעניג, וועלכער האט זיך צו יעדערען צוגעהערט. ווען א קעניג איז געווען ערנסט דעריז, האט דאס געמוזט האבען א גוטע השפעה אויף די ריכטער אין גאנצען לאנד. פילייכט איז דאס ניט קיין פאנטאזיע, ווען די שפעטערדיגע האבען געזעהן אין דוד'ס מלוכה דעם אידעאל פון משפט און יושר.

ר. קיטעל

## שאול'ס הויז. גבעון.

צוויי עפיזאדען וועגען דוד'ס האלטונג בנוגע צו די ווייניג געבליבענע מיט־גלידער פון שאול'ס משפחה, מעגען אפשליסען די געשיכטע פון דוד'ן. זיי געהערען וואהרשיינליך אין דער צייט פאר דוד'ס אויסווערטיגע מלחמות. אין אונזער דערצעהלונג אבער שטעהען זיי אויסער יעדען היסטארישען צו־זאמענהאנג, אזוי אז עס איז שווער צו באשטימען גענויער זייער צייט. די צווייטע פון די דאזיגע עפיזאדען מוז געאורטיילט ווערען אין דער באַ־לייכטונג פון דער ערשטער.

די ערשטע עפיזאדע איז ווי פאלגט: דוד האט געפיהלט דאס באדערפעניש (אהן ספק א געווויסע צייט נאכדעם ווי שאול'ס גאנצע מלוכה איז צו איהם אריינגעפאלען און ער האט זיך געהאט באזעצט אין ירושלים*) צו טאן גנאד מיט די וואס זיינען איבערגעבליבען פון שאול'ס הויז. ער האט עס געטאן זיך דערמאנענדיג אן דער פריינדשאפט צווישען איהם און שאול'ס זוהן יונתן. אויף זיין אויספארשונג ווייזט זיך ארויס, אז עס געפינט זיך נאך יונתן'ס א זוהן מריבעל. ער איז א קריפעל פון קינדווייז אן און לעבט, ווי עס ווייזט אויס, צוריקגעצויגען אין לו־דבר**), וואהרשיינליך אויס מורא פאר דוד'ס נקמה. דוד לאזט איהם ברייגנען צו זיך און באשענקט איהם מיט זיין זיידע'ס אייגענטום. עס זעהט אויס דערפון, אז דוד האט עס געהאט קאנפיסקירט. מריבעל אבער זאל זיך באזעצען אין ירושלים און אנשטאט איהם זאל ציבא, שאול'ס הויז־קנעכט, פארוואלטען די נחלה אין גבעה. דוד פארבינדט דערמיט גוטסקייט און קלוגקייט. מיט זיין גוטסקייט שאנעוועט ער מריבעל'ן, וועלכער האט געמיינט, אז זיין לעבען איז פארשפילט, און באשענקט איהם נאך דערצו קעניגליך. אבער אין דערזעלביגער צייט נעמט ער אוועק דעם פרינץ פון זיין משפחה און פון שאול'ס היים און האלט איהם אין ירושלים אונטער זיין אייגענער השגחה. מריבעל און די אדעליגע פון שבט בנימין וועלען בכן ניט האבען קיין געלעגענהייט זיך צו דערמאנען אן די רעכטע פון שאול'ס הויז (שמואל ב. ט).

אויב דוד האט אין דעם פאל ארויסגעוויזען גרויסמוט אויף אזא'ן אופן, וועלכען קיינער האט פון איהם ניט געקאנט דערווארטען, לויט דעם מנהג פון יענער צייט, לעגט זיך ניט אויפ'ן שכל, אז אין אן אנדער פאל, וואס איז פארגעקומען פריהער***), ביי יענער צווייטער עפיזאדע, וועלכע מיר האבען אויבען דערמאנט, זאל דוד אומישנע זוכען אויסצוראטען שאול'ס הויז. „אין זיין אייפער פאר ישראל" האט שאול פארגעוואלטיגט די שטאדט גבעון, וועלכע האט אונטער אן אלטען אפמאך אויפגעהאלטען איהר כנעני'שע איי־

---

*) דאך אבער ניט צו פריה, ווי ס'איז צו דריגנען פון שמואל ב, ד 4 פארבונדען מיט ט 12. אויב מריבעל איז ביי שאול'ס טויט אלט געווען 5 יאהר און ביי דוד'ס איבערנעמען די מלוכה איבער גאנץ ישראל 12—13 יאהר און אויב ער האט איצטער א קליינעם זוהן, הייסט עס, אז עס האבען געקאנט פארגעהן ארום 10 יאהר זינט אשבעל'ס טויט. גענויער לאזט זיך ניט זאגען.

**) דער ארט האט געמוזט ליגען נאהנט ביי מחנים. פארגלייך שמואל ב, י"ז 27.

***) די פראגע, אויב עס איז נאך וועך איבערגעבליבען פון שאול'ס הויז האט אין קאפּ־ט נאר א זין, אויב עטליכע פון זיי זיינען פריהער געטויט געווארען.

גענארטיגקייט. מ׳דארף אננעמען, אז שאול האט געוואלט צווינגען די גבעונים צו ווערען אידען, און אז זיי האבען זיך אנטזאגט, זיך שטיצענדיג אויף זייער אפמאך. שאול האט געמאכט אן איבערפאל אויף גבעון און האט אויסגעה׳רג׳עט א טייל פון דער באפעלקערונג. עהנליכעס האט, ווייזט אויס, פאסירט אויך מיט בארות*). אן ארט וואס ליגט אין דער שכונה פון גבעון; און עס לעגט זיך לייכט אויפ׳ן שכל, אז אויך אט דא האט שאול מיט געוואלט געבראכען די אלטע רעכטען. אויף שאול׳ן און אויף ישראל ליגט צוליב דעם א בלוט־שולד, וואס מוז אפגעוואשען ווערען. איינמאל אונטער דוד׳ן, ניט זעהר לאנג נאכדעם ווי ער איז געווארען דער מלך איבער גאנץ ישראל, איז דריי יאהר נאכאנאנד געוועז א טריקעניש און א הונגער אין גאנצען לאנד. דוד האט וועגען דעם געפרעגט דעם אראקעל פון יהוה און ער האט געקראגען אן ענטפער, אז די אורזאך דערפון איז יענע בלוט־שולד, וואס ליגט אויף שאול׳ס הויז**) און דורך דעם אויף ישראל. ווייל דער קעניג פארטרעט דאס פאלק. די איינוואוינער פון גבעון, וועלכע האבען געליטען דאס אומרעכט, זאלען באשטימען מיט וואס דאס קאן גוט געמאכט ווערען. זיי פאדערען בלוט פאר בלוט. זיבען מענליכע קינדער פון שאול׳ס הויז ווערען אויסגעליפערט צו די גבעונים און פון זיי „אויסגעשטעלט פאר יהוה***). דאס זיינען שאול׳ס צוויי זיהן פון זיין קעפסווייב רצפה, וועלכע האט אמאל פאראורזאכט די מלחמה צווישען אבנר׳ן און אשבעל׳ן, דערצו פינף אייניקלעך פון שאול׳ס טאכטער מירב****). וואס האט חתונה געהאט מיט עדריאל דעם זוהן פון ברזלי פון אבל־מחולה. יונתן׳ס זוהן מריבעל שאנעוועט דוד צוליב זיין בונד מיט יונתן׳ען. ס׳איז א ריהרענד בילד פון מוטערליכער ליבע ווי די אומגליקליכע רצפה האלט וואך ביי איהרע טוי־

---

*) שמואל ב, ד 2, 3. דאס איז על־בירע, נאהנט ביי גבעון, בית־אל און גבעה. מחמת דער נאהנטקייט צו זיין רעזידענץ און בכלל צום לאנד בנימין האט שאול נאך שארפער געפיהלט די אומבאקוועמליכקייט פון האבען פרעמדע עלעמענטען ביי זיך אין דער אייגענער געגענד.

**) שמואל ב, כ״א 1. „על שאול ועל ביתו דמים", דארף מען לעזען לויט דעם תרגום השבעים.

***) אין גבעון גופא, אויף דעם בארג פון יהוה. לויט׳ן תרגום השבעים דארף מען לייענען אין פסוק 6 „בגבעון בהר יהוה." דער „הר יהוה" איז קענטיג די „גרויסע במה" פון גבעון, וועלכע ווערט דערמאנט אין מלכים א, ג 4. — א סברא איז עס, אז זיי זיינען פריי־הער געטויט געווארען. די פארשארפונג פון דער שטראף איז באשטאנען אין ניט לאזען באגראבען די טויטע קערפערס.

****) מירב דארף שטעהן אנשטאט מיכל. פארגלייך שמואל א, י״ח 19.

טע קינדער און טרייבט אוועק פון זייערע טויטע קערפערס די ווילדע חיות און די רויב־פויגלען. אין גליהענדער זומער־היץ איז די אומגליקליכע מאַ־נאַטען לאַנג ניט אַפּגעטראַטען פון די פאַנאַנדערפאַלענדע קערפערס, ביז עס האָט ענדליך אנגעהויבען רעגנען, א סימן, אז יהוה'ס צארן איז איינגע־שטילט. איצט קאָן מען מקבר זיין די קערפערס. דוד זאַמעלט זייערע ביי־נער און לאָזט זיי באַגראָבען אינ'ם פאַמיליען־קבר פון קיש אין צלע אין לאַנד בנימין. שאול'ס הויז איז, קוים מיט דוד'ס ווילען, געווארען א קרבן פון דעם רעליגיעזען גלויבען פון זיין צייט.

פ ו ן ד ו ד ' ס פ א מ י ל י ע ן ־ ג ע ש י כ ט ע. א ב ש ל ו ם.

דוד האָט מיט טריאומף באַזיגט די אידישע פיינד, אבער ער איז ניט געווען בכוח צו באַהערשען זיין ווילדע תאוה. דערזעלביגער מאַן וואָס האָט געהאַט די שטארקייט און געניטקייט צו פיהרען זיין פאָלק אַלץ העכער פון שטופע צו שטופע, האָט ניט געהאַט גענוג שטארקען ווילען צו דערציהען זיי־נע זיהן אין איינגעהאַלטענקייט און כבוד. די ביטערע פרוכט האָט באַלד געמוזט קומען. אונזערע דאָקומענטען אין תנ"ך דערצעהלען די געשיכטען פשוט, זאַכליך, אומפּאַרטייאיש, קיינעם ניט שאַנעווענדיג, און מיט אַזאַ הויכער מאַראַלישער באַלעהרונג, אז מען מוז ווייט זוכען איהר גלייכען.

בעת יואב שטעהט מיט דער ארמיי פאַר רבת עמון, זינדיגט דוד מיט דער פרוי פון א קאַפּיטאַן, וועלכער איז אוועק אין קריג. כדי זיך צו באַ־פרייען פון די רעזולטאַטען, וואָס ווייזען זיך באַלד, שיקט דוד נאָך איהר מאַן אוריה'ן, אז ער זאָל קומען אהיים מיט א באַריכט וועגען דעם מצב פון דער מלחמה. יענער אבער אנטזאָגט זיך צו באַזוכען זיין פרוי און איילט זיך צוריק צו דער ארמיי. ער גיט אַן אַלס גרונט, אז זיין פליכט־געפיהל אַלס סאַלדאַט ערלויבט איהם דאָס ניט צו טאָן; עס קאָן אבער גרייליך זיין, אז ער האָט טאַקע באמת געוואוסט וואָס ס'איז פאָרגעקומען. עס בלייבט נאָך איין מיטעל צו פארדעקען דעם קעניג'ס שאַנד. דוד גיט אוריה'ן מיט א בריף צו יואב'ן, אז ער זאָל באַזייטיגען דעם לעסטיגען אנקלעגער. יואב זאָל איהם שטעלען אין שלאַכט אין א געפעהרליכער פּאָזיציע, און איהם ניט קומען צו הילף. דער בייזער פּלאַן גיט זיך איין. אוריה'ס פרוי ב ת ־ ש ב ע באַוויינט איהר מאַן, ווי די פליכט פאָדערט פון איהר, און ווערט באַלד איהר פארפיהרער'ס פרוי (שמואל ב, י"א).

נאָכדעם ווי בת־שבע האָט געבאָרען א קינד, האָט שוין פון קיינעם ניט געקאָנט בלייבען באַהאַלטען דאָס וואָס אוריה איז דערגאַנגען אדער אויף

וואס ער האט געהאט א חשד. דער נביא נתן פארטרעט דאס עפענטליכע געוויסען. צוערשט מיט א משל און דאן גאנץ אפען לאזט ער דוד׳ן וויסען די שטראף וואס יהוה וועט ברייגנען אויף איהם. אנשטאט בייז צו ווערען אויף נתן׳ען, ווייזט אויך דא דוד ארויס זיין אמת׳ע גרויסקייט און ער איז זיך מתודה אויף זיין זינד. דאס קינד ווערט קראנק און שטארבט אין זיבען טעג ארום, ניט קוקענדיג אויף דוד׳ס תפלות. דוד האט געוויס געמוזט דערקענען אין דעם קינד׳ס טויט יהוה׳ס שטראף פאר זיין זינד. אבער ער קאן ניט שטערען, אז זיין ביישפיל זאל ניט ברייגנען קיין שלעכטע פרוכט פאר זיינע דערוואקסענע זיהן.

אין די צייטען פון לאנגער רוה נאך בלוטיגע און זיגרייכע מלחמות האט דוד קענטיג זיך איבערגעגעבען צו די תענוגים פונ׳ם הויף־לעבען, און זיין הויף און זיין הויז זיינען ניט אפגעשטאנען אין דעם פון איהם אליין. ביי זיין ערשט־געבארענעם זוהן האט זיך צעפלאקערט די תאוה צו זיין האלב־שוועסטער תמר. פאלגענדיג דער עצה פון א געוויסענלאזען חונף אין הויף, קריגט ער זי אריין מיט רמאות. ער מאכט זיך פאר קראנק און קריגט א באזוך פון איהר. נאכדעם ווי ער האט ערפילט זיין תאוה, טרייבט ער ארויס די געשענדעטע מיידעל מיט א הארצלאזער גראבקייט, ווייזענדיג דערמיט, אז ניט קיין ליבע האט איהם געטריבען צו איהר, נאר ווילדע תאוה.

ווען מיר הערען ווי אונזער דערצעהלער פון ספר שמואל שילדערט ווי אין דוד׳ס הויז האט איין שלעכטע האנדלונג ארויסגעבראכט די אנדערע, פיהלען מיר ווי מיר וואלטען זעהן א שטיק גריכישע שיקזאל־טראגעדיע זיך אפשפילענדיג פאר אונזערע אויגען. איין פארברעכען קומט נאך דעם אנ־דערען, עפעס אזוי ווי געטריבען דורך א בייזען שיקזאל. דער פאטער האט אנגעהויבען מיט אפענער אומטרייקייט אין פאמיליען־לעבען און גע־פרואווט פארשלייערען זיין זינד מיט פאלשקייט און זי פארדעקען מיט בלוט. ער האט דערפאר זיך ניט געקאנט וואונדערען ווען זיינע קינדער האבען זיך ניט אפגעשראקען פאר פארגעוואלטיגונג און שענדונג, און הא־בען זיך געלאזט פיהרען ווייטער צו מארד און אויפשטאנד.

נאך דעם וואס ער גופא האט געטאן, האט דוד ניט מעהר דעם מוט צו שטראפען אמנון׳ס פארברעכען אנדערש ווי מיט ווערטער*). אן אנדע־

*) שמואל ב, י״ג 21. דער תרגום השבעים איז דא מוסיף צום פסוק די ווערטער: „ולא עצב את רוח אמנון בנו כי אהבו כי בכורו הוא“. לויט אסך מאדערנע מבארים איז די הוספה א טייל פון אורשפרינגליכען העברעאישען טעקסט.

רער פון זיינע זיהן, תמר'ס פולער ברודער אבשלום, שטעלט זיך דעריבער ארויס צו נעמען נקמה פאר זיין געשענדעטער שוועסטער. אבער ער קאן ווארטען ביז עס וועט זיך מאכען א געלעגענהייט. צוויי יאהר נאך דער פאסירונג לאדט אבשלום איין דעם קעניגליכען הויף אויף זיין נחלה אין בעל־חצור, א שעה־צוויי אין צפון־זייט פון בית־אל: ס'איז דער יום־טוב פון שערען די שאף. אמנון און די איבעריגע פרינצען ערשיינען. אין פארלויף פון דער סעודה ווערט אמנון דער'הרג'עט פון אבשלום'ס קנעכט אויף דעם לעצטענ'ס באפעהל. די אנדערע פרינצען אנטלויפען אהיים, אבשלום אנטלויפט קיין גשור צו זיין זיידען תלמי*). דריי יאהר איז ער דארטען אין גלות, ביז עס גיט זיך איין יואב'ן מיט רמאות איבערצובעטען דעם קעניג. אבשלום מעג זיך צוריקקעהרען קיין ירושלים, אבער אין א משך פון צוויי יאהר איז איהם געווען פארבאטען זיך צו באווייזען פאר'ן קעניג. סוף כל סוף גיט זיך איהם איין, ווידער דורך יואב'ס פארמיטלונג, צו קריגען פון קעניג פולע באגנאדיגונג.

ניט צו זיין גליק האט דוד געשאנקען אבשלום'ען גנאד. צו דעם אמביציעזען און האפערטיגען כאראקטער פון אבשלום'ען איז איצט נאך צוגעקומען א שטארקע לוסט צו נעמען נקמה פאר דאס וואס מ'האט צו איהם געטאן, לויט זיין מיינונג, מיט אומרעכט. קריגענדיג איצט נאך אמנון'ס טויט די רעכטען פון דעם יורש פון טראן נוצט ער אויס זיין נייע שטעלונג כדי אוועקצו'גנב'ענען ביי דעם געעלטערטען קעניג דאס הארץ פונ'ם פאלק. און ניט זיינענדיג צופרידען מיט דעם אויסקוק צו ווערען נאך א לענגערער אדער קירצערער צייט דעם פאטער'ס געזעצליכער נאכפאלגער, פלאנעוועט ער דורך פארראט צו באזייטיגען דעם פאטער פאר דער צייט**).

פיער יאהר לאנג***) האט ער אלצדינג צוגעגרייט אין דער שטיל, גע־

---

*) זעה אויבען ז. 77.

**) שמואל ב, ט"ו 1—6. דאך איז ניט אויסגעשלאסען, אז אבשלום האט געוואוסט פון דער הבטחה וואס דוד האט געגעבען בת־שבע'ן, אז שלמה וועט ירש'ענען זיין טראן (מלכים א, א 17, 30) און אין דעם מוז מען זוכען אבשלום'ס וויכטיגסטען מאטיוו. דער אויפשטאנד געפינט דאן זיין פסיכאלאגישע באגרינדונג ניט בלויז אויף אבשלום'ס זייט, נאר אויך אויף דער זייט פון ישראל: עס איז די סימפאטיע מיט דעם צוריקגעזעצטען.

***) אין ט"ו 7 דארף מען לעזען „ארבע" אנשטאט „ארבעים", לויט דעם תרגום השבעים און אויך לויט יוסף פלאוויוס.

ווינענדיג אונטערדעסען דאס פאלק פאר זיין פאררעטערישען פלאן דורך א קעניגליכען גלאנץ און דורך זיין אראפלאזען זיך ווייך און מילד צו יעדען איי־נעם. זיך האבענדיג פארזארגט מיט אלצדינג, געהט ער איצט אריבער צו אן אפענעם אויפשטאנד נעגען דעם קעניג, וועלכער האט ניט געהאט קיין שום חשד.

אין דער אלט־הייליגער שטאדט חברון. וועלכע איז גלייכצייטיג די פארנאכלעסיגטע און דעריבער אומצופרידענע אלטע הויפטשטאדט און פארלאזענער קולט־צענטער פון יהודה, וויל ער מיט דעם קעניג׳ס ערלויבע־ניש ברייננען א קרבן. ער איז דארטען געבארען און אויפגעוואקסען. ער האט זיך פילייכט געפיהלט נעהנטער צו דעם יהוה פונ׳ם אלטען הייליגטום פון ממרא איידער צו דעם יהוה פון ארון. דארטען האט ער זיינע חברים פון דער יוגענד און זיינע נעהנטסטע פריינד. מ׳קאן זיך משער זיין, אז אונטער זייער און יהוה׳ס באשיצונג פיהלט ער זיך אם זיכערסטען. צוגלייך מיט איהם פארלאזען זיינע שלוחים ירושלים און זאגען אן אין ישראל, אז אבשלום האלט אין באשטייגען דעם טראן. דא אין חברון, אונטערשטיצט פון די פאר־שטעהער פון שבט יהודה, וויקעלט אבשלום פאנאנדער די פאהן פון אויפ־שטאנד. באלד זאמעלט זיך א היבשער טייל פון גאנץ ישראל ארום אבשלום׳ען (שמואל ב. ט״ו 7—12).

די נייעס פון אבשלום׳ס בונט איז געקומען פאר דוד׳ן ווי א דונער פון א קלארען הימעל. ער האט פון קיין זאך ניט געוואוסט און איז לחלוטין ניט געווען צוגעגרייט. ניט בלויז אין יהודה, נאר אויך אין דעם איבעריגען טייל פון אידישען פאלק האט דוד׳ס רעזשים געמוזט דערוועקען אומצופרי־דענקייט. אחוץ עטליכע געטרייע — צווישען זיי די 600 אויסלענדישע זעל־נער — האט דוד, ווי עס זעהט אויס, געקאנט דערווארטען אין דעם מאָ־מענט גאנץ ווייניג הילף אויף דער מערב־זייט פון ירדן. נאר דער מזרח, וואס האט פריהער זיך געהאלטען אזוי פעסט אן שאול׳ס הויז, אריינגערעכענט אויך עמון, וועמען ער האט אזוי שווער אונטעריאכט, איז קענטיג איהם געבליבען טריי. אפילו אין זיין פעסטער הויפטשטאדט פיהלט זיך דוד ניט גענוג זיכער געגען אבשלום׳ס א פלוצליכען איבערפאל און באשליסט זי צו פארלאזען (שמואל ב ט״ו 13—15).

אויך אין דער דאזיגער שווערער לאגע פון זיין פיעל־באוועגטען לעבען פארלירט דוד ניט זיין בטחון אין גאט, זיין מוט און זיין קלוגקייט, וועלכע האבען איהם אזוי אפט באגלייט. איבערלאזענדיג זיין הארעם אין פאלאץ, אנטלויפט ער איבער׳ן קדרון צום ירדן צו. זיין לייב־גווארדיע, זיין הויז

און אלע וואס האלטען זיך אן איהם ציהען מיט. צווישען זיי צדוק און אביתר מיט דעם ארון פון יהוה. דוד הייסט זיי געהן צוריק קיין ירושלים: ער לעבט מיט דער האפענונג, אז יהוה וועט זיין שטאדט ניט פארלאזען. דער־צו קאנען די כהנים דורך זייערע זיהן יונתן און אחימעץ איהם לאזען וויסען אין געהיים וואס עס קומט פאר אין שטאדט. צום זעלביגען צוועק שיקט ער צוריק זיין געטרייען פריינד חושי הארכי, מיט דעם אויפטראג זיך אנצוזעבען אלס אבשלום'ס אן אנהענגער און צו מאכען צו נישט די עצות פון דעם קלוגען אחיתפל, וועלכער איז צוגעשטאנען צו אבשלום'ען און איז פיליכט געבען עמשא געווען די נשמה פון גאנצען אויפשטאנד*).

אז אבשלום'ס אויפרוף צו ישראל האט געפונען אן אפענעם אויער אויך אין שאול'ס הויז און אין זיין שבט, דאס האט דוד געזאלט איצט דערגעהן. נאך אויפ'ן הר הזיתים קומט איהם אנטקעגען מריבעל'ס הויז־קנעכט ציבא מיט דער בשורה, אז זיין האר האט זיך אנגעשלאסען אן אבשלום'ען מיט דער האפענונג צו קריגען איצט דורך איהם זיין זיידע'ס טראן (שמואל ב. ט"ז 1—4). באלד נאכדעם, אין בחורים, טרעפט איהם שמעי, א חשוב'ער מאן פון בנימין. ער איז איהם מקבל פנים מיט שרעקליכע קללות וואס וויזען גענוג דייטליך ווי פריש עס איז נאך געווען ביי מאנכע די ערינערונג אן שאול'ן און אן זיין הויז וואס האט אהן דוד'ס שולד געהאט אזא בלוטיגען סוף (שמואל ב. ט"ז 5—13).

אבשלום האט פארנומען די לעדיגע הויפטשטאדט. ער ווייזט דעם פאלק, אז ער האט איבערגענומען דוד'ס ירושה דערמיט וואס ער געברויכט פאר זיך דוד'ס הארעם. אזוי ווייט ווי ער איז איבערגעבליבען**). גלייכ־צייטיג ווייזט ער אויך זיינע אנהענגער, אז דער ריס קאן שוין מעהר ניט גוט געמאכט ווערען, אז ער קאן זיך שוין מעהר מיט דעם פאטער ניט אי־

---

*) שמואל ב, ט"ו 16—37. אחיתפל איז פיליכט בת־שבע'ס זיידע (שמואל ב, י"א 3 און כ"ג 34). אין דעם פאל האט ער זיך געקאנט פיהלען אלס „גואל הדם" פון דעם דער־מארדעטען מאן פון זיין אייניקעל. מ'דארף וואהרשיינליך אננעמען פארשידענארטיגע קוועלען פון אומצופרידענקייט מיט דוד'ס הנהגה.

**) די הויפט־פרויען האט דוד זיכער מיטגענומען. צעהן קעפסווייבער לאזט ער אי־בער „צו היטען דאס הויז." דאס איז בילדליך גערעדט: זייער אנוועזענהייט זאגט, אז דער פאלאץ איז נאך אין דוד'ס הענט און מיט דעם פאלאץ אויך דער טראן. פיליכט ליגט דערין אויך די פראגע, אויב אבשלום וועט וואגען אזוי ווייט צו געהן. — וואס אבשלום טוט דא אלס באווייז אז ער נעמט איבער די הערשאפט, האט אויך דוד געטאן לגבי שאול'ן, פארגלייך שמואל ב, י"ב 8.

בערבעטען. ער האט פארבערענט די בריקען הינטער זיך. כדי אבער אבשלום זאל זיין זיכער מיט זיין טראָן, מוז צוערשט דוד באזייטיגט ווערען. איצט וועט דאס אנקומען זעהר לייכט, ווייל דוד האט נאך ניט געהאט קיין צייט צו זאמלען זיין חיל און אבשלום האט שוין א היבשע ארמיי ארום זיך. דאס איז די עצה וואס אחיתפל גיט לויט די פאדערונגען פון דער סיטואציע. אבשלום'ס בייזער שיקזאל וויל אבער, אז ער זאל ניט פאל־גען דער עצה. עס שמייכעלט זעהר דעם פוסטען שטאלץ פון דעם פרינץ אויסצוהערען נאך איינעם פון דוד'ס געוועזענע טרייע פריינד. חושי'ס רמאות גיט זיך איין אפצונארען דעם פארבלענדעטען, און אבשלום'ס שיק־זאל איז פארזיגעלט. חושי שרעקט אן אבשלום'ען מיט דוד'ס העלדישער און דרייסטער מחנה און פועל'ט ביי איהם צו ווארטען ביז ער וועט האבען גאנץ ישראל פארזאמעלט ארום זיך. אין דערזעלביגער צייט לאזט ער ווי־סען דוד'ן דורך די כהנים פון אלץ וואס איז באשלאסען געווארען.

פון איצט אן באהערשט דוד די סיטואציע. ער מאכט גלייך זיינע באַ־שלוסען. ער געהט אריבער דעם ירדן, ציהט אריין אין אשבעל'ס אמאליגער קעניגס־שטאדט מחנים און נוצט אויס די צייט וואס איז איהם געבליבען צו זאמלען אן ארמיי. נאטירליך געפינען זיך אויך טויזענדער אין ישראל, וואס קאנען ניט בלייבען טויב צו דער שטים פון פליכט און צו דעם באַ־ריהמטען נאמען פונ'ם אלטען העלדישען קעניג ווען ער רופט צו די וואפען. אזוינע חשוב'ע לייט פון גלעד ווי ברזלי און מכיר בן עמיאל און אפילו דער אונטערוואַרפענער קעניג פון די עמונים שבי בן נחש אונטערשטיצען דעם קעניג מיט אלץ וואס זיי קאנען. דוד'ס פערזאן און יואב'ס נאמען ווירקען אויך איצט מיט זייער כישוף (שמואל ב, י"ז 24—29).

אויך אבשלום איז אונטערדעסען אריבערגעגאנגען דעם ירדן. אין מזרח־זייט פון ירדן מוז קומען צו דער אנטשיידענער שלאכט. דוד'ס חיל מארשירט ארויס אין דריי אפטיילונגען, אנגעפיהרט פון יואב, אבישי און אתי הגתי. אבשלום'ס הויפטקאמאנדיר איז עמשא. ער איז א זוהן פון דעם ישמעאלי יתרא און פון דוד'ס שוועסטער אביגיל. אויף דער דרינגענדער בקשה פון זיינע אנהענגער איז דוד מסכים צו בלייבען אין מחנים. אין וואלד אפרים — אזוי האט מן הסתם געהייסען א געוויסע וואלד־געגענד אין מזרח־זייט פון ירדן — קומט עס צו דער אנטשיידונג. אבשלום'ס חיל האט זיך ניט געקאנט האלטען געגען דוד'ס, כאטש ער איז געווען אהן אן ערך גרע־סער אין צאהל, ווארים דער דערצעהלער באצייכענט איהם קורץ אלס ישראל. לויפענדיג אין איילעניש פארפלאנטערט זיך אבשלום אין די געדיכטע צוויי־

גען פון א טערעבינטע. דער מויל־אייזעל געהט ארויס פון אונטער איהם. אין אזא צושטאנד געפינט איהם א פראסטער סאלדאט הענגענדיג צווישען הימעל און ערד. ער מעלדעט יואב'ן וואס ער האט געזעהן. דער סאלדאט האט מורא געהאט אנצוריהרען אבשלום'ען, ווייל ער האט געוואוסט דוד'ס בקשה, אז מ'זאל קיין שלעכטס ניט טאן דעם פרינץ. דער ווילדער גבור אבער ווייסט ניט וואס דאס הייסט שאנעווען. ער מאכט דעם סאלדאט א פאר־וואורף פאר זיין ווייכהערציגקייט און שטעכט אריין דריי שפיזען אין אבשלום'ס הארץ. גלייך לאזט ער וויסען דורך טראמפייטען־שאל, אז די פארפאלגונג איז צו ענד. אבשלום'ס קערפער ווערט אריינגעווארפען אין א גרוב און ווערט צוגעדעקט מיט שטיינער*).

דוד ווארט אויף ידיעות אין מחנים, זיצענדיג אין טויער. דער וועכ־טער אויבען אויפ'ן טויער זעהט פון וויטען ווי איינער לויפט פון שלאכט־פעלד און באלד נאך איהם א צווייטער; אין דעם ערשטען דערקענט ער אחימעץ'ן, צדוק'ס זוהן, וועלכער איז שוין געווען פאר איהם א גוטער שליח אין ירושלים. אריבעריאגענדיג דעם שליח וועמען יואב האט געשיקט, ברייננגט ער די בשורה פון דוד'ס נצחון. דעם קעניג'ס פאטער־הארץ טראכט אבער נאר פון אבשלום'ען. אויף דעם קעניג'ס פראגע וועגען איהם, דרעהט זיך אחימעץ ארויס פון אן ענטפער. אונטערדעסען קומט אן דער אנדערער לויפער און דערצעהלט ניט פארשטעלט אלץ וואס ס'איז געשעהן. דער קע־ניג ברעכט צוזאמען. באוועגט ביז אין דער טיפעניש פון זיין הארץ, שטייגט ער ארויף אויף דער אויבער־קאמער פון מויער־הויז, קלאגענדיג און וויינענ־דיג הויך אויפ'ן קול איבער זיין זוהן. א לענגערע צייט בלייבט ער דארטען אזוי, איבערגעגעבען צו זיין שמערץ, זיך ניט קימערענדיג אפילו וועגען דעם זיגרייכען חיל, וואס איז אונטערדעסען אנגעקומען נאהנט. יואב איז ניט אומגערעכט, ווען ער איז אין כעס וואס דוד האט ניט קיין אכטונג פאר זיינע געטרייע און העלדישע אנהענגער. ערשט יואב'ס שטארקע ווערטער ווירקען אויף דעם קעניג, אז ער זאל באהערשען זיין שמערץ. אהן א ספק האט יואב מיט זיין האלטונג איצט און א ווײלע פריהער טיף וועה געטאן דעם קעניג (שמואל ב. י"ח 19 — י"ט 9).

---

*) שמואל ב. י"ח 1—18. „לויט אן אלטען מנהג וואס האט נאך געהערשט אין סיריען ביז ניט לאנג צוריק, איז עס געווען פארבאטען מקבר צו זיין א רויבער אויפ'ן זעלביגען אופן ווי עהרליכע לייט. מ'האט געלאזט ליגען דעם טויטען קערפער פון א רויבער דארטען וואו ער איז געפאלען און איהם באדעקט מיט שטיינער".

ווי ס'איז געווען צו דערוואַרטען, האָט איצט, נאָכדעם ווי דער שווערד האָט געדערט, אויפגעוואַכט דעם פאָלק'ס געוויסען. די צעבונטעוועטע שבטים פון ישראל קעהרען זיך איצט אום צוריק מיט חרטה צו דוד'ן, זיך דערמאָנענדיג וויפיעל זיי האָבען איהם צו פאַרדאַנקען, פיליכט אויך צוליב דעם אַלטען ווידערווילען געגען יהודה. עס ווייזט זיך איצט דייטליך ארויס, אַז דוד'ס אייגענער שבט, וועלכער האָט זיך הפנים געפיהלט צוריקגעזעצט זינט דוד איז געוואָרען דער קעניג איבער אַלע אידען, איז געווען דער נעסט פון דער קאָנספּיראַציע. דוד פאַרהאַנדעלט מיט די זקנים פון יהודה און באַט אפילו אַז עמשא'ן יואב'כ שטעל אין דער אַרמיי. איהם, מיינט דוד, מוז ער די ערשטע זאַך געווינען אויף זיין זייט. סוף־כל־סוף מוז ער דאָך שטענדיג זוכען זיין שטיצע אין אייגענעם שבט. עמשא'ן האָט דוד קענטיג באַטראַכט אַלס דעם טרייבענדען כוח פון דעם ווידערשטאַנד געגען זיך און ער האָט דעריבער, אין אַן אויפגערעגטען מאָמענט, פאַרגעסען צוליב איהם יעדע פליכט פון טריישאַפט און דאַנקבאַרקייט צו יואב'ן. אָהן פיעל מיה גיט זיך איהם איין אויפצוריייצען די קוים באַגראָבענע אייפערזוכט פון יהודה. דוד'ן מיט זיין קלוגער דיפּלאָמאַטיע פאַלט אָבער איין זאַך ניט איין: אַז דער קאָנטראַסט צווישען דעם צפון און דעם דרום, וועלכען ער וועקט, ניט מחמת ער זוכט קריגעריי, נאָר וויל ער דאַרף איהם האָבען פאַר זיין הערשאַפט, וועט ווידער אַנצינדען דעם פלאַם פון אויפשטאַנד.

די לייט פון יהודה ברייגגען דוד'ן מיט פּאַראַד איבער דעם ירדן. אַז זיי שליסט זיך אַן שמעי בראש פון 1000 לייט פון שבט בנימין. דוד איז איהם גרויסמוטיג מוחל. אויך ציבא איז פאַרטאָן צו העלפען דוד'ן מיט אַלץ וואָס ער קאָן. באַלד ערשיינט אויך דער קריפּעל מריבעל זיך ריינצוואַשען פון ציבא'ס רכילות אויף איהם. דוד טרויט ניט זיין אומשולד און הייסט זיי זיך טיילען די נחלה. אין גלגל שליסט זיך אַן דער פּראָצעסיע אַן דאָס איבעריגע פון ישראל'ס חיל. דער פאַרצוג וועלכען דוד האָט געגעבען די פאַר־עקשנ'טע לייט פון יהודה, און מ'קאָן זיך משער זיין, אַז נאָך מעהר האָט גע־ווירקט די אינטריגע געגען זיי גופא, וועלכע איז געווען לייכט צו דערקע־נען — האָט געשאַפען אַ שלעכטע שטימונג ביי די לייט פון ישראל. פון דאָס ניי ברעכט אויס די קריגעריי צווישען דעם צפון און דעם דרום (שמואל ב. י"ט 10—44).

דוד, וועמעס פּאָליטיק איז אומעטום געווען פון אַ זשעני פון ערשטען ראַנג, האָט אָבער ניט נאָר ניט געקאָנט בייקומען דעם קאָנטראַסט, נאָר האָט איהם צום סוף איבער געוואַלד געמוזט ארויסרופען. און צוזאַמען מיט דעם

קאנטראסט האט ער אויך ארויסגערופען יענעם שלעכטען גייסט, וואס האט געזאלט ווערען דער בייזער שיקזאל, ווי פון מאנכע אנדערע פעלקער, אויך פון ישראל.

די רעזולטאטען קומען באלד. די ניי ערוואכטע אייפערזוכט צווישען דעם צפון און דעם דרום רופט ארויס פלוצלונג אין שבט בנימין די האפענונג, וועלכע מ'האט געהאלטען שוין אויף אייביג באגראבען דורך אבשלום'ס אונטערגאנג. ש ב ע ב ן ב כ ר י פון בנימין לאזט פון דאס ניי בלאזען די טראמפייט פון קאמף געגען דוד'ן. א היבשער טייל פון ישראל האט קענטיג אויך איצט אפגעענטפערט אויף דעם רוף צום אויפשטאנד. יהודה אבער בלייבט דעם מאל פעסט און פיהרט דוד'ן צוריק קיין ירושלים. עמשא זאל, לויט דוד'ס צוזאג, צוזאמענרופען דעם חיל פון יהודה געגען דעם בונטאוושציק. יואב איז ניט געווען דער מאן אנצונעמען געדולדיג די אומפארדינטע צוריקזעצונג. אזוי ווי עמשא ציהט אפ די זאך צו לאנג, האט יואב פארשטאנען ווי זיך ווידער צו מאכען נוצליך פאר דעם קעניג. דוד שיקט אויך איהם מיט דער לייב-גווארדיע און די גבורים צום קאמף געגען שבע*). ביי גבעון באגעגענען זיי זיך מיט עמשא'ן. ער פאלט, ווי אמאל אבנר, דורך יואב'ס פאררעטערישען שווערד.

די בונטאוושציקעס האבען זיך צוריקגעצויגען קיין צפון. יואב יאגט זיי נאך און פארטרייבט זיי ביז דעם לעצטען גרעניץ פון דער אידישער טעריטאריע. אין אבל-בית-מעכה, נאהנט צו דן און צו די ירדן-קוועלען, גיט זיך עמשא'ן איין זיך צו באפעסטיגען. יואב גרייט זיך צו נעמען די שטאדט מיט שטורם. דא ווערט איהם, אויף זיין פאדערונג, אריבערגעווארפען איבער'ן מויער שבע בן בכרי'ס קאפ. יואב ציהט אפ און שאנעוועט די טרייע שטאדט (שמואל ב, כ 1—22).

דוד'ס געשיכטע איז דערמיט געענדיגט. וואס עס קומט נאכדעם, איז קוים יעשעהן מיט זיין ווילען. דוד האט נאך א געוויסע צייט געהערשט אין פרידען שטיל און ניט געשטערט; דאן טרעפען מיר איהם אלס א מידען גרייז. קוים מעהר פעהיג אליין אנצונעמען א באשלוס און אין די הענט פון א הארעם- און הויף-געזעלשאפט, וואס איז ניט געווען קיין גרויסע איבערקלייבערין אין צילען און מיטלען. פאר דער היסטאריע איז דוד אראפ פון דער סצענע.

*) פיליכט אונטער אבישי'ס אויבערבאפעהל, שמואל ב, כ 6.

## דוד'ס כאראקטער.

דאס בילד פון **דוד'ס כאראקטער** שטעהט אסך דייטלי־כער אין ליכט פון דער היסטאריע איידער שאול'ס. ישראל'ס גרויסקייט און יהוה'ר כבוד זיינען דוד'ס ערשטער געבאט. דעריבער האט ער אויף אייביג די דאנקבארקייט פון אידישען פאלק און די ליבע און אכטונג פון אלע דורות. דוד שטעהט מיט א קאפ העכער איבער דער געוועהנליכער גרויס פון מענשליכע הערשער. ניט נאר זיין פארגענגער שאול, נאר אויך די אידישע מלכים נאך איהם קומען קיינער ניט צו איהם אין גלאנץ, אין קראפט און אין פעהיגקייט אלס זיגער און הערשער. און איז גרויסמוטיגקייט, קלוגקייט און פעסטקייט. אפילו אין ווילדע אימפולסען און דעספאטישער תאוה קאן זיך קיינער צו איהם ניט גלייכען.

אבער אויך אין זיינע שוואכע זייטען טרעט בולט ארוים די גרויסקייט פון דוד'ס נשמה און איהר גאנצע שענקייט. דוד'ס דעספאטישער קאפריז האט פארפיהרט בת־שבע'ן, האט דערמארדעט אויף א געמיינעם אופן אוריה'ן — אבער ער בייגט זיך אין אויפריכטיגער חרטה פאר דעם אורטייל פונ'ם פאלק און פאר דעם ווארט פונ'ם נביא*). דוד'ס שוואכקייט אלס פא־טער האט אויף דעם געוויסען אמנון'ס פארברעכען און אבשלום'ס אויפ־שטאנד און מארד — אבער זיין פאטערליכע הארץ הערט ניט אויף צו שלא־גען ווארים אפילו פאר זיין טיף געפאלענעם זוהן. דוד'ס שוואכקייט און זיין איידעלער שמערץ אלס פאטער אפעלירט זעהר שטארק צו אונזער מענשליכער נאטור און ווערט פארוואנדעלט פאר אונזערע אויגען אין א ריהרענדער, גרויס־הארציגער טריישאפט פון א פאטער. דוד'ס גרויסמוטיגקייט שטעהט אויסער יעדען צווייפעל לגבי שאול'ן און זיין הויז, פונקט ווי לגבי שמעי'ן און עמשא'ן. בנוגע צו יואב'ן קענען מיר קיין פסק־דין ניט ארויסגעבען, ווייל ס'איז אונז אוממעגליך אריינצוקוקען אין דעם תוך פון די געשעהענישען. פאעטישע באגאבונג און רעליגיעזער אייפער זיינען אזוינע בולט'ע שטריכען אין דוד'ס כאראקטער, אז מ'וועט קוים באשטרייטען די מעגליכקייט, אז ער האט גענומען א טעטיגען אנטייל אין דעם אנהויב פון דער אידישער רעליגיעזער ליריק.

---

*) שמואל ב, י"ב; ט"ז 10; כ"ד 17.

## 3.

## שלמה המלך.

### שלמה'ס טראָן באשטייגונג.

די לעצטע טעג פון דוד'ס לעבען זיינען פארטונקעלט דורך דעם שטרייט וועגען דער ירושה פונ'ם טראָן. די אמת'ע פארהעלטעניסען ביי שלמה'ס טראָן־באשטייגונג וועלען אונז אויף אלעמאָל בלייבען אביסעל טונ־קעל, מחמת אונזערע ידיעות וועגען דעם זיינען ניט פול. מיר וועלען צו־ערשט איבערגעבען דעם באריכט, אזוי ווי מיר געפינען איהם אין דעם דאָקומענט, וואס איז אונז געבליבען.

דוד איז אלט געווארען און ער דארף, אז מ'זאָל אויף איהם גוט אויפ־פאַסען. אין הויף קאָן מען ניט אויסמיידען די פראגע: ווער זאָל ירש'ע־נען דעם טראָן? לויט דעם סדר פון געבורט איז נאָך אבשלום'ס טויט דוד'ס פערטער זוהן אדוניה דער נעכסטער צום טראָן. פאקטיש באטראכט זיך טאקע אדוניה אלס דער יורש פון טראָן און ער ערלויבט זיך אפילו עפענט־ליך, ווי אמאָל אבשלום, אויסצואיבען זיינע רעכטען אלס קרוינפרינץ (מלכים א, א 5). עס זעהט בכן אויס, אז אויך דער הויף און דער איינ־פלוסרייכער טייל פון דער באפעלקערונג האָבען געזעהן דורכאויס אין אדוניהו'ן דעם צוקינפטיגען קעניג (מלכים א, א 9). דוד גופא, וועלכער ליבט צערטליך אדוניהו'ן און געפינט אין איהם א טרייסט נאָך אבשלום'ען, נאָך וועמען ער טרויערט נאָך אלץ, וואגט ניט איהם צו שטערען*).

אבער אדוניה'ס האָפענונגען געפינען ניט קיין אָפקלאנג ביי אלעמען אין הויף. עס גיט זיך איהם טאקע איין צו געווינען פאר זיך יואב'ן און דעם כהן אביתר. אבער אויף דער אנדערער זייט שטעהט בת־שבע, וועלכע סטאַרעט זיך צו זיכערען דעם טראָן פאר איהר זוהן שלמה'ן**). פאר איהר

---

*) מלכים א, א 6. לעז „ולא עצרו" אנשטאט „ולא עצבו".

**) זיין ביי־נאָמען ידידיה באדייט דער ליבלינג פון יהוה און איז איהם לויט שמואל ב, י"ב 25 נעגעבען געווארען פון נתן'ען „פון יהוה'ס וועגען". דאס הייסט, אז נתן האָט געוואלט משלים זיין דעם ריין פראפאנעם נאָמען שלמה מיט א נאָמען וואס האָט א פאר־בינדונג מיט יהוה.

שטעלען זיך איין דער כהן צדוק, דער נביא נתן און דער קאמאנדיר פון דער לייב־גווארדיע בניהו בן יהוידע. אט אזוי שטעהען אין דוד'ן לעצטע טעג צוויי פארטייען אין הויף פיינדליך איינע געגען די אנדערע.

איינמאל מאכט אדוניהו א יום־טוב פון שעכט־אפפער מיט זיינע אנ־הענגער ביים „אבן הזוחלת" (שלאנגען־שטיין), א שטיין ביי ירושלים וואו מ'פלעגט מקריב זיין קרבנות. נתן, שלמה'ס געוועזענער ערציהער און, ווי עס זעהט אויס, דער גייסטיגער פיהרער פון דער אנדערער פארטיי, האט מורא, אז די הולאנקע זאל זיך ניט ענדיגען, ווי אמאל אבשלום'ס הולאנקע אין חברון, מיט'ן אויסרופען אדוניה'ן אלס קעניג. דאן איז שלמה'ס זאך פארלארען. שנעלע מיטלען זיינען דערפאר נויטיג געווען. בת־שבע זאל גלייך מיטטיילען דעם קעניג אלץ וואס עס געהט פאר ביי דעם שלאנגען־שטיין: זי זאל איהם דערמאנען זיין צוזאג וואס ער האט אמאל געגעבען, לויט וועל־כען שלמה דארף זיין דער יורש פון טראן און זי זאל ארויסקריגען זיין באלדיגע באשטעטיגונג פאר דעם.

בת־שבע טוט ווי מ'הייסט איהר. לויט ווי ס'איז געווען אפגערעדט פון פריהער, קומט נתן באלד נאך איהר צום קעניג, כדי צוצוגעבען געוויכט צו איהרע ווערטער. ער באהויפטעט, אז ער האט שוין כלומר'שט געהערט ווי די קאנספיראטארם שרייען: „לעבען זאל קעניג אדוניהו!" עס גיט זיך פאקטיש ביידען איין ארויסצורופען דעם קעניג'ס חשד. ער איז איבערצייגט, אז ער וועט נאך אין זיינע אלטע טעג פארלירען דעם טראן און וועט ווידער ווערען דער קרבן פון א קאנספיראציע פון איינעם פון זיינע זיהן. ער שווערט גלייך אף דעם טראן צו שלמה'ן. שלמה ווערט אויף דוד'ס באפעהל געפיהרט אויף דעם קעניג'ס אייגענעם מוילאייזעל צום גיחון, א הייליגען קוואל ביי ירושלים, ווערט דורך צדוק און נתן געזאלבט, אויסגערופען אלס קעניג און מיט פאראד אויפ'ן טראן געזעצט. די יובעל־געשרייען פון פאלק און דער קלאנג פון די טראמפייטען דערגרייכען די אויערן פון אדוניהו'ס אנהענגער אויף דער הולאנקע ניט ווייט דערביי. איידער זיי האבען נאך צייט צו פרעגען וואס דאס איז, מעלדעט זיי אביתר'ס זוהן יונתן וואס דא איז געשעהן. שלמה איז קעניג. אדוניהו'ן בלייבט נאר איבעריג דער מזבח: זיך האלטענדיג אן זיינע הערנער, בעט ער זיך אוים ביי זיין גליק־ליכערען ברודער, אז ער זאל איהם בלויז דאס לעבען שענקען. ער אנער־קענט דעם ברודער אלס קעניג און בלייבט לעבען.

שלמה איז דערמיט פראקלאמירט געווארען אלס קעניג. איידער דוד

מאכט צו זיינע אויגען, גיט ער זיין נאכפאלגער נאך אן אויפטראג, וואס ליגט איהם נאהנט צום הארצען. ער דערמאנט איהם אן יואב'ס בלוטיגע מעשים געגען אבנר'ן און עמשא'ן, וואס זיינען נאך געבליבען ניט באַ־שטראפט. אן דער גוטסקייט וואס ברזלי האט איהם באוויזען און אן שמעי'ס קללות געגען זיין הויז. ברזלי'ן זאל שלמה באלוינען קעניגליך: יענע ביידע זאל ער ניט לאזען געהן בשלום אין דער „שאול".

אבער ווי נאר דוד האט צוגעמאכט די אויגען, האט דער באגנאדיגטער אדוניהו שוין ווידער באקומען א פארלאנג צום טראן. דורך בת־שבע'ס פאר־מיטלונג זוכט ער שלמה'ס צושטימונג, אז ער זאל קריגען דוד'ס פלעגעריין אבישג'ן פאר א ווייב. וואס עס איז לויט דער השגה פון יענער צייט גע־לעגען באהאלטען אין אזא וואונש, ווייסען מיר שוין פון אבשלום'ס האלטונג געגען דוד'ס הארעם און פון דעם שטרייט צווישען אבנר'ן און אשבעל'ן. שלמה זעהט וואס דא שטעקט הינטער אדוניהו'ס פלענער, און אדוניהו'ס לעבען איז פארשפילט. גלייכצייטיג זיינען אויך פאראורטיילט געווארען די פיהרער פון אדוניהו'ס פארטיי. אביתר ווערט אראפגעזעצט פון זיין אמט אלס כהן, אבער געדענקענדיג ווי געטריי ער האט געדינט דוד'ן אין פרייד און לייד — פיליכט אויך פון רעליגיעזען אפשיי פאר דעם טרעגער פונ'ם הייליגען אמט — ווערט זיין לעבען געשאנעוועט. ער ווערט פארטריבען קיין ענתת און זיין שטעל פארנעמט זיין ביזאהעריגער חבר אין אמט צדוק. יואב, דערוואַרטענדיג דאס ערגסטע, אנטלויפט צו יהוה'ס מזבח, אבער אויף איהם האט מען ניט קיין רחמנות. זיך באציהענדיג אויף זיינע אלטע בלוטיגע מעשים, הייסט שלמה איהם דער'הרג'ענען. שמעי'ן, וועלכער האט אין אדוניהו'ס שטרעבונגען ניט גענומען קיין אנטייל, ווערט פארלויפיג פארבאטען ארויסצוגעהן פון ירושלים. און נאכדעם ווי ער האט באלד געגען דעם קעניג'ס באפעהל זיך ארויסגעכאפט פון ירושלים, ווערט ער הינ־געריכטעט.

אזוי פיעל דערצעהלט אונזער באריכט אין מלכים א, א און ב. אין דער לעצטער צייט האבען אסך פארשער פארשטאנען דעם באריכט אזוי, אז אין זיין ערשטען טייל איז כלומר'שט דייטליך אנטהאלטען א פאלאץ־אינטריגע פון נתן און בת־שבע לטובה פון שלמה'ן געגען אדוניהו'ס רעכט אויפ'ן טראן; בעת אין דעם צווייטען טייל פון באריכט האט מען דערקענט א דין פארשלייערטע פרואוו אראפצונעמען פון שלמה'ן די אחריות פאר די

בלוטיגע מעשים, מיט וועלכע ער האט געזוכט צו באפעסטיגען זיין נייַ־געוואונענעם טראָן.

א שטאַרקען סמך פאַר דער מיינונג קען מען אין פלוג געפינען אין דעם פאַקט, וואס פריהער איז אין ערגיץ ניט דערמאַנט געווארען וועגען שלמה'ן אלס נאַכפאָלגער אויפ'ן טראָן. אויב אדוניהו איז געווארען דער אומשולדיגער קרבן פון א הויף־אינטריגע, דאן מוז מען אננעמען, אז בת־שבע און נתן האַבען איינגערעדט דעם פון אלטקייט שוואכען קעניג א צוזאג, וועלכען ער האט קיינמאל ניט געמאכט. נאר ער האט צוגעשטימט צו איהם מיט'ן גוטען ווילען כדי ניט צו שטערען די רוה פון זיינע לעצטע טעג. מ'וואלט געקאנט געפינען נאך א ראיה פאַר דערזעלביגער מיינונג אין דעם אומשטאנד וואס דער דערצעהלער, פיליי̇כט מיט א בארעכענטער איראָניע, ווייסט פון זיין זייט גאר ניט צו זאגען מכוח אדוניהו'ס פארברעכערישע כונות ביי דער הולאנקע, אבער נתן'ען לאזט ער יא דערצעהלען דעם קעניג וועגען דעם. אלס צוגאב נאך זעהט מען אין צווייטען טייל פון באריכט, אינ'ם שטיק וועגען דוד'ס לעצטען ווילען, שפורען פון א שפעטעריגער האנט. דאס שטיצט אונטער די הנחה, אז דאס גאנצע שטיק שטאמט פון שפעטער און אז לכתחילה איז געשטאנען, אז שלמה האט באמת באזייטיגט יואב'ן לכל הפחות ניט צוליב זיין אמאליגער, נאר צוליב זיין סאמע אינגסטער פאר־גאנגענהייט און ניט אויף דוד'ס ווונש, נאר אלס פיהרער פון אדוניהו'ס פארטיי.

אבער דער ליטעראַרישער יסוד פון דער הנחה איז ניט גענוג זיכער. גראד דער חלק פון דוד'ס לעצטע ווערטער וואס זיינען נוגע יואב'ן און שמעי'ן איז זיכער אלט, פונקט ווי דאס גאנצע שטיק, וואס שטאמט פון אונזער בעסטען דאקומענט. באמת איז אזא ווונש פון דוד'ס זייט גאר ניט אזא געוואלדיגער חידוש ווי עס דוכט זיך אויס פון אויבען אויף. מיר מוזען זיך קודם כל היטען צו מעסטען די ווייטע פארגאנגענהייט מיט אונזער אייגענעם מאראלישען געפיהל. מיר מוזען אויך האלטען אין זינען דאס וואס דוד, פאלגענדיג דעם מאוים'דיגען גלויבען פון זיין צייט, האט געטאן צו שאול'ס הויז כדי אפצואשוואכען אן אלטע בלוט־שולד. עס וועט אונז דאן גאר ניט אויסקומען אזוי משונה'דיג, וואס דוד'ן האט געפלאגט די מורא פאר דעם פארברעכען און פאר דער קללה פון דער אמאליגער צייט, וואס קאן נאך זיין טויט פיליי̇כט טרעפען זיין הויז, פונקט ווי יענע בלוט־שולד האט געטראפען שאול'ס הויז.

ווען מיר שטעלען ביידערליי ארגומענטען איינע אנטקעגען די אנדערע ווייזט אונז דאן אויס, אז די וואגשאל וועלען אראפוועגען די ארגומענטען פאר דער היסטארישער עכטקייט פון דוד׳ס יענע באפעהלען. ווי באלד אבער אז דוד׳ס צוואה איז עכט, פאלט דערפון שוין אויך א באלייכטונג אויף די אנדערע שטיקער פון דער דערצעהלונג, וועמעס חלקים עס הענגען ענג צוזאמען. האט דוד פאקטיש געגעבען שלמה׳ן יענעם אויפטראג, דאן באהערשט ער נאך וועניגסטענס אויף אזוי ווייט זיין שכל און זיין ווילען, אז זיין צוזאג מכוח שלמה׳ן אלס נאכפאלגער אויפ׳ן טראן קאן ניט זיין קיין אויסגעטראכטע זאך. בת־שבע און נתן האבען זיך געמוזט באציהען אויף געוויסע פאקטען. פון דעם אופן ווי אזוי שאול און דוד זיינען געווארען מלכים, וועט מען מעגען דרינגען אויך אויף דוד׳ס שפעטערדיגער צייט בנוגע צו דעם ירושה־רעכט אויף דעם טראן. עס זעהט אויס, אז ס׳איז נאך ניט געווען אנגענומען אלס כלל, אז דער עלטסטער זוהן מוז זיין דער יורש. ווי נאטירליך דאס זאל ניט זיין, איז נאך אבער אלץ ניט געווען געשאפען קיין געזעץ אין דעם פרט. אפילו ווען ס׳איז שוין לאנג מעהר קיין ספק ניט געווען, אז איינער פון דוד׳ס זיהן זאל ווערען דער נאכפאלגער אויפ׳ן טראן. איז נאך אלץ געבליבען פאר׳ן פאטער אפען צו באשטימען דעם יורש, ווי צום טייל נאך עד היום אין אריענט*). דוד האט נאך הפנים ניט געהאט באשטימט ווער עס זאל ווערען זיין נאכפאלגער. ער באטראכט אדוניהו׳ס הנהגה און זיינע שטרעבונגען פאר צו דרייסט און איבערמוטיג, אבער ער מאכט איהם ניט קיין מניעות. ס׳איז דערפאר געווען ניט מעהר ווי מענשליך, אז צוליב אדוניהו׳ס פרעטענזיעס פון איין זייט און פון דער אנדערער זייט נאכגעבענדיג בת־שבע׳ס שטארקע בקשות, זאל דוד אמאל ביי א געלעגענהייט האבען געגעבען א צוזאג, אויף וועלכען שלמה׳ס פריינד האבען געקאנט בויען זייערע האפנונגען. ווען מ׳וואלט אזא צוזאג ניט געהאט, דאן וואלט מען וואהרשיינליך, לויט די אריענטאלישע מנהגים, גאר ניט באדארפט איינריידען דערצו דוד׳ן מיט גוטען, נאר מ׳וואלט געקאנט פארטיג ווערען מיט דעם קראנקען קעניג אויף א קירצערען וועג (פארגלייך מלכים ב, ח 15).

אין יעדען פאל האבען דא נתן און בת־שבע געשפילט א קלוגען שפיל.

*) די גאנצע דערצעהלונג פון מלכים, א וואלט ניט געהאט קיין זין, ווען דער קעניג וואלט פאקטיש ניט געהאט דאס רעכט אויסצוקלייבען פריי זיין נאכפאלגער צווישען זיינע זיהן.

אריבערכאפענדיג אביסעל די מאס. אדוניהו האט טאקע געמענט האבן א פארזאמלונג ביים שלאנגען־שטיין ניט בלויז צום אומשולדיגען צוועק פון מקריב זיין א קרבן—דאך דער איינציגער פאקט, וועלכען מ׳ווייסט באמת, איז נאר, אז ער וויל זיין צוזאמען מיט די פיהרער פון זיין פארטיי און אז שלמה און זיינע אנהענגער זיינען ניט איינגעלאדען געווארען (מלכים א, א 10, 19, 26). מ׳האט געהאט א רעכט צו האבען א חשד וועגען דעם — אבשלום׳ם ביישפיל איז נאך געלעגען אין זכרון — אבער צו דערצעהלען דעם קעניג וועגען א בונט, דאס איז ניט געווען אנדערש ווי א קונציגע שטיק הויף־אינטריגע (מלכים א, א 25). דאס, לכל הפחות, איז די אונטערסטע שורה, אין פאל אויב אונזער דערצעהלער גיט איבער אלצדינג וואס ער ווייסט און אורטיילט אומפארטייאיש וועגען די פאסירונגען. עס קאן אבער גרייליך זיין, אז ער ווייסט נאך אסך מעהר וויפיעל ער זאגט און אז צוליב געוויסע טעמים פארדעקט ער זיין אמת׳ע מיינונג. עס קאן אויך זיין, אז דער דער־צעהלער איז געווען פון אדוניהו׳ס פארטיי־פיהרער, ווארים אלע לייט פון יהודה האבען לויט זיין דערצעהלונג נאך אלץ געהאלטען מיט אדוניהו׳ן (מלכים א, א 9). ער זעהט דערפאר די פאסירונגען אין א ליכט וואס איז זעהר ניט גינסטיג פאר שלמה׳ן, ניט האבענדיג דעם מוט ארויסצוזאגען אפען זיין ניט גינסטיגען אורטייל.

אביתר׳ס דערוויטערונג פון דער כהונה איז א העכסט באדייטענדער אקט אין דער געשיכטע פון אידישען קולט. א נייע פריסטערשאפט פאר־נעמט דעם פלאץ פון עלי׳ס הויז, וואס האט אונטער שאול׳ן דורכגעמאכט אזא שווערע צייט און איז ענדליך אונטער דוד׳ן ווידער געקומען צו זיך. וואס פאר א גרויסע באדייטונג די ענדערונג האט געהאט, איז צו זעהן דער־פון וואס אין דער געשיכטע וועגען עלי׳ן ווערט שוין דאס פאראויסגעזאגט בנבואה. עלי האט זיך מתיחס געווען אין זיין כהונה פון מצרים אן, ווי וויט צדוק האט געהאט א רעכט אויף דער כהונה, ווייסען מיר ניט. עס לעגט זיך ניט אויפ׳ן שכל, אז ער זאל האבען אנגעהויבען א שפאגעל נייעם יחוס, גאר ניט זיינענדיג קיין לוי. שלמה וואלט זיך געהיט אנצושטעלען אויף אביתר׳ס שטעלע א כהן אהן א וואסערען כהונה־יחוס. פון איצט אן און ווייטער גע־הערט צו די „בני צדוק" די כהונה פון ירושלים. און עס גיט זיך זיי איין נאכ׳ן אויפבויען פון בית־המקדש צו דערהייבען זייער כהונה און זייער הויז צו א גרויסער מאכט.

## שלמה אלס קעניג.

שלמה׳ס עובדא אלס קעניג איז געלעגען פון אויבען אויף. אלס דוד׳ס נאכפאלגער איז ער א רייכער יורש; אלץ וואס ער האט צו טאן איז נאר אויפצוהאלטען און צו באפעסטיגען דאס וואס דוד האט געשאפען. זיין אויסערליכע פאליטיק מוז זיין אנצוהאלטען די אויסערגעוועהנליכע אויבערמאכט, וועלכע די אידען האבען געוואונען; זיין אינערליכע פאליטיק מוז זיין צו מאכען די פאראייניגונג פון די שבטים, וועלכע דוד האט לכל הפחות אויסערליך דורכגעפיהרט, איצט פאר א בלייבענדע זאך און צו פארבינדען פעסט דאס אידישע פאלק מיט דעם הויז פון׳ם גרויסען קעניג.

דאס לעצטע האט זיך שלמה׳ן ניט איינגעגעבען. ער גופא האט, ווי ווייט מיר זעהען, געהאט גענוג קראפט און געניטקייט פאר יענער עובדא. ווי לאנג ער לעבט, בלייבט דוד׳ס מלוכה אין זיינע הענט אין עצם ניט פארשמעלערט. און הגם עס גיט זיך איהם ניט אייז, אדער עס קימערט איהם ניט שטארק צופרידען־צו־שטעלען די שבטים פון ישראל אונטער דעם צעפטער פון זיין מלוכה, דאך קומט ניט צו קיין רים אזוי לאנג ווי ער לעבט. דעם איינציגען פרואוו פון אן אויפשטאנד, פון וועלכען מיר הערען, דעם אויפשטאנד פון ירבעם, האט ער אונטערדריקט מיט געוואלד. ווי גרויס עס איז ניט געווען דאס באדערפעניש פון די צפון־שבטים זיך אפצורייסען פון דוד׳ס הויז, וואגען זיי אבער ניט זיך צו באפרייען פון שלמה׳ס מעכטיגען צעפטער.

דאס ווייזט, אז אין אינערליכע פארהעלטעניסען איז שלמה ניט געוועזן דער שוואכער, אומטעטיגער קעניג, ווי מאנכע שטעלען איהם פאר. אדרבה, ער האט זעהר אסך אויפגעטאן פאר דער קולטור־אנטוויקלונג, פאר דער פארוואלטונג און פאר דער פינאנציעלער זיכערונג פון דער אידישער מלוכה. אויך אין דער אויסערליכער פאליטיק איז שלמה, ווי עס זעהט אוים, געווען גענוג גרוים פאר זיין אויפגאבע.

קיין שווערקייטען האבען ניט אויסגעפעהלט. דער טויט פון דעם מעכטיגען דוד איז אהן ספק געווען א פאסירונג, אויף וועלכער מאנכע אידישע פיינד האבען לאנג שוין געווארט. די געלעגענהייט זיך אנצוהייבען מיט די אידען איז נאך געווען גינסטיגער דערמיט וואס דוד׳ס גרעסטער העלד יואב איז פארשוואונדען פון דער סצענע. פון קעניגליכען הויז אין אדום, וואס דוד האט אונטערווארפען, איז א קינד מיט׳ן נאמען הדד געווען אנט־

לאפּען קיין עגיפּטען. עס האָט זיך איהם איינגעגעבען, אַזוי ווי שלמה׳ן גופא, צו הייראַטען אַ פּרינצעסין פון פּרעה׳ס הויז, די שוועסטער פון דער קעניגין תחפּנס. עס מוז זיך דאָ האַנדלען וועגען איינעם פון די לעצטע פּרעה׳ס פון דער 21טער דינאַסטיע, פּיליכט וועגען דעמזעלביגען, וואָס האָט זיך אויך מתחתן געווען מיט שלמה׳ן און האָט אויף אַזאַ׳ן אופן פּרובירט מאַכען פּאַרבינדונגען דאָ און דאָרטען. גלייך נאָך דוד׳ס טויט קעהרט זיך הדד אום אהיים און ווי עס ווייזט אויס האָט ער לכל הפּחות אַ טייל פון אדום אוועקגעריסען פון שלמה׳ן*). דאָך איז זיין הערשאַפט ענטוועדער גע־וועזען פון אַ קליינער באַדייטונג און פאַר שלמה׳ן ניט געפעהרליך, אָדער עס האָט זיך דעם לעצטען איינגעגעבען צוריק צו ערָאָבערען אדום. וואָרים דער צוגאַנג צום רויטען ים ביי ע צ י ו ן ג ב ר בלייבט אין שלמה׳ס הענט.

דאָס וואָס מ׳האָט אין עגיפּטען אויפגענומען אַלס אַנגעלעגטע געסט שונאים פון די אידען אָדער פון זייער קעניג, דאַרף באַטראַכט ווערען אַלס אַ סימפּטאָם פון דער דאַמאַלסדיגער לאַגע. דאָס קומט פאָר בערך אין דער־זעלביגער צייט, ווען פּרעה גיט שלמה׳ן זיין טאָכטער פאַר אַ פרוי און אַלס נדן עראָבערט ער פאַר איהם און גיט איהם אַוועק די שטאָדט ג ז ר (מלכים א, ט 16). ש ל מ ה ׳ ס ה י י ר א ט גופא איז דאָ ניט אַזוי שטאַרק וויכטיג און מ׳מוז זיך היטען ניט צו באַטראַכטען די זאַך אַלס אַ באַזונדערען באַווייז פון פריינדשאַפטליכע באַציהונגען צווישען די אידען און עגיפּטען. טעכטער אין פּרעה׳ס האַרעם זיינען געווען לרוב, און אַזאַ הייראַט, בפרט נאָך ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט ניט וועגען אַ טאָכטער פון דער ווירקליכער קעניגין, נאָר גלאָט אַזוי פון איינער פון די האַרעם־פרויען, ברייננגט מיט זיך ניט קיין התחייבות.

דער עיקר אויף וואָס מיר מוזען דאָ שטעלען דעם טראָפּ איז די עראָ־בערונג פון גזר, וואָרים זינט הונדערטער יאָהרען איז עס דאָס ערשטע מאָל וואָס אַן עגיפּטישע אַרמיי באַווייזט זיך ווידער אין כנען, כאָטש בלויז אין דער דרום־געגענד, כדי דאָרטען צו מאַכען פּיהלען פּרעה׳ס רעכט אַלס הער־שער. פאַרוואָס האָט שלמה גופא ניט געקאָנט איינעמען די שטאָדט, וועלכע איז געווען אַזוי לייכט צו דערגרייכען פון ירושלים? געוויס ניט ווייל ער איז ניט געווען בכוח דאָס צו טאָן. עס בלייבט בכן קיין אַנדער ברירה

*) לויט דעם תרגום השבעים איז פּסוק 25 אין מלכים א, י״א אַ המשך פון פּסוק 22 און מ׳דאַרף איהם לעזען: „זאת הרעה אשר עשה הדד ויקץ בישראל וימלך על אדום״.

ניט ווי נאר אנצונעמען, אז שלמה האט מורא געהאט צו פארכאפּען עפּעס אזוינס וואס איז לויט דער מיינונג פון די עגיפּטער געשטאנען אונטער זייער רשות. אויב מיר קאנען בכלל זיך פארשטעלען פאר וואס די באזעצונג פון די אידען אין כנען, און נאך מעהר, זייער פּאליטישע מאכט אונטער שאול און דוד, האט ניט ארויסגערופען קיין פּראטעסט מצד פון עגיפּטען, נאר אין צוזאמענהאנג מיט דער פולער אפשוואכונג פון פּרעה'ס ממשלה, בלייבט אבער אויף דער אנדערער זייט דער פאקט, אז עגיפּטען האט איהרע אלטע רעכטען אויף דער הערשאפט אין סיריען קיינמאל ניט אויפגעגעבען. אויב עגיפּטישע חיילות טרעטען איצט אויף קריגעריש אין כנען, קאן דאס נאר באדייטען, אז די מלוכה פון די פּרעה'ס פיהלט זיך ווידער גענוג שטארק צו לאזען ווירקען איהר אלטע אויבערהערשאפט און צו באשטראפען די כנעני'שע שטעדט, וואס האבען זיך געהאט באפרייט פון איהר. פּרעה'ס טעטיגקייט האט זיך דעריבער אהן א ספק אויך ניט באשרענקט אויף גזר. ער האט מן־הסתם ערָאבערט דאס גאנצע טיפלאנד ביים ברעג ים, אויף יעדען פאל — איהר דרום־העלפט.

וואס איז געווען זיין שטעלונג צו שלמה'ן? שלמה'ס מלוכה האט דאך אויך צום גרעסטען טייל געהערט צו די געגענדען וואס זיינען אמאל געשטאנען אונטער'ן רשות פון דער עגיפּטישער אימפּעריע און אויף וועלכער פּרעה האט דערפאר נאך ביז איצט געהאט פּרעטענזיעס. אז ס'איז ניט געקומען צו קיין קריג צווישען זיי, דאס איז זיכער. אבער פארוואס טאקע איז דערצו ניט געקומען? האט זיך פּרעה ניט געפיהלט גענוג שטארק? אדער האט שלמה זיך פרייוויליג אונטערווארפען? די ערשטע הנחה לעגט זיך בעסער אויפ'ן שכל איידער די צווייטע. מ'וועט דערפאר מוזען אננעמען, אז אזוי ווי שלמה האט נאך געהאט א שטארקע מאכט, איז געקומען ביי זיי צו א פארשטענדיגונג דורך פארהאנדלונגען. דער פועל יוצא דערפון איז געווען פון איין זייט שלמה'ס הייראט מיט פּרעה'ס טאכטער, און א געוויסע אנערקענונג פון אן עגיפּטישען איינפלוס פון שלמה'ס צד. שלמה בלייבט דער אומבאשטריטענער הערשער פון ישראל, אבער ער איז הפּנים מרוצה צו טאן געוויסע טובות צו עגיפּטען אויף דעם פעלד פון מסחר. אויב עגיפּטען האט געוואלט אויפהאלטען די האנדעלס־פארבינדונגען מיט סיריען און די לענדער פון פרת, האט זי דערצו באדארפט די אידישע הילף צו האלטען זיכער די האנדעלס־וועגען. ווארים שלמה איז אהן א ספק דער מעכטיגסטער פירשט פון זיין צייט אין דרום־זייט פון לבנון. אט דא האט שלמה אלס ניט וויליגער וואסאל געקאנט ברייננען פונקט אזויפיעל שאדען, ווי ער האט גע־

קאַנט אַלס פאַרבינדעטער פריינד ברייננגען נוצען. נאַטירליך האָבען די אידען גופא אויך אַסך געוואונען פון אַזעלכע האַנדעלס־באַציהונגען.

א צווייטער געגנער נעבען יענעם אדומי הדד איז אויפגעשטאַנען געגען שלמה'ן אין צפון: אין דמשק. א גענעראַל פון יענעם הדדעזר פון ארם צובה, וועמען דוד האָט באַזיגט, רזון בן אלידע, שיידט זיך אָפּ פון זיין האַר. נאָך א לאַנגען אַוואַנטוריסטישען לעבען גרינדעט ער אַן אייגענע הערשאַפט און מאַכט פאַר איהר הויפּטשטאָדט די אוראַלטע דמשק. דער גובערנאַטאָר, וועמען דוד האָט דאָרטען אַמאָל אַריינגעזעצט, ווערט פון איהם פאַרטריבען, און עס גיט זיך שלמה'ן ניט איין אַוועקצונעמען דמשק פון רזון'ען. דאָ האָט שלמה געליטען, אויב די דערצעהלונג איז היסטאָריש ריכטיג, אַז אמת'ן. און, ווי עס ווייזט אויס, אויך א דויערענדען פאַרלוסט. דאָך איז שווער צו זאָגען צי דער פאַרלוסט האָט זיך איצט געלאָזט שטאַרק פיהלען: וואָרים דמשק און ארם דמשק האָבען קיינמאָל ניט געהערט באמת ניט צו דוד'ס און ניט צו שלמה'ס אייגענס. ערנסט איז עס געווען, פּונקט ווי אין שלמה'ס אינערליכען רעזשים, וואָן מ'קוקט אויף דער צוקונפט. וואָרים מיט דער צייט האָט די מלוכה פון דמשק געזאָלט ווערען איינע פון די געפעהרליכסטע געגנערינס פון ישראל.

אויב שלמה האָט בכן געליטען אין דרום, פיליכט אויך אין צפון, געווייסע, כאָטש ניט זעהר באַדייטענדע פאַרלוסטען, האָט ער אָבער קענטיג אַנדערשוואו אַסך אויפגעטאָן צו דערהאַלטען און צו באַפעסטיגען די אידישע מאַכט. א פאַרשטאַרקונג פון זיין פּאָזיציע האָט זיין עגיפּטישע הייראַט געבראַכט אונטער אַלע אומשטענדען. ס'איז אויך מעגליך, אַז ער האָט דאָס הויפּט־געוויכט ניט געלעגט אויף דוד'ס עראָבערונגען אין די אַרומיגע געגענדען, נאָר אויף דער אידישער טעריטאָריע אין ענגערען זין. ס'איז א פאַקט, אַז די טעריטאָריע האָט ער באַשיצט געגען פיינדליכע אַטאַקעס, אויפבויענדיג שטאַרקע פעסטונגען, אַז אונטערנעמונג, וועמעס ווערט יעדער איינער מוז צוגעבען. אַט אַזוי האָט ער באַפעסטיגט אין צפון חצור און מגידו: אין דער געגענד פון ירושלים — בית־חורן און גזר: צו דרום צו, כדי צו באַשיצען דעם גרעניץ ווי אויך דעם קאַראַוואַנען־וועג פון חברון קיין אילת — די שטאָדט תמר. אויך א שטאָדט בעלת ווערט דערמאָנט צווישען שלמה'ס באַפעסטיגטע ערטער (מלכים א, ט 15—18). דערצו נאָך האָט ער געזאָרגט אַסך צו פאַרמעהרען און צו האַלטען אין א גוטען מצב די מלחמה־מאַטעריאַלען און די קאַוואַלעריע, וועלכע ער האָט אַריינגעשטעלט אין א רייה פון גאַרניזאָנען־שטעדט. כאָטש די ציפערן וועגען דעם זיינען צוויי־

פעלהאפט, בלייבט אבער דער פאקט גופא אויסער יעדען ספק. אט דאס אלץ ווייזט ,אז פון אן אפשוואכונג פון דער אידישער מאכט אונטער שלמה'ן קאן קוים גערעדט ווערען, אפילו אויב ער האט געמוזט אויפגעבען געוויסע, ווייט ארויסגערוקטע, פאזיציעס.

נאך אלעמען אבער האט שלמה ניט דערגרייכט צו דער גרויסקייט פון זיין פאטער. אויפגעוואקסען אלס פרינץ, ניט האבענדיג קיין געלעגענהייט און ניט זייענדיג געצוואונגען דורך געפאהר און דחקות צו פארהארטע־ווען זיין ווילען, באזיצט ער אויך ניט זיין פאטער'ס ענערגיע און איני־ציאטיווע. ער איז מעהר פאראינטערעסירט אין די רעכטען און פארגעניגענס פון'ם קעניגטום איידער אין זיינע הויכע פליכטען און אויפגאבען. די דעס־פאטישע נייגונגען פון'ם פאטער, וועלכע לאזען זיך דורכקוקען נאר אמאל, ביי א געלעגענהייט, געוועהנליך אבער איינגעהאלטען און אונטערדריקט, ווערען ביים זוהן דער גרונט־שטריך פון זיין כאראקטער. זיין הויפט־אינטע־רעס ליגט אין טייערע בנינים, אין פרעמדע ווייבער און אין אויסערליכען גלאנץ און רייכטום. אט אזוי האט שלמה אין זיך אסך פון דעם טיפ פון אן אריענטאלישען הערשער פון'ם געוועהנליכען זארט. אבער אז דאס איז ניט געווען אלץ אין איהם, קאן מען זעהן דערפון, וואס ער האט אזוי פיעל גע־זארגט פאר דער זיכערקייט פון לאנד און פאר דער ארדנונג פון דער אדמי־ניסטראציע און פון משפט. נאך מעהר זעהט זיך דאס אין זיין וועלטבליקענדער האנדעלס־פאליטיק. וואסערע מאטיווען ער האט געמעגט האבען דערביי, אפילו אויב ער האט געטראכט בלויז וועגען זיין אייגענער קאסע, האט דאך דער ערפאלג יעדענפאלס געשאפען א רייכערען מצב און א ווייטערען בליק, וועלכע האבען ניט געקאנט אין גאנצען פארשווינדען אפילו נאך דעם צוזאמענברוך פון שלמה'ס מלוכה.

א שטארקער שטריך אין דער טראדיציע וועגען שלמה'ן איז, וואס האט זיך פיעל אפגעגעבען מיט'ן איינפיהרען א גערעכטען משפט און וואס זיין הויפט־שטארקייט איז געלעגען אין דער איינגעארדערטער אדמיניסטרא־ציע פון לאנד (מלכים א, ג 16—28 : ד 7 : ה 7, 8). האנט אין האנט דערמיט געהט די ענדגילטיגע באזייטיגונג און אסימילירונג פון די כנענים (מלכים א, ט 20, 21). ביידע זאכען האבען הפנים געדינט דעמזעלביגען צוועק. שלמה האט באדארפט פאר זיינע טייערע בנינים אסך געלט און אר־בייטס־כוחות. דאס האבען די אונטערטאנען געמוזט צושטעלען. פאר איהם איז ניט געווען קיין אונטערשייד צווישען דער באפעלקערונג; קיינער האט

זיך ניט געטאָרט צוריקציהען פון די מלוכה־לאַסטען*). גאַנץ ישראל איז פאַר איהם איין איינהייט, און ניט קוקענדיג אויף דער פאַרשידענקייט פון די שבטים אדער אויף דעם חילוק צווישען אידען און כנענים, טיילט ער איין דאָס גאַנצע לאַנד אין צוועלף דיסטריקטען און אין יעדען דיסטריקט זעצט ער איין א גובערנאַטאָר. אויף'ן גרונט פון דער איינטיילונג ווערען די שטייערן באַשטימט: יעדער דיסטריקט מוז א חודש לאַנג פאַרזאָרגען דעם קעניגליכען הויף. אויף אַן עהנליכען אופן איז אַהן ספק אויך געווען איינגעאָרדערט די געצוואונגענע אַרבייט, וועלכע שלמה האָט אַזויפיל באַדאַרפט פאַר זיינע געוואַלדיגע בנינים פאַר מלחמה און שלום. אין לבנון אליין זאָל ער האָבען שטענדיג באַשעפטיגט 10,000 רעקרוטירטע אַרבייטער אונטער אדונירם'ען**). דער חילוק צווישען אידען און כנענים באַשטעהט פילייכט דעריין, וואָס די דיסטריקטען וועלכע זיינען אַמאָל געווען כנעני'ש, זיינען אַסך קלענער איידער די אַנדערע. אויב די ביישטייערונגען זיינען בכן גע־גאַנגען נאָך דער רייה, זיינען זיי אויף די כנענים געפאַלען שווערער: וואָרים דורך דער געצוואונגענער אַנעקסירונג אַז ישראל זיינען זיי געוואָרען צינז־צאָהלער.

די פּשוט'ע הויף־פיהרונג פון שאול'ן און דוד'ן האָט פון אַזעלכע לאַס־טען ניט געוואוסט. מ'האָט זיי דעריבער געמוזט פיהלען נאָך דריקענדער. מ'האָט ווינציג וואָס געשאָנעוועט די פרייהייט און דאָס אייגענטום פון די אונטערטאַנען. ניט בלויז האָלט שלמה אַסך טויזענדער רעקרוטירטע קנעכט, פון וועלכע ניט אַלע זיינען געווים געווען פון דער אונטערוואָרפענער כנעני'שער באַפעלקערונג***). נאָר ער פאָדערט אויך אומגעהייערע קרבנות פונ'ם פאָלק'ס פאַרמעגענס. חירם'ען אליין גיט ער פאַר זיינע אַרבייטען 20,000 כ ו ר ווייץ און 20,000 ב ת אויל; דערצו נאָך טרעט ער איהם אָפּ גאַנצע געגענדען. ווענען די באַדערפעגישען פון שלמה'ס הויף גיט דער ספר מלכים א גענויע שילדערונג: זיין האַרעם אליין זאָל האָבען אַנט־האַלטען 1,000 פרויען (מלכים א, ה, י"א). ס'איז דערפאַר קיין חידוש ניט וואָס מיט דער צייט האָט די אומצופרידענקייט, וואָס האָט לאַנג געקאָכט אין דער שטיל, אַרויסגעפּלאַצט אין אַן אָפענעם בונט. ס'איז ניט קיין צו־פאַל וואָס דער בונט האָט זיך אַנגעהויבען פון הויז יוסף, דאָס הייסט פון

*) מלכים א, ט 22 איז סותר ד 7—19, ה 27.

**) מלכים א, ה 28,27. די פראַגע איז נאָר ווי דאָס שטימט מיט דער פאָלגענדער נאָטיץ אין פסוק 29. מעהרסטענס ווערט די נאָטיץ באַטראַכט אַלס א שפּעטעריגע הוספה.

***) אַזוי נעמט אַז מלכים א, ט 22; אַנדערש שטעהט אָבער אין ה 27.

אפרים, און וואס דער איניציאטאר איז געווען איינער פון שלמה׳ס אויפ־זעהער. פון ביידע קוואלען, פון דער אלטער אפנייגונג פון די צפון־שבטים געגען ישי׳ס הויז, און פון דער אומצופרידענקייט מיט דעם געגענווערטיגען הארטען רעזשים האט זיך צוזאמענגעגאסען דאס וואסער אין דעמזעלביגען שטראם.

איינער אן אפרתי (פון אפרים) פון צרדה, ירבעם בן נבט, שטעלט זיך בראש פון בונט. ער איז, ווייזט אויס, געווען א יונגער מאן פון ני־דעריגען שטאנד, א זוהן פון אן ארימער אלמנה. ביים סוף פון זיין רעגירונג, ווען דער קעניג האט געבויט דעם „מלוא" און דערמיט „פארמאכט דעם ריס פון דוד׳ס שטאדט", האט ער זיך באקאנט מיט ירבעם׳ען צווישען די אר־בייטער און האט אפגעשאצט זיין ווערדע. באלד האט ער איהם געמאכט פאר אן אויפזעהער איבער דער רעקרוטען־ארבייט פונ׳ם גאנצען הויז יוסף: די בעסטע געלעגענהייט צו הערען די קלאגען פון פאלק און זיי אויסצונוצען פאר זיך. נאך א קירצערער אדער לענגערער צייט באשליסט זיך ירבעם אויפ־צוהייבען די פאהן פון אן אויפשטאנד, אבער אהן ערפאלג: ענטוועדער די קאנספיראציע איז פאר דער צייט אנטדעקט געווארען, אדער ירבעם׳ס אויפ־שטאנד איז אונטערדריקט געווארען.*) ירבעם גופא אנטלויפט און ווערט אויפגענומען פון פרעה שישק, דעם גרינדער פון דער 22טער דינאסטיע (בערך זינט 940). ס׳איז כדאי צו באמערקען, אז א נביא, אחיה פון שילה, האט אונטערשטיצט ירבעם׳ען אין זיין אונטערנעמונג (מלכים א. י"א 26—40). די אומצופרידענקייט מיט שלמה׳ס רעזשים האט שוין געהאט ארומגע־כאפט ברייטע קרייזען פון דער באפעלקערונג.

ווי עס ווייזט אויס, האט אבער שלמה זיך געשטעלט ווייטערע צי־לען ווי בלויז אנצוהאלטען די ירושה וואס ער האט איבערגענומען פון זיין טאטען. אדער בעסער געזאגט: ער איז דורך די פארהעלטענישען גופא גע־פיהרט געווארען א טריט ווייטער. בלייבען שטעהן אויף אן ארט האט מען דאמאלסט ניט געקאנט, ווי מ׳קאן דאס קיינמאל ניט. אויב שלמה האט געוואלט אנהאלטען זיין פאטער׳ס ירושה פאר זיך און זיין פאלק, האט ער עס געמוזט טאן אין איינקלאנג מיט די פאדערונגען פון דער פראגרעסירענדער צייט. שלמה׳ן זיינען געשטעלט געווארען ווייטערע אויפגאבען שוין דערמיט אליין וואס פון איין זייט האט פלוצלונג זיך געפיפטען, וועלכע איז אין זיין פא־

*) לויט׳ן תרגום השבעים צו מלכים א, י"ב האט ירבעם זיך נאך געהאלטען א ווילע מיט זיינע אנהענגער אין זיין געבורטסשטאדט צרדה.

טער׳ס צייט געווען בלויז א שטומער צוקוקער, ווידער זיך באוויזען אויף דער ארענא פון די וועלט־געשעהעגישען. און פון דער אנדערער זייט האט פעניקיען ווייטער געפיהרט און ווייטער אנטוויקעלט די פארבינדונגען, וועל־כע זי האט שוין אנגעקניפט אין דוד׳ס צייט. אלס צוגאב נאך איז די גרינ־דונגס־צייט פונ׳ם קעניגטום אפגעשלאסען געווארען דורך דוד׳ן. די מאנאר־כישע פארם פון דער מלוכה, וועלכע שאול האט געשאפען, איז איצט גע־שטאנען פעסט. מ׳האט בכן זיך געקאנט נעמען צו אנדערע אויפגאבען. דורך דער גרינדונג פון דער נייער מלוכה־פארם האבען על־פי הכרח זיך געמוזט באווייזען אסך פרייע כוחות, וועלכע האבען געזוכט באשעפטיגונג. אט אזוי זיינען פאראן אלע באדינגונגען פאר שלמה׳ן און אלץ טרייבט דערצו, אז ער זאל זיך נעמען צו דעם גרויסען וועלט־פארקעהר און ער זאל באטרעטען דעם וועג פון דער וועלט־פאליטיק.

די אידישע געאגראפישע לאגע האט דירעקט געפאדערט מ׳זאל זי אויסנוצען פאר האנדעלס־פארבינדונגען. דער גרויסער האנדעלס־מארשרוט פון עגיפטען צו דעם פרת האט זיך געצויגען ביים מיטעללענדישען ים ביז צום כרמל, דאן אביסעל אין צפון־זייט פון איהם צום ים־כנרת און פון דארטען קיין צפון און צפון־מזרח. אזוי ווייט ווי דער וועג האט זיך געפונען אויפ׳ן פאלעסטינישען באדען, איז ער געווען אין גאנצען אדער צום גרעסטען טייל אין שלמה׳ס האנט. איבערנעמענדיג דא און אויך אויף די אנדערע האנ־דעלס־וועגען די באשיצונג פון די קאראוואנען, האט ער געקאנט ארייננקריי־גען רייכע ריוחים. זיין ריוח איז געווארען נאך גרעסער דורך דעם וואס ער האט אליין גענומען אן אנטייל אין האנדעל. אלע פיינע זאלבען און אוילען, ווי אויך רייטוועגען און פילייכט אויך פערד, וואס זיינען געקומען אין פאדעראזיאטישען מערב פון עגיפטען און אראביען, די צוויי וויכטיגס־טע עקספארט־לענדער פאר די סחורות, האבען געמוזט דורכגעהן דורך שלמה׳ס טעריטאריע אדער הארט דערבייי. דארטען וואו ער האט קיין אפצאהלונגען ניט גענומען, האט ער אליין געקאנט איבערנעמען דעם צווישען־האנדעל. פונקט אזוי זיינען געווען פאר שלמה׳ן א מקור פון הכנסות אויך די תבואות און בוי־האלץ פון פאלעסטינא און סיריען און די מאטעריאלען און פראָ־דוקטען פון אשור און בבל, וועלכע זיינען געגאנגען צו לאנד קיין עגיפטען און קיין דרום. מ׳זעהט: אזוי באלד ווי עס האבען זיך געעפענט די האנ־דעלס־באציהונגען, דאס הייסט: אזוי באלד ווי די צייטען זיינען געווען גע־נוג רוהיג אין די פארהעלטעניסען געגוג זיכער צו אנטוויקלען די דאזיגע באציהונגען, האט די אויסערגעוועהנליך גינסטיגע לאגע פון שלמה׳ס מלוכה

געמוזט געבען די בעסטע געלעגענהייטען פאר רייכע הכנסות פון האנדעל.
ווי נאר דער וועג פון האנדעל איז כאטראַטען געווארען, האבען די אי־דען זיך מעהר ניט באגנוגענט מיט'ן פּאַשען סטאַדעס און אקערען די היימישע נחלה, נאר מ'האט אנטייל גענומען אין האנדעל און מען איז אויף דעם וועג זעלבסטפארשטענדליך שוין געגאנגען ווייטער. ווי ווייט שלמה'ס ביישפּיל האט גורם געווען, אז דאס פאלק גופא זאל זיך באטייליגען אין האנדעל, קאנען מיר ניט וויסען פון אונזערע מאגערע ידיעות אין ספר מלכים. מ'מוז זיך היטען פון דעם טעות, אנצונעמען, אז די אידען זיינען מיט איינמאל שוין איצט געווארען א מסחר־פאלק. אבער אהן דער הילף פון אנדערע האט שלמה ניט געקאנט דורכפיהרען זיינע פּלענער, און אפילו ווען ער וואלט זיך געוועלט באשרענקען אויף זיינע אייגענע לייט, כדי צו האבען דעם ריוח פאר זיך אליין. האבען זיך אבער אלץ געמוזט געפינען מאנכע אידען. פאר וועמען דעם קעניג'ס ביישפּיל האט געקאנט דינען אלס מוסטער נאכ־צוטאָן. דער עיקר אבער איז וואס שלמה גופא ווערט געפיהרט א טריט ווייטער: דער צווישען־האנדעל, מיט וועלכען ער האט אנגעהויבען, פיהרט איהם ממילא צו זעלבשטענדיגע אונטערנעמונגען אין האנדעל. די באקאנטשאפט מיט פרעמדע סוחרים און זייערע האנדעלס־וועגען איז א גוטער אנטרייב צו קריגען די טייערע סחורות פון ערשטען קוואל, כדי זיך צו זיכערען דעם גאנצען ריוח. אט אזוי לאזען זיך דערקלע־רען די גאלד־נסיעות קיין אופיר, די פארבינדונגען מיט דרום־אראביען, די אויפבויאונג פון תמר ביים האנדעלס־מארשרוט קיין אילת, פי־לייכט אויך דאס איינשאפען זיך געוויסע אייגענטימער אויף דעם לבנון.

עס שטעהט אויסער יעדען ספק, אז שלמה איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט איינגעפיהרט דאס פערד אין ישראל אין א גרעסערען מאס־שטאב, באזונדערס צום צוועק פון מלחמה (מלכים א, ט"ז 9). ס'איז מערקווירדיג, וואס אלע ידיעות וועגען דעם געפינען זיך אין צוזאמענהאנג פון שפּעטערע נאטיצען מכוח שלמה'ס פּראכט און הערליכקייט (מלכים א, ה 6; ט 19; י 26). דאס איז אבער קיין עיכוב ניט זיי צו האלטען פאר היסטאריש, לכל הפחות אויף וויפיעל דאס איז נוגע יענעם פאקט. צי עגיפּ־טען איז געווען דאס לאנד וואס האט פארזארגט סיריען מיט פערד, צי די פערד האבען פארקעהרט געוואנדערט פון סיריען און איהרע הינטערלענדער קיין עגיפּטען אדער צפון־אראביען, אין יעדען פאל אבער האט מען גאר ניט וואס אויסצוזעצען געגען דער נאטיץ, אז שלמה האט פארשטאנען ארייננצו־קריגען רייכע הכנסות פון דעם אימפּארט און עקספּארט פון פערד (מלכים

א, י 28). מיט האנדעלס־באציהונגען האט אויך געקאנט האבען א צוזאמענ־האנג דער באזוך פון דער קעניגין פון דער אלטער מלוכה פון שבא אין שלמה'ס הויף, אין פאל אויב דאס איז היסטאריש ריכטיג. אויך ווען מ'זאל זיין געצוואונגען דאס צו דערקלערען אין גאנצען אלס א לעגענדע, בלייבט דאך באשטעהן דער פאקט פון וויכטיגע האנדעלס־פארבינדונגען מיט יענע געגענדען. ווארים כאטש די שפעטעריגע לעגענדע האט אסך מגזם געווען שלמה'ס גלאנץ — וואלטען אבער אהן א פאקטישען יסוד יענע אלע לע־גענדען ניט אויפגעקומען. פארקעהרט ווידער זיינען שלמה'ס נסיעות אין דעם אראבישען גאלד־לאנד אופיר באזונדערס גוט באוויזען דורך די קווע־לען (מלכים א, ט 26—28 ; י 11, 22). עס האנדעלט זיך מכוח אן איינ־צעלנער שיף, וואס חירם, דער קעניג פון צור האט באזעצט מיט זיינע גע־ניטע ים־לייט און וואס האט געזאלט ברייגנען דירעקט אין ישראל און אין צור די פראדוקטען און סחורות פון דער גליקליכער אראביען.

ניט קוקענדיג אויף דאס אלץ איז שלמה'ס קאסע געווען אפט לעדיג. און צום סוף אזוי לעדיג, אז ער האט געמוזט פארזעצען ביי חירם'ען צוואנ־ציג שטעדט אין גליל (מלכים א, ט—10—13). דאס איז קיין סתירה ניט צו יענע פאקטען : דער שדוך מיט פרעה'ס א טאכטער האט ארויפגעלעגט גרוי־סע הוצאות אויף זיין הויף, און דאס בויען פון שלעסער און פעסטונגען האט געמוזט פארשלינגען א שלל מיט געלד.

נאטירליך איז אבער ניט געווען אויסצומיידען אז, ווי אלעמאל אזוי אויך דא, זאל דער פרעמדער סוחר וואס רייזט דורכ'ן לאנד מיטברייגנען מיט זיך ניט בלויז זיינע סחורות, נאר אויך אסך אנדערע זאכען, וואס הא־בען געקאנט אינטערעסירען אויפמערקזאמע לייט צווישען די אידען : דאס־גלייכען, אז דער איד, וועלכער פאהרט אין אויסלאנד — אויפ'ן קעניג'ס אדער אויף זיין אייגענעם חשבון — זאל מיטברייגנען פון דארטען אהיים אחוץ זיינע סחורות נאך עפעס אנדערש, וואס ער האט געזעהן אדער גע־הערט אין דרויסען : זיטען, רעליגיעזע מנהגים און רעיונות, קונסטווערק און געברויכזאכען, לעגענדען, דערצעהלונגען און מעשיות וועגען געטער. בקיצור, די האנדעלס־פארבינדונג מיט דער דרויסענדיגער וועלט, וואס איז איצט גע־עפענט געווארען אין א גרויסען מאס, איז, ווי אומעטום אזוי אהן ספק אויך דא, געווארען א ק ו ל ט ו ר ־ ט ר ע ג ע ר פון דער ערשטער מדרגה.

ווי די היסטאריע לערענט אונז און ווי די אויסגראבונגען באשטעטי־גען עס אלץ מעהר מיט יעדען טאג, זיינען די באציהונגען שוין לאנג געווען אנגעקניפט. זינט מעהרערע יאהרהונדערטער האט מען אין פאלעסטינא גע־

קענט די באבילאנישע אדער עגיפטישע אויבער־הערשאפט און מיט איהר — די השפעה פון דער קולטור און דער באפעלקערונג, אם וועניגסטען איז זינט פונקט אזא לאנגער צייט נאטירליך אויך דער אויסלענדישער סוחר ניט געווען אומבאקאנט אין פאלעסטינא. אבער דאס אלצדינג געהערט מעהרסטענס צו דער פאר־אידישער צייט. זינט די אידען זיינען אריינגע־דרונגען אין לאנד האט זיך אין דעם פרט אסך געענדערט. די פרעמדע ממשלה איבער פאלעסטינא איז לאנג שוין געווען געבראכען, און די מלחמות, וואס האבען זיך כסדר געצויגען פון אנהויב אן ביז דוד'ן, האבען געלאזען ווייניג פלאץ פאר דעם פרידליכען פארקעהר פונ'ם סוחר. ווי מ'קען זיך משער זיין, האט דער אידישער פאסטוך און פויער ניט שטארק באַ־דארפט דעם האנדעל. אין די כנעני'שע שטעדט האט זיך נאך עפעס וואס געקאנט דערהאלטען: צום טייל פון די אמאליגע צייטען נאך, צום טייל דורך א נייע אנגעקניפטען פארקעהר מיט'ן אויסלאנד. ווארים קאראוואנען האבען נאטירליך שטענדיג ארומגעצויגען אויף די גרויסע האנדעלס־מארשרוטען, לכל הפחות אין אביסעל רוהיגערע צייטען. די כנענים און די פעניקיער האבען הפנים שטענדיג באקומען פון זיי ריוחים פון מסחר און השפעות אין קולטור, הגם אויך צייטענווייז אין זעהר א קליינער מאס. דער אידישער פויער אבער איז געווען צופיעל א טרוד מיט זיך גופא, אום זיך צו קאנען דאגה'נען אסך מכוח דעם אויסלאנד און זיין קולטור. וואס ס'איז דערפון דערגאנגען צו די אידען האט זיך אין עיקר באשרענקט אויף וועניג יחידים, די וועלטליכע און גייסטליכע פיהרער פונ'ם פאלק: דוד'ס הויכע באאמטע, די כהנים פון די הויפט־הייליגטימער, נביאים ווי נתן און גד, פיליכט אויך שוין שמואל.

איצט אבער טרעט אריין א נייע ווענדונג. עגיפטען לאזט, העכסט וואהרשיינליך, ווידער פיהלען איהר פאליטישע ממשלה איבער די פלשתי'שע און כנעני'שע געגענדען ביז יפו, וועלכע גרעניצען זיך מיט שלמה'ס טע־ריטאריע אין מערב און דרום־מערב. א געוויסען פאליטישען איינפלוס האט עגיפטען ממילא אויסגעאיבט דערמיט אויך אויף די אידען. און שלמה פון זיין זייט, צום טייל אונטער דעם דאזיגען איינפלוס, צום טייל ניט אפ־הענגיג דערפון, האט אין אלע ריכטונגען אנגעקניפט פון דאס ניי אלטע באציהונגען און געזוכט און געפונען נייע. ווי ווייט מיר קאנען איצט זעהן, טרעטען די אידען אריין זעלבשטענדיג אין אזוינע באציהונגען אויף א גרעסערען מאסשטאב צום ערשטען מאל זינט זיי זיינען א פאלק גע־ווארען. דאס אריינגיסען זיך פון פרעמדע קולטור־עלעמענטען אין ישראל

איז דעריבער פארגעקומען איצט אויף א נייעם אופן. וואס די אידען האָ־בען אריבערגענומען ביז איצט איז בעצם געווען דורך דער פארמיטלונג פון די כנענים. די אידען האבען געזעהן די זאכען פון אויסלאנד אין דער פארם וואס די כנענים האבען זיי געגעבען און דורך זייערע ברילען; איצט זעהען זיי עס מיט אייגענע אויגען און זיינען מקבל השפעות און איינדרוקען פון דער דרייסענדיגער וועלט דירעקט. דערצו נאך קריגען זיי דירעקטע ידיעות פון ווייטע לענדער, וועגען וועלכע זיי האבען ביז איצט געוואוסט נאר „מפי־השמועה". ווי א שטייגער דרום־אראביען און אופיר — וואו מ'זאל עס ניט דארפען זוכען — און אהן ספק אויך די לענדער פון מיטעללענדישען ים. ווארים אפילו אויב שלמה'ס לייט גופא זיינען ניט דערגאנגען קיין תרשיש, איז אבער קיין ספק ניט, אז זיי האבען מיט די פעניקיער באַרייזט דעם מיטעללענדישען ים און האבען זיך באקאנט מיט ציפערן, קרעטא, קליינאזיען און די לענדער פון דער מיקענישער קולטור.

מיר דארפען זיך דערפאר ניט חידוש'ען, וואס אין שלמה'ס דור און אין אלע קומענדיגע דורות האט געהערשט א געוויסע באוואונדערונג איבער דער גאנצער פראכט און די פלאַי־פלאים פון די ווייטסטע לענדער און ים־ברעגען, וועלכע שלמה האט צו זיין פאלק געבראכט. אזוינע זאכען האט מען פריהער נאך קיינמאל ניט געהאט געזעהן און מ'האט זיי אויך א לאנגע צייט נאכ־הער ניט באקומען צו זעהן. און אזא שלל פון גאלד און אוצרות האט פריי־הער קיינמאל ניט אריינגעשטראמט אין ישראל און עס האט ניט געשטראמט אויך לאנג נאכהער. אבער נאך פיעל מעהר זעהט זיך אין שלמה'ס בית־המקדש און פאלאץ די השפעה אויף די אידען פון דער בוי־קונסט פון די פע־ניקיער, סיריער און חתים. און אויך פון די עגיפטער און פון די ווייטסטע מזרח־פעלקער. די מעטאל־טעכניק און די טעפעריי געפינען אסך פאראלע־לען אין דער מיקענישער און ציפערישער קולטור. שלמה'ס טראן מיט די לייבען וואס שטעלען פאר די קעניגליכע אויבער־הערשאפט, דאסגלייכען דער מעכטיגער קופערנער „ים" וואס האלט זיך אויף צוועלף רינדער און אסך אנדערע זאכען אין דער אויספיהרונג און סימבאליק, ווייזען אויף א באשטימטער השפעה: צום טייל פון דער באבילאניש־אשורישער, צום טייל פון אן אנדער קולטור.

וואס האבען די אידען אריבערגענומען אין רעליגיעזע ענינים? אין ספר מלכים א (י"א) ווערט דערצעהלט, אז שלמה האט אויפגעשטעלט במות אין ירושלים צו דינען פרעמדע געטער. פונקט אזוי ווייניג ווי עס לעגט זיך אויפ'ן שכל, אז ער זאל האבען באמת זיך אפגעקעהרט פון יהוה, פונקט אזוי נאָ־

טירליך און זעלבסטפארשטענדליך מוז אונז פארקומען, אז ער האט אמאל ביי א געלעגנהייט זיי געבראכט א קרבן. ווארים שלמה האט געהאט אסך אויסלענדישע פרויען, ניט בלויז א טאכטער פון פרעה'ן, נאר אויך אלערליי אנדערע חשוב'ע פרויען פון אויסלאנד האבען זיך געפונען אין זיין הארעם, צווישען זיי אויך רחבעם'ס מוטער נעמה העמונית. ס'איז דעריבער זעלבסטפארשטענדליך, אז ער האט זיי געמוזט שאפען א געלעגנהייט צו דינען זייערע היימישע געטער אין ירושלים. ווי אזוי די געלעגנהייט איז געשאפען געווארען, קאן אונז לערנען דער ביישפיל פון נעמן דעם אראמעער, וועלכער האט געלאזט ברייננען פון ארץ ישראל א משא ערד כדי צו קאנען דינען יהוה אין דמשק און אויפצושטעלען פאר איהם א מזבח אויף זיין היימישען באדען. עס לאזט זיך ממילא פארשטעהן, אז ווען אויסלענדער זיינען געקומען קיין ירושלים האבען זיי אויסגענוצט די געלעגנהייט מקריב צו זיין קרבנות אויף די מזבחות פון זייערע אייגענע געטער. און אז די דאזיגע געלעגנהייט האט זיך איצט אסך מעהר אנגעבאטען איידער פריהער, האבען מיר שוין געזעהן. מיר וועלען זיכער ניט מאכען קיין טעות מיט דער הנחה. אז ביי די גרויסע ימים־טובים פלעגען ווי אומעטום אזוי אויך אין ירושלים. בפרט זינט דער בית־המקדש איז אויפגעבויט געווארען, זיך עפענען גרויסע יארידען, וואוהין עס פלעגען קומען אויסער די עולי־רגל'ניקעס און די היימישע סוחרים אויך אלערליי פרעמדע הענדלער. פאר זיי זיינען נאטירליך געווען די מזבחות פון זייערע היימישע געטער זעהר אן אנגעלעגטע זאך.

ס'איז קיין ספק ניט, אז דער איד האט דא געהאט א גוטע געלעגנהייט צו לערנען פון דער ערשטער האנט דעם אופן ווי די פרעמדע דינען צו זייערע געטער. אויב מ'האט ביז איצט געהאט נעבען זיך דער עיקר די כנענים און די נעהנטסטע שכנים און פון זיי געקראגען א רעליגיעזע השפעה, האט מען איצט אהן שוועריקייט זיך געקאנט באקאנען אויך מיט דעם מהות פון דער עגיפטישער, חתי'שער און אויך אשורישער רעליגיאן. א היבשע צאהל פון די ביז איצט געפונענע העברעאישע זיגלען און איינגעקריצטע דימענטען האבען אויף זיך מאנכע געצענדינערישע געטער־סימבאלען*). און הגם מיר קאנען

---

*) די זיגלען וואס מ'האט לעצטענס אויסגעגראבען אין ארץ ישראל טראגען אזוינע נעמען ווי שמע עבד ירבעם מיט'ן בילד פון א לייב, יחמליהו בן מעשיהו מיט'ן בילד פון א פיער־פליגעלדיגען אדלער, שמעיהו בן עזריהו מיט'ן בילד פון אן אקס, חנניהו בן עכבר מיט'ן בילד פון א פאלמענבוימעל, יהועזר בן עובדיהו מיט'ן בילד פון א ציגען־באק. די גרעסטע אויפמערקזאמקייט פון די פארש'ער האט אבער דערוועקט א זיגעל אויסגעגראבען ביי ירושלים

ניט זאגען זיכער וועגען קיינעם פון די דאזיגע זיגלען, אז זיי שטאמען פון שלמה'ס צייט. דאך האבען זיי פיליכט זייער שורש אין אט די השפעות. ווארים עס וואלט געקלונגען משונה'דיג, ווען אזא צייט ווי שלמה'ס, וואס האט אזוי שטארק געארבייט נאך פרעמדע מאטיווען, אין דער הייליגער אזוי אויך אין דער וועלטליכער קונסט, זאל ניט שאפען קיין זיגעל־קריצעריי.

דאך פון דער אנדערער זייט מוז מען זיך היטען צו געהן ווייטער ווי נאר אנצונעמען געוויסע פרעמדע השפעות. אויב שלמה האט אין זיין בית־המקדש, ניט מורא האבענדיג, אנגעווענדט אויף יהוה סימבאלען פון פרעמדע גאט־הייטען ווי דעם לייב און דעם אקס און דעם לעבענס־בוים אדער די זון־זיילען, איז פונקט אזוי געווען מעגליך, אז דער פשוט'ער איד זאל זיך לאזען אויסקריצען פון א פרעמדען קינסטלער א זיגעל מיט פרעמדע סימבאלען, וועלכע דער איד האט אנגעווענדט אויף זיין יהוה. ס'איז על־כל־פנים ניט אויסגעשלאסען, אז דער אדער יענער איד פאלגען דער עצה פון פרעמדען סוחר אדער פון איינער פון די פרעמדע הארעם־פרויען, און בייט פשוט אויס זיין גאט יהוה אויף א פרעמדען גאט. אט אזוי דארף מען דערקלערען דאס ניט לאנג אנטדעקטע זיגעל־בילד וואס מען מיינט, אז דאס שטעלט פאר יהוה*).

אזוי פיעל אבער בלייבט זיכער, אז עס האט זיך דאמאלסט אנגעהויבען א לעבעדיגע באריהרונג מיט פרעמדע רעליגיעזע געדאנקען פון אלע מינים. וועמעס נאכווירקונג האט זיך געמוזט לאזען פיהלען אויך אין דער קומענ־

מיט א נאמען א ל י ש ט ע ב ן ג ד ל י ה ו און א בילד. דאס בילד שטעלט פאר אזא מין כלי, וואס האט אן עהנליכקייט צו א שיף, מיט פויגעל־קעפ בייביידע זייטען. אין מיטען שיף שטעהט א טראן מיט א פוסבייינקעל מיט א קורצען אנשפאר. אויף איהם זיצט א מענליכע געשטאלט אין א געקנייטשטען מלבוש, אבער פון קניה אן מיט בלויזע פיס. דער לינקער ארעם ליגט אויפ'ן שויס, דער רעכטער אונטערארעם איז אויפגעהויבען און האלט עפעס א זאך עהנליך צו א פעכער; מ'קאן אבער גענוי ניט דערקענען וואס דאס איז. גיכער ווי אלץ איז דאס א בליץ. אויפ'ן קאפ איז א הויכע, שטייפע באדעקונג. די פארשער נעמען אן, אז דא מוז זיך האנדלען וועגען א גאטהייט. פאר און הינטער דעם טראן שטעהען פאלמען, ניט וואקסענדיג, נאר געשטיצט דורך געשטעלען, עהנליך צו מנורות. די פארשער נעמען אן, אז דאס בילד שטעלט פאר דעם גאט יהוה, מחמת דער אייגענטימער פונ'ם זיגעל טראגט דעם נאמען בן גדליהו (יהוה איז גרויס). באריכות ווע־גען דעם אין „פאלעסטינא־יאהרבוך", ארויסגעגעבען פון גוסטאף דאלמאן, צווייטער יאהר־גאנג, בערלין 1906. ח. ש.

*) דער נאמען גדליהו איז נאך גאר ניט אזא זיכערע ראיה, אז זיין טרעגער האט געהערט צו די וואס דינען יהוה. און צווייטענס האט א איד אויך געמעגט נאכטאן דער מאדע און זיך מאכען א זיגעל מיט א פרעמדען בילד.

דיגער צייט. אז עס זיינען צווישען זיי געווען אויך אשוריש־באבילאנישע רעליגיעזע השפעות, דארף אנגענומען ווערען פאר געוויס. און אויב די באבילאנישע געטער־געשיכטען וועגען דער וועלט־באשאפונג און וואס עס הענגט דערמיט צוזאמען, זיינען שוין לאנג פריהער ניט געקומען צו וואנדערען קיין כנען און ישראל, איז איצט געווען די בעסטע געלעגענהייט פאר זיי אריינצושטראמען אהין.

אין דער טראדיציע ווערט שלמה באטראכט אלס א מלך רייך אין חכמה און גערעכטיגקייט, פונקט ווי אין גאלד און אוצרות. אז ער איז טאקע רייך געווען אין חכמה און גערעכטיגקייט באווייזען די מיטלען, וואס ער האט אנגענומען צו זיכערען זיינע גרעניצען און איינצואָרדערען די אדמיניסטראציע פון׳ם לאנד, ווי אויך זיין באריהמטער פסק־דין אין דער געשיכטע פון די צוויי פרויען (מלכים א, ג). די קומענדיגע דורות האבען זיך דעריבער געקאנט פרעגען, וואס פארדינט אין דעם גרויסען קעניג דעם ערשטען פלאץ: זיין חכמה אדער זיין גערעכטיגקייט? מ׳האט זיכער מיט רעכט מייחס געווען צו איהם מאנכע שפריכווערטער פון פראקטישער לעבענס־חכמה. דאס איז הפנים דער היסטארישער יסוד פון דער טראדיציע וועגען שלמה׳ס משלים.

### שלמה׳ס בית־המקדש און זיין פאלאץ.

שלמה׳ן האט ניט געפעהלט קיין העכערער אינטערעס פאר רעליגיאָן און קולט. דאס ווייזט דער בית־המקדש, וועלכען ער האט געבויט. שלמה האט אפילו געבויט דעם בית־המקדש אלס טייל פון זיין גראנדיעזען קעניגליכען שלאס. אבער מיר קענען קוים אננעמען, אז ער האט גלייכצייטיג ניט געהאט אין זינען אויך צו פארשאפען דעם פאלק א הייליגטום פון א באזונדערער באדייטונג און אנציהונגס־קראפט. זיין כונה איז זיכער ניט געווען דערביי צו מאכען דעם בית־המקדש פאר דאס איינציגע געזעצליכע הייליגטום, ווי דאס איז אין יאשיהו׳ס צייט דורכגעפיהרט געווארען: דאס האט די צייט ממילא געמוזט ברייינגען מיט זיך. עס איז אבער ניטא קיין גרונט ניט אנצונעמען, אז דער קעניג איז אויסען געווען צו שטעלען זיין הייליגטום אלץ מעהר און מעהר אין מיטעלפונקט פונ׳ם רעליגיעזען לעבען. אויף דעמזעלביגען אופן ווי ירושלים איז דורך דוד׳ס איינפלוס און דורך זיין אייגענעם איינפלוס און פראכטיגען הויף אלץ מעהר און מעהר געווארען דער מיטעלפונקט פונ׳ם עפענטליכען און בירגערליכען לעבען. פאקטיש איז דער בית־המקדש, הגם א טייל פון די פאלאץ־בנינים, דאך אזוי גראנדיעזן און אומאפהענגיג געבויט, אז דערפון אליין קאן מען שוין זעהן די

העכערע באַשטימונג, וועלכע שלמה האָט געהאַט אין זינען. בלויז אַ פּאַלאַץ־הייליגטום, ווי גלענצענד עס זאָל ניט זיין, האָט געמוזט זיין פון אַ קלענערע און פּשוט׳ערע פּלאַן.

דעם אָרט פון שלמה׳ס בית־המקדש דאַרף מען זוכען, ווי עס ווייזט אויס, אין פאַרבינדונג מיט יענעם אָרט אויף׳ן באַרג ציון, וואָס איז נאָך היינט הייליג ביי די אַראַבער און וואָס איז באַצייכענט דורך דעם פעלז־דאָם (חאַראַם עש־שעריף). אינעווייניג געפינט זיך, ווי ס׳איז באַקאַנט, אַ הייליגער פעלז, וואָס זעהט זיך נאָך היינט אַרויס אין אַ לענג פון 17.7 מעטער, אַ ברייט פון 13,5 מעטער און אַ הויך פון אַרום 2 מעטער.

מ׳דאַרף אַננעמען, אַז אויף דעם פעלז איז געשטאַנען דער מזבח וואָס דוד האָט אויפגעשטעלט ביי דעם שייער פון ארונה היבוסי און שפּעטער שלמה׳ס „מזבח העולה“. נאָך איצט ווייזט אַן אַריינגעשניטענער גאַנג אין איהם וואָס שטעהט אין פאַרבינדונג מיט אַ וואַסערלייטונג, אַז דער פעלז האָט אַמאָל געדינט אַלס מזבח. פון דאָרטען קאָן מען גענוי באַשטימען די לאַגע פונ׳ם בית־המקדש, וואָרים דער „מזבח העולה“ האָט זיך געפונען אין מזרח־זייט פון בית־המקדש, פאַר דעם הויפּט־אַריינגאַנג אין פאַרהויף. דער בית־המקדש גופא האָט זיך געצויגען פאַר לענגס אין מערב־זייט פונ׳ם מזבח. אַזוי ווי דער באַרג לאָזט זיך אַביסעל אַראָפּ צו מערב צו, זיינען דאָ דערפאַר נויטיג געווען גרעסערע קינסטליכע בנינים.

שלמה׳ס בית־המקדש איז, ווי די עגיפּטישע זון־טעמפּלען, געשטאַנען מיט׳ן פּנים צו דער אויפגעהענדער זון. דאָס קאָן ניט זיין קיין צופאַל, וואָרים לויט דער לאָקאַלער לאַגע וואָלט אַן אַנדער שטעלונג פון בית־המקדש בעסער זיך געפּאַסט. עס וואָלט אין איהם געווען מעהר סימעטריע, ווען זיין אַריינגאַנג וואָלט געווען צו דרום אָדער מערב, בעת ביי זיין איצטיגער שטעלונג איז דאָס הויז אויף אַ שטערענדען אופן אָוועקגערוקט צום סאַמע מערב־ראַנד פונ׳ם גאַנצען בוי־פּלאַץ. ס׳איז דערפון צו דרינגען, אַז דאָ האָבען געמוזט אַראָפּווענען באַשטימטע מאָטיווען, וועלכע האָבען געקאָנט זיין נאָר פון אַ רעליגיעזען כאַראַקטער. מ׳דאַרף זיי אָבער ניט זוכען ביי שלמה׳ן גופא, ווי ער וואָלט כלומר׳שט געדינט צו דער זון. נאָר ביי די וואָס האָבען אויפגעשטעלט די דאָזיגע בנינים.

די גרויס פון בית־המקדש איז אונז אָנגעגעבען נאָר פאַר אינעווייניג. אַזוי, אַז מיר קענען זיך ניט מאַכען קיין גענויערען בילד ניט פון דער הויך און דעם פאַרהעלטעניש פונ׳ם דאַך, ניט פון דער דיק פונ׳ם מויער אַרום. צום טייל קאָנען מיר דאָ און דאָרטען אָנווענדען מיט גרויס וואַהרשיינליכ־

קיים די פרטים וועלכע יחזקאל גיט אן, מחמת יחזקאל האט נאך געקענט שלמה'ס אלטען בית־המקדש און האט איהם געברויכט אלס יסוד אין זיין באשרייבונג פונ'ם צוקינפטיגען בית־המקדש.

דער בית־המקדש גופא איז באשטאנען פון צוויי הויפט־אפטיילונגען: דעם „דביר" אדער „קדש־הקדשים" און דעם „היכל". דער דביר איז געווען א פולשטענדיג טונקעלער, פיערקאנטיגער רוים פון הינטען און דער היכל איז געווען א לענגליכער רוים פון פארענט. דער היכל איז געווען 40 איילען לאנג, 20 ברייט און 30 הויך. אין איהם האט זיך געפונען דער הייליגער טיש פון די לחם־הפנים געמאכט פון צעדערהאלץ. די הייליגע לעבלעך ברויט האט מען פון איצט אן געבראכט אלס קרבן אין רעגעלמעסיגע צייטען, ווי שוין פריהער אין נוב און קענטיג אויך ביים ארון. זיי פלעגען אוועקגעלעגט ווערען אויפ'ן שולחן פאר דעם פנים פון יהוה, אויסערדעם האט שוין דא אויך אין שלמה'ס בית־המקדש זיך געפונען דער מזבח פון די קטורת, כאטש אין דער נייער צייט ווערט דאס פון מאנכע פארשער באשטריטען. עס קאן זיין, אז דער מזבח איז ניט קיין ווערק פון שלמה'ן גופא, נאר אז ער איז איינגעפיהרט געווארען אין משך פון דער צייט. אויך דער רוים האט גע־מוזט זיין רעכט טונקעל, ווייל ער האט באקומען זיין ליכט דורך ניט קיין גרויסע פענסטער, וואס האבען זיך געפונען אין דער הויך, ניט וועניגער ווי 20 איילען איבער דער ערד. פאר דער עבודה פון די כהנים האט מען זיך דעריבער באהאלפען מיט קינסטליכער באלייכטונג. אין איינקלאנג דערמיט ווערט דערצעהלט אין מלכים א (ז 49) וועגען צעהן גאלדענע לייכטערס, וואס זיינען געווען אויפגעשטעלט בייביידע זייטען פונ'ם אריינגאנג צום דביר. אויך זייער עקסיסטענץ ווערט פון מאנכע פארשער באשטריטען, דאך קוים מיט רעכט: אויב דאס וואלט געשטאמט פון א שפעטערדיגען צו־שרייבער, וואלט ער דא גיכער אריינגעשטעלט דעם איין לייכטער מיט זיבען ארעמס פון דעם צווייטען בית־המקדש און פון דעם משכן. דערצו נאך זיי־נען די לייכטערס פאקטיש געווען נויטיג צוליב דער טונקעלקייט.

דער דביר איז געווען פיערקאנטיג און האט געהאט צו 20 איי־לען אין לענג, ברייט און הויך. אויבען צו איז ער געווען אפגעשלאסען מיט אן איינגענעם דאך, בעת דער בנין גופא פון בית־המקדש האט זיך געצויגען ווייטער אין דער הויך ביז 30 איילען. איבער דעם קודש־הקדשים ליגט בכן אן אויבער־צימער פון 10 איילען הויך. דער קודש־הקדשים איז דער וואוינ־ארט פון יהוה אין אז ענגערען זין. אין שלמה'ס בית־המקדש איז דארטען געווען, אויף ווי ווייט מיר ווייסען, בלויז איין איינציגע זאך: דער ארון. אי־

בער דעם ארון זיינען געשטאַנען אַלס צייכענס פון גאָט'ס אַנוועזענהייט. און גלייכצייטיג אַלס היטער פון'ם הייליגען הויז, צוויי כרובים צו 10 איילען הויך, געשניצט פון איילבערט־האָלץ.

פאַר דעם בנין פון פאַרענט איז געווען אַ פאַר־שטוב (אולם) 20 איילען ברייט און 10 איילען לאַנג, ביי וועמעס אַריינגאַנג עס זיינען געשטאַנען צוויי פון בראָנז געגאָסענע זיילען י כ י ן און ב ע ז. לויט פאַרשידע־נע פאַרגלייכונגען זיינען זיי געווען אַ מין מצבות, פּילייכט אין דער פאָרם פון סימבאָלישע ליכט־טרעגער. אויף די איבעריגע דריי זייטען, אין צפון, מערב און דרום, איז דער בית־המקדש געווען אַרומגערינגעלט מיט אַ זייט־געבוי פון 15 איילען הויך, וואָס איז געווען באַהעפט דירעקט אַן דעם אויס־סערליכען מויער. ער האָט אַרומגעצוימט יענע דריי זייטען פון בית־המקדש ביז אַ העלפט פון זייער הויך און איז באַשטאַנען פון דריי עטאַזשען בערך 5 איילען הויך, וואָס אין יעדען פון זיי איז געווען אַ רייה פון צימערן. אין די דאָזיגע צימערן האָט מען, ווי עס ווייזט אויס, געהאַלטען די כלים פון בית־המקדש און די געבראַכטע נדרים. דער גאַנצער בנין איז געווען אַרומגערינגעלט פון פאַר־הויף, וועמעס גרויס עס איז אונז אומבאַקאַנט. ער איז דער אמת'ער פּלאַץ פון גאָטדינסט פאַר דאָס פאָלק: דאָרטען ברייגנט דאָס פאָלק זיינע קרבנות און פייערט זיינע ימים־טובים. אין דעם בית המקדש גופא טרעטען נאָר כהנים אַריין.

האַרט ביי דעם בית־המקדש זיינען געלעגען שלמה'ס איבעריגע בנינים אויפ'ן באַרג ציון. אין וואָס פאַר אַ פאַרהעלטעניש זיי זיינען געשטאַנען צו דער אַלטער „דוד'ס־בורג“, ווערט ניט געזאָגט. עס לייגט זיך אָם בעסטען אויפ'ן שכל, אַז נאָכדעם ווי ס'איז פאַרטיג געוואָרען שלמה'ס אייגענער פּאַ־לאַץ און דער פּאַלאַץ פון זיין עגיפּטישער פרוי, איז דוד'ס פעסטונג אָפּגעבראַכען געוואָרען. זי האָט געמוזט שטעהן אויפ'ן פּלאַץ וואו ס'איז שפּעטער געשטאַנען איינער פון שלמה'ס זאַלען, אויב ניט נאָך ווייטער צו דרום.

שלמה'ס פּאַלאַץ־בנינים זיינען באַשטאַנען פון דריי אָפּטיילונגען. די ערשטע שטעלט פאַר דאָס אָזויגערופענע ה ו י ז פ ו נ ' ם ל ב נ ו ן־ וו א ל ד („בית יער הלבנון“). עס איז געווען 100 איילען לאַנג און אַ העלפט דערפון אין דער ברייט און האָט זיך געהאַלטען אויף 45 צעדער־זיילען: עס האָט דעריבער אויסגעזעהן פון ווייטען ווי אַ וואַלד פון צעדער־ביימער. דעם צוועק פון אָט דעם פּראַכטיגען בנין קאָן מען דרינגען פון דעם וואָס ער איז געווען געבויט ווי אַ מין גרויסער זאַל. ער האָט געמעגט דינען

אלס פארזאמלונגס־פלאץ פאר די זקני ישראל, און זיינע אויבערסטע צי־מערן — אלס ארסענאל פון דער קעניגליכער פעסטונג (מלכים א, י 16, 17: ישעיה כ"ב 8).

די צווייטע אפטיילונג, צווישען דעם לבנון־הויז און דעם פאלאץ גופא, איז באשטאנען פון צוויי זאלען. דער ערשטער פון זיי ליגענדיג נעהנטער צו דער שטאדט, איז געווען ארומגערינגעלט מיט זיילען 50 איילען די לענג און 30 איילען די ברייט, מיט א שענער פארשטוב דערצו. דירעקט פארבונדען מיט איהר איז געווען א צווייטער זאל, וואס האט געדינט אלס געריכטס־זאל, וואו שלמה האט גע'משפט. און דער פריהער דערמאנטער זאל איז בלויז געווען דער אריינגאנג צו דעם: דער פאלאץ וואו עס האט זיך פאר־זאמעלט דאס פאלק וואס האט געזוכט א גערעכטען משפט און האט גע־ווארט פארגערופען צו ווערען פאר דעם טראן.

די דריטע אפטיילונג אין שלמה'ס גאנצער ציטאדעל איז באשטאנען פון דעם פאלאץ פון קעניג צוזאמען מיט דעם פאלאץ פון דער קעניגין. דער פאלאץ איז געווען איינגעשלאסען צווישען דעם בית־המקדש און זיין פאר־הויף צו צפון און די אויבען דערמאנטע זאלען צו דרום, אזוי ווי באשיצט פון ביידע זייטען. וועגען דעם געבוי פון די דאזיגע פאלאצען גופא שטעהט קיין זאך ניט געשריבען. עס זעהט אויס, אז דער דערצעהלער, א כהן, איז געווען זעהר גוט אינפארמירט וועגען דעם בית־המקדש און זיינע אויסערליכע בנינים, האט אבער קיינמאל ניט באטראטען דעם קעניגליכען פאלאץ. מיר ווייסען בלויז, אז דער פאלאץ איז באשטאנען פון צוויי הויפט־בנינים: פון דעם פאלאץ פון שלמה'ן און זיין פאמיליע און פון דעם פאלאץ פון פרעה'ס טאכטער, וועלכער האט דירעקט זיך געגרעניצט מיט'ן ערשטען.

אזוינע פראכטיגע בנינים ווי שלמה'ס בית־המקדש און זיין פאלאץ האבען אין יענער צייט ניט געקאנט אויסגעפיהרט ווערען אין ישראל מיט היימישע כוחות און היימישע מאטעריאלען. פיינע זארטען האלץ זיינען ווינציג וואס געוואקסען אין ישראל: צעדערבוימער אין גאנצען ניט. די קונסט פון שטיינהאקעריי און פון בויען מיט קוואדראט־שטיינער איז קענ־טיג נאך פרעמד געווען די אידען, נאך ווענינגער איז באקאנט געווען ביי די אידען די בראנז־גיסעריי און בכלל די קינסטליכע מעטאל־ארבייט. מ'האט בכן זיך געמוזט באהעלפען מיט פרעמדע הענט.

שוין דוד האט זיך באנוצט מיט פ ע נ י ק י ש ע שטיינהאקער און בוימייסטער און מיט פעניקישע צעדערהאלץ פאר זיין יעדענפאלס אסך באַ־שיידענערען פאלאץ אויפ'ן בארג ציון. דער בונד מיט חירם מלך צור איז

ווייטער באשטאנען. ס'איז דערפאר געווען א נאטירליכע זאך, אז שלמה זאל נאכטאן זיין פאטער'ס ביישפיל*). אידישע רעקרוטירטע ארבייטער אין שלמה'ס דינסט האקען דאס האלץ אויף דעם לבנון: דורך חירם'ס לייט ווערט עס געבראכט ביז צום ים און פון דארטען אין א באקוועמען האפען נאהנט צו ירושלים (יפו). פאר דער ארבייט גיט שלמה חירם'ען גרויסע מאסען ווייץ און אויל.

די צייט פון בויען דעם בית המקדש האט געדויערט ארום זיבען יאהר. די בראנזענע טיילען זיינען אויסגעגאסען געווארען דורך א צורי'שען קינסטלער חורם־אבי (דברי הימים ב, ב 12), וועלכער האט אויפגעשטעלט זיין ווארשטאט ביי סכות ארונטער ביים ירדן. נאכ'ן פארענדיגען דעם בנין פון בית־המקדש האט שלמה געמאכט א גלענצענדען יום־טוב אלס חנוכת־הבית, פארבינדענדיג עס מיט דער פייערליכער אריבערפיהרונג פון ארון אינ'ם הייליגען אינערליכען רוים פונ'ם בית־המקדש. דערביי האט שלמה געהאלטען א הויך־פאעטישען חנוכת־הבית־שפרוך, וועלכער איז אין אונזער העברעאישען תנ"ך פארקירצט, אבער וועלכען מ'קאן ארויסקריגען פון דעם גריכישען תרגום השבעים (מלכים א, ח). דער שפעטעריגער באארבייטער האט איהם משלים געווען מיט אן אויספיהרליכער חנוכת־הבית־תפלה פון שלמה'ן. דער נוסח פון שפרוך איז:

„די זון האט יהוה אין הימעל געשטעלט,
ער אליין האט געזאגט, ער וויל אין טונקעלקייט וואוינען;
א הויז האב איך געבויט פאר דיר אלס וואוינונג,
א וואוינארט פאר דיר אויף אייביגע צייטען."

יהוה ווייזט זיך דא דייטליך ארויס אלס הימעל־גאט. דעם געדאנק האט הפנים אויך געמוזט אויסדריקען דער פלאן און די אויספיהרונג פון דעם

---

*) אהן א ספק האבען די פעניקיער גופא געארבייט דאס רוב לויט אויסלענדישע מוסטערן. מ'דארף דעריבער אננעמען, אז שלמה'ס בית־המקדש און זיינע איינצעלנע כלים האבען געהאט אן עהנליכקייט ניט בלויז מיט פעניקישע טעמפעל־געביידע, נאר אויך מיט אנדערע פרעמדלענדישע, באזונדערס מיט סירישע, טעמפעל־געביידען פון יענער צייט. עס ווייזען זיך אויך ארויס דערביי העכסט וואהרשיינליך עגיפטישע און אין דער מעטאל־טעכניק—מיקענישע השפעות. די סימבאליק ווייזט אסך אויף מאטיווען, וועמעס אורשפרינגליכע היים איז באבילאניען. באזונדערס איז דאס דער פאל מיט די כרובים, און אויך מיט די $2 \times 5$ מנורות (באצייכענענדיג די 5 פלאנעטען), ווייטער אויך אין דעם „ים הנחשת" וואס רוהט אויף 12 רינדער. די וואסער־בעקענס זיינען אבער אויך געווען גוט פארטראטען אין מערב. אויך די עגיפטישע און סירישע טעמפלען האבען געהאט זייערע ים'ען.

בית־המקדש. די צוויי זיילען האט מען לאנג שוין דערקענט אלס סימבאלען פונ׳ם הימעל־גאט, ענליך צו די עגיפּטישע אבעליסקען. די סימבאלען פונ׳ם זון־גאט רא, און די כנעני׳שע מצבות. פּונקט אזוי מוז מען צוגעבען, אז די מנורות און דער קופּערנער ים מיט זיין וואסער־בעקען ווייזען אויף דער סימבאליק פונ׳ם הימעל־גאט, דער וואסער־בעקען בפרט ווייזט אויף דעם הימעל־גאט אלס רעגען־געבער. דער קודש־הקדשים איז טונקעל, ענליך צו דעם טונקעלען רוים אין די עגיפּטישע טעמפּלען. ביידע ליגען צו מערב־זייט. די אורזאך איז וואס דאס דארף זיין דער רוה־פּלאץ פון גאט ביי נאכט: ביי טאג לייכט ער אין דער זון, ביי נאכט טרעט ער אריין אין זיין וואוינונג.

די באדייטונג פון שלמה׳ס בית־המקדש איז שוין אנגעגעבען ווען מיר האבען גערעדט וועגען דער גרויסער וויכטיגקייט פון אויסקלייבען ירושלים אלס הויפּטשטאדט פונ׳ם לאנד און אלס מיטעלפּונקט פונ׳ם אידישען רעליגיעזען לעבען דורך דוד׳ן. שלמה האט אין דעם פּרט נאר דורכגעפיהרט זיין פאטער׳ס פּלענער. אבער וואס ס׳איז דערמיט אויפגעטאן געווארען — דער וועג דורכגעבראכען פון דוד׳ן און פון שלמה׳ן ווייטער געפיהרט — קאן ניט צו הויך אפּגעשאצט ווערען. באזונדערס זיינען יהודה און דוד׳ס דינאסטיע, וואס האבען באלד זיך אפּגעריסען פונ׳ם איבעריגען ישראל, נאר דורך דעם בית־המקדש אין ירושלים געוועזען בכוח אויפצוהאלטען זייער קיום איבערהויפּט און ווער רעדט נאך אזוי לאנג. די רעליגיעזע זייט פון דוד׳ס אויפטו האט דורך דעם בית־המקדש באקומען זיין בלייבענדע ווערדע. דער ארון האט געפונען זיין פּלאץ, גאט גופא האט געפונען זיין וואוינארט אין ישראל אויף אלע צייטען. ווען יהודה האט נאר פארשטאנען ווי אומצוגעהן מיט דער דאזיגער ירושה פון זיינע צוויי גרעסטע מלכים, האט איהם באלד געמוזט קלאר ווערען וואס פאר אן אוצר ער האט אין מיטען ביי זיך. פון דעם רעליגיעזען שטאנדפּונקט איז עס געוועזען דער ארט וואו מ׳האט געדינט יהוה אהן א בילד, יענער אופן פון גאט־דינסט וואס האט אלץ מעהר און מעהר געמוזט געווינען די הערצער: פונ׳ם פּאליטישען שטאנדפּונקט איז עס געוועזען דאס פּראכטיגסטע אידישע הייליגטום, וואס האט אריבערגעשטיגען אלע אנדערע הייליגטימער און איז באלד געווארען די אידעאלע שטיצע פון דוד׳ס הויז אין שווערע צייטען. פון ביידע שטאנדפּונקטען ווערט דער בית־המקדש דער ווינקעל־שטיין, אן וועלכען עס ווערען צעשמעטערט די פיינד פון ישראל, און דער גרונט־שטיין, אויף וועלכען די אידישע האפענונג בויט זיך אויף א נייער צוקונפט.

צווייטע אפטיילונג.

ר. קיטעל

# דאס אידישע לעבען אונטער דער פאראייניגטער מלוכה

## 1.

## לעבען און קולטור.

### דער אופן פון לעבען.

אין דער פריהערדיגער פעריאדע זיינען די אידען איבערגעגאנגען פונ׳ם נאמאדישען און האלב־נאמאדישען צושטאנד צו דער באזעסענקייט פון ערד־ארבייט. אלס פועל־יוצא פון דער געענדערטער לעבענס־פיהרונג און אויך אונטער דעם איינפלוס פון די אמאליגע באלעבאטים פונ׳ם לאנד, די כנענים, האבען זיי זיך איצט אלץ מעהר און מעהר צוגעוועהנט צו די שטעדט און צו די נייע פארמען פונ׳ם בירגערליכען לעבען. שאול׳ס רעזידענץ גבעה איז נאך, ווי עס ווייזט אויס, געווען א באשיידענער פויערים־דארף. זיין הויז דארטען — ניט מעהר ווי א געוועהנליכע וואוינונג פון יענער צייט. עהנליך איז עס אויך מיט אשבעל׳ן אין מחנים. אונטער דוד׳ן ווערט דאס אנדערש. ער האלט שוין א הויף מיט זינגער און זינגערקעס (שמואל ב, י״ט 36). גווארדייצעס לויפען פאראויס דעם קעניגליכען וואגען אדער פאר דעם וואגען פונ׳ם קרוינפרינץ (שמואל ב, ט״ו 2: מלכים א, א 5). נאך פראכטיגער און גראנדיעזער איז שלמה׳ס הויף. מ׳לערענט אפצושאצען דעם ווערט פון פעסטע, ארומגעמויערטע שטעדט און די באדייטונג פון קעניגליכע שלעסער

און בנינים פון געהאקטע שטיינער. אין אלע ריכטונגען זעהט זיך דער ווייטערער בליק און דער געענדערטער אופן פון לעבען.

ס'איז גרינג צו פארשטעהן, אז מ'האט ניט געקאנט דורכפיהרען מיט אייגענע כוחות די העכערע פאדערונגען פון דער פארגעשריטענער צייט. די קרובה'שאפט אין אפשטאמונג פון די כנענים מיט די פעניקיער איז ניט בלויז ניט געוועזן קיין מניעה, נאר פיליכט איז דאס געוועזן א גרונט פארוואס די אידען זאלען געהן צוזאמען מיט צידון און צור. די הויפט־ערטער פון די פעניקישע שטאדט־רעפובליקען. מען איז דאך בכלל אויסגעקומען בשלום מיט די געוועזענע באלעבאטים פונ'ם לאנד. מאנכע רייבונגען מיט זיי ביי געלעגענהייטען און איינצעלנע פארגעוואלטיגונגען פון כנעני'שע שטעדט דורך שאול'ן און שלמה'ן האבען לגמרי ניט געענדערט די לאגע. די פעניקיער, אזוי ווייט ווי זיי האבען נאך געהאט א קלארען באוואוסטזיין פון זייער אלטער שייכות צו די כנענים, זיינען אהן א ספק געוועזן גענוג האנדעלס־פאלק זיך ניט צו לאזען פארפיהרען פון אזוינע מאטיווען דארטען וואו עס האבען צו זיי געוואונקען פון ווייטען רייכע מסחר־ריוחים.

פאר די אידען האט דער בונד מיט חירם'ען געהאט פרוכטבארע רעזולטאטען. דוד'ס און שלמה'ס בנינים קאן מען זיך אהן איהם גאר ניט פארשטעלען. דערצו האבען די אידען, וועלכע האבען ביז אהער געלעבט אויסשליסליך פון זייער לאנד, דעם ערשטען מאל זיך באקענט מיט דעם וועלטהאנדעל אין א גרעסערען מאסשטאב. דאס איז געווען די ערשטע פראבע אויף א געביט וואס האט שפעטער געזאלט ווערען פאר די אידען כמעט א צווייטע נאטור.

## קולטור און גייסטיגעס לעבען.

די אלגעמיינע קולטור־פארהעלטענישען אין שלמה'ס צייט זיינען שוין אויבען ארומגערעדט געווארען. דא דארפען מיר נאך זאגען א פאר ווערטער וועגען דער שטעלונג פון דער נאציאן צו דער וועלט־קולטור אונטער שאול'ן און דוד'ן. זיכערע מאטעריאלען וועגען דעם האבען מיר איצט צום באדויערען זעהר ווייניג. דאך לאזען זיך ציהען איינעגע גרונט־ליניעס.

דוד איז אריינגעטראטען אין א דיפלאמאטישען פארקעהר מיט צור און עמון און. ווי מיר קאנען זיך פון דעם משער זיין, אויך מיט אנדערע מלוכות. צווישען זיינע העכסטע באאמטע האט ער געהאט א קעניגליכען שרייבער

אדער קאנצלער מיט אַן אויסלענדישען נאָמען*) און צווישען זיינע אַפּיצי־רען האָט ער געהאַט אַ חתי, דעם באַקאַנטען אוריה. מיר מוזען דערפון דרינ־גען, אַז אין יענער צייט האָבען זיך פאַרשפּרייט ביי די אידען אַלערליי השפּעות פון פרעמדע קולטורען. דאָס וועט על־פּי־השערה אויך זיין די אונ־טערסטע שורה פון די אויסגראַבונגען, אַזוי ווייט ווי מ׳קאָן שוין איצט אַרויסגעבען אַן אורטייל. אויב מיר מעגען צושרייבען צו שאול׳ס און דוד׳ס צייט די אויסגעגראַבענע שיכט 2a אין תענך און אַ טייל פון דער פּערטער שיכט וואָס שומאַכער האָט אויסגעגראַבען אין מגידו, טרעטען מיר אַריין אין דער פאַרגעשריטענער בראָנז־צייט. ווען דער פייערשטיין הייבט אָן צו פאַרשווינדען און אייזען הייבט ביסלעכווייז אָן צו פאַרנעמען מעהר אָרט. מיט דער פאַרשפּרייטונג פון מעטאַל אַנטוויקעלט זיך אויך מעהר די מעטאַל־טעכניק, אַזוי אַז מיר געפינען אין מגידו בראָנז־שפּיזען אויסגעאַרבייט אין אַ סטיל, שענע פּיילען־שפּיצען, ראַזעטען, געשטאַלטען פון חיות און פלאַנצען, אויך אַלערהאַנט לאָמפּען און פאַרשידענאַרטיגע בראָנזענע דרייפוסען און שטענדערס פון אַ לפי־ערך אַנטוויקעלטער טעכניק. די דאָזיגע טעכניק האָבען די אידען הפנים אַריבערגענומען פון די כנענים: צום טייל אָבער ווייזט די מעטאַל־טעכניק, ווי אויך די טעפּעריי, אַ מיקענישע השפּעה. אַז עס האָט דערביי אויך געשפּילט אַ באַדייטענדע ראָלע דער עגיפּטישער איינפלוס, ווייזען די לאָטאָס־פאַרצירונגען ווי אויך עלטערע סקאַראַבען.

מ׳קאָן אָבער וואַהרשיינליך נאָך אויף אַנדערע פּונקטען זיך שטי־צען אום צו אורטיילען וועגען דעם קולטורעלען מצב פון יענער צייט. ס׳איז קיין ספק ניט, אַז ניט ווייניג פון זייערע מעשיות וועגען דער וועלטבאַשאַפונג און אַנדערע מעשיות וואָס באַהאַנדלען די אורצייט, זיינען צו די אידען געקו־מען עפּעס דורך אַ וועג פון באַבילאָניען. בעת די אידען האָבען אַריבערגענו־מען די מעשיות פון מבול דירעקט פון מזרח און זיי זעלבשטענדיג איבערגע־אַרבייט, האָט עס אָבער אַ גאַנץ אַנדער שייכות מיט דער וועלט־באַשאַפונג און דעם טורעם־בוי פון בבל. אויך זיי מוזען צוריקגעפיהרט ווערען אויף אַ באַבילאָנישער השפּעה, ווי עס ווייזט די אַנווענדונג פון׳ם באַגריף „תהום“.

*) זיין שרייבער הייסט אין שמואל ב, ח 17 שריה, אין שמואל ב, כ 25 הייסט ער לויט׳ן כתיב שיא, לויט׳ן קרי שוא. אין דברי הימים א, י״ח 16 הייסט ער שושא. אין מלכים א, ד 3 הייסט ער שישא. זיין נאָמען איז קענטיג געווען ניט קיין העברעאישער. פון וועלכען פאָלק ער איז געווען ווייסען מיר ניט, פיליכט פון יענעם פאָלק, פון וועמען די אידען האָבען אַריבערגענומען די שריפט.

די טייכען פון דעם גארטען פון עדן, דער צוזאמענהאנג פון די אורפאטערס מיט די באבילאנישע אורקעניגען א. אז. וו. דא איז אבער די השפעה געווען ניט קיין דירעקטע, נאר אן אומדירעקטע. דאס ווייזט די שטארקע פארמישונג מיט דער פעניקישער וועלט־באשאפונג און דער אופן ווי אזוי די שטאָדט בבל, וועלכע איז פאר באבילאניען גופא געווען לפי־ערך יונג, ווערט געשטעלט אין דעם פאָדערגרונט, אויך ווי אזוי דער בל־טעמפעל איז בבל ווערט געמאכט פאר דעם זינד־טורעם. אַט דא זעהט זיך ווי באבילאנישע זאכען ווערען איבערגעארבייט דורך די כנענים, און ווי דער כנעני'־שער נוסח ווערט נאך אמאל געענדערט דורך די אידען גופא.

ווען האָט זיך אָפגעשפּילט דער דאָזיגער פּראצעס? איך גלויב, אז ער האָט זיך אנגעהויבען ביים סוף פון דער שופטים־צייט און איז אָפגעשלאָסען געוואָרען מיט שאול'ן און דוד'ן. ווארים מיט דער פארשטארקונג פון דעם אידישען נאציאנאלען און רעליגיעזען באוואוסטזיין נאכדעם ווי מ'האט גובר געווען די כנענים האט זיך אויך געענדיגט בעצם דאס איבערנעמען די כנעני'שע גייסטיגע קולטור. דאס האָט נאר געקאָנט אנגעהן אזוי לאנג ווי די אידען זיינען נאך געשטאנען דירעקט אונטער דער כנעני'שער השפּעה אין קולטור, רעליגיאן און לעבען.

### אינערליכע פּאָליטישע פּאַרהעלטענישען, קאָנסטיטוציע, קריג.

(לויט ר. קיטעל און ה. גוטהע).

די פּאָליטישע פארהעלטענישען פון דער ערשטער קעניגס־צייט שפּיגלען זיך אָפּ אם קלערסטען אין שופטים א. שאול איז זיך באגאנגען זעהר שטרענג מיט די כנענים. דוד און שלמה האבען פארטגעזעצט די ארבייט, הגם צום טייל אויף אן אנדער אופן, אזוי אז מיט דער צייט זיינען די כנענים ענטוועדער אסימילירט אדער אונטעריאכט געוואָרען. אַט דער מצב איז געמיינט אין שופטים א, ווען ער זאגט דארטען פיעל מאל אין דער צווייטער העלפט, אז בשעת ישראל איז שטארק געוואָרען, איז דער כנעני געוואָרען צינזבאר צו איהם. אויך יהודה האָט צום גרעסטען טייל שוין פאר דוד'ן, און נאך פיעל מעהר אונטער איהם, ארייגענומען אין זיך די שבטים פון מדבר, וואס זיינען געשטאנען נאהנט צו איהם, אזוי אז פון דוד'ן אן ווערען זיי אלץ מעהר און מעהר פארשלונגען פון יהודה.

די וויכטיגסטע פּאַסירונג פון דער צייט איז די איינפיהרונג פון דער קעניגליכער קאָנסטיטוציע. דער איינצעלנער אין פאָלק האָט נאַטירליך אַז אַנדער שטעלונג צום קעניג איידער ווי צום הויפּט פוּנ'ם שבט אָדער פון דער געגענד אין די פריהעריגע צייטען. עס האָט לאַנג זיך דערהאַלטען דאָס באַוואוסטזיין, אַז מ'האָט אַוועקגעגעבען פרייהייטען; אָבער עס זעהט זיך אויך אַ שטאָלצע שמחה מיט דעם וואוקס פון מאַכט און גרויסקייט, וואָס דאָס קעניגטום האָט געבראַכט דעם גאַנצען פאָלק, און מיט דער באַשיצונג געגען אומרעכט, וואָס עס האָט געבראַכט דעם יחיד (שמואל א. ח 11—18: במדבר כ"ג 21; שמואל ב. י"ד).

בעצם איז דאָס אידישע קעניגטום גאַנץ ווייט פון אַ געוועהנליכער טיראַניי אָדער גאַר דעספּאָטיע. מ'וועהלט אין אַנהויב דעם קעניג דורך אַ פרייען אָפּמאַך צווישען איהם און דעם פאָלק. אין איינקלאַנג מיט אזא'ן אָפּמאַך האָט מען אויך אַ ליכטען צוטריט און אַ פרייען טאָן ביים קעניג (שמואל ב. י"ד). דערביי איז אָבער דער קעניג אַלס געזאַלבטער פון גאָט אַ געהייליגטע פּערזאָן, וועלכע קיינער טאָר ניט באַריהרען (שמואל א. כ"ד 6; כ"ו 16; שמואל ב. א 14).

דאָס קעניגטום האָט פאַראייניגט אַלע שבטים אין איין פאָלק. די חילוקים צווישען די שבטים זיינען טאַקע ניט פאַרשוואונדען, אָבער מען איז פּאַרט געווען פאַראייניגט. ווארים אַלע האָבען געצאָהלט די דורך שלמה'ן איינגעפיהרטע רעגעלמעסיגע שטייערן אויסצוהאַלטען דעם קעניג'ס הויף; האָבען צוגעשטעלט רעקרוטען פאַר קעניגליכע אַרבייטען: האָבען אַוועקגעגעבען אַ געוויסען חלק פונ'ם שניט פון די פעלדער פאַר די קעניגליכע פּערד*) און דער עיקר — וואָס דער קעניג איז געווען דער העכסטער פיהדער אין קריג און מ'האָט אָנערקענט זיין העכסטען פסק־דין אין דער צייט פון פרידען. די זעלבשטענדיגקייט פון די שבטים איז דערמיט אַסך באַגרעניצט געוואָרען.

דאָס קעניגטום האָט בכן געבראַכט אַ גרויסע ענדערונג אין דעם ענין פון משפּט. ביז איצט, ווען מען איז ניט צופרידען געווען מיט'ן פסק־דין פון די עלטסטע פון די משפּחות אָדער פון די אָרטיגע געמיינדעס, פלעגט מען געהן אין דעם הייליגען אָרט צו קריגען אַ גערעכטען משפּט און אַן אָראַקעל פון דעם כהן אָדער פון דעם זעהער, וואָס איז דאָרטען געזעסען. איצט אָבער האָט דער מלך געפאָדערט, אַז מ'זאָל איהם באַטראַכטען אַלס דעם

*) מלכים א. ה 8. פיליכט איז דאָס אויך דער זין פון עמוס ז 1.

העכסטען ריכטער אין יהוה'ס נאָמען. עס האָט זיך דערמיט געעפענט א וועג זיך אפצואוועהרען פון דעם משפחה־צוואנג. די ענדערונג האָט אפגעשוואכט די ביז־איצטיגע השפעה פון די „זקנים".

ווי אזוי מ'האָט אין יענער צייט געפיהרט מלחמות באקענען מיר זיך רעכט דייטליך פון דוד'ס מלחמות. נעבען דעם איינצעל־קאמף שפּילט א באַ־דייטענדע ראָלע, באזונדערס אין גרעסערע מלחמות, די אפענע פעלד־שלאַכט. דוד און יואב קומען נאָך אויס א דאנק זייער מוט און קריגס־קונסט אהן פערד פאר רייטער און רייטוועגען*). אויף די באַזיגטע ווערען ארויפגעלעגט שווערע שטראפען, ווי אומעטום אין אלטערטום, אבער דאָך לאנג ניט אין דערזעלביגער מאָס. איבער דער עראבערטער שטאָדט רופט מען אויס דעם נאָמען פון דעם זיגער, וועלכער לאזט זיך אויפשטעלען א מאָ־נומענט, ווי שפּעטער מישע מלך מואב, אויפ'ן אָרט פון זיין נצחון**). אין קריג ציהט יהוה מיט אלס דער העכסטער שטרייטער***), און דער קריגער היט אָפּ פון זיינטוועגען שטרענגע דינים****). דאָס קעניגטום ברייגנט מיט זיך ממילא אויך די התחלה פון א דיפּלאָמאטישען פארקעהר*****).

## 2.

## געשריבענע ליטעראטור און זיטען.

צוויי פון די פריהער דערמאָנטע הויף־ און מלוכה־באאמטע פון דוד'ן טראגען דעם נאָמען „מזכיר" און „סופר". דאָס זיינען דער קאנצלער און דער מלוכה־שרייבער******). דער מזכיר איז דער וואָס דערמאָנט, דעם קע־ניג'ס פארטרויטער בעל־עצה, בכן דער קאנצלער פון דער מלוכה. ווי שפּעטער

*) די פערד וואָס מ'כאפּט אלס רויב אין מלחמה פארקריפּעלט מען — א בפירוש'ע ראיה, אז מ'ווייסט ניט אדער מ'וויל ניט וויסען וואָס צו טאָן דערמיט (שמואל ב, ח 4).

**) שמואל ב, י"ב 28. — א נצחון־מאָנומענט (ביי שאול'ן) שמואל א, ט"ו 12. מאַנ־כע טייטשען אויך „נציב פלשתים" א נצחון־זייל פון די פלשתים (שמואל א, י"ג).

***) שמואל ב, ה 20, 24. דעריבער איז די רייד פון „יהוה'ס מלחמות" (במדבר כ"א 14; שמואל א, כה 28).

****) שמואל א, כ"א 5, 6; שמואל ב, י"א 11. דעריבער אזוינע אויסדרוקען ווי „למקודשי", ישעיה י"ג 3, אדער „קדשו עליה מלחמה", ירמיה ו 4.

*****) שמואל ב, 5, 11 (מיט צור); י 2.

******) אונטער שלמה'ן זיינען שוין דאָ צוויי אזוינע שרייבער (מלכים א, ד 3). פארגלייך אויך וועגען דעם די מיינונג פון ב. בענטש אויבען ז. 83.

אימאד עד־דין ביי סאלאדין, אזוי האט אויך ער געפיהרט דעם קעניג׳ס קאָ־רעספאנדענץ, האט געמאכט א נוסח פאר די אפיציעלע און באזונדערס די דיפלאמאטישע שריפטשטיקער און האט געהאט די פאראנטווארטליכע השגחה איבער דעם ארכיוו פון דער מלוכה. מ׳דארף דערפאר אננעמען, אז ער האט דער ערשטער איינגעפיהרט די כראניק־ביכער פון די אידישע מלכים*). דער סופר האט אויפצושרייבען ריכטיג די דאקומענטען און מוז השגחה געבען אויף זיי. אויך ער איז א וויכטיגע פערזאן און ניט קיין נידעריגער באאמטער. אונטער צושטענדען, ווען די קונסט פון שרייבען און לעזען איז ניט שטארק פארשפרייט, איז דער שרייבער א וויכטיגע פאר־טרויטע פערזאן שוין פאר דעם פריוואטען מאן, וואס פארלאזט זיך אויף איהם פינקטליך אויפצושרייבען דאס וואס ער וויל אין דעם באשטעלטען בריף אדער אפמאך. אין נאך א העכערער מאס איז עס געווען דער מלוכה־שרייבער, וועמען מ׳דארף דעריבער צורעכענען צו דעם קעניג׳ס אויבערסטע און חשוב׳סטע באאמטע.

דאס גרויסע געוויכט וואס ווערט געלעגט אויף די דאזיגע עמטער אונ־טער דוד׳ן און שלמה׳ן איז א נייע ריכטונג אין גייסטיגען לעבען פון׳ם פאלק. אויך שאול האט שוין געמוזט האלטען א שרייבער; ווארים לויט ווי מיר האבען אויבען ארומגערעדט**) קאן מען זיך גאר ניט פארשטעלען זיין הויף, און אפילו אויך ניט גדעון׳ס הויף, אהן דעם געברויך פון דער שריפט און אהן א מלוכה־ארכיוו, הגם א גאנץ באשיידענעם. אבער דאס וואס די שרייבער ווערען פריהער ניט דערמאנט, איז ניט קיין צופאל. ערשט איצט קריגען זיי אן אמת׳ע באדייטונג. דער געברויך פון דער שריפט ביז אהער נאר אין איינצעלנע פאלען, ווערט איצט אלץ מעהר און מעהר דער אנגע־נומענער כלל, לכל הפחות ביי די אויבערסטע שיכטען פון פאלק. נעבען די אלגעמיינע צושטענדען האט נאטירליך געהאט א חלק דערין אויך די נייע שריפט, וואס האט אלץ מעהר און מעהר זיך איינגעבירגערט.

---

*) דאס כראניק־בוך (דברי הימים) ווערט רעגעלמעסיג דערמאנט פון שלמה׳ן אן (דברי שלמה, מלכים א, י״א 41). נאך דער צעטיילונג פון דער מלוכה האט זיך אויך צע־טיילט דאס כראניק־בוך אין א „דברי הימים למלכי יהודה“ און א „דברי הימים למלכי ישראל“. דאס כראניק־בוך פון די פערסישע מלכים ווערט נאך אנגערופען אין מגלת אסתר „ספר הזכרונות דברי הימים“ (אסתר ב, 23, ו 1), אויך אין עזרא ווערט עס אנ־גערופען „ספר דכרניא“ (עזרא ד 15). דער צוזאמענשטעלער פון „ספר הזכרונות“ האט דערפאר געטראגען דעם נאמען „מזכיר“.

**) זעה באנד 1, ז. 302.

דאָך ליגט דאָ דער „כוח המכריע“ אין די געענדערטע פארהעלטענישען. אין אַט דעם פּרט, בנוגע צו געשריבענער ליטעראטור, דאַרף מען פארגלייכען שאול׳ס רעגירונג אין אונטערשייד פון דוד׳ס און שלמה׳ס נאָך צו דער פאר־קעניגליכער צייט. א שריפט, די אלטע אָדער די נייע, איז אונטער שאול׳ן פאראַנען און איז קענטיג געברויכט געוואָרען פון איינצעלנע אין פאלק פאר וויכטיגער קארעספאָנדענץ, פאר א קנין און אַן אפמאַך אין א גע־שעפט; דאָסגלייכען אויך אין הויף פאר שטייערן און באפעלקערונגס־ליס־טען און אנדערע אפיציעלע פאַפּירען. עלטערע העלדען־לידער, וועלכע זיינען פון לאַנג שוין ארומגעגאַנגען אין מויל פון פאלק, ווי אויך לידער און פּילייכט שוין העלדען־מעשיות, וועלכע די צייט האָט דאַמאָלסט ארויסגעבראַכט*), זיי־נען אפשר איצט מעהר אָדער ווייניגער אויפגעצייכענט געוואָרען פון געלע־רענטע אין דער שריפט, וועלכע האָבען זיך פאראינטערעסירט דערמיט. אָבער דאָס איז דאָס רוב געווען אַן ארבייט וואָס איז אפּגעהאַנגען פון צופאל און פון דעם פערזענליכען וואונש פון יחידים**).

אונטער דוד׳ן און שלמה׳ן ווערט דאָס אנדערש. די באדינגונגען פאר דער אנטשטעהונג פון א ברייטערער געשריבענער ליטעראטור זיינען דאָס ערשטע מאָל פאראַן אונטער דוד׳ן. זינט די אידען זיינען אריינגעדרונגען אין לאַנד האָבען זיי ביז אויף דוד׳ן ניט געהאַט באמת אין זייער לעבען קיין

---

*) צו די ארבייטען געהערען אויך די עלטערע נוסחאות, פון וועלכע עס זיינען שפּע־טער געשאַפען געוואָרען די דערצעהלענדע ביכער וועגען דער אור־צייט פון דער וועלט און וועגען דער פארגעשיכטע פון די אידען. וועגען דעם וועט נאָך שפּעטער גערעדט ווערען באריכות.

**) צו די לידער וואָס זיינען אין יענער צייט געשאַפען געוואָרען געהערען מאַנכע טיי־לען פון יעקב׳ס ברכה (וואָס איז באהאַנדעלט געוואָרען אין ערשטען באַנד ז. 242) און באַ־זונדערס בלעם׳ס שפּרוכען אָדער א וויכטיגער טייל פון זיי. דער אופן ווי אזוי עס ווערט דאָרטען גערעדט פון אגג׳ן (במדבר כ״ד 7) לאָזט ניט איבער קיין ספק וועגען דעם. מיט אגג׳ן קאָן קיין אנדערער ניט געמיינט זיין ווי דער קעניג פון די עמלקים וואָס איז באַ־זינגט געוואָרען פון שאול׳ן (שמואל א, ט״ו). אויב ער ווערט דאָ דערמאַנט אלס דער טיפּ פון א מעכטיגען קעניג, הייסט עס, אַז דער פּאָעט האָט נאָך ניט געוואוסט פון דוד׳ס מלוכה איבערהויפּט. אין דער צייט ווען דוד האָט רעגירט אין ירושלים וואָלט געווען קינ־דיש צו פארגלייכען ישראל מיט דער באשיידענער מלוכה פון די עמלקים. אויב מ׳וויל ניט אננעמען גאָר א שפּעטעריגע צייט, וועלכע האָט שוין ניט געהאַט קיין מאָס וועגען דער אלטער פארגאַנגענהייט, מוז בלייבט נאָר די שפּעטערע צייט פון שאול׳ן אָדער די ערשטע צייט פון דוד׳ן. און אַז דאָס קאָן ניט שטאַמען פון גאָר א שפּעטעריגער צייט איז צו זעהן פון דער פּרימיטיווער שילדערונג פון בלעם׳ס אויפטרעטען.

מינוט רוה כדי עפעס א טראכט צו טאָן וועגן זיך. דאָס קעמפּען און ראַנגלען זיך אַהן א הפסקה פאַר דאָס אייגענע הויז און דער אייגענער נחלה פּילט אויס זייערע טעג. ערשט אונטער דוד'ן ווערט דער איד דער באַלעבאָס אין זיין הויז. דער פּועל יוצא דערפון איז, אַז ערשט איצט האָבן אידען א מעגליכקייט זיך צו פרעהען מיט דער געגענוואַרט און צו טראַכטען וועגן זיך גופא. דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין איז דורך דוד'ן שטאַרק געוועקט און געהויבען געוואָרען: די שטאָלצע עראָבערונגען פון'ם קעניגטום, דער גלאַנץ וואָס האָט אַרומגעשטראַהלט איהם גופא. דעם העלדען-קעניג און זיין דערהויבענעם זוהן — דאָס אַלץ האָט זיך געבעטען, אַז מ'זאָל עס שילדערען שריפטליך, כדי די געגענוואַרט זאָל זיך דערמיט פרעהען און די קומענדיגע דורות זאָלען געדענקען די גרויסע צייטען. און אויב די פרייד מיט דער געגענוואַרט און דער נאָהנטער פאַרגאַנגענהייט האָט אויפגעוועקט די תשוקה צו דערצעהלען און צו שילדערען אין א צוזאַמענהאַנג, האָט זי ניט גערוהט ביז ס'איז ניט געווען אַריינגעצויגען נעבען דוד'ס העלדען-געשטאַלט, וועלכע מ'האָט ניט געקאָנט אָפּשיידען פון דעם שווערען גורל פון זיין יוגענד, אויך די טיף-טראַגישע פיגור פון זיין אומגליקליכען פאַרגענגער.

ס'איז דערפאַר זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז ווי שוין אונטער שאול'ן, אַזוי באַזונדערס אונטער דוד'ן און שלמה'ן, איז אויפגעקומען נעבען אַסך פּריוואַטער קאָרעספּאָנדענץ און אויפצייכענונגען פון רעכטס-דאָקומענטען, אויך א וויכטיגע אָפּיציעלע געשריבענע ליטעראַטור. מיר האָבן פון שאול'ן וועניגסטענס נאָך א י י ן ליסט, וואָס ווייזט זיך אַרויס אַלס א זיכערע שטיק פון'ם קעניגלישען אַרכיוו. פּילייכט גראָד דערמיט וואָס עס האָט אונז נאָך דערהאַלטען א וויכטיגען וואַריאַנט פון'ם נאָמען אשבעל*). נאַטירליך איז די רשימה ניט געווען די איינציגע. עהנליכע רשימות האָבען מיר פון דוד'ן. צוערשט אויך וועגען דעם מצב פון זיין פאַמיליע אין פאַרשידענע צייטען (שמואל ב, ג 2—5; ה 13—15). דאַן אָבער ווייטער וועגען זיינע העכסטע באַאַמטע און חשוב'ע מקורבים (שמואל ב, ח 16—18; כ 23—26). אויך פון פאַרשידענע צייטען פון זיין רעגירונג. צו דעם מין און אָפּשטאַם געהערען אויך ליסטען וועגען דעם ענגערען און ווייטערען קרייז פון דוד'ס

---

*) שמואל א, י"ד 49—51. דאָ ווערט אָנגעגעבען דער מצב פון שאול'ס פאַמיליע. אישיה איז לויט דעם געווען די אָפּיציעלע פאָרם פון'ם נאָמען פון שאול'ס צווייטען זוהן און אשבעל די מעהר פאָלקסטימליכע פאָרם. אויב אשיה וואָלט געווען בלויז די שפּעטערדיגע הגהה פאַר אשבעל, ווי עס ווערט מעהרסטענס אָנגענומען, וואָלט שווער געווען צו פאַרשטעהן, ווי אַזוי דער נאָמען איז ניט ווי אומעטום קאָריגירט געוואָרען אין איש-בשת.

גבורים, דאָס הייסט פון זיינע געטרייע אין קריג: נאָר מיט דעם חילוק וואָס זיי האָבען זיך צו אונז ניט דערהאַלטען אין זייער ערשטען נוסח, נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט אַלערליי אַנעקדאָטען, וואָס האָבען זיך פאַרבונדען מיט דעם אָנדענקען אָן יענע מקורבים דוד׳ס (שמואל ב, כ״ג). פון שלמה׳ן האָבען מיר ווידער דיכטיגע ליסטען, איינע פון זיינע העכסטע באַאַמטע, די אַנדערע פון די דיסטריקטען, אין וועלכע די אַדמיניסטראַציע פונ׳ם לאַנד איז איינגעטיילט געוואָרען, און פון זייערע גובערנאַטאָרען (מלכים א, ד). אין איין ליסט געפינען זיך שלמה׳ס צוויי אײדימס, אין דער אַנדערער — זיהן פון צדוק און נתן. מיר האָבען בכן זיכערע ראיות פון אַ ברייטערער, אָפיציעלער ליטעראַטור אין שריפט אונטער דוד׳ן און שלמה׳ן. עס לאָזט זיך דערפאַר אָננעמען, אַז פון די גרויסע באַריהמטע פעלד־צוגען, וועלכע דוד האָט אונטערנומען, ווי אויך פון אַנדערע וויכטיגע אויפטואונגען און אונטערנעמונגען. האָבען זיך אויך געפונען דאָקומענטען אינ׳ם מלוכה־אַרכיוו אין ירושלים. מיר האָבען דערפאַר דאָס רעכט אָנצונעמען, אַז די קירצערע אָדער לענגערע באַריכטען פון דוד׳ס מלחמות און פון זיין רעגירונג, וועלכע מאַכען דעם איינדרוק פון אַמטליכע דאָקומענטען, שטאַמען פון יענע כראָניקעס פונ׳ם קעניג.

דוד טרעט אַליין אויף אַלס דיכטער, און מ׳וועט קיין טעות ניט מאַכען מיט דער הנחה, אַז פונקט ווי קאַרל דער גרויסער, אַזוי האָט אויך דוד, אין דער צייט ווען גאָט האָט איהם געגעבען רוה פון אַלע זיינע פיינד, געלאָזט זאַמלען די אַלטע העלדען־געזאַנגען, כדי די ערינערונג אָן דער שטאָלצער געגענוואַרט און אויך אָן דער פאַרגאַנגענהייט זאָל ניט פאַרגעסען ווערען. עס קאָן זיין, אַז אויף אַזאַ׳ן אופן זיינען אָנשטאַנען די ביידע לידער־ביכער „דאָס בוך פון יהוה׳ס מלחמות" און „דאָס בוך פון די העלדישע" אָדער רעכטפערטיגע („ספר מלחמות יהוה" און „ספר הישר", במדבר כ״א 14; יהושע י 13; שמואל ב, א 18). אַהן ספק זיינען דערביי אויך געשאַפען געוואָרען מאַנכע דערצעהלונגען אין פּראָזא, וועלכע מיר האָבען פיליייכט פאַר אונז אין די עלטערע שטיקער פון ספר שופטים.

אַזוינע ביישפּילען איז עס צו פאַרדאַנקען וואָס אונטער שלמה׳ן האָט זיך גענומען צו דערצעהלען די געשיכטע פונ׳ם גרויסען קעניג אַ מאַן, וועלכער איז מעהר ווי אַלע אַנדערע געווען מסוגל פאַר דער דאָזיגער אַרבייט. ער וויל ניט זיין קיין געשיכטס־שרייבער אין געוועהנליכען זין: וואָס ער גיט אונז, איז דאָס רוב אַ פאַמיליען־געשיכטע, וועלכע קוקט מעהר אויף דאָס אינדיווידועלע און פּערזענליכע אײדער אויף

דאס נאציאנאלע: אבער אזא פאמיליען־געשיכטע וואס האט לויט דער שטע־לונג פון די פערזאנען וועגען וועלכע עס ווערט גערעדט און לויט די רעזול־טאטען פון זייערע מעשים, שטארק באאיינפלוסט דאס פאליטישע לעבען פון דער נאציאן*). אבער ניט קוקענדיג אויף דעם, שרייבט ער א פריוואט־שריפט: ווארים א מלוכה־דאקומענט וואלט זיך געהיט צו דערצעהלען ניט פארשטעלטערהייט דעם קעניג'ס פארברעכענס. אבער דער וואס האט פארפאסט די פריוואט־שריפט האט געהאט א צוגאנג צו די עפענטליכע דאקומענטען, וועלכע ער האט צום טייל ארייננעוועבט אין זיין שריפט. ער ווייסט אונז מיטצוטיילען די אינטימסטע זאכען, און מ'דארף דעריבער אנ־נעמען, אז דער דערצעהלער האט געהערט צו דעם קרייז פון דוד'ס און שלמה'ס מקורבים**).

דאס ווערק פון דעם פארפאסער ווייזט ארויס אן אומגעוועהנליכע דער־צעהלונגס־קונסט. דער פארפאסער איז א מייסטער אין שילדערען: ער בא־הערשט אינגאנצען די קראפט פון איינהייטליכער קאמפאזיציע און פלאנ־מעסיגען אויפבוי. די פאסירונגען קומען איינע נאך דער אנדערער, איינע וואקסט על־פי הכרח ארויס פון דער אנדערער. עס איבערראשען אונז אפט די פלאסטיק פון זיין שילדערונג און דער פיינער פסיכאלאגישער אריינקוק אין די הערצער פון די פערזאנען. ער לאזט אונז מיטוויינען, ווען ער שיל־דערט ווי דער קעניג פארלאזט ירושלים בארוועסערהייט און וויינענדיג: ער מאכט אונז אויפשרייען פון שמחה איבער דער טרייקייט פון דעם פרעמדען זעלנער־פיהרער, אתי הגתי, געגען דער אומטרייקייט פונ'ם אייגענעם זוהן: ער מאכט אונזער הארץ קלאפען מיט א ציטער פון דערווארטונג, בעת דוד דארף זיך דערוויסען, אז זיין קינד פון בת־שבע'ן איז געשטארבען, אדער ווען מ'דארף איהם ברייננען די ידיעה וועגען אבשלום'ס טויט: און ער לאזט אונז מיטלאכען איבער דעם קלוגען שפיצעל פון דער פרוי פון תקוע. אבער דאס גרעסטע אין איהם איז, וואס כאטש ער אכטעט און פארעהרט אין דוד'ן דעם גרויסען קעניג, דאך האלט דאס איהם ניט אפ צו צייכענען מיט א מאראלישען ערנסט און העכסט אומפארטייאיש די שוואכקייטען פון איהם אלס מענש: נאך מעהר, ער זעהט גראד אין אט די שוואכקייטען דעם

*) די דאזיגע שריפט נעמט ארום דעם גרעסטען טייל פון שמואל ב, ט ביז מלכים א ג.

**) ס'איז פאראן א השערה פון מאנכע פארשער, אז דער פארפאסער פון אט דער שריפט איז געוועזן אביתר.

גרונט. פאַרוואָס אַ גערעכטע געטליכע השגחה האָט געבראַכט אַזאַ שווערען גורל איבער דוד'ן און זיין הויז. דער צוזאַמענהאַנג וועלכען ער זעהט אין די געשעהענישען איז פון אַ מאָראַלישער וועלט־אָרדנונג.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז אַ דערצעהלער מיט אַזאַ טיפער באַטראַכטונג און אַזאַ טעכנישער מייסטערשאַפט האָט ניט געקאָנט זיין דער ערשטער אין זיין פאַך. וואַהרשיינליך האָט ער געהאַט אַ מוסטער, און קענטיג ניט דער אייניציגער. אין די אויבען דערמאָנטע עלטערע שטיקער פון ספר שופטים. אין יעדען פאַל איז זיין ווערק גייסטיג פאַרוואַנדט מיט זיין פאָרטזעצונג אויף צוריקווערטס, וואָס שטעלט פאַר דוד'ס קאַמף פאַר דער הערשאַפט און נאָך ווייטער אויף צוריק דוד'ס רדיפות דורך שאול'ן און שאול'ס גליק און ענד. ס'איז שווער צו באַשטימען, אויב דאָס לעצטע געהערט צום זעלביגען פאַרפאַסער פון דוד'ס פאַמיליען־געשיכטע. די דערצעהלונג וועגען דוד'ס קעניגטום אין חברון און זיין קאַמף מיט אשבעל'ן איז נאַאיווער, עפּיש־ריינער און אַסך מעהר פול מיט אַ באַוואונדערונג פאַר דוד'ן, וואָס מאַכט אַנטשוויגען צו ווערען יעדע קריטיק, ווי די דערצעהלונג פון בת־שבע און אבשלום. און די דערצעהלונג פון שאול'ס גליק און סוף האָט אין הינטער־גרונט דעם געדאַנק פון שאול'ס זינד, דאָך בולט ברייננט זי דעם געדאַנק ניט אַרויס. אויך איז די מאָראַלישע באַטראַכטונג זעהר שוואַך אין פאַר־גלייך מיט דער שטאַלצער פרייד, צוערשט צוליב שאול'ס, נאָכהער באַ־זונדערס צוליב דוד'ס דערהייבונג. אַלץ איז דאָ מעהר אַן עפּיש־פּשוט'ע אויס־מאָלונג, איינמאָל פול מיט שרייענדער פרייד און באַגייסטערונג, אַ צוויי־טען מאָל פול מיט וועהטאָג און טיפען אומעט, אָבער אָהן אַ צוציהונג פון אַ מאָראַלישער וועלט־אָרדנונג.

דעם פלאַץ פון געשריבענעם געזעץ פאַרטרעט דאָס רוב, הגם ניט אויס־שליסליך, די זיטע (שמואל ב. י"ג 12; כ 18). שאול און דוד זיינען מענער פון שווערד. די אייזערנע צייט לאָזט זיך ניט פאַרלייקענען אין זייערע מעשים און אין די מעשים פון זייער דור. די מלחמה־פיהרונג איז לגבי דער פריהעריגער צייט ווינציג וואָס מילדער. עס עקסיסטירט נאָך דער האַרטער מנהג פון „חרם".*) שמואל זאָל האָבען פּראַקטיצירט דעם דאָזיגען מנהג מיט אַ באַזונדערער שאַרפקייט (שמואל א. ט"ו). אויך וואו דער חרם ווערט ניט בפרטות דערמאָנט, איז מען זיך קענטיג באַגאַנגען מיט'ן שונא מיט דער אַלטער שטרענגקייט. דער באַזיגטער פיינד ווערט אויסגע'הרג'עט (מלכים א.

*) זעה וועגען דעם אין ערשטען באַנד ז. 236־237.

י"א 14—16), ביי מאנכע רויב־צוגעז ווערעז אפילו ווייבער און קינדער ניט געשאנעוועט (שמואל א, כ"ז 9). אויך דארטעז וואו מ'מוז איהם שאנע־וועז צוליב פאליטישע אדער מענשליכע מאטיוועז, איז דער גורל פון דעם באזיגטעז געגוג שווער*). בעת ער האלט זיך אויף איז מדבר, איז עס פאר דוד'ן א זעלבסטפארשטענדליכע זאך ארויסצופרעסעז די „ברודער־מתנה" פון די אייגענטימער פון די סטאדעס אין יענער געגענד**).

אויך אנדערע ווילדע זיטעז בריינגט מיט זיך דער כאראקטער פון דער צייט. די בלוט־נקמה פאדערט נאך איהרע קרבנות. ווער עס איז זי מעכב אדער איז נאכלעסיג זי דורכצופיהרעז, דער פארזינדיגט זיך שווער (שמואל ב, י"ד 9): דאס פארגאסענע בלוט, וואס שרייט נאך נקמה, פאלט אויף איהם גופא. איז ניטא קיין „גואל־הדם", נעמט דאן די משפחה נקמה. קאן די נקמה צוליב באזונדערע טעמים ניט גענומען ווערען, דאן קומט אלס „במקום" א שווערע שטראף אדער א שווערע קללה, וואס מוז אנקומעז (שמואל ב, ג 29,28). אונטער דעם צוואנג פון אזוינע געדאנקעז קאן דוד ניט שטארבעז ביז ער ווייסט, אז אזא נקמה און קללה איז אנגעקומעז אויף יואב'ן (מלכים א, ב 5). שאול'ס קינדער און אייניקלעך ווערעז פון דוד'ן געבראכט אלס קרבן צו א פינסטערעז אבערגלויבעז און ווערעז געלאזען אהן קבורה פאר די פויגלען און די ווילדע חיות אונטער'ן פרייען הימעל (שמואל ב, כ"א). אינ'ם צוואנג פון פינסטערער איינבילדונג איז שאול גופא גרייט צו אפפערעז זיין אייגענעם העלדישעז זוהן אין דעם טאג פון זיין נצחון (שמואל א, י"ד).

אבער אויף דער אנדערער זייט פון וואגשאל געפינעז מיר אויך מילדערע און פיינערע שטריכעז. זיי ווייזעז, ווי עס וואקסעז אלץ מעהר איידעלערע כוחות, וועלכע זיינעז באשטימט דערצו, אין בונד מיט דער אידישער רעליגיאן, דורכצוברעכעז דעם אלט־סעמיטישעז אופן פון דענקעז און לעבעז. דוד'ס און יונתן'ס פריינדשאפטס־בונד איז פאר אלע צייטעז דער טיפ פון דער ריינסטער און איידעלסטער פריינדשאפט צווישעז מענשעז. דוד'ס טרויער־געזאנג אויף שאול און יונתן איז אן אומפארגלייכליכער אויסדרוק פון גרויסהארציגעז דאנק: און זיין האלטונג געגעז נתן'עז איז א טריאומף פון הויכעז עכט קעניגליכעז גייסט. דער איידעלער בירגערליכער שטאלץ פון ברזלי הגלעדי, אזוי גוט ווי די דאנקבארע טרייקייט פון די איינוואוינער

*) שמואל ב, ח 2; י"ב 31. זעה וועגעז דעם אויבעז ז. 76.

**) שמואל א, כ"ה. זעה אויבעז ז. 33, 34.

פון יבש געגען שאול'ן, געפינען אין אלע צייטען גאנץ זעלטען זייער גליי־כען. די טרייקייט און צובונד פון א ווילד־פרעמדען זעלנער־פיהרער שטעלט ארוים דער דערצעהלער פון דער אבשלום־געשיכטע אין א בולט'ען היפוך צו דער אומטרייקייט פון דעם דעגענערירטען זוהן (שמואל ב, ט"ו 19—21). מעהר ווי אלץ איז דאָס קעניגטום גופא די גאראנטיע פאר דעם רעכטס־צו־שטאַנד. עס שאפט אָפּ אין פרינציפּ די בלוט־נקמה, ווי מעכטיג זי מעג פאק־טיש ניט זיין, און דער בירגער איז זיכער, אז קיינער וועט איהם ניט אטאַ־קירען און דריקען.

## 3.

## רעליגיאָן און קולט.

### די פאַלקס־רעליגיאָן.

דאָס בילד פון דער אידישער פאלקס־רעליגיאָן, ווי זי האָט זיך אויסגע־בילדעט אונטער דער השפּעה פון דער כנעני'שער נאטור־רעליגיאָן, איז שוין אויבען געצייכענט געוואָרען אין די הויפּט־שטריכען*). מ'מוז אָננעמען, אז די דאָזיגע פאלקס־רעליגיאָן איז געבליבען אין אָנהויב פון אונזער פּעריאָדע ניט פארענדערט אדער האָט זיך ווייטער באוועגט אויף דעם באטראָטענעם וועג אומעטום וואוהין די השפּעה פון שמואל'ן און זיין קרייז האָט ניט דורכגעדרונגען. עס באַשטעהען בכן ווייטער די אלטע קולט־ערטער מיט די מצבות**) און די אשרות. אויך קרבנות פון בכורים האָבען נאָך ביי געלע־גענהייטען געקאָנט געבראכט ווערען***). יעדענפאלס הערשען שטאַרק קולט־מנהגים, וואָס זיינען נאָהנט צו מענשליכע קרבנות****). ס'איז אויך ניט קיין דוחק אין די כישוף־קונצען, וואָס שטאַמען פון דינען צו די טויטע, כאָטש

---

*) זעה אין ערשטען באַנד פון ז. 304 אָן.

**) אבשלום האָט זיך געלאָזט אויפשטעלען א מצבה, הגם פיליכט נאָר אלס מאָנו־מענט. אבער ער האָט זיך באנוצט פאר זיין צוועק מיט א מצבה וואָס איז שוין פון פריי־הער געשטאַנען (שמואל ב, י"ח 18). זי איז געווים ניט געוועזען די איינציגע, ווי עס וויי־זען שויז די זיילען אין שלמה'ס בית־המקדש (זעה אויבען ז. 123).

***) קיין ראיה האָבען מיר ניט ביז איצט; אָבער עס ווייזט אזוי אוים פון שמות כ"ב 28 און בראשית כ"ב (זעה אין באַנד 1, ז. 311, 312.

****) שמואל א, י"ד 54 (יונתן); ט"ו 33 (אגג); שמואל ב, כ"א (שאול'ס קינדער אלס קרבנות פאר שאול'ס זינד).

שאול האט זיי פארבאטען*). מ׳באנוצט זיך ווייטער מיט דעם א פ ו ד און די ת ר פ י ם, וואס די אידען האבען העכסט וואהרשיינליך אריבערגענומען צום טייל פונ׳ם עפענטליכען, צום טייל פונ׳ם פריוואטען קולט פון די כנענים. עס האבען הפנים אייך ניט געפעהלט קיין הויז־בילדער, צו וועלכע מ׳דארף אפשר אויך צורעכענען די ת ר פ י ם. דאסגלייכען האבען איינצעלנע עפענטליכע אדער האלב־עפענטליכע הייליגטימער, ווי א שטייגער דאס הייליגטום פון דן, ווייטער אנגעהאלטען זייערע בילדער פון יהוה אדער פון זיינעם א סימבאל. נאר בנוגע צום קרבן איז קענטיג יא פארגעקומען אן ענדערונג, אזוי ווייט ווי דער אלטער אופן פון אפפערען פארשווינדט און דער פייער־אפפער פארנעמט מיט דער צייט זיין פלאץ**).

אם דייטליכסטען טרעט ארויס פאר אונז דער כאראקטער פון דער פאלקס־רעליגיאן אין יענער צייט פון די פארשטעלונגען וועגען יהוה, וועלכע שפיגלען זיך אפ אין די דאקומענטען פון דער פעריאדע. אין דער דאמאלסדיגער פאלקסטימליכער השגה איז נאך יהוה א מהות וואס שטעהט ניט ווייט פונ׳ם כנעני׳שען בעל. דאס קאן מען זעהן דערפון וואס אין דער ערשטער העלפט פון דער פעריאדע שפילען ביי די אויבערסטע שיכטען פון פאלק א געוויסע ראלע די נעמען וואס זיינען צוזאמענגעזעצט מיט בעל***). מ׳דארף דערפון דרינגען, אז די דאזיגע נעמען זיינען געווען שטארק פארשפרייט אויך צווישען די אונטערשטע שיכטען, וועלכע זיינען אונז וועניגער באקאנט. מ׳דארף אויך ניט דורכלאזען דעם פאקט, אז פון דוד׳ן אן פארשווינדט אלץ מעהר אט דער זארט נעמען. די ערוואכונג און פארשטארקונג פון דעם נאציאנאלען און דעם רעליגיעזען באוואוסטזיין זיינען געגאנגען האנט אין האנט.

עס קאן אונז דערפאר ניט חידוש׳ען וואס דער יהוה פון דער פאלקס־השגה אונטערשיידט זיך בעצם זעהר ווייניג פון איינעם פון די געטער פונ׳ם לאנד אדער פון די שכנות׳ע לענדער ארום. אין כנען, ישראל׳ס לאנד. הערשט, זינט עס איז ישראל׳ס אייגענטום, יהוה: אין דרויסען הערשען אנדערע געטער. געהט ווער אריבער דעם גרעניץ, מוז ער גלייך אנהייבען די־

*) שמואל א, כ״ח 3, 9.

**) זעה וועגען דעם אין באנד 1, ז. 307. א פרימיטיוויז פארם פון אפפערען קומט נאך אויך פאר אין שמואל א, י״ד 32. בלויז דאס בלוט ווערט אויסגעגאסען, אבער פארברענט ווערט ניט קיין חלק פון קרבן, פונקט ווי אין דעם קרבן וואס גדעון איז מקריב (שופטים ו).

***) אשבעל, מריבעל, בעלידע (דברי הימים א, ח 33, 34; י״ד 7). זעה אויבען ז. 58, 59 אין דער באמערקונג.

נען צו די דאָרטיגע געטער. אָט דעם באַגריף דריקט אויס דוד, אריבערגעהענדיג אויף דער טערריטאָריע פון די פלשתים (שמואל א, כ״ו 19). עס פארשטעהט זיך פון זיך אליין, אז אזא פאַרשטעלונג נעמט אין זיך אריין די עקסיסטענץ פון אנדערע געטער אויסער יהוה. מ’שטעלט זיך פאַר יהוה ניט אלס דעם אבסאלוט איינציגען און אומבאשרענקטען גאָט. ווער עס לעבט און שטאַרבט אין אידישען לאַנד, הייסט עס, אז ער לעבט און שטאַרבט אין יהוה’ס פנים און אויך אין דער אַנוועזענהייט פון זיין „גואל הדם“: שטאַרבט ער אָבער אין דרויסען, דאן פאַלט זיין בלוט אויף דר’ערד אָהן א נקמה פון דעם מערדער*).

אַ גאָט מיט אזא באשרענקטער מאכט איז נאַטירליך אויך באגרעניצט אין זיינע מעשים. ווי ביי א מענשען אזוי ברעכט אויך ביי איהם אויס זיין צאָרן, און אפטמאַל קאן מען אפילו גאר ניט איינזעהן פאַרוואָס. ער שטראָפט דירעקט (דורך א קראַנקהייט אָדער אומגליק). אָדער ער רייצט אָן אז אנדערען געגען דעם. ווען מען זיין צאָרן טרעפט (שמואל א, כ״ו 19). אז אנדער ווען איז, וואס ער רייצט אָן צו א זינד דעם, ווען מען זיין צאָרן האָט געטראָפען, כדי ער זאָל איהם נאָכהער קאָנען שטראָפען**). אלס כלל העלפען דערביי קרבנות. עס זיינען אבער פאַראַן באזונדערס שווערע פאַלען וואו מען איז ניט זיכער, אויב קרבנות וועלען איינשטילען זיין צאָרן***). נאָך א שרעקליכערע ווירקונג האָט דער ארון פון יהוה. ער ברייננגט אפטמאָל גרויס אומגליק, ווען מ’קומט צו נאָהנט צו איהם (שמואל א, ו: שמואל ב, ו). ווי געוואונשען און נויטיג דער ארון מעג ניט זיין אין קריג, איז אבער אזוי שטאַרק דער גרויל פאַר זיין מיסטעריעזער מאכט, אז דוד גופא, פיליכט פיהלענדיג זיין שולד, לאָזט איהם בעסער אין דערהיים אין דער מלחמה געגען אבשלום’ען (שמואל ב, ט״ו 25).

אויך אין אנדערע פרטים איז נאָך די צייט שטאַרק באהערשט פון א שוידערליכען אבערגלויבען, וואס דערמאָנט אן דער אלטער שליטה פון טייוואָלים און מחבלים. שאול’ס מהות און זיין גורל לאָזט זיך צום טייל נאָר

---

*) שמואל א כ״ו 26. אפילו אויב די פּאסירונג גופא איז ניט היסטאָריש, ווערט דאָ אבער פאָרט ריכטיג כאראקטעריזירט די שטימונג פון דער צייט.

**) שמואל ב, כ״ד 1. ווי באקאַנט האָט דער ספר דברי הימים (א, כ״א 1) דאָ אריינגעשטעלט דעם שטן אנשטאָט יהוה.

***) שמואל א, ג 14 (די זינד פון עלי’ס הויז וועט אפילו דורך א קרבן ניט פארגעבען ווערען) ; ב 25 (ביי א זינד געגען גאָט איז מען לגמרי ניט זיכער מיט פארגעבונג); כ״ו 19 (מ’לאָזט איהם שמעקען דעם ריח פון קרבנות — דערמיט לאָזט ער זיך איבערבעטען),

פארשטעהן פון זיין אבערגלויבישער מורא פאר פרעמדארטיגע כוחות. זיינענדיג באהערשט פון אזא מורא, לאזט דוד אנטאן געוואלד צו שאול'ס הויז*). — אויפ'ן טויט קוקט מען אהן האפענונג**). איז דערזעלביגער געשטאלט ווי דער מענש שטארבט, קומט ער אן צו זיינע פאטערס אום אנצוהאלטען ווייטער מיט זיי זיין שאטענדיגען קיום***). פיליכט האבען צו טאן די שעכטאפפער פון דער משפחה****) און דער קולט פון די הויז־געטער (תרפים) מיט'ן וועלען האבען א השפעה אויף יענע שאטענס, וועלכע דער אבערגלויבען פון פאלק האט געוואוסט ארויסצורופען צוריק כדי צו דערגהען פון זיי וועגען דער צוקונפט (שמואל א, כ"ח).

וועגען דעם *קולט פון דער פאלקס־רעליגיאן* פעהלען אונז צוליב פארשטענדליכע טעמים גענויערע ידיעות. דאך לאזען זיך פעסטשטעלען איניגע גרונט־שטריכען. וועגען דעם וואס עס האט זיך געטאן אין דער גרויסער צאהל פון קליינע הייליגטימער און פריוואטע אפפערטער און אויך אין די הייזער פון יחידים, קאנען מיר באקומען א שטיקעל פארשטעלונג ווען מיר נעמען צו הילף די שפעטערדיגע צייט. אין דער שטיל האט זיך שוין איצט עפעס צוגעגרייט, וואס איז שפעטער ארויסגעטראטען אין דער עפענטליכקייט. דאך קאן מען זעהן, אז אויך דעמאלט איז קיין דוחק ניט געווען אין אן עהרליכער, הגם בלאנדזשענדיגער זוכעניש פון גאט. שאול געהענדיג אהיים טרעפט דריי אידען וואס טראגען זייערע מעשר און ערשטע פרוכטען צו גאט אין בית־אל (שמואל א, י 3). וועגען דער גרויס פון געוויסע אפפער־ימים־טובים גיט אונז א פארשטעלונג די ידיעה, אז אבשלום האט איינגעלאדען צו זיין נדר־אפפער צוויי הונדערט געסט (שמואל ב, ט"ו 11). דוד האט געבראכט דעם ארון קיין ירושלים מיט א יום־טוב'דיגער פראכט און מיט גרויסע פאראדען. וועלכע ווייזען אוים צו זיין גענומען פון דער פאלקס־רעליגיאן. בראש פון דער פראצעסיע באוועגט ער זיך אליין אין הייליגען יום־טוב־טאנץ מיט ריטמישע טריט, אהין צום מזבח אדער ארום איהם. די באוועגונגען ווערען פארשטארקט ביז צו אז אמת'ן טאנץ אדער ביז א שטורמישען דרעהען זיך אין א קרייז (שמואל ב, ו). מכוח געוויסע

---

*) זעה אויבען ז. 43 און ז. 86, 87.

**) שמואל ב, י"ב 23; „איך געה צו איהם — אבער ער ניט צו מיר".

***) א דערמארדעטער, למשל, קומט אין דער „שאול" איינגעפלעקט אין בלוט. (מלכים א, ב 9,6).

****) „זבח משפחה", שמואל א, כ 6; שמואל ב, ט"ו 7, 11.

מנהגים ביים מקריב זיין א קרבן, וועלכע האבען זיך איינגעווארצעלט נעגען דער הערשענדער זיטע אין שילה, און געווים אויך אין אנדערע הייליגע ערטער אונטער דער ממשלה פון פראפיטזוכענדע כהנים, דערצעהלט אונז די געשיכטע פון עלי (שמואל א, ב).

ווי די פאלקס־רעליגיאן פלעגט אומגעהן מיט די תרפים, ווייסען מיר גאנץ וועניג. דערפאר אבער ווערט אונז דייטליך באשריבען ווי אזוי עס פלעגט צוגעהן דאס באקומען אן אראקעל פון אפוד, וואס איז העכסט וואהרשיינליך געווען פארבונדען מיט קרבנות און הייליגע צערעמאניעס. דער כהן האט ביי זיך אויסער דעם אפוד אויך די אזויגערופענע „אורים" און „תומים", גורל־שטיינער אדער גורל־שטעקלעך, וועלכע זיינען פארשידען לויט'ן קאליר אדער לויט עפעס אנדערש און מ'קאן דערפאר גרינג דערקענען אויב זיי שטעלען פאר „יא" אדער „ניין". עס ווערען תמיד געשטעלט באשטימטע פראגען וואס דארפען געענטפערט ווערען מיט „יא" אדער „ניין", און דורכ'ן ווארפען דעם הייליגען גורל באקומט מען דעם ענטפער.*) דאס גורל־ווארפען מיט'ן „אורים ותומים" געהערט קענטיג פון לכתחילה אן צו די פונקציעס פון די כהנים**) פון יהוה, בכן — צום הייליגען ארון; אבער נאך דעם אונטערגאנג פון שילה האט דער אראקעל, ווייזט אויס, זיך אפגעזונדערט פון דעם ארון און האט זיך פארבונדען מיט דעם כנעני'שען אפוד. ווען עס קומט ניט קיין ענטפער, באדייט עס אז אומ'חן ביי גאט***). א מערקווירדיגער מנהג פון קולט איז דאס שלאפען אין א טעמפעל כדי צו באקומען א השפעה פון גאט (אינקובאציע). דער מנהג איז ווי עס ווייזט אויס פראקטיצירט געווארען אין שילה, נאכהער אין נוב****). אויסערדעם אויך אין גבעון (שמואל א, ג, מלכים א, ג 5). פיליכט ווייזט דער לעצטער ארט אויף א כנעני'שער אפשטאמונג.

נאך דער צעשטערונג פונ'ם הייליגטום פון שילה געפינט זיך נאך אן אפוד אין נוב אונטער אחימלך בן אחיטוב פון עלי'ס הויז. אויך אין שאול'ס סביבה געפינט זיך אן אפוד אונטער אחיה בן אחיטוב, וועלכער איז וואהר־

*) ווי אזוי דאס פלעגט צוגעהן איז לייכט צו זעהן פון שמואל א, י"ד 40—42. דעם טעקסט אין פסוק 41 מוז מען לעזען לויט דעם תרגום השבעים: „ויאמר שאול יהוה אלהי ישראל למה לא ענית את עבדך היום אם יש בי או ביהונתן בני העון הזה יהוה אלהי ישראל הבה אורים ואם ישנו בעמך ישראל הבה תומים וילכד יונתן ושאול והעם יצאו".

**) דברים ל"ג 8. די לויים האבען דארטען די אורים ותומים אלס זייער אייגענס.

***) שמואל א, כ"ח 6; ג 1.ביידע שטעלען באציהען זיך אויף זעהונגען אין חלום.

****) אז דער כהן זאל שלאפען ביי גאט, דאס קענען אויך די אראבער.

שיינליך דערזעלביגער אחימלך. ניט קיין ברודער זיינער (שמואל א, י"ד ג; כ"ב 11). פיליכט איז עס געווען דער אפוד פון גדעון אין עפרה. יעדענפאלס האבען מיר קיין גרונט ניט זיך איהם פארצושטעלען אנדערש ווי דעם אפוד פון עפרה. אחימלך'ס אפוד קומט שפעטער דורך אביתר'ן צו דוד'ן. אין פארבינדונג מיט איהם שטעהט דער אראקעל פון „אורים ותומים". אויב גדעון'ס אפוד איז געווען א בילד פון גאט, דאן איז עס אויך געווען שאול'ס און דוד'ס*).

## די אפיציעלע רעליגיאן.

אויב מיר ווילען וויסען וואס פאר א מין אפיציעלע רעליגיאן עס איז געווען אין דער ערשטער קעניגס-צייט, מוזען מיר זי זוכען, ווי אין דער פריהעריגער פעריאדע, מעהרסטענס ביי די פיהרענדע פערזענליכקייטען.

עס ווייזט אויס, אז ביז דער צייט פאר שלמה'ן האט שמואל געהאט די שטארקסטע השפעה אויף די שטרענגע דינער פון יהוה. שאול און דוד האבען ביידע געצאהלט א הויכען טריבוט צו דער פאלקס-רעליגיאן. שאול האט נאך דער צעשטערונג פון נוב זיך אין גאנצען אפגעקעהרט פון יהוה'ס ארון. דאסזעלביגע האט אויך דוד געטאן ביז צו דער צייט ווען ער האט דעם ארון ווידער געבראכט צו זיין עהרע. פון דאמאלסט אן הערען מיר לחלוטין ניט מעהר פון'ם אפוד, וואס איז געווים ניט קיין צופאל. אין שאול'ס הויז ווערט פראקטיצירט דער קולט פון די תרפים. אויך דוד האט איהם ניט געוועהרט (שמואל א, י"ט 13). דאס ווייזט אונז די השפעה פון דער פאלקס-רעליגיאן אויך אויף די הויכע פערזאנען. ווי ווייט דוד האט זיך טאקע געהאלטען אן דער מיינונג, וועלכע דער דערצעהלער שרייבט איהם צו, ווענען דעם, אז יהוה'ס מאכט איז באגרעניצט לגבי די אנדערע געטער (שמואל א, כ"ו 19), בלייבט אן אפענע פראגע. אין דער עקסיסטענץ פון אנדערע געטער האט ער געווים ניט געצווייפעלט. און שלמה געהט אזוי ווייט אין אט דעם גלויבען, אז ער לאזט אפילו אויפבויען מזבחות פאר פרעמדע געטער.

---

*) שמואל א י"ד 18, 37—42; כ"ג 9; ל 7. פארגלייך כ"ח 6. אז אנדער זאך איז אבער געווען דער „אפוד בד" (שמואל א, ב 18, 28; שמואל ב, י 14). דאס איז א ליינענער מלבוש וואס איז געווען געברויך ביי די כהנים פון ארון און דעריבער אויך ביי עלי'ם נאכפאלגער אין נוב.

מיר טוען אבער אן אומרעכט, ווען מיר אורטיילען איבער דער אפיציע־לער רעליגיאָן בלויז פון דעם, וואס איהרע פארטרעטער האבען פערזענליך נאכגעגעבען דער פאלקס־השגה. דאָס איז יעדענפאלס נאָר איין זייט. אין דער צייט ווען שאול האט געווירקט צוזאמען מיט שמואל׳ן, איז ער מעהר גע־שטאנען אונטער זיין השפעה איידער נאָכהער. מעהר ווי אלץ דארפען מיר ביי דוד׳ן ניט פארגעסען, אז ער האָט פערזענליכע שטריכען פון א גע־לייטערטער השגה וועגען גאָט*) ; נאָך מעהר טארען מיר ניט פארגעסען וואס ער האט אויפגעטאָן פאר דער אידישער רעליגיאָן, אויפלעבענדיג די טראַ־דיציעס פון שילה מיט איהר בילדלאָזען הייליגטום פון ארון. מיר וועלען שטעהן אם נעהנטסטען צום אמת, ווען מיר וועלען זאגען, אז דוד און די רע־ליגיאָן וואס ער האט פארטראטען אלס קעניג איז ניט פריי געווען פון א צוויי־שפאלטונג. אויך שלמה האָט, כאָטש ער האט געדולדעט פרעמדע גע־טער, דורך זיין שפרוך ביי דעם חנוכת הבית פון בית־המקדש, ניט געלאָזען קיין ספק, אז יהוה איז פאר איהם א גאָט פון הימעל און א באשעפער פון די שטערן**).

ביי אזא שטעלונג פון די פיהרער פון פאלק קאן מען אליין פארשטעהן, אז אויך דער אפיציעלער קולט פון יענער צייט האט געהאט א צווייזייטיגען פנים. מיר האבען שוין אויבען געזעהן, אז פונקט ווי פריהער אזוי איז אויך איצט דער קולט אין די הענט פון די פיהרענדע מענער דאָס רוב געווען פאר־בונדען מיט עלעמענטען פון דער פאלקס־רעליגיאָן. ווען שמואל ברייננט א קרבן אויף דער במה פון זיין וואוינארט, אדער אין גלגל אדער אנדערשוואו, האט ער עס געוויס געטאָן אין די פארמען, וועלכע זיינען דארטען געווען פארשפרייט. מ׳מעג אבער זאגען, אז די איינפיהרונג פונ׳ם פייער־אָפפער, וואס איז א פועל־יוצא פון אפזונדערען יהוה פון די געטער אויף דער ערד און אונטער דער ערד, האט שוין ממילא געבראכט מיט זיך א געוויסע לייטערונג פון דער השגה וועגען דעם קרבן. א שפייז פאר דער גאָטהייט ווערט דער קרבן איצט אלץ מעהר נאָר אין א סימבאָלישען זין. וועגען שאול׳ם און דוד׳ם שטעלונג צו דעם אפוד איז שוין פריהער גערעדט געוואָרען ; דאסגלייכען אויך וועגען דעם ווי אזוי דוד האט געבראכט דעם ארון קיין ירושלים. צו אונזער ענין איז אויך שייך דער פאקט, וואס אין שילה איז מיט דער צייט אויפגעקומען אויפ׳ן שטעל פונ׳ם געצעלט אן אמת טעמפעל־הויז.

---

*) זעה אויבען ז. 96.

**) זעה אויבען ז. 122.

וועמעס ביישפיל דוד איז א קורצע צייט געניינט געוועז נאכצוטאן. אויך שלמה׳ס בית־המקדש האט מאנכע שטריכען אין זיך, וועלכע שטעלען איהם נעהנטער צו א כנעני׳שען בעל־הויז.

וועגען די צערעמאניעס ביים קולט אין די גרעסערע עפענטליכע הייליגטימער האבען מיר ניט גענוג ידיעות. אין שילה, וואס איז על־פי השערה געוועזן דאס גרעסטע און באריהמטסטע הייליגטום אין דער פאר־קעניגליכער צייט, איז געזעסען די לוי־משפחה פון עלי, וואס האט געפיהרט איהר יחוס נאך פון דער עגיפטישער צייט. די צערעמאניעס פון יענעם הייליגטום האבען אין אסך פרטים געמעגט שטימען מיט די קולט־געזעצען פון „ספר הברית“. עפעס א שפור פון זיינע פארשריפטען מכות מקריב זיין קרבנות איז אונז נאך פילייכט דערהאלטען (שמואל א, ב). זיין הויפט־יום־טוב איז ווייזט אוים געוועזן דער יום־טוב פון הערבסט, צו וועלכען אלע זיי־נען געוועזן מחויב עולה־רגל צו זיין אלע יאהר. זיינע כהנים טראגען דעם ליי־נענעם אפוד. קיין לויים האבען זיי אלע ניט געמוזט זיין: דער יונגער שמואל שטאמט פון שבט אפרים*). איגעוועניג אין טעמפעל, ביי דעם ארון, ברענט ביי נאכט א ליכט: דארטען שלאפט שמואל.

נאך דער צעשטערונג פון שילה, ווען שאול ווערט א קעניג, טרעפען מיר עלי׳ס קינדס־קינדער אין נוב. אויפ׳ן שטעל פון ארון האבען זיי ווייזט אוים געמאכט אן אפוד פאר זייער אייגענס. אויך זיי, פונקט ווי זייערע אורעלטערן אין שילה, טראגען דעם ליינענעם אפוד אלס מלבוש פון דער כהונה. אין זייער הייליגטום געפינען זיך „לחם־הפנים“ און אנדערע הייליגע זאכען (שמואל א, כ״א). די כהנים ווערען אלץ מעהר און מעהר באאמטע פון קעניג און פארלירען זייער אלטע זעלבשטענדיגקייט. אביתר, וועלכער האט געשטאמט פון עלי׳ן, איז אנטלאפען פון נוב צו דוד׳ן און איז זיין גאנצען לעבען געבליבען ביי איהם אין דינסט. נעבען אביתר׳ן, און קענטיג שוין פאר איהם, האט דוד געהאט ביי זיך אלס כהן איינעם א געוויסען צדוק. ער שטאמט פון אן אומבאקאנטען און אומבאדייטענדען יחוס**). ווערט פינדעסטוועגען אומעטום דערמאנט פאר אביתר׳ן. אביתר אבער אלס אמא־ליגער כהן פונ׳ם באריהמטען הייליגטום פארנעמט דעם ערשטען פלאץ אין

---

*) שמואל א, א 1. ערשט דער מחבר פון דברי הימים מאכט שמואל׳ן פאר א לוי

**) זיין פאטערס נאמען ווערט קיינמאל ניט דערמאנט, ערשט דער ספר דברי הימים פארבינדט זיין יחוס דורך אחיטוב מיט אהרו׳ען. זיין אפשטאמונג איז דעריבער ניט זיכער.

דער כהונה*). צי צדוק איז געווען א לוי, לאָזט זיך ניט באשטימען: מ'ווייס עס אבער מוזען האלטען פאר וואהרשיינליך, מחמת מ'האט אומעטום געגע־בען דעם פארצוג צו כהנים פון שבט לוי. יעדענפאלס קווינקעלט זיך דוד אויך שפּעטער נאך ניט אנצושטעלען כהנים פון אן אנדער אפשטאמונג אויף הויכע שטעלען פון דער כהונה (שמואל א, ח 18: כ 26). פונקט ווי ער גופא אנגעטאן אינ'ם ליינענעם אפוד, פארטרעט אין זיין קעניגליכען היי־ליגטום די שטעל פון א כהן ביי א יום־טוב'דיגער געלעגענהייט (שמואל א, ו 14). דאס זעלביגע האט אויך שלמה געטאן (מלכים א, ג 4). אויך ער זעצט ארויף און זעצט אראפּ כהנים לויט ווי איהם געפעלט (מלכים א, ב 35).

ביי אט דעם אלעמען מוז אבער באטאנט ווערען, אז ניט אין שילה און ניט אין ירושלים איז דער קולט אראפּגעזונקען צו די כנעני'שע פאר־מען. שילה האט געהאט דעם ארון, אבער ניט קיין בילד פון גאט. עס איז כדאי צו באמערקען, אז אויך שמואל ווערט קיינמאָל ניט דערמאָנט אין צו־זאמענהאנג מיט אן אפוד אינ'ם זין פון א גאט־בילד אדער פון אן אראַ־קעל־אפּאראט. אבער נאָכדעם ווי דער ארון איז פארשוואונדען פון דער סצענע און נאָכדעם ווי שאול האט אנגעהויבען זיך צו דערווייטערען פון שמואל'ן, טרעטען דער אפוד און די תרפים אלץ מעהר ארויס אין דעם פאָדערגרונט. די צוזאמענטרעפונג פון די אומשטענדען קאן ניט זיין קיין צופאל. פון דער אנדערער זייט ווייזט זיך אבער דאס אינטערעסאנטע בילד, וואס מיט דער אויפלעבונג פון דעם אינטערעס פאר דעם ארון דורך דוד'ן, פאלען אפּ יענע זאכען וואס זיינען פרעמד געווען דעם אלטען יהו'יזם. מיט דעם ארון האבען געמוזט זיין פארבונדען אין א באזונדערער מאָס די טראדיציעס פון משה'ס צייט.

דערצו נאך האט שילה די לענגסטע צייט געהאט ניט קיין טעמפּעל, נאר א געצעלט, ווי עס האט זיך געפּאסט פאר דעם ארון אלס דאס אלטע הייליגטום פון דער אידישער וואנדער־צייט**). דערמיט האט שילה לאַנג אויפגעהאלטען לעבעדיג די פארבינדונג מיט משה'ס צייט. און דערמיט וואס דוד, אונטער נתן'ס השפּעה, האט אנגעהאלטען דאס געצעלט אויך פאר ירושלים, האט ער יענע טראדיציע געזיכערט פאר ירושלים.

שילה האט אויך געהאט א משפּחה פון כהנים, וואס האט זיך מתייחס געווען מיט לוי און האט דורך איהר יחוס ממילא דערמאָנט אן משה'ן און

*) דאס זעהט מען בפירוש פון מלכים א, ב 35, וואו צדוק בטראכט אביתר'ס שטעלע.
**) זעה באנד I, ז. 315.

אין דעם יהוה־דינסט פון דער פארגאנגענהייט. הגם די לויים זיינען א לאנגע צייט געווארען אומגעטריי צו זייערע אייגענע טראדיציעס, האבען זיי דאך גע־ווים זיך ווידער דערמאנט אז זיי זיינען דוד האט געבראכט דעם ארון צו זיין אלטער עהרע. די דערהייבונג פון ארון הייבט ממילא אויף הויך די כהנים פון לוי. פון איצט אן גיט מען אלץ מעהר און מעהר דעם פארצוג צו א כהן א לוי געגען אנדערע כהנים ניט קיין לויים (שופטים י"ז 13; מלכים א. י"ב 31), ביז דאס ווערט מיט דער צייט אן אנגענומענער כלל. אט אזוי האט מען אין דעם בית־המקדש פון ירושלים זיך געהאלטען אן דעם שוין פון א פריי־היגער צייט. מ'האט דערפאר מייחס געווען שפעטער צו לוי אויך די כהנים פון די בילדער אין דן, און נאך א שפעטערער שרייבער האט געמאכט דעם ערשטען כהן פון דארטען פאר משה'ס אן אייניקעל (שופטים י"ח 30). דאס ווייזט ווי ענג פארבונדען מ'האט זיך פארגעשטעלט לוי און משה — פאר אונז א גוטע ראיה, אז שילה און דער ארון האבען להיפוך צו כנען באדייט די ערינערונג אן דעם מדבר.

אט אזוי פארשטעהען מיר ביז צו א הויכען גראד דעם רעליגיעזען כאראקטער פון פאר דוד'ס צייט און וואס די צוריקפיהרונג און דערהייבונג פונ'ם ארון דורך דוד'ן שטעלט פאר. די צעשטערונג פונ'ם הייליגטום פון שילה און דאס אומגליק וואס האט געטראפען מיט דעם ארון האבען געהאט א שארפע ווירקונג. עלי'ס קינדער ציהען זיך צוריק פונ'ם הייליגטום, וואס האט געליטען די שאנד פון געפאנגענשאפט. זיי האבען, ווי עס ווייזט אויס, זיך צוגעווענדט צו דעם אפוד, צום טייל אין נבו, צום טייל אין אנדערע ער־טער, פיליכט אין עפרה. מיט זיי גיט זיך אויך שאול איבער צו דעמזעל־ביגען קולט. דוד, וועלכער איז אויפגעוואקסען אין אט דעם אופן פון גאט־דינסט האלט איהם אן ביז ער ווערט דערהויבען צום קעניג איבער גאנץ ישראל און ער דערזעהט די געלעגענהייט צו העלפען קריגען זיין רעכט דעם אלטען היי־ליגטום און דעם אופן פון גאט־דינען וואס איז מיט איהם פארבונדען.

## די העברעע רעליגיאן.

אבער דאס בילד פון יענער צייט איז נאך ניט גאנץ אויך ניט מיט די שטריכען פון דער מלוכה־רעליגיאן און איהר עפענטליכען קולט, וועלכע דערהייבען זיך איבער דער פאלקס־רעליגיאן. ווען מיר זעהען ווי שמואל לעבט א לענגערע צייט אפגעזונדערט פון שאול'ן און געהט, איז היפוך צו איהם,

אויף זיינע אייגענע וועגען: אָדער ווען מיר זעהען ווי נתן שטעלט זיך דוד׳ן אין וועג איהם שטראפענדיג, און ווי אחיה אונטער שלמה׳ן דריקט אוים זיין שטארקע אומצופרידענקייט מיט דעם קעניג׳ס מעשים: דאן ווע־רען מיר על־פי הכרח געבראכט צו דער איבערצייגונג, אז נעבען דער פאלקס־רעליגיאָן און דער מלוכה־רעליגיאָן האבען נאך געווירקט אנדערע פאקטא־רען, וועלכע האבען פול געמאכט דאָס בילד פון אידישען רעליגיעזען לעבען.

פון קיין נביאים הערען מיר אין שאול׳ס ערשטער צייט מעהר ניט. ווען די פארהעלטענישען זיינען עטוואס רוהיגער געוואָרען האבען זיי, קאָן זיין, פון זיך אליין זיך צוריקגעצויגען. נביאים אבער טרעפען מיר נעבען יעדען פון די ערשטע דריי מלכים אלס די העכסטע רעליגיעזע פיהרער פון קעניג און פאלק און אלס דאָס לעבעדיגע געוויסען פון ביידען אין רעליגיעזע ענינים. פון ווענעם גייסט די דאָזיגע נביאים זיינען קינדער, קאָן קיין ספק ניט זיין. שמואל׳ן קענען מיר שוין פון לאַנג אלס דעם פארטרעטער פון שילה: מיט נתן׳ען באקענען מיר זיך פון שמואל ב, ז אלס דעם געגנער פון א טעמפעל אין אונטערשייד פון א געצעלט: אחיה טרעט אויף אלס געגנער צו שלמה׳ן צוליב שלמה׳ס תשוקה צו נייע איינפיהרונגען. זיי זיינען אבער אייניג דעריז, וואס זיי קעהרען זיך אָפּ מיט פאראכטונג פון אלצדינג וואס מאכט אומווירדיג יהוה, דער עיקר פון אלצדינג וואס דערנעהנטערט איהם צו דער נאטור־רעליגיאָן פון די כנענים.

אויך די דאָזיגע מענער זיינען ניט בכוח אומצוענדערען די קולט־ערטער און דעם קולט ביי די אידען. דאָרטען וואו זיי האבען געפונען אשרות אָדער אפילו בילדער, האבען זיי געמוזט דאָס רוב זיי ווייטער אנהאלטען. אבער ווען מיר פרעגען זיך וואס זיי האבען זיך דערביי געטראכט, וועלען מיר ניט מאכען קיין טעות, אננעמענדיג, אז שוין דאמאָלסט האָט זיך אנגעהויבען דער פראָ־צעס, וואס לאָזט זיך שפּעטער אויפווייזען פון אומדייטען די מצבות אינ׳ם זין פון געדענק־שטיינער, וועלכע דריקען אוים די הייליגקייט פונ׳ם אָרט. אויך די אשרות און די בילדער וואָס זיינען אין מאנכע שטעלען פארגעקו־מען האָט מען, אזוי ווייט ווי מ׳האָט זיי געמוזט דולדען, באטראכט בלויז אלס סימבאָלען, פונקט אזוי ווי מ׳האָט לכתחילה ניט באטראכט אלס זאַ־כען, צו וועלכע מ׳דאַרף דינען, די כרובים פון שלמה׳ס בית־המקדש און די אנדערע בילדליכע אָפּמאָלונגען אויף די ווענט אָדער אויף די הייליגע זאכען. געווים האבען פון דער געלייטערטער השגה באקומען א השפעה אויך אזעלכע מענער ווי דוד און די חשוב׳ע מקורבים פון זיין סביבה.

ווען מיר שטעלען זיך פאר די גאנצע געשטאלט פון דעם הויפט־דער־צעהלער פון דער דוד־געשיכטע, וואס שטעהט אזוי הויך קינסטלעריש, פונקט ווי מאראליש און רעליגיעז; אדער די געשטאלט פון דעם דערצעהלער פון אבימלך׳ס געשיכטע אין ספר שופטים, דאן זעהען מיר דייטליך וועלכע פרוכטען אזוינע פערזאנען ווי שמואל און נתן האבען געבראכט פאר גייס־טיג באדייטענדע מענער. פאר די דערצעהלער איז אלצדיינג וואס איז פאר־געקומען אין דוד׳ס הויז זינט בת־שבע און אוריה, און אלץ וואס האט פאר־סירט מיט אבימלך׳ן — א געטליכער משפט, וועלכער ברייננט אומעטום ארוים בולט די גערעכטע פיהרונג פון גאט אינ׳ם לעבען און אין דער גע־שיכטע. אזעלכע גייסטער זיינען לאנג שוין געווען אויסגעוואקסען העכער איבער דער פאלקס־רעליגיאן. און בעצם זיינען זיי עס דאך וואס באהער־שען די צייט און לעגען אויף איהר ארויף דעם שטעמפעל פון זייער גייסט. ווען מיר שטעלען זיך פאר דוד׳ן אין פארקעהר מיט איינצעלנע פערזאנען פון דעם מין, וועלען מיר דאן פארשטעהן ווי פאלש עס איז איהם צו שטעמפ־לען פשוט אלס פארטרעטער פון יענע נידעריגע רעליגיעזע השגות, וועלכע זיינען אנגענומען ביי דער גרויסער מאסע אין אלע צייטען.

## צוקונפט־דערווארטונג.

אויך די דערווארטונג פון א גרויסער צוקונפט האט קענטיג שוין דא געהאט איהר התחלה. די פראגע קאן נאר זיין: צי האט זי פון לכתחילה אן געהאט איהר היים צווישען די העכערע קרייזען פון דער נאציאן, אדער איהרע ערשטע פראבעס האבען זיך באשרענקט אויף די קרייזען פון דער פאלקס־רעליגיאן: געוויסע דערווארטונגען פון א גאלדענער צייט, געשאפען דורך א קעניג אויסדערוועהלט פון דער גאטהייט, זיינען שוין אין דער אלטער צייט ארומגעגאנגען ביי די פעלקער, און עס זעהט אויס, אז אויך אין ישראל האט בען אזוינע דערווארטונגען געפונען גאנץ פריה אן אפקלאנג. נאטירליך ווע־רען זיי אנגעווענדט אויף היימישע צושטענדען און אנטוויקלען זיך זעלבשטענ־דיג. דער עלטסטער באוויז פון אזא מין שטרעבונגען זיינען בלעם׳ס שפרוכען. ווי מ׳קאן זיך משער זיין, האט אין זיי א פאלקסטימליכער זעהער שפעט אין שאול׳ס אדער פריה אין דוד׳ס צייט אויסגעדריקט די דערווארטונג, אז א ליכטיגער שטערן אויף דעם טראן פון ישראל וועט ברייננען צו א גלענ־צענדען סוף די מלחמות מיט די לעסטיגע שכנים אין דרום. פון אן עהנליכען מין איז דער יהודה־שפרוך אין יעקב׳ס ברכה. אין איהם ווערט צוגעזאגט

דעם שבט יהודה א מעכטיג קעניגטום מיט א צעפּטער און א הערשער־שטאָק ביז אויף די טעג פון דעם דערוואַרטעטען גרעסערען קעניג. עס איז די דער־וואַרטונג פון א זעהער — פיליכט אינ'ם הויף — פון דוד'ס ערשטער צייט*).

*) זעה וועגען דעם דאַזיגען שפּרוך אין באנד 1, ז. 242, 243, און פאַרגלייך אויך אויבען אין דער צווייטער באַמערקונג אויף ז. 131.

# די געטיילטע מלוכה

ערשטע אפטיילונג.

ר. קיטעל

# פון שלמה'ס טויט ביז ירבעם דעם צווייטען

## 1.

### רחבעם און ירבעם און זייערע נעכסטע נאכפאלגער.

### די שפאלטונג פון דער מלוכה (937).

אין שלמה'ס רעגירונג איז געלעגען מעהר ווי איין אומגעזונטער שטריך, וואס האט געקאנט לייכט פיהרען צו א שפאלטונג. ס'איז ניט געזאגט, אז די שפאלטונג האט געמוזט קומען שוין איצטער, אבער ווי נאר עס האט זיך געפונען דער פאסיגער און אנטשלאסענער מאן, איז דער קריזיס געווען פארטיג, ווארים די שטימונג אין ישראל איז געווען גענוג צוגעגרייט פאר דעם.

דער אריבערגאנג פון אן אויסגעוועהלטען קעניג מיט תנאים צו דעם שטרענגען דעספאטישען רעזשים איז צוגעגאנגען צו שנעל. דוד'ן נאך, פונקט ווי אמאל שאול'ן, האבען די אידישע שבטים דורך א פרייער וואהל ארויפגע־זעצט די קרוין אויפ'ן קאפ. ישראל איז געווען א קעניגטום האלב בירושה. האלב דורך וואהל. דוד'ס זיהן אבער האבען איינער נאכ'ן אנדערען געשפילט די ראלע פון טראנפאלגער. ניט אבשלום, ניט אדוניהו, ניט שלמה האבען געטראכט וועגען דעם, אז מ'דארף זיך לאזען וועהלען צוערשט פון די שבטים. אלס דוד'ס זיהן האבען זיי גע'ירש'עט דעם פאטער'ס טראן. פאר זיי איז ישראל געווען אויסשליסליך א ירושה־מאנארכיע. די דאזיגע אנטוויקלונג איז געווען נאטירליך. זי וואלט שוין אפשר דורכגעפיהרט געווארען אין פיהלט אין גאנצען גלייך מיט דיביידע ערשטע. עס פאלגט די צייט פון ער־שאול'ס הויז, ווען יונתן וואלט געבליבען לעבען, אדער ווען אשבעל וואלט

געווען פעהיגער און גליקליכער. ניט קוקענדיג אויף דעם אבער איז די סכנה איצט געווען גרעסער, מחמת דאס פארשווינדען פון שאול'ס הויז האט ווי־דער געבראכט צום באוואוסטזיין פון די שבטים די זעלבשטענדיגקייט פונ'ם פאלקס־ווילען.

די ענדערונג האט פונדעסטוועגען געקאנט זיין דוקא א ברכה, ווען עס וואלט זיך אונטערדעסען איינגעגעבען צוצובינדען די אידישע שבטים צו דוד'ס הויז. שוין דוד האט אין גאנצען ניט געקאנט דורכפיהרען די אויפ־גאבע, וואס איז געווען זעהר א שווערע פאר די דאמאלסטדיגע פארהעלטע־נישען. די צפון־שבטים און בנימין האבען שטענדיג ארויסגעוויזען א געוויסען פארדראכט געגען זיין הערשאפט. נאך וועניגער איז שלמה געווען געוואק־סען פאר דער דאזיגער אויפגאבע. זיינע דעספאטישע נייגונגען און באזונ־דערס דער הארטער דרוק פון די שטייערן האבען געוויס ניט געקאנט זיין קיין מיטעל צו מאכען די שבטים פארגעסען, אז נאך גאר ניט לאנג האט ניט די געבורט, נאר דער ווילען פון פאלק גערופען דעם מאן צום קעניגליכען טראן.

אבער נאטירליך האבען די צולעצט דערמאנטע אורזאכען אליין ניט געבראכט די שפאלטונג. אויך דער דאקומענט פון תנ"ך, הגם ער באטאנט דוקא די זייט פון דער זאך, לאזט אונז אבער פארט נאך לייענען צווישען די שורות, אז די שווערע קרבנות, וואס שלמה האט פארלאנגט, האבען בלויז צוגעגרייט דאס אפטיילען זיך פון די שבטים, אבער זיי זיינען ניט געווען איהר לעצטע סיבה. פאקטיש זיינען די סיבות געווען אסך טי־פערע. זיי זיינען געלעגען אין דער גאנצער ביז־אהעריגער אנטוויקלונג. וואס עס איז איצט געשעהן, איז אזוי־צו־זאגען אסך־הכל, וואס האט געמוזט ארויסקומען על־פי הכרח פון א גאנצער צאהל פון פאקטען, אזוי גיך ווי עס האט זיך נאר אנגעבאטען די געלעגענהייט.

מיר האבען שוין אויבען באוויזען, אז די אידישע אור־געשיכטע לאזט זיך נאר דערקלערען פון דער צוזאמענוואקסונג פון פארשידענע פריהער באזונדערע עלעמענטען. שבטים פון פארשידענער אפשטאמונג און כאראק־טער האבען זיך צוזאמענגעגאסען אין די צייטען פון דער וואנדערונג און האבען געבילדעט קוים קוים אן איינהייט, מעהר אין געדאנק ווי אין דער ווירקליכקייט. אראמעאיש, כנענ'יש־ישראל'יש און אראביש בלוט האט זיך צוזאמענגעמישט. אבער דער לעצטער עלעמענט האט זיך ניט גע־פיהלט אין גאנצען גלייך מיט די ביידע ערשטע. עס קומט די צייט פון ערא־בערען דאס לאנד כנען. דא געהט יהודה זיין אייגענעם וועג און דאס הויז יוסף

און די צפון־שבטים געהען זייער וועג. די גאנצע צייט פון די שופטים ביז שאול'ן שטעהט יהודה אַן אַ זייט, דינענדיג זיינע אייגענע אינטערעסען. אויך שאול'ן גיט זיך ניט איין זיך איינצופונדעווען אין יהודה: און ווען איז משך פון זיין רעגירונג האָט ערוואַכט זיין חשד געגען דוד'ן און ער איז גע־וואָרען דער פאַרפאָלגער פון דעם ערשטען מאַן פון יהודה, האָט קיינער ניט געקאָנט דערוואַרטען, אַז זיין האַנדלונג זאָל העלפען אָפּשוואַכען יהודה'ס דערווייטערונג פון ישראל.

טריט ביי טריט, זינט יהודה איז צוערשט אריינגעטראָטען אין דעם ישראל־בונד ביז שאול'ס סוף, איז דער אָפּגרונט צווישען צ פ ו ן און ד ר ו ם גיכער געוואַקסען איידער אָפּגעשוואַכט געוואָרען. דורך דוד'ן שטעלט זיך יהודה בראש פון דער נאַציאָן, און אויב עס האָט זיך געקאָנט ווען איינגעבען צו שאַפען צו דער אויסערליכער איינינגונג אויך אַן אינערליכע, איז עס געווען דוד, וואָס האָט מצליח געווען אין אַזויפיעל זאַכען און געגען וועמען קיינער האָט קענטיג זיך ניט געקאָנט שטעלען אַנטקעגען אויף אַ לענגערער צייט. דאָס איז אָבער ניט געשעהן. אין דעם פּרט זיינען הפנים די פאַרהעלטענישען געווען שטאַרקער. עס איז געווען דער שווערער גורל פון אידישען פאָלק, וואָס איז באַרופען געווען דורכצופיהרען נאָך גרעסערע זאַכען, ניט צו קענען בייקומען דעם אימפּולס פון זיינע איינצעלנע טיילען צו זעלבשטענדיגער טעטיגקייט. דער באַזונדערער כוח פון די שבטים און פון זייערע אינדיווידואַליטעטען איז געווען שטאַרקער איידער דער געדאַנק פון אחדות און שותפות צווישען זיי. ווי־פיעל דוד טוט ניט נאָך שאול'ס טויט צו שאַנעווען די איבעריגע שבטים און זיי צו מאַכען קומען פרייוויליג צו איהם: ווי שטאַרק ער האָט זיך ניט באַמיהט זיי צו מאַכען פאַרגעסען דעם גורל פון שאול'ן און זיין הויז — דער אויפשטאַנד פון אבשלום און נאָך מעהר דער אויפשטאַנד פון שבע־בן־בכרי האָבען איהם געקאָנט ווייזען, אַז ישראל און יהודה האָבען ניט געקאָנט צוזאַמענקומען אַנדערש ווי דורך דער שטאַרקער האַנט, וואָס האָט זיי צוזאַמענגעצוואונגען. אויפצושטעלען אַ בלייבענדע אינערליכע פאַרבינדונג האָט אויך איהם זיך ניט איינגעגעבען. ס'איז שוין אויבען גע־זאָגט געוואָרען, אַז די צפון־שבטים מיט דעם הויז יוסף וואָס האָט ניט געקאָנט פאַרגעסען גדעון'ען, און באַזונדערס מיט דעם הויז בנימין וואָס האָט ניט געקאָנט פאַרגעסען שאול'ן, זיינען שטענדיג געבליבען אין האַרצען פרעמד צו זיין הערשאַפט. אויך שלמה איז נאַטירליך ניט געווען ביכולת, לויט זיין גאַנצער פיהרונג, גאַנץ צו מאַכען דעם ריס.

ווי ווייט די אָמרוה איז שוין אונטער שלמה'ן געווען פאַרשפּרייט ביי די צפון־שבטים, קאָנען מיר זעהן גענוג דייטליך דערפון וואָס ביי זיין לעבען נאָך איז שוין אויסגעבראָכען דער אויפשטאַנד. נאָר מיט געוואַלד האָט זיך איהם איינגעגעבען איהם צו אונטערדריקען. ירבעם, איינער פון שלמה'ס אויפזעהער, איז געווען דער איניציאַטאָר*). ער מוז אַנטלויפען קיין מצרים און ווערט דאָרטען, ווי עס ווייזט אויס, אויפגענומען מיט אָפענע אַרעמס. אָבער שלמה'ס רעגירונג איז געווען גענוג קרעפטיג ניט צו לאָזען איהם און זיינע אַנהענגער אפילו אַ טראַכט טאָן וועגען איבער'חזר'ן דעם אויפשטאַנד אַ צווייטען מאָל, אַזוי לאַנג ווי שלמה איז אויפ'ן טראָן געזעסען. ס'איז עפּעס אַ חידוש וואָס אַ אידישער רעוואָלוציאָנער זאָל געפינען אַ היים גראָד אין עגיפּטען, וואו דער פּרעה איז דאָך געווען דער פאָטער פון שלמה'ס פרוי. די דערקלערונג דערפון איז, וואָס שישק — עגיפּטיש שאַשענק — וועלכער האָט אָנגעהויבען אַ נייע דינאַסטיע, האָט פון שלמה'ן לחלוטין ניט געוואוסט. ס'איז אויך בכלל געווען אַזאַ מאָדע אין עגיפּטען צוצוציהען צום הויף פּרעטענדענטען צום טראָן־פּרעטענדענטען, כדי צו קריגען שפּעטער אַ השפּעה אויף זייערע לענדער.

נאָך שלמה'ס טויט, וועלכען מיר מעגען שטעלען אומגעפעהר אין יאָהר 937, האָלט מען אין אָנהויב פאַר זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז זיין זוהן רחבעם זאָל ירש'נען זיין טראָן. וואָס עס האָט איהם געגעבען דעם פאָרצוג איבער שלמה'ס איבעריגע זיהן, ווייסען מיר ניט. עס זעהט אויס, אַז ער איז באמת אַרויף אויפ'ן טראָן און האָט איהם אַ געוויסע צייט אָנגעהאַלטען. אָבער די לאַנג אונטערדריקטע דאָך שטיל ברענענדיגע אומצופרידענקייט פון די צפון־שבטים מיט שלמה'ס רעזשים ברעכט אויס, אויב ניט גלייך ביי רחבעם'ס טראָן־באַשטייגונג, על־כל־פּנים באַלד נאָכהער. עס זיינען פּילייכט פאָרגעקומען מאַנכע פאַרהאַנדלונגען און פּראָבעס איינצושטילען די אומצופרידענקייט מיט גוטען, ביז רחבעם באַשליסט זיך סוף־כל־סוף אָנצוהייבען איז שכם אַן אָפענע פאַרבינדונג מיט די אומצופרידענע**). אונטערדעסען האָט אויך ירבעם געהאַט צייט צו קומען צוריק פון עגיפּטען און — הפּנים

---

*) זעה אויבען ז. 109.

**) דער אויסדרוק „להמליך" (י"ב 1) קאָן דאָ אוממעגליך באַדייטען די וואַהל פון אַ קעניג אין געוועהנליכען זין. עס קאָן זיך דאָ נאָר האַנדלען וועגען דער פאָרמעלער אָנערקענונג פון רחבעם'ס טראָן־באַשטייגונג דורך די צפון־שבטים.

אין איינפארשטענדניש מיט שאשענק — אריינצונעמען אין זיינע הענט די פעדים פון דער באוועגונג*).

די פארטרעטער פון ישראל ווייזען רחבעם׳ען אז ווי שווער שלמה׳ס יאך איז געווען אויף זיי און פאדערען פארגרינגערונגען. א ווײַלע זעהט עס אוים, אז רחבעם איז גענייגט נאכצוגעבען דעם וואונש פון די שבטים און גלייכצייטיג דער שטים פון דעם „שכל הישר“. די עלטערע ראטגעבער, וועלכע האבען הפנים נאך געקענט דוד׳ס צייט און די בעסערע טראדיציעס פון שלמה׳ס פריהיגער צייט, ראטען איהם דאס צו טאן. באלד אבער, נאכדעם ווי רחבעם איז זיך מיישב מיט זיינע מקורבים פון אינגערען דור, באשליסט ער צו אנטזאגען די פאדערונג. זיינע יועצים זיינען די פארטרעטער פון יונגען דור אין יהודה, וועלכע זיינען אויפגעוואקסען מיט די פרינציפען, לויט וועלכע שלמה האט געהאנדעלט, און אין וועלכע זיי האבען קענטיג געזעהן די העכסטע קעניגליכע חכמה און דעם יסוד פון דער קעניגליכער מאכט. זיי גלויבען, אז געוואלד און אומבויגזאמע שטרענגקייט וועלען זיין גענוג, ווי אמאל אונטער שלמה׳ן, צו בארוהיגען די בונטאוושציקעס. זיי פארגעסען אבער, אז הינטער זיי שטעהט א מאן, וועמען עס פעהלט שלמה׳ס קראפט און אנטשלאסענקייט.

רחבעם גיט א העזה׳דיגען ענטפער אויף דער פאדערונג פון די שבטים. דאך ווען זיי זאגען זיך דאן אפ פון געהארכזאמקייט צו איהם, פעהלט איהם די קראפט אויסצופיהרען זיין סטראשונאק. רחבעם פרובירט נאך זיי איבערבעטען דורך דעם גרייז־גראהען אדונירם, דעם אויפזעהער איבער די רעקרוטירטע ארבייטער, אבער אהן וועלכען עס איז ערפאלג. דאס פאלק געהט אריבער צו אן אפענעם אויפשטאנד. אדונירם ווערט פארשטיינט צו טויט. רחבעם גופא איז ניט זיכער מיט זיין לעבען. ער מוז אויף גיך זיך אריינזעצען אין זיין קארעטע און אנטלויפען קיין ירושלים. ירבעם ווערט שנעל געבראכט און אויסגערופען צום קעניג איבער ישראל. רחבעם איז פאקטיש אראפגעזעצט פון טראן. נאר די הויפטשטאדט און זיין אייגענער שבט, יהודה**), בלייבען ביי איהם. וואס דוד איז אמאל געווען אין חברון,

---

*) מלכים א, י״ב פסוק 2 דארף שטעהן פאר פסוק 1, ווארים ביי דער פארזאמלונג אין שכם האט ירבעם זיך שוין געהאט צוריקגעקעהרט פון מצרים („וישב“ מיט א קמץ אונטער׳ן יוד און אונטער׳ן שין, און „ממצרים“ אנשטאט „במצרים“). די ערשטע דריי ווערטער פון פסוק 3 מוז מען שטרייכען אלס א הוספה. (לויט׳ן תרגום השבעים).

**) די דערמאנונג פון בנימין אין פסוק 21 און 23 איז א שפעטערדיגע הוספה. דאס קאן מען זעהן בפירוש פון פסוק 20. נאר איינצעלנע גרעניץ־ערטער, וואס האבען לכתחילה געהערט צו בנימין, ווי ר מ ה און מ צ פ ה, בלייבען ביי יהודה.

איידער ער איז געוואָרען קעניג פון ישראל, דאָס איז איצט ווידער זיין אייניקעל. פונ׳ם נאַציאָנאַלען קעניגטום איז ווידער געוואָרען א שבט־קעניגטום.

א טראַגישער גורל איז דערמיט געפאַלען אויף דעם אידישען פאָלק! דוד׳ס ווערק האָט קוים געהאַלטען צוויי דורות, אום צו פאַלען באַלד אלס קרבן פון דעם אומפאַרשטאַנד פון זיין אייניקעל אין פאַרבינדונג מיט דער שולד פון זיין זוהן און מיט דער אַלטער קריגעריי צווישען די שבטים. די אַלע שענע אנהויבען און פאַרשפּרעכענדע האָפנונגען, וואָס די אייניגונג און פאַרשטאַרקונג פונ׳ם פאָלק אונטער דוד׳ן האָבען ארויסגערופען, זיינען איצט צו גאָרנישט געוואָרען, ווען מ׳האָט זיי נאָך קוים געהאַט דערקענט און נאָך קוים געהאַט פון זיי נוצען. אַנשטאָט זיי שטייגען אויף פאַר אונזערע אויגען אַלע צרות און אונטערדריקונגען, וועלכע האָבען נאָך געזאָלט קומען אויף יהודה און ישראל — כמעט אַהן אַ אויסנאַהם אלס פועל־יוצא פון דער אומגליקליכער צעשפּאַלטונג.

וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געקאָנט אויפטאָן, ווען עס איז געווען פאַראייניגט און זיכער אין זיינע כוחות, דאָס האָט זיך געהאַט ארויסגעוויזען. ס׳איז ניט קיין צופאַל, וואָס אפילו עגיפּטען האָט ניט געוואַגט זיך צו שטעלען אין וועג פון דוד׳ס הערשאַפט אין סיריען. און וואָס איהר פּרעה האָט אַנגענומען שלמה׳ס פריינדשאַפט, ווי עס איז אויבען דערקלערט געוואָרען. איז עגיפּטען שוין געווען אריבער דעם העכסטען שפּיץ פון איהר מאַכט: און ווען עס זיינען אפילו ווידער געקומען קרעפטיגערע און גליקליכערע צייטען פאַר עגיפּטען, וואָלט עס אויך ניט פיעל געענדערט די לאַגע. וואָלטען די אידען געווען פאַראייניגט און וואָלטען זיי, ווי אונטער דוד׳ן און שלמה׳ן, געהאַט די אומבאַשטריטענע איבער־האַנט איז סיריען, דעמאָלט וואָלטען זיי דאַן אויך פאַר א פאַרשטאַרקטער עגיפּטען געווען א געגנער, וועמען מ׳מוז הויך רעספּעקטירען. דערצו האָט דאָס קעניגרייך פון דמשק איצטער געהאַלטען ביי דער סאַמע התחלה. זיינע בעסטע כוחות האָט עס געצויגען פון דער אידישער שוואַכקייט און צעריסענקייט. וואָלטען די אידען געווען פאַראייניגט און אויף דער וואַך, דאַמאָלסט וואָלט דמשק זיי ניט געקאָנט שעדיגען. מ׳מעג דרייסט באַהויפּטען, אז ווען די אידען וואָלטען ווייטער געגאַנגען אויף דוד׳ס און שלמה׳ס וועג, דעמאָלט וואָלט זייער פּאָזיציע אין סיריען געווען געזיכערט ביז אויף דער צייט פון זייער צוזאַמענטרעפונג מיט אשור.

מ'קאן באמת פרעגען: צי וואלט ניט געווען גלייכער, אויב דוד'ס הויז, וואס האט געמוזט פארלירען דעם טראן, וואלט לגמרי באזייטיגט געווארען און ירבעם וואלט געווארען קעניג איבער גאנץ ישראל? מ'קאן מיינען, אז עס וואלט פיליכט לכל הפחות די איינינקייט און די גאנצקייט פון דער נאציאן זיך דערהאלטען. די אידען וואלטען פארשפארט זיך אויסצומאטערען אין א ברודער־קריג, וואס האט זיך געצויגען הונדערטער יאהרען. אבער עס האט באלד זיך ארויסגעוויזען, אז ביי די צפון־שבטים איז איבערהויפט ניט געווען שטארק איינגעווארצעלט דער געדאנק פון א פעסטער און בלייבענדער ארד־נונג, און אז זיי זיינען דערפאר ניט געווען ביכולת איבערצונעמען די פיה־רערשאפט פון דער נאציאן. עס האט אויסגעוויזען, אז אויב די ממשלה אי־בער גאנץ ישראל האט געזאלט ליגען אין די הענט פון איין שבט, האט דער שבט געקאנט זיין נאר יהודה. און עס איז געווען דער ביטערער גורל פון דעם דאזיגען שבט וואס ער האט ניט געהאט נאך דוד'ן און שלמה'ן קיין פא־סענדען מאן, וועלכער וואלט געקאנט אריבערנעמען די פיהרערשאפט מיט קראפט און מיט טאקט.

איין זאך נאר איז געבליבען פאר דעם שבט יהודה, און צוליב דעם איז איהם אויך א טראן געבליבען — הגם נאר פון א שבט־קעניגטום. דאס איז געווען ירושלים מיט דעם בית־המקדש און מיט דעם גלאנץ פון דער ערינערונג אז דוד'ן און שלמה'ן. נאר די פאזיציע וואס ירושלים האט פאר־נומען אלס הויפטשטאדט און אלס שטאדט פון בית־המקדש, ד. ה. אלס שטאדט וואס האט דערמאנט אן דער גלענצענדער פארגאנגענהייט, האט מעג־ליך געמאכט פאר דוד'ס דינאסטיע אנצוהאלטען איהר קיום דורך יאהרהונ־דערטער, ניט קוקענדיג אויף דער קליינקייט און שוואכקייט פון איהר קע־ניגרייך*).

## רחבעם. אביה. אסא.

ווען איז רחבעם'ען (920—937) וואלט געלעבט דער גייסט פון זיינע פאטערס, וואלט זיך איהם געמוזט איינגעבען צו פארזאמלען ארום זיך די העלדישע לייט פון יהודה און פיליכט אויך אסך פון ישראל, וועלכע האבען געהאלטען מיט דוד'ס הויז, און ארויסצורייסען פאר זיך פון ירבעם'ען די

*) זעה אויבען ז. 66.

קרויז פון גאנץ ישראל, פונקט ווי דאס האט זיך אמאל איינגעגעבען דוד’ן געגען אבשלום’ען און שבע בן בכרי און שלמה’ן — געגען ירבעם’ען. אנשטאט דעם בלייבט עס ביי א שוואכליכען קריג געגען ירבעם’ען. נאטירליך האט רחבעם געמוזט באטראכטען די האלטונג פון די צפון־שבטים אלס רעבעליאן און זיי דערפאר באהאנדלען אלס רעבעלען. דאס האט ער אויך געטאן און אזוי קומט עס צו א קריג. ס’איז גאנץ מעגליך, אז ער האט געהאט דערביי א שטיקעל ערפאלג, באזונדערס אין אנהויב. ווען ער האט נאך געהאט שלמה’ס פולע ארסענאלען און זיין רייכע קאסע. ס’איז אפילו ניט אויסגעשלאסען, אז ירבעם איז אין אנהויב געווען אין א געדריקטער לאגע, און האט דעריבער געבעטען די הילף פון עגיפטען אדער לכל הפחות, אז די דאזיגע הילף איז איהם געווען אנגעלעגט. אבער בכלל ציהט זיך דער בירגערקריג אהן וועלכען עס איז ערנסט און אהן ערפאלג אויף ביידע זייטען. אזוי לאנג ווי רחבעם לעבט (מלכים א, י״ד 30). די מיטטיילונג פון ספר מלכים, אז ער האט איינמאל געהאלטען ביים דערלאנגען אן אנטשידענעם קלאפ צו דעם אוזורפאטאר פון זיין הערשאפט, נאר א נביא האט איהם דערפון אפגעהאלטען, קלינגט ווי א פריינדליכע אנטשולדיגונג פאר זיין אומטעטיגקייט (מלכים א, י״ב 21—24). ווארים דער ברודער־קריג האט זיך פאקטיש געצויגען ווייטער.

די שלעכטע רעזולטאטען פון דער אינערליכער אפשוואכונג ווייזען זיך באלד ארויס אין דער אידישער שטעלונג צו די פרעמדע לענדער. עגיפטען, וועלכע האט צוליב דער אייגענער שוואכקייט ביז איצט ניט געוואגט צו שטערען די אידישע קראפטפולע איינהייט, ערשיינט פלוצלונג אלס פיינד. נאך אונטער שלמה’ן האבען די עגיפטער זיך באגנוגענט מיט א ריין פארמעלער אנערקענונג פון זייער אויבער־הערשאפט איבער כנען, און ווייטער האבען זיי זיך באשרענקט אויף דעם צו געבען א היים צו שונאים און אנטלאפענע פון ישראל*). אבער ווי נאר דאס קעניגרייך האט זיך צעשפאלטען איז קענטיג אויך זיין קראפט צעריסען געווארען. עגיפטען נעמט זיך מיט אמאל גאנץ ערנסט צו לאזען פיהלען איהר פאקטישע הערשאפט. אן איינפאכערער און זיכערער וועג דאס צו טאן איז ניט געווען ווי נאר צו דערנידעריגען און גרינטליך אויסצורויבען ירושלים. וועלכע איז נאך אלץ געווען

*)איז איין פאל האבען זיי עס געטאן ניט קוקענדיג אויף דער נאהנטער פארבינדונג צווישען שלמה’ן און א הויז פון די פרעה’ס זעה וועגען דעם אויבען ז. 102—105.

באטראכט אלס די הויפטשטאדט*). דער פרעה שאשענק (שישק) אונטער־נעמט פאקטיש א רויב־צוג אין יהודה און פיליכט אויך אין ישראל. ער ראבירט אוים ירושלים און שלעפט אוועק די אוצרות פון בית־המקדש, דער עיקר שלמה׳ם גאלדענע פאנצערס**). זיין אויפשריפט אין טעמפעל פון קאר־נאק ווייזט, אז דער ציל פון זיין עקספעדיציע איז ניט געווען ירושלים אליין, אויך ניט די באשיצונג פון ירבעם***). דאס קומט אוים ניט ווי א געווענלי־כער רויב־צוג, נאר ווי א פאליטישע האנדלונג פארטצוזעצן די פאליטיק פון גרז****). אבער אפילו דער פרעה, וואס איז געווען קריגערישער ווי זיינע נעכסטע נאכפאלגער, וואלט אזא זאך ניט געוואגט, ווען ביי די אידען וואלט ניט געהערשט אט די אומגליקליכע צעריסענקייט. ווארים פון אנדערע מלחמה־אויפטואונגען הערען מיר ביי שישק׳ן אויך ניט.

מ׳טאר אבער נאך אלעמען ניט פארגעסען, אז אין דער לעצטער צייט האט מען אנגעהויבען שטארק צו באהויפטען, אז די ערטער פון ישראל אין דער אויפשריפט האבען ניט קיין היסטארישען ווערט, נאר זיינען אריינגע־זעצט געווארען לויט עלטערע, עהנליכע ליסטען. אין אט דעם פאל איז די גלייכסטע זאך זיך צו פארלאזען בלויז אויף דעם ביבלישען באריכט, וואס ווייסט ניט פון א רויב־צוג געגען ירבעם און ישראל. דער פאקט איז זעהר וויכטיג, מחמת די שפעטערע באארבייטער פונ׳ם טעקסט וואלטען בשום אופן ניט דורכגעלאזען צו דערמאנען א שטראף וואס איז געקומען אויף ירבעם׳ען. אדרבה, אויב עפעס א טראדיציע וואלט אנגעוויזען אויף אזא שטראף, דעמאלט וואלטען זיי געוויס זי שפעטער צוגעזעצט, אפילו אויב עס וואלט לכתחילה צוליב וואס פאר א גרונט ניט געשטאנען וועגען דעם אין טעקסט.

אט אזוי ווערט פארשטארקט די השערה, אז בשעת ירבעם האט זיך צוריקגעקעהרט פון עגיפטען האט ענטוועדער שוין עקסיסטירט א געוויסער אפמאך צווישען איהם און דעם פרעה, אז דער לעצטער זאל מאכען אז אנ־

---

*) קיין ווייטערדיגע רעזולטאטען האט יעדענפאלס אויך די האנדלונג ניט געהאט פאר דער עגיפטישער הערשאפט אין סיריען. שישק׳ם אוראייניקעל, אסארקאן דער צווייטער, רעדט כלומר׳שט יא איינמאל וועגען דעם, אבער פון אן עגיפטישער אריינמישונג ווערט אין דער נעכסטער צייט אין ערגעץ ניט דערמאנט.

**) מלכים א, י״ד 25—28. רחבעם האט געלאזט מאכען קופערנע אנשטאט זיי.

***) אסך נעמען פון אונטערוואָרפענע ערטער, וועלכע האבען געהערט צו ירבעם׳ס קעניגרייך, ווערען מיטגעצעהלט אין יענער אויפשריפט.

****) זעה אויבען ז. 104.

פאל אויף יהודה כדי צו אונטערשטיצען ירבעם'ען. אדער אז רחבעם, האַ־
בענדיג די קריגס־מיטלען וואס שלמה האט איהם געלאזען, האט שטארק צו־
געדריקט ירבעם'ען און איהם פאראורזאכט צו בעטען הילף פון עגיפטען.
אין דעם פאל וואלט ווידער באקומען איהר בכבוד'יגען ארט די שוין אמר
מאל ארויסגעזאגטע הנחה, אז ירבעם'ס אריבערטראגען פון דער רעזידענץ
פון שכם קיין פנואל אין עבר־הירדן איז געווען א פועל־יוצא פון דער
געדריקטער לאגע, אין וועלכער ער איז געבראכט געווארען דורך רחבעם'ען.

דער באפאל פון שישק'ן איז פארגעקומען אין פינפטען יאהר פון
רחבעם'ס רעגירונג. ער האט רעגירט נאך צוועלף יאהר. קענטיג פונקט אזוי
אומטעטיג און אהן ערפאלג ווי אין אנהויב. דער ספר דברי־הימים ווייסט
נאך צו באריכטען וועגען אייניגע פעסטונגס־בנינים. און עס קאן זיין, אז
דאס איז באגרינדעט אויף ריכטיגע ידיעות. לויט דעם האט רחבעם נאך
דער קאטאסטראפע לכל הפחות געטאן וואס ער האט געקאנט אום זיך צו
באשיצען געגען עהנליכע איבערראשונגען. די מעהרסטע פון זיינע פעס־
טונגען האבען געהאט דעם צוועק צו באשיצען דעם דרום און דעם דרום־מזרח
פון יהודה; אזוינע פעסטונגען זיינען געווען בית־לחם, חברון, זיף, תקוע.
ער וויל זיך אבער אויך פארזיכערען צו האבען א פארבינדונג מיט עזה איבער
חברון דורך לכיש. דאסגלייכען דעם צוגאנג צום טאל ביים ברעג ים דורך
מרשה, עדולם, שוכו, גת, עזקה, צרעה און אילון. דאס איז אויף יעדען פאל
געווען קלוג געהאנדעלט און איז געווען עלול צו ברייינגען מעהר פרוכט איידער
זיינע נוצלאזע אטאקעס. ישראל ווערט נאטירליך דורך דעם צוריק ניט גע־
וואונען. אבער יהודה באהויפט לכל הפחות איהרע אייגענע גרעניצען (דברי
הימים ב, י"א).

פון דעם רעדאקטאר פון ספר מלכים ווערט רחבעם שטארק געטאדעלט
פאר זיין שטעלונג אין רעליגיאן און קולט. ער זאל האבען ארויסגעוויזען
פריינדליכקייט צו די במות און צו רעליגיעזער אויסגעלאסענקייט (קדש).
עס איז אבער א גרויסע פראגע אויב די נאטיץ וועגען דעם באציהט זיך אויף
רחבעם'ען פערזענליך און ניט אויף דאס קעניגרייך יהודה בכלל (מלכים א,
י"ד 22—24). עס קאן גריילעך זיין, אז עס האבען זיך דערהאלטען נעבען
דעם בית־המקדש במות מיט מצבות און אויך מיט אשרות, און אז טיילווייז
האבען זיי פיליייכט אויך פון דאס ניי זיך איינגעפונדעוועט אונטער דער
השפעה פון דער צפון־מלוכה. דערביי דארף מען גערייינקען, אז אלס צוגאב
נאך איז רחבעם'ס מוטער געווען אן עמונית.

זיין נאכפאלגער ווערט זיין זוהן אביה (917—920). ער רעגירט דריי

יאהר און פיהרט ווייטער דעם נוצלאזען קריג פון זיין פאטער געגען ירבעם׳ען. אויך ער, ווי רחבעם, ווערט באטראכט פאר ניט פרום*). זיין מוטער איז מעכה, די טאכטער פון אבשלום. אזוי ווי עס שטעהט ניט קיין נעהנטערע באשטימונג ביים נאמען אבשלום, איז פיליכט דערמיט געמיינט דוד׳ס באקאנטער זוהן. שוין אביה האט אנגעהויבען די פאליטיק לגבי ארם. פון וועלכער עס וועט גערעדט ווערען ביי אסא. דורך אן אפמאך מיט בן־הדד׳ס פאטער טברימון (מלכים א. ט״ו 19). בעשא דער מלך פון ישראל האט איהם גלייך נאכגעטאן און האט איהם על־פי השערה אריבערגעשטיגען אין אנבאט ביז בעשא גופא איז ווידער אריבערגעשטיגען געווארען פון אסא׳ן. עס לאזט זיך דערפאר גלויבען. אז אביה האט אוועקגענומען פון ירבעם׳ען עטליכע שטעדט און האט אויסגעשפרייט זיין גרעניץ ביז ב י ת ־ א ל, י ש נ ה און ע פ ר ו ן ביים צפון־גרעניץ פון בנימין.**) איצט זעהט עס אויס ,אז בנימין געהערט טאקע פאקטיש צו יהודה. עס קאן פיליכט זיין ריכטיג די השערה. אז די דאזיגע נידערלאגע האט געבראכט דעם גיכען און געוואלטזאמען סוף פון ירבעם׳ס דינאסטיע. שוין זיין זוהן נדב ווערט דער־מארדעט ביי ג ב ת ו ן.

יעדענפאלס האט איצט דמשק גוטע טעג. אונטער דוד׳ן האט מען נאך דמשק גאר ניט גענומען ערנסט; אונטער שלמה׳ן האט מען שוין ניט גע־קאנט זי האלטען קרעפטיג אין צוים, פונדעסטוועגען האט מען נאך ניט גע־דארפט צוטראכטען ערנסט וועגען איהר. אבער באלד נאך דעם אויסברוך פון דעם שטרייט צווישען יהודה און ישראל האט דמשק דערקענט די מעלות פון איהר לאגע. דיביידע פיינדליכע ברידער יהודה און ישראל האבען ניט געהאט קיין אנדער ברירה ווי נאר צו זוכען איינער נאך דעם אנדערען איהר שטיצע אין קריג. די מלכים פון דמשק, ווי עס זעהט אויס, האבען ניט טראכטענדיג לאנג זיך פארבונדען מיט דעם, וואס האט געבאטען דעם העכסטען פרייז. זיי זיינען געווען שטארק פאראינטערעסירט אריינצוקריי־גען אין זייערע הענט א טייל פון דער טעריטאריע פון ישראל, אדער, לכל הפחות, צו האלטען ישראל אין צוים.

ווארים דעם צוגאנג צום מיטעללענדישען ים. וועלכען דמשק האט אומ־

*) מלכים א, ט״ו. דברי הימים ב, י״ג איז א שפעטעריגער מדרש.

**) דברי הימים ב, י״ג 19. מ׳מעג אבער מיט רעכט צווייפלען, אויב די סיבה דער־פון איז געווען אזא זיגרייכע שלאכט פאר יהודה, ווי זי ווערט געשילדערט אין די פאר־אויסגעהענדיגע פסוקים, און ניט, גיכער, אן אטאקע פון ארם אויף ישראל.

באדינגט נויטיג באדארפט אין די אינטערעסען פון איהר האנדעל, האט זי גאר געקאנט האבען דורך דער טעריטאריע פון ישראל. היינט האט דמשק איהר פארבינדונג מיט'ן ים איבער די הויכען פון לבנון אוועק קיין בייד־רוט. פאר די קאראוואנען פון אלטערטום האט מען אבער געמוזט זוכען א ווענינער שווערען וועג. ער האט זיך געצויגען פון דמשק צו דרום ביז נאהנט צו דעם ים־כנרת, איז דארט אריבערגעגאנגען דעם ירדן און האט דורך דער געגענד פון נפתלי און זבולן זיך געצויגען ביז עכו. אט דא נאטירליך זיינען די מלכים פון ישראל געווען די בעלי־בתים און די קאראוואנען און די סוחרים פון דמשק, וועלכע האבען געוואלט אנפיהרען דעם האנדעלס־פאר־קעהר מיט'ן ברעג פון ים אויף דעם פאר זיי בעסטען וועג, האבען געמוזט אנקומען צו ישראל. האט ישראל געוואלט די הילף פון ארם, דאן האט א בונד געקאנט בלי ספק צושטאנד קומען נאר דורך קאנצעסיעס אין דעם פונקט. פון דער אנדערער זייט ווידער: האט ארם געהאט א גרונט צו געהן געגען ישראל מיט געוואלד, דאן האט זי קודם כל געמוזט זוכען צו קריגען אין איהר האנט די געגענדען וואס קומען דא אין באטראכט, אדער לכל הפחות צו קריגען מיט געוואלד געוויסע רעכטען אויף א פרייען דורכגאנג.

נאך אביה'ס פריהיגען טויט פאלגט איהם אויפ'ן טראן זיין זוהן א ס א. אסא'ס רעגירונג זאל האבען געדויערט 41 יאהר (876—917). בנוגע צו דעם קולט איז ער, ווי עס ווייזט אויס, געווען מעהר איבערגעבען ווי זיין פאטער און זיין זיידע צו דעם ריינערען דינסט פון יהוה. אויך אויף די במות, אויסער דעם בית־המקדש, דינט ער נאר צו יהוה. ער שאפט אפ די קדשים, וועלכע האבען זיך אריינגעריסען אין יהודה (דאס הייסט: די פראסטיטואירטע אינ'ם דינסט פון דער עשתרת) און מיט זיי — דעם קולט פון דער דאזיגער געטין. ווי אויך אנדערע פרעמדע קולטען. ווי ווייט ס'איז שוין איצט געווען פארשפרייט אין יהודה דער קולט פון דער עשתרת, און ווי גרינטליך עס זיינען געווען די מיטלען וואס אסא האט אנגענומען געגען דעם, קאן מען זעהן פון דעם באריכט, אז אסא האט בארויבט זייי איינענע מוטער*) פון דעם כבוד וואס איז איהר געקומען אלס דעם קעניג'ס

---

*) לויט מלכים א ט"ו פסוק 2 און פסוק 10 האט אסא'ס מוטער דעמזעלביגען נאמען ווי אביה'ס. אננעמען אז אין פסוק 10 איז עס בטעות אריבערגעטראגען געווארען פון פסוק 2, קאן מען נים. מחמת, אז אסא'ס מוטער האט געהייסען מעכה ווערט אויך באַ־שטעטיגט פון פסוק 13. מאנכע פארשער נעמען דערפאר אן, אז אסא איז געווען אביה'ס א ברודער פון איין פאטער און איין מוטער און זיי שטרייכען אוים דעם „בנו" אין פסוק 8. ח. ש.

מוטער, ווייל זי האט זיך שטארק באטייליגט אין די קולטען פון אפגעטער. עס ווערט דערצעהלט, אז זי האט געמאכט אן אומווירדיגקייט פאר דער אשרה*), וואס אסא האט צעשטערט און פארברענט אינ׳ם טאל קדרון. פון דער צווייטער זייט האט ער געשאנקען דעם בית־המקדש גרעסערע אויפ־מערקזאמקייט און האט איהם געבראכט מתנות.

אסא האט בכן אסך אויפגעטאן פאר דעם יהוה־קולט און דעם בית־המקדש אין ירושלים. פארקעהרט אבער אויף׳ן פאליטישען געביט האט ער זיך פארשאפט זעהר צוייפעלהאפטע פארדינסטען. דער ספר מלכים ווייסט אפילו צו באריכטען פון אסא׳ס העלדישע אויפטואונגען אין קריג. ער האט, ווייזט אוים, אויך אויפגעטאן אסך אין בויען שטעדט און פעסטונגען (מלכים א, ט״ו 23). אבער די פרטים וועגען דעם זיינען אונז נאר געבליבען אין ספר דברי הימים, און הגם זיי מעגען זיין באגרינדעט אויף אן עלטערער טראדיציע, דאך איז דער געשטאלט ווי זיי ליגען היינט פאר אונז קאנען מיר אויף זיי זיך ניט פארלאזען אומבאדינגט (דברי הימים ב, י״ד). עס זאל זיך האבען איינגעגעבען אסא׳ן אפצוהאלטען א גלענצענדען נצחון איבער עפעס אן אומבאקאנטען עטיאפישען קעניג זרח. פיליכט ליגט דא אן ערי־נערונג, אז עס האט אפגעגליקט אסא׳ן צוריקצושטויסען א געפעהרליכען רויב־צוג. אין יעדען פאל איז גלייכער זיך צו מאכען א זיכערען בילד פון אסא׳ן לויט די ווינציגע ידיעות וואס דער ספר מלכים גופא האט אונז דער־האלטען מיט מעהר פינקטליכקייט וועגען זיין לאנגער רעגירונג. אורטיי־לענדיג לויט דעם ווערען אלע זיינע אנדערע אויפטואונגען בטל דורך זיין אנהאלטען די קורצזיכטיגע פאליטיק, מיט וועלכער זיין פאטער האט שוין געזוכט זיך אפצואוועהרען פון זיין קאנקורענט אין ישראל.

די אלטע קריגעריי צווישען צפון און דרום, וואס איז געקומען בירושה פון רחבעם׳ען, געהט נאך אלץ אן. עס איז, ווי עס ווייזט אוים, אויך איצט נאך ניט געקומען צו קיין באשטימטען סוף. דאך ווי מיר האבען געזעהן, האט אביה פון יהודה געוואונען מיט ארם׳ס הילף א געוויסע אויבערהאנט איבער זיין געגנער, ירבעם אדער נדב, און האט אוועקגענומען א שטרעקע לאנד פון ישראל. בעשא, וועלכער האט אונטערדעסען באשטיגען דעם טראן אין ישראל, נעמט זיך פון דאס ניי ענערגיש צום קריג, וואס איז אין דער

---

*) מלכים א, ט״ו 13. דאס מוז מיינען אן אשרה־בילד אדער אן אשרה געהייליגט צו דער עשתרת פון א באזונדערס מיאוס׳ען זארט. פיליכט איז אויך מעכה, די מוטער פון אסא, א היידין, פונקט ווי רחבעם׳ס מוטער.

לעצטער צייט מעהר ניט געפיהרט געווארען ערנסט*). ביים דרום־גרעניץ פון בנימין, קוים צוויי שעה אין צפון־זייט פון ירושלים, באפעסטיגט ער ר מ ה, כדי פון דאנעט צו קאנען האלטען ירושלים גופא אין צוים און זי אפצושניידען פון דער דרויסען־וועלט. דאס האט ער נאר געקאנט דורכפיהרען, ווען ער האט אויף זיין זייט געהאט דעם מלך פון דמשק, מיט וועמעס הילף אליין אביה פון יהודה איז געווען ביכולת אפצוהאלטען זיין נצחון, אויב די אויבען דערמאנטע ידיעה פון דברי הימים איז ריכטיג. וואס פאר א פרייז בעשא האט געצאהלט דעם מלך פון דמשק פאר זיין הילף, שטעהט ניט געשריבען, אבער לויט אונזערע אויספיהרונגען אויבען קאנען מיר זיך משער זיין, אז ער האט איהם לייכטער געמאכט דעם צוגאנג צום ים ביי עכו. אבער אז אז אפמאך איז פארגעקומען, שטעהט בפירוש אין אסא׳ס ווערטער: „צעשטער דיין בונד מיט דעם קעניג בעשא פון ישראל און ער זאל אפציהען פון מיר!“ דערפון איז צו זעהן, אז בעשא, מיט דער ערלויבעניש און אונטערשטיצונג פון ארם, נעמט ווידער אויף קרעפטיג דעם איינגעשלאפענעם קריג און דורך א שטארקען אנפאל רייסט ער אפ צוריק בנימין, וואס איז פריהער שוין געווען געפאלען אין די הענט פון יהודה. איינער פון די פונקטען ביים סאמע דרום־גרעניץ, ר מ ה, דינט אלס פעסטונג צו פארשפארען דעם וועג צו ירושלים.

ירושלים און יהודה געפינען זיך דורך דעם מיט אמאל אין דער געפעהרליכסטער לאגע. פון רמה אויס, ווען זי איז געווען גוט באפעסטיגט און באזעצט מיט סאלדאטען, איז געווען א קלייניגקייט צו פארשפארען פאר ירושלים דעם וועג פון צפון־זייט. דער אימפארט פון צפון, פון דעם געבענטשטען בערגלאנד און זיינע פרוכטבארע בערג־רוקענס, איז דערמיט אפגעשניטען פאר דער הויפטשטאדט. דער פארקעהר מיט בנימין איז אונטערבראכען און ירושלים איז לגמרי אנגעוויזען אויף דעם פארקעהר מיט דעם פיעל ארימערען הינטערלאנד אין דרום; אדער זי מוז זיך באנוצען מיט זעהר שווערע אומוועגען ארום און ארום. אין דער נויט נעמט זיך אסא צו א פארצווייפעלטען מיטעל. ער נעמט צוזאמען אלץ וואס ער קאן נאך געפינען פון די אוצרות אין בית־המקדש און אין זיין פאלאץ און שיקט זיי צו בן־הדד בן טברימון, דעם קעניג פון דמשק, צו פועל׳ן דערמיט ביי איהם, אז ער זאל פארראטען זיין ביז־איצטיגען בונד־חבר און אומדערווארט און

*) אם וועניגסטען ווייזט אויף דעם דער אומשטאנד, וואס דער חיל געפינט זיך אין א מלחמה געגען די פלשתים, מלכים א, ט"ו 27.

בייזווייליג איהם באפאלען פון הינטען. בן־הדד רייסט זיך אריין אין צפון פון׳ם קעניגרייך ישראל, און נעמט אוועק א צאהל שטעדט ביים צפון־גרעניץ: צווישען זיי ד ן און א ב ל־ב י ת־מ ע כ ה, די געגענד ביים ים־כנרת, און, וואהרשיינליך, גאנץ נפתלי. דערמיט האט ארם באקומען אלם איהר אייגענם טאקע דעם טראקט לאנד, וואס זי האט אזוי נויטיג באדארפט פאר איהרע האנדעלס־צוועקען. בעשא מוז זיך נאטירליך צוריקציהען. ער מוז רמה לאזען שטעהן כדי צו באשיצען זיינע געגענדען אין צפון, וועלכע זייען געשטאנען אין אזא גרויסער סכנה. אסא איז פריי און ער קאן איצט מיט דעם מאטעריאל, וואס בעשא האט געלאזען, באפעסטיגען ג ב ע און מ צ פ ה כדי זיך צו באשיצען געגען איהם (מלכים א, ט״ו 1—22). אסא האט אבער דערמיט נאך לאנג ניט צוריק באקומען דאס וואס זיין פאטער אביה האט געהאט, ווארים די צוויי דערמאנטע ערטער ליגען אונטער אלע אומשטענדען מעהר צו דרום ווי אביה׳ס גרעניץ־ערטער. מצפה איז אהן א ספק די היינטיגע ע ן־נ ע ב י ס א מ ו ו י ל, וועלכע שטייגט ארויס משופע׳דיג אין א באהערשענדער לאגע צוויי שעה צו צפון פון ירושלים. גבע־בנימין איז מן־הסתם ט ע ל־ע ל־פ ו ל, ניט ווייט פון דארטען, אבער אויף דער אנדערער זייט פון׳ם וועג. מ׳דארף בכן אננעמען, אז אסא האט באטראכט אט די ערטער, וואס ליגען ווענינ שטונדען אין צפון־זייט פון ירושלים, אלם דעם סאמע צפון־גרעניץ פון זיין לאנד. אזוי לאנג ווי זיי האבען געהערט צו יהודה איז געווען געזיכערט דער פארקעהר מיט בנימין און אפרים.

זיין צוועק האט אסא, ווי פאר איהם שוין אביה, דערגרייכט, אבער אויף א וועג, וואס האט אוממעגליך געקאנט ברייננען א ברכה פאר יהודה גופא. פאר שלמה׳ס אן אייניקעל און אן אוראייניקעל האט מען ניט געקאנט אויסטראכטען עפעס מעהר שענדליכעס אין דערנידעריגענדעס, ווי אז ער זאל זיין געצוואונגען צו בעטען הילף ביי איינעם פון די שכנות׳ע קעניגרייכען אין סיריען, אפילו שוין אין דעם פאל ווען דמשק איז ניט געווען פאקטיש דוד׳ס א וואסאל־מלוכה. עס איז דאס ערשטע, אבער ניט דאס איינציגע מאל, וואס יהודה האט גענוצט פרעמדע הילף געגען איהר אייגענעם ברודער־אונטערדריקער פון צפון, אנשטאט אויסצוגלייכען דעם סכסוך צווישען זיך אליין. עס וואלט דערפאר ניט זיין קיין חידוש אויב א נביא וואלט איהם שטארק געטאדעלט פאר אזא האנדלונג, ווי עס ווערט דערצעהלט אין דברי הימים (ב. ט״ז 7—9). דאס וואס ישעיה האט שפעטער געסטראשעט דעם קעניג אחז (ישעיה ז), האט שוין איצטער אויך געגאלטען בנוגע צו אביה׳ן

און באזונדערס צו אסא'ן. דארטען איז עס געווען אשור, וואס האט אין אנ־הויב זיך איינגעשטעלט פאר יהודה, כדי סוף־כל־סוף עס צוצודריקען. איצט האט די קורצזיכטיגע פאליטיק פון אביה און אסא ארויסגערופען די אריינ־מישונג פון ארם אין די ענינים פון כנען, א זאך וואס איז אי פאר ישראל און אי פאר יהודה געווען אזא גרויסע סכנה.

ס'איז קיין ספק ניט, אז אין דמשק האט מען זינגט דעם טאג פון שכם געווארט נייגיריג אויף דעם טאג, ווען איינע פון די צוויי שטרייטענדע אי־דישע מלוכות אדערביידע איינע נאך דער אנדערער וועלען פאדערען ארם'ס הילף. נאכדעם ווי שלמה'ס האנט איז א לענגערע צייט געלעגען אויף דמשק, האט קיין גליקליכער טאג ווידער ניטגעקאנט זיין פאר איהרע מלכים. אבער מיר מוזען ארויסרופען אין אונזער זכרון די גרויסע צרות, וואס האבען געזאלט קומען אויף די אידען דורך ארם, וועלכע האט איצט אין א גרויסען טייל געזוינגען איהרע לעבענס־זאפטען פון ישראל, כדי אפצומעס־טען וואס פאר א שעדליכע קורצזיכטיגקייט עס איז געלעגען אין אביה'ס און אסא'ס האלטונג. ווארים ניט אפרים אליין האט געליטען דעם שאדען פון ארם'ס אויפבליהונג. יהודה גופא האט מיט דער צייט געמוזט פארדריסען וואס ארם ווערט אזוי שטארק. אט דער איצטיגער צעשלאגענער געגנער פון יהודה האט זיך שפעטער פארבונדען מיט יהודה'ס איצטיגען פריינד כדי צו שטעלען יהודה אין סכנה. אן אמת נאציאנאלע פאליטיק האט גע־קאנט אין אביה'ס און אסא'ס לאגע זיך האלטען נאר אן איין וועג. דאס איז יהושפט'ס וועג: צו אנערקענען דעם צושטאנד וואס איז געשאפען גע־ווארען דורך רחבעם'ס שלעכטער האנדלונג: דאס הייסט: צו אנערקענען דאס קעניגרייך פון אפרים און אלס פועל־יוצא דערפון אפצושטעלען דעם ברודער־שטרייט. וואלט מען איינגעזעהן באצייטענס און ניט דאמאלסט ווען ס'איז שוין געווען צו שפעט, וואוהין דער גאנג פון די געשעהענישען פיהרט, וואלט נאך ניט שווער געווען צו פארהאלטען די סכנה. דער ריכטיגער בליק וואלט מיט דער עהרע אויך געראטעוועט די מעכטיגע שטעלונג פון דער נאציאן.

אבער לאמיר זיך צוריקקעהרען צו די ווידערשפעניגע שבטים.

### ירבעם. נדב. בעשא. אלה. עמרי.

צי ירבעם האט פון אנהויב אן געהאט א האנט אין דעם אויפשטאנד פון ישראל געגען רחבעם'ען, א זאך וואס לעגט זיך זעהר אויפ'ן שכל — צי ער איז געקומען פון עגיפטען בלויז אלס צוקוקער — אין יעדען פאל איז ער

אלס פארביסענער שונא פון דוד'ס הויז אן אנגעלעגטער גאסט ביי די דער־צארנטע שבטים, און ער ווערט פון זיי אויסגערופען אלס קעניג. מיט א פו־לען רעכט רופען זיך ירבעם און זיינע נאכפאלגער מלכים פון ישראל, וואָ־רים דאס קעניגרייך איז אוועקגענומען געווארען פון דוד'ס הויז: א קעניג פון ישראל איז דער, וועמען דאס פאלק רופט אויפ'ן טראן.

וועגען דער פאליטישער זייט פון ירבעם'ס צוויי־און־צוואנציג־יעהרי־גער רעגירונג (915־937) האבען מיר ווייניג וואס זיכערע ידיעות. ווי ווייט ער איז געווען בכוח אויפצוהאלטען שלמה'ס מעכטיגע פאזיציע, קאנען מיר זיך בלויז משער זיין. אויב ס'איז ריכטיג די ביז איצט אם מעהרסטען פאר־טראטענע מיינונג, אז אויך ער האט געהאט צו ליידען פון שישק'ס רויב־צוג, דאן זעהט זיך שוין ממילא דערפון, אז ער איז ניט געשטאנען העכער פאר רחבעם'ען און אז ער האט זיך קוים געקאנט פארטיידיגען. א פשיטא נאך אויב ער גופא האט גורם געווען פרעה'ס באפאל און ער איז געוויס נאכהער ניט געווען בכוח אפצוהאלטען דעם משחית, וועלכען ער אליין האט ארויסגערופען. אויב אבער מיר מוזען זיך האלטען ביי דער אנדערער מיי־נונג, וואס שטיצט זיך אויסשליסליך אויף דעם ביבלישען באריכט, לויט וועלכען שישק איז בלויז אנגעפאלען אויף רחבעם'ען און ירושלים, ווערט נאך דורך דעם פארשטארקט די אנדערע הנחה, אז ירבעם איז געווען גע־צוואונגען צו בעטען הילף ביי עגיפטען, ווייל רחבעם האט איהם אין אנ־הויב געהאט צו שטארק צוגעדריקט. אויך אין דעם פאל האט דער רויב־צוג געקאנט זיין א פועל־יוצא פון אן עלטערען אפמאך, נאך פון דער צייט ווען ירבעם האט זיך אויפגעהאלטען אין עגיפטען. אבער דאס וואס דער אפ־מאך איז גראד איצט ארייגעטראטען אין קראפט, איז געווען א רעזולטאט פון דער מפלה, וואס ירבעם האט געכאפט פון רחבעם'ען.

ווי מיר זאלען ניט קוקען אויף דער זאך, טראגט מען על־כל־פנים ניט ארויס דעם איינדרוק, אז ירבעם זאל זיך האבען אויסגעצייכענט מיט עפעס אן ערפאלג. אט אזוי פארשטעהען מיר אויך וואס דאס הייסט, אז ירבעם האט זיין גאנצען לעבען זיך געהאט צו וועהרען געגען רחבעם'ען און זיין נאכפאלגער (מלכים א, י"ד 30; ט"ו 7). צי איהם האט עטוואס אפגע־גליקט געגען יענע, ווערט ניט דערמאנט, און דאס איז אויך ניט וואהר־שיינליך, אז ניט וואלט רחבעם'ס נאכפאלגער ניט פארטגעזעצט דעם קריג. אדרבה, ירבעם איז אין אנהויב פיליכט געווען אין א געדריקטער לאגע, ווי מיר האבען שוין פריהער דערמאנט. אט אזוי דארפען מיר אויך אויסטייטשען דאס וואס ער פארלאזט פלוצלונג זיין רעזידענץ, וועלכע ער האט אויסגע־

בויט אין שכם און ציהט אריבער קיין פ נ ו א ל אין עבר־הירדן (מלכים א, י"ב 25).

פון אינערליכען לעבען פון ירבעם'ס מלוכה ווערט איין זאך כסדר באַטאָנט, אַז זי שטאַמט פון ירבעם'ען. שלמה'ס בית־המקדש וועגען וועלכען ס'איז שווער אַנצונעמען, אַז ער איז געבויט געוואָרען גאָר אַהן דער כונה צו שאַפען מיט דער צייט פאַר גאַנץ ישראל אַ צענטער פון קולט, האָט געווים שוין אונטער שלמה'ס לאַנגען און שטרענגען רעזשים מיט אַן ערנסט אַנגעהויבען צו ערפילען דעם צוועק. ירבעם האָט געמוזט זוכען צו שטערען די השפעה. דער שווערפונקט פון עפענטליכען לעבען איז ביז דוד'ן און שלמה'ן געווען ביי די צפון־שבטים און אין הויז יוסף. וויבאַלד אַז ער האָט ווידער זיך צוריקגעקעהרט אַהער, איז עס געווען ניט מעהר ווי נאַטירליך, אַז אויך דער צענטער פון רעליגיעזען לעבען זאָל זיך צוריקקעהרען אַהער. ישראל האָט געהאַט ביי זיך אוראַלטע הייליגטימער. זיי האָבען נאָר באַדאַרפט אונטער דעם שוץ און אונטערשטיצונג פון דעם קעניגטום, וואָס איז איצט אריבערגעטראָגען געוואָרען קיין אפרים, אַפגעפרישט ווערען פון דאָס ניי אין זכרון. זיי האָבען באַלד געמוזט פאַרנעמען ביים פאָלק דעם פּלאַץ פון דעם בית־המקדש אין ירושלים.

ב י ת ־ א ל און ד ן — די ערשטע אין דרום, די צווייטע אין צפון, אויפ'ן סאַמע גרעניץ פונ'ם קעניגרייך — זיינען אויסגעקליבען געוואָרען פאַר דעם צוועק. בית־אל איז דאָס אוראַלטע הייליגטום פון שבט אפרים, שוין פאַרהייליגט אין דער גראָהער פאַר־צייט פון ישראל. זיין הייליגער שטיין איז אַהן ספק שוין געווען ביי די כנענים אַ זאַך, צו וועלכער מ'האָט געדינט. זינט דוד און שלמה האָט די נאָהנטקייט פון ירושלים געמוזט זיין אַ געפאַהר פאַר איהם. דן האָט ביז דעם אונטערגאַנג פונ'ם הייליגטום אין שילה — דאָס הייסט ביז צו די מהומות פון דער פלשתי'שער ממשלה פאַר שאול'ן — געהאַט אַ הייליג בילד, פון דאַן אַן איז זי קענטיג געגאַנגען אויף אַראָפּ (שופטים י"ח 31). ביידע, אַמאָל אַזוינע חשוב'ע טעמפּלען, באַקומען פון ירבעם'ען נייע הייליגע זאַכען. זיי באַשטעהען פון גאָלדענע אָקסען, וועלכע שטעלען פאַר יהוה גופא אַלס ווערטער־גאָט און אַלס גאָט פון פרוכטבאַרען אַקערלאַנד. אַהן ספק אין איינקלאַנג מיט עלטערע אידישע נייגונגען, וועלכע זיינען אין דער שופטים־צייט אריבערגענומען געוואָרען פון אָרם*). ירבעם נעמט דערמיט די אַלטע הייליגטימער אונטער זיין

*) זעה וועגען דעם דינסט פון די גאָלדענע קעלבער אין ערשטען באַנד ז. 310.

באזונדערען שוץ. ער פיגורירט דא אלס דער פאטראן פון די אלטע קולט־ערטער, וועלכע די פאטערס האבען אמאל געהאלטען פאר הייליג*). מ׳האט זיך פארגעשטעלט, אז אין זיי איז פארבארגען „דער וואס האט ארויסגעפיהרט ישראל פון עגיפטען" (מלכים א, י"ב 25—31).

ווי באקאנט איז די איינריכטונג פון די דאזיגע הייליגטימער מיט בילדער אין דער געשטאלט פון אן אקס גערעכענט געווארען אלס ירבעם׳ס ספעציעלע זינד. דאס איז טאקע פאקטיש געוועז. דאס וואס ירבעם האט געטאן האט פאליטיש געמעגט אויסזעהן קלוג, און עס האט געמעגט באדייטען א צייטווייליגע פארשטארקונג פון דער צפון־מלוכה אנטקעגען יהודה: אבער קיין טיפערע פארשטענדניש פון דעם גייסט וואס האט באלעבט די אידישע רעליגיאן האט ירבעם דערמיט ניט ארויסגעוויזען. לגבי דעם בית־המקדש פון ירושלים, נאך מעהר לגבי די עלטערע אידישע טראדיציעס, איז עס געוועזען א טריט צוריק. במות זיינען אפילו שוין לאנג געוועזען אין לאנד: אויך אין יהודה עקסיסטירען זיי פאר דעם בית־המקדש און צוזאמען מיט איהם. אויך די עפענטליכע מיינונג אין ישראל האט מיט דער אויסנאם פון א קליינער צאהל מענשען, וואס זיינען געווען אונטער דער השפעה פון די נביאים, זיך גאר אזוי שטארק ניט געערגערט איבער ירבעם׳ס אקסען־קולט. ווארים מ׳האט גערינט יהוה אין בילד ניט בלויז אין דן, נאר אויך אין מאנכע אנדערע קרייזען שוין לאנג, זינט פון דער שופטים־צייט. אבער דאס איז פארט געוועזען א זינד און איז אלס זינד באטראכט געווארען פון די בעסטע פון פאלק.

די באדייטונג פון ירבעם׳ס טריט איז אבער געגאנגען נאך ווייטער ווי אויפ׳ן רעליגיעזען געביט. ביי דער ענגער שייכות צווישען דעם רעליגיעזען און נאציאנאלען לעבען ביי די אידען איז עס געווען אומפארמיידליך. ס׳איז שוין אויבען אנגעוויזען געווארען, וואס פאר א הארטען קאמף די אידען, זינט זיי זיינען אריינגעטראטען אין כנען, האבען געהאט אויסצוקעמפען נאציאנאל און רעליגיעז מיט די דארטיגע איינוואוינער, די כנענים. ביז שמואל׳ס און שאול׳ס אויפטריט האבען די אידען רעליגיעז זיך אונטערגעגעבען אין א גרויסער מאס אונטער די כנענים. ערשט די מלכים: שאול, דוד, שלמה האבען וואס ווייטער אלץ מעהר ארויסגעריסען די אידען, צוערשט פאליטיש, דאן אויך רעליגיעז, פון דער כנעני׳שער השפעה.

*) בית־אל און דן זיינען ניט די איינציגע הייליגטימער פון דעם מין. ירבעם גיט זיי בלויז דעם פארצוג צוליב זייער געאגראפישער לאגע.

קומט אבער ירבעם און פיהרט די אידען ווידער אויף א שטאנדפונקט. וואס איז בעצם דרעזעלביגער, אויף וועלכען זיי זיינען געשטאנען אין דער שופטים־צייט. די כנעני'זירונג פון דער רעליגיאן, געגען וועלכער דאס ביז־איצטיגע קעניגטום, באזונדערס אין יהודה, האט געקעמפט, ווערט איצט די פאליטיק פון דער מלוכה. כנען, פאליטיש לאנג שוין טויט, ווערט רעליגיעז ווידער אויפגעלעבט. די אידישע רעליגיאן קריגט דערמיט א שווערען קלאפ: זי ווערט צוריקגעטריבען אין דעם קרייז פון דער נאטור־רעליגיאן. אבער דאס איז נאך ניט אלצדינג. אין דער רעליגיאן האבען די אידען געהאט זייער זעלבסטבאוואוסטזיין אנטקעגען די כנענים. אהן זייער רעליגיעזען באוואוסטזיין האבען זיי זיך מיט דער צייט אויך געמוזט פארלירען נאציאנאל.

צוליב פאליטישע אינטערעסען האט ירבעם מפקיר געווען דאס וואס איז געווען א לעבענס־אינטערעס פאר'ן גאנצען כלל. ס'איז דעריבער וואהר־שיינליך, אז דיזעלביגע קרייזען, וועלכע זיינען געווען אומצופרידען מיט שלמה'ס טאלעראנץ געגען פרעמדע קולטען, די קרייזען פון די נביאים נתן. גד, אחיה השילני, האבען איצט פונקט אזוי שארף זיך אפגעקעהרט פון ירבעם'ען. אויך די לויים, וועלכע מ'האט ספעציעל געזוכט פאר שטעלען פון דער כהונה, האבען ווייזט אוים זיך איצט צום גרויסען טייל זיך צוגע־ווענדעט צום בית־המקדש. אזוי אז ירבעם איז געווען גענויטיגט צו נעמען ניט־לויים — א זאך וואס איז אין זיין צייט ניט געווען אזא געוואלטיגע זינד ווי דאס האט אויסגעזעהן שפעטער*).

פון דעם אויפשטאנד וואס ירבעם האט פאראורזאכט האט אין גיכען געזאלט צייטיג ווערען שלעכטע פרוכט איז זיין אייגענעם הויז. און ווי נאר אנגעהויבען, בלייבט אויפשטאנד און קעניגס־מארד כמעט א שטענדיגער כאראקטער־שטריך אין דער צפון־מלוכה. עס האט שוין דאמאלסט געמוזט אויסזעהן אזוי ווי עס וואלט ליגען גאט'ס קללה אויף דעם קעניגרייך. וואס האט מיט דעם אייגענעם כוח זיך אפגעריסען פון דוד'ן און זיין הויז. קאנס־פיראציע און טראן־פארכאפונג הערען דארטען מאנכע צייטען כמעט ניט אויף. איין דינאסטיע קומט נאך דער צווייטער. בעת דעם קעניגרייך פון יהודה, ביי אלע זיינע שוואכקייטען און חסרונות, האט פארט זיך איינגע־געבען אנצוהאלטען דוד'ס הויז אויפ'ן טראן יאהרהונדערטער לאנג.

---

*) מלכים א, י"ב 31; י"ג 33. פארגלייך אויבען ז. 146,145.

שוין ירבעם'ס נאכפאלגער, זיין זוהן נ ד ב. ענדיגט די דינאסטיע. נאך א רעגירונג פון בלויז צוויי יאהר (914—915) ווערט ער דערמארדעט פון בעשא בן אחיה פון יששכר בעת דער באלאגערונג פון דער פלשתים־שטאדט גבתון. איין סיבה פון דער אומצופרידענקייט איז שוין אויבען ארויסגעזאגט געווארען על־פי השערה.*) בעשא פארכאפט דעם טראן. און כדי איהם צו באפעסטיגען ראט ער אויס דאס גאנצע הויז פון ירבעם (מלכים א, ט"ו 25—30). בעשא איז וואהרשיינליך געווען איינער פון נדב'ס גענעראלען. נדב איז אהן א ספק געפאלען אלס קרבן פון א מיליטערישען אויפשטאנד. א וויכטיגע סיבה פון דעם אויפשטאנד וועלען מיר מוזען זוכען אין דעם פאקט, וואס עס האט גאר בכלל געקאנט קומען צו א מלחמה מיט די פלשתים. ווארים אהן א באדייטענדער אפשוואכונג פון ישראל וואלטען די פלשתים, נאכדעם וואס ס'איז מיט זיי געשעהן אונטער דוד'ן, ניט געוועזן בכוח צו פיהרען א מלחמה מיט די אידען. אויך די מואבים, ווייזט אויס, האבען איצט דערזעהן א געלעגענהייט אראפצוווארפען פון זיך דעם יאך, וואס דוד האט אויף זיי אמאל ארויפגעלעגט**). אט די אלע אומשטענדען האבען געקאנט ווירקען צוזאמען, אז דאס פאלק זאל זיך אפקעהרען אנטוישט פון ירבעם'ס דינאסטיע. מ'האט גאנץ אנדערש דערווארט בשעת מ'האט זיך אפגעזאגט אין שכם פון דוד'ס הויז. מיט דעם געפיהל פון ביטערער אנטוישונג דערקלערען זיך אויך די וויטעריגע געשעהענישען.

בעשא'ן ווערט צוגעשריבען א רעגירונג פון 24 יאהר (890—914). דער אופן ווי אזוי ער טרעט אויף געגען אסא פון יהודה ווייזט איהם ארויס אלס אן ענערגישען און קריגס־פעהיגען מלך. דאס וואס ער האט זיך געמוזט צוריקציהען ניט דערגרייכענדיג זיין ציל, איז ניט געווען זיין שולד. עס מוז אויך זיין באגרינדעט אויף פאקטען, ווען עס ווערען איהם צוגעשריבען אין ספר מלכים העלדישע מעשים (מלכים א ט"ז 5). צום באדויערען זיינען די ידיעות וועגען דעם פאר אונז פארלארען געגאנגען. מעגליך, אז ער האט נאך ווי עס איז זיך געקאנט אפוועהרען פון די אראמעער. אז ער זאל האבען צוריק אפגענומען די פארלארענע שטרעקעס לאנד, איז קוים אנצונעמען. ביי דער ארויספאדערענדיגער האלטונג פון יהודה און ביי דער אומזיכערקייט מצד פון פלשתים אין מערב און פון די מואבים אין מזרח, לעגט זיך אויפ'ן

*) זעה אויבען ז. 163. עס איז די מפלה וואס ירבעם האט געכאפט פון אביה פון יהודה.

**) זעה וועגען דעם ווייטער אין דעם קאפיטעל וועגען עמרי.

שכל. אז ער איז געווען צופרידען מושוה צו ווערען מיט די אראמעער אזוי, אז זיי זיינען געבליבען זיכער מיט זייערע געווינסען און האבען מעהר אינטערעס ניט געהאט צו באאומרוהיגען ישראל. ער שטארבט אויך ניט פון קיין מערדער־האנט. אלס א נביא וואס האט געלעבט אין זיין צייט ווערט דערמאנט יהוא בן חנני (מלכים א ט״ז).

בעשא איז איינער פון די וועניגע מלכים פון ישראל, וואס שטארבען מיט א נאטירליכען טויט. אבער שוין זיין זוהן אלה פאלט אלס קרבן פון א קאנספיראציע נאך א רעגירונג פון בלויז צוויי יאהר (889—890). די לאגע איז גאנץ עהנליך ווי אמאל אונטער נדב'ן. דאס דערקלערט די נייע בארגביטערונג. ווידער מוז גבתון באלאגערט ווערען — די פלשתים זיינען בכן נאך אלץ פיינדליך—. און אלה, וועלכער האט אהן א ספק ווידער פארלארען די פלשתים־שטאדט, איז צומאל ניט אויפ'ן שלאכטפעלד, נאר ער ליגט שכור אין דערהיים אין תרצה*) ביי א מאלצייט וואס זיין פאלאץ־מיניסטער ארצא האט לכבוד איהם געמאכט. איינער פון זיינע גענעראלען זמרי דערמארדעט איהם און טוט מיט זיין הויז דאס וואס בעשא האט אמאל געטאן מיט דעם הויז פון ירבעם.

זמרי'ס האנדלונג איז געווען אומבארעכענט דרייסט. אויב ער האט פריהער ניט געהאט אויף זיין זייט דעם חיל פון גבתון און זיין גענעראל עמרי. עמרי אבער איז ניט גענייגט צו אנערקענען אלס קעניג א גענעראל וואס איז געווען אונטער איהם. ער לאזט זיך אויסרופען פון דער ארמיי אלס קעניג און ציהט מיט איהר קיין תרצה. זמרי איז ניט ביכולת זיך צו האלטען און זוכט דעם טויט אין די פלאמען פון זיין פאלאץ. זיין קעניגליכע גרויסקייט האט געדויערט בלויז זיבען טעג**). דאך אבער מוז נאך עמרי איצט אויך קעמפען פאר זיין טראן. א געוויסער תבני בן גינת טרעט אויף אלס פרעטענדענט אויפ'ן טראן און ער קריגט, ווי עס ווייזט אויס, א גרויסע אנהענגערשאפט אין פאלק. נאך א בירגער־קריג, וועלכער דויערט קענטיג א לענגערע צייט, באקומט עמרי סוף־כל־סוף די אויבערהאנט (מלכים א, ט״ז 15—22).

---

*) די הויפטשטאדט איז שוין דאמאלסט תרצה. עס קאן זיין, אז ירבעם האט שוין דארטען געוואוינט אין דער שפעטערער צייט פון זיין רעגירונג (מלכים א, י״ד 17).

**) נאך לאנג האט מען גערעדט פון איהם מיט פאראכטונג (מלכים ב, ט 31).

## 2.

## עמרי׳ס דינאַסטיע.

### די אשורים. עמרי.

(לויט ר. קיטעל און דזש. פּ. מק׳קורדי).

עמרי איז דער ערשטער קעניג פון ישראל, וואָס ווערט דערמאָנט אויף די אשורישע אויפשריפטען. דאָס ווייזט אויף א נייער צייט. אשור טרעט איצט אַלץ מעהר און מעהר אריין אין דעם אידישען האָריזאָנט, ביז זי ווערט דער וויכטיגסטער פאַקטאָר וואָס באַשטימט די געשיכטע פון אידישען פאָלק.

די בולט׳סטע שטריכען אין דעם כאַראַקטער פון די אשורים (אַסיריער) זיינען געווען ענערגיע און א שטרעבונג צו געוועלטיגען. נאַטירליך האָבען אַט די שטריכען אין זייער כאַראַקטער אָנגענומען די פאָרם פון מיליטאַריזם, ווי אין אַנדערע לענדער אין דער אַלטער צייט: אָבער אין אשור האָט דאָס געפיהרט צו אזא פולשטענדיגער איינזייטיגקייט, אַז חוץ מלחמה און עראָבערונג און זאַכען וואָס האָבען א נאָהנטע שייכות דערצו, זעהט מען ניט, ניט אין איהר געשיכטע, ניט אין איהר ליטעראַטור, ניט אין איהר סקולפּטור און איהר דעקאָראַטיווער קונסט. ס׳איז נאָך ניט געווען קיינמאָל א פאָלק מעהר פּראַקטיש און מיט ווייניגער פאַנטאַזיע ווי די אשורים. אַט די אייגענשאַפטען האָבען זיך בולט אַרויסגעוויזען אין זייערע פּלענער און זייערע האַנדלונגען, וועלכע איבערראַשען אונז ממש מיט זייער פולער פשטות און אויסגעהאַלטענקייט און מיט דער געוויסענלאָזער ענערגיע, מיט וועלכער זיי זיינען אויסגעפיהרט געוואָרען. אין פאַרגלייך מיט די אַלטע באַבילאָנישע מלוכות (ניט מיט דער שפּעטערדיגער מלוכה פון די כשדים) איז אשור אין אסך פּרטים ווי די רוימישע אימפּעריע אין פאַרגלייך מיט די גריכישע מדינות. כאָטש די אשורים האָבען קיינמאָל ניט אַנטוויקעלט די פעהיגקייט פון אָרגאַניזאַציע און אַדמיניסטראַציע וואָס האָט אויסגעצייכענט די רוימער, האָבען זיי אָבער פאָרט געגעבען דער וועלט דעם ערשטען ביישפּיל פון א גרויסער אָרגאַניזירטער מלוכה—א שאַפענדער געדאַנק, וועלכען רוים האָט שפּעטער אָנגענומען. אין דער פעהיגקייט צו צענטראַליזירען, קאָנצענטרירען און באַפעסטיגען פּאָליטישע מאַכט איז נינוה ווידער געווען א פּאַראַלעל צו רוים. אויך דער מאַנגעל אין אָריגינעלע פעהיגקייטען אין ווי־

סענשאפט, ליטעראטור און קונסט ביי די אשורים, להיפך צו די באבילא־ניער, ווארפט זיך פונקט אזוי אין די אויגען ווי דיזעלביגע ערשיינונג ביי די רוימער פארגליכען מיט די גריכען.

דער אנהויב פון דער אשורישער געשיכטע איז נאך אין גאנצען טונ־קעל. דאס קעניגרייך פון אשור איז קענטיג געשאפען געווארען פון באבי־לאנישע קאלאניסטען, וועלכע האבען אין דער אורגראהער צייט געוואנדערט פון „שומער און אקאד"*) ווייטער אהין קיין צפון, און האבען זיך באזעצט אין דעם פרוכטבארען לאנד אין מזרח־זייט פון דעם טיגרים (חידקל). 3000 יאהר פאר דער קריסטליכער צייטרעכענונג האט שוין נינוה אנגעפיהרט א האנדעל מיט דרום־באבילאניען און א טעמפעל איז שוין דארטען געשטא־נען לכבוד דער געטין נינא (אישטאר), פון וועמען די שטאדט האט בא־קומען דעם נאמען. נאך אסך פריהער איידער נינוה האט געמוזט געגרינדעט ווערען די שטאדט אשור, דער ערשטער צענטער פון אן ארגאניזירטער רע־גירונג, פון וועלכער די אשורישע אימפעריע האט באקומען איהר היסטא־רישען נאמען**).

שוין צוויי הונדערט יאהר פאר דער תקופה, ביי וועלכער מיר האלטען, דאס הייסט ביים סוף פון צוועלפטען יאהרהונדערט, האט דער געוואלטיגער תגלת־פלאסר דער ערשטער אריבערגעטראגען זיינע פעלד־צייכענס אויף יע־נער זייט פון פרת. ער איז אפילו דערגאנגען אזוי ווייט ווי ביז'ן לבנון. פון זינט דאמאלסט אן האט אשור געהאט פרעטענזיעס אויף סיריען און דעם פעניקישען ים־ברעג ביז צום כרמל. וואלטען זיינע נאכפאלגער געגאנגען ווייטער אין זיינע טריט, וואלט מען זיך דאן גאר ניט געקאנט פארשטעלען במציאות די מלוכה פון דוד און שלמה. אבער ס'איז געווען א מערקווירדיגע גינסטיגע צונויפטרעפעניש, וואס דיביידע גרויסע מלוכות, צווישען וועלכע ישראל איז געלעגען איינגעדריקט ווי א קליז, זיינען גראד אין די טעג, ווען

*) מאנכע אסיראלאגען נעמען אן, אז לויט די סאמע לעצטע אויסגראבונגען זיינען אין די ערשטע אשורישע ישובים אויך געווען חתי'שע קאלאניסטען. אויך אמורים זאלען דארטען האבען איינגעוואנדערט אין די פריהיגע צייטען. יעדענפאלס אבער איז די קולטור פון אשור, די שפראך, שריפט, רעליגיאן א. אז. וו. געווען פון דער עלטסטער צייט אן א סעמיטיש־באבילאנישע. דאס ווייזט אונז, אז דער סעמיטישער אדער אקאדישער עלע־מענט איז דארטען געווארען דער הערשענדער. זעה וועגען דעם אין „סיוויליזיישאן און באבילאניא ענד אסיריא" פון מאררים יאסטראוו, פילאדעלפיא ענד לאנדאן, 1915.

ח. ש.

**) „אשור", דער נאמען פון דעם נאציאנאלען גאט, ווי אויך פון דער שטאדט און פון דעם לאנד, באדייט „דער גליק־ברייננגער".

ס׳איז די אידען באשערט געווען ארויסצוברייגגען א דוד׳ן און א שלמה׳ן. ניט געווען בכוח זיי צו מאכען וועלכע עס איז מניעות. אויך די אשורישע מלוכה האט נאך תגלת־פלאסר דעם ערשטען, פון מיטען 11טען ביז מיטען 10טען יאהרהונדערט, דורכגעמאכט א פעריאדע פון שוואכקייט און אומפעי־היגקייט און האט ניט געקאנט טראכטען וועגען אויסשפרייטען ווייטער איהר ממשלה.

אויך ארום דער צייט פון דער שפאלטונג פון דער אידישער מלוכה איז אשור, ווי עס ווייזט אויס, נאך ניט געווען גענוג שטארק צו קאנען אויפטרע־טען געגען דעם קעניגרייך פון ארם דמשק, וואס האט אונטערדעסען זיך א הויב געטאן און איז וואס ווייטער אלץ מעהר געוואקסען אין מאכט. ערשט אין עמרי׳ס צייט האט אשורנאזירפאל, דער פאטער פון שלמנאסר דעם צווייטען, ווידער געוואגט זיך צו שפארען ווייטער געגען סיריען. ער האט רעגירט פון 884 ביז 860 און ער רופט זיך אן „דער ערֹאבערער פון די געגענדען אויף דער אנדערער זייט פון טיגרים און ביז צום לבנון און דעם גרויסען ים“. דערמיט איז געמיינט דער מיטעללענדישער ים; מחמת ער באקומט טאקע פאקטיש טריבוט ארום יאהר 870, דאס הייסט שוין אונטער אחאב׳ן, פון די פעניקישע שטעדט צור, צידון, ביבלאס און אנ־דערע. אשור׳ס אינטערעס צו באקומען דעם צוגאנג צום מיטעללענדישען ים איז קלאר: עס האנדעלט זיך וועגען דעם האנדעלס־וועג צווישען דעם פרת און די האפען־שטעדט פונ׳ם פעניקישען ים־ברעג.

פאר דער אשורישער מלוכה איז איצט געווען פארגעצייכענט דער וועג, אויף וועלכען זי האט געזאלט ווייטער געהן. פאר די אידען אבער איז דער־מיט ארויפגעטראטען אויף דער סצענע אן ערשיינונג, וועלכע האט געמוזט באלד שטארק באשעפטיגען יעדען איינעם וואס האט געהאט אויגען צו זעהן. איצט און אין דער נעהנטסטער צייט ווייטער האט מען נאך ניט אזוי גוט באגריפען די וויכטיגע באדייטונג דערפון. די חיילות פון אשור, וואס האבען פארביימארשירט אין צפון פון ישראל, אפילו ווען זיי האבען ארויפ־געלעגט א טריבוט אויף די פארוואנדטע און באפריינדעטע צידון און צור, זיינען געווען אנגעלעגטע געסט, וועלכע האבען צוריקגעהאלטען פון ישראל׳ס האלז די נעהנטערע און שרעקענדערע סכנה וואס איז פארגעשטאנען מצד פון ארם דמשק. אבער די פריינדליכע אילוזיע האט לאנג ניט געקאנט אנהאלטען. עס האט זיך געמוזט פריה ארויסווייזען, אז וואס מעהר ישראל איז ארייגגעצויגען געווארען אין דעם פלאנטער פון די וועלט־געשע־הענישען, און וואס נעהנטער די גרויסע הונגעריגע חיה האט זיך גערוקט צו

איהם, פארשלינגענדיג די שכנים ארום, אלץ גרעסער איז געווארען די סכנה פאר איהם גופא.

דאס אבער וואס האט דירעקט געבראכט אשור אין דעם אידישען האָריזאָנט ליגט דעריין, וואס די אידען גופא טרעטען איצט פון דאס ניי ארויס אין א גאנץ גרעסערער מאס ווי פריהער פון זייער ענגען אפגעזונדערטען לעבען און זייערע קליינע פארהעלטענישען. לפנים איז דאס געווים ניט געווען קיין מעלה. אמאל איז אנדערש געווען. אונטער דוד'ן און שלמה'ן האבען די אידען פארגעשטעלט א מאכט אין פאדער־אזיען, וואס האט ארויסגערופען אלעמענס רעספעקט, אזוי, אז אפילו אשור און עגיפטען האבען געזוכט זיך ניט אנצוהייבען מיט זיי. אויב דוד האט מיט זיינע אינטערעסען זיך לגמרי באשרענקט אויף זיין אייגען קעניגרייך און יעדענפאלס אויף סיריען, האט אבער שלמה געעפענט פאר די אידען דעם וועלט־האנדעל און דערמיט אויך די וועלט־קולטור. דאס האט זיך איהם איינגעגעבען, ניט פארפלאָנטערענדיג גלייכצייטיג זיין לאנד אין די וועלט־סכסוכים. די אייגענע מאכט און דעם אנדערען'ס שוואכקייט האבען געהאט אין דעם א גלייכען חלק. דער געווינס איז געווען רייך און פיעלזייטיג. — אבער יענע צייטען זיינען איצט געווען פארביי. דער צוזאמענברוך פון דער מלוכה און די שטענדיגע מלחמות צווישען זיך איז דערהיים און אין דרויסען האבען אין גיכען א תל געמאכט פון שלמה'ס ירושה, און דאס וואס ס'איז נאך געבליבען איבעריג, אשטייגער פון האנדעלס־פארבינדונגען, האבען צום סוף אוועקגעכאפט די אראמעער פון דמשק. איצט איז ישראל פון דאס ניי ארויפגעטראטען אויף דער סצענע פונ'ם וועלט־טעאטער, אדער איז דורך די פארהעלטענישען ארויפגעשטעלט געווארען אויף איהר ניט מיט זיין פרייען ווילען, אבער ער האט געפונען די ביהנע לגמרי פארענדערט, און ניט צו זיין טובה.

דאך ניט קוקענדיג אויף דעם האבען די אידען אויך איצט אסך געוואונען דערפון, אויסערליך דורך נייע באציהונגען אין האנדעל און קולטור, אינערליך דורך נייע געדאנקען און השפעות און אין א נייער געוואלדיגער אויסברייטונג פונ'ם האריזאנט. אבער אין איין פונקט האט געמוזט ארויסקומען די גרעסטע רעה פאר זיי. וויבאלד זיי האבען זיך פארפלאָנטערט אין מלחמות מיט די וועלט־מלוכות, איז איצט זייער גורל געווען פעסט פארזיגעלט. דורך זייער אומפרייוויליגען אריינטריט אין דער וועלט־געשיכטע האבען זיי ביי די איצטיגע פארהעלטענישען געמוזט צעדריקט ווערען פון די מלוכות, מיט וועלכע זיי האבען זיך פארפלאָנטערט אין דעם קאמף. ווארים געגען וועלכער פון אט די וועלט־מלוכות האט די אידישע ארמיי זיך געקאנט

שטעלען? דערפאר אבער עפענען זיך און וויקלען זיך איצט פאנאנדער צו פולער קראפט און הויך יענע וואונדערליכע כוחות, וואס האבען גערדע־מעלט אין דער טיפעניש פון דער פאלקס־נשמה און האבען ביז איצט זיך באַ־וויזען נאר ציטערדיג און פארבייגעהענדיג. ערשט ביי דעם אומגליק און צו־זאמענברוך פון דעם אויסערליכען לעבען, ווערט דאס אידישע אינערליכע לעבען דאס, צו וואס עס איז געווען באשטימט און אויף וואס עס איז געווען פעהיג צו ווערען. יעדער נייער קלאפ ווערט פאר דער אידישער רעליגיאן א קוואל פון א נייער און גרעסערער דערהייבונג; וואס מעהר די מלוכה און דאס פאלק דערנעהענטערען זיך צום אפגרונט, אין וועלכען זיי מוזען אריינפאלען, אלץ ריינער און זיכערער מיט זייער נצחון הייבט זיך אויף דער רעליגיעזער געדאנק, אלץ שטאלצער שוועבט ער איבער דעם יאמער פון דער גגעגנווארט. עס גרייט זיך דערמיט צו איינע פון די גרעסטע דראמען פון דער וועלט־געשיכטע.

צי עמרי גופא האט שוין געצאהלט טריבוט צו אשור, אדער האט אפשר גאר מיט זייער הילף זיין טראן באקומען, דאס ווערט אונז אין ערגיץ ניט געזאגט. אבער מחמת דער ביבלישער באריכט איז אזוי קורץ איז דאס אויך ניט אויסגעשלאסען (מלכים א, ט"ז 23—28). אין יעדען פאל האט אבער א געוויסע מגע־ומשא יא געמוזט פארקומען. דאס ווייזט דער אומ־שטאנד, וואס די אשורישע אויפשריפטען פון א פיעל שפעטעריגער צייט באצייכענען נאך ישראל קורץ אלס „עמרי'ס הויז" און דעם קעניג פון ישראל אלס „עמרי'ס זוהן". די דאזיגע באצייכענונג איז אביסעל א חידוש, ווייל גראד יהוא, וועלכער ווערט אנגערופען פון שלמנאסר דעם צווייטען עמרי'ס זוהן, האט געמאכט אן ענד צו עמרי'ס דינאסטיע. די באצייכענונג באווייזט אויך גלייכצייטיג ווי ווענינ טיף דער רושם איז געווען וואס ישראל האט געמאכט אויף אשור, לגמרי ניט צו פארגלייכען מיט דער וויכטיגקייט, וועלכע די געשעהענישען אין אשור האבען געהאט פאר ישראל. אויך ווייזט עס אונז, אז אקארשט איצט, אין עמרי'ס טעג, איז ישראל אריינגעטראטען נעהנטער אין דעם האריזאנט פון אשור. פריהער וואלט מען אנגערופען ישראל דאס הויז פון דוד אדער שלמה. דאמאלסט אבער האט מען זיך אין אשור ווענינ גע־קימערט וועגען די פאסירונגען אין ישראל.

דאס קליין ביסעל וואס ווערט דערצעהלט אין תנ"ד וועגען עמרי (877—889) לאזט אונז אננעמען, אז ער פארדינט דעם נאמען פון א טיכ־טיגען און קראפטפולען הערשער, הגם ער האט ניט קיין הצלחה אין קיין זאך. דעם ריכטיגען בליק פאר דאס וואס איז נויטיג געווען אין קעניגרייך

ווייזט ער אומבאשטריטעז ארויס אויסקלייבענדיג א נייע הויפטשטאדט אנ־
שטאט תרצה, וועלכע האט מעהר געהאט א שענע לאגע איידער א נאטירליכע
זיכערקייט. ער טראגט אריבער זיין רעזידענץ קיין שומרון. דער ארט
וואס ער האט אויסגעקליבען האט ניט געקאנט בלייבען הינטער תרצה
בנוגע צו נאטירליכער שענקייט. רופט איהם דאך ישעיה „די שטאלצע בלו־
מען־קרוין פון אפרים אויף דעם קאפ פון א פעטען טאל" (כ"ח 1, 4).
ס'איז היינט נאך א גארטען־שטאדט און א בריליאנט אין צענטראלען
טייל פון לאנד. דערצו נאך האט עס געהאט אן אויסערגעוועהנליך גינסטיגע
לאגע. אין פרוכטבארסטען טייל פון בארג אפרים, אין מיטען פון רייכע
תבואה־פעלדער און פון א לאנדשאפט, דורכגערוישט פון קוואלען און טייכ־
לעך. דערצו נאך אין סאמע הארץ פונ'ם לאנד, איז שומרון געשטאנען אין
דער בעסטער פארבינדונג מיט אלע טיילען פון לאנד. באקוועמע פארבינ־
דונגס־וועגען פיהרען צום עמק־יזרעאל און גליל, פונקט ווי צו בית־אל און
ירושלים. אז עס האט נאך אלס צוגאב געהאט די מעלה פון א באזונדערער
זיכערקייט, ווייזט איהר לאגע און אויך איהר געשיכטע. שומרון איז געלע־
גען אויף א הויך־צוגעשפיצטען בארג וואס הייבט זיך ארויס מעהר ווי הונ־
דערט מעטער איבער א ווייטען, טיפען טאל. פאר די פארהעלטענישען פון
דער אלטער צייט איז דערפאר געווען גרינג צו מאכען פון איהר א שטאר־
קע פעסטונג, כמעט ניט מעגליך צו באזיגען. זי האט פאקטיש אויסגע־
האלטען מעהר ווי איין באלאגערונג פון שטארקע פיינדליכע חיילות. און ווען
די אשורים האבען שפעטער איינגענומען שומרון, האט עס געקאסט אפילו
די מייסטערס אין דער מלחמה־קונסט די מיה פון א דריי־יעהריגער באלא־
גערונג.

וואס דוד האט געטאן פאר יהודה און גאנץ ישראל אויסקלייבענדיג
ירושלים, דאס האט עמרי געטאן פאר דער צפון־מלוכה פון ישראל דערמיט
וואס ער האט געמאכט שומרון פאר איהר הויפטשטאדט. און פונקט ווי דוד
האט שוין דורך יענעם פאקט אליין זיך אויפגעהויבען העכער איבער שאול'ן
מיט זיין הערשער־בליק, אזוי שטעהט אויך עמרי דורך דעם העכער איבער
זיינע נעהנטסטע פארגענגער. מ'קאן העכסטענס פרעגען, פארוואס ער האט
זיך ניט צוריקגעקעהרט קיין שכם, וואו ירבעם האט אנגעהויבען זיין קעניג־
טום און מיט וועלכער מאנכע ערינערונגען זיינען געווען פארבונדען. ווען
עמרי וואלט געווען פון אפרים, וואלט ער טאקע אפשר אזוי געהאנדעלט. דאך
וואלט אויך דאן געווען גלייכער פאר איהם זיך צו באזעצען אין אן ארט
וואס ליגט אן א זייט פון די רייסערייען צווישען די שבטים, פונקט ווי עס

האט געטאן דוד, וועלכער האט אנשטאט חברון זיך געשאפען א נייטראלע שטאדט, אזא׳ן ארט האט ער געהאט אין שומרון, ווארים נאך מעהר ווי ירושלים דוד׳ס איז שומרון געוועו עמרי׳ס אייגענע שאפונג.

ווי נויטיג אבער ישראל האט באדארפט אזא הויפטשטאדט, וואס זאל זיין בכוח זיך צו שטעלען אנטקעגען דעם אנפאל פון שונא, ווייזט אונז אם בעסטען דער צושטאנד, וועלכען עמרי האט אריבערגענומען פון בעשא׳ן. ווא־רים אהן א ספק איז בעשא׳ס נאכפאלגער אלה ניט געוועו ביכולת צו ענ־דערען דעם דאזיגען מצב צום גוטען. אדרבה, ווי שוין אויבען אנגעוויזען, איז די לאגע גיכער געווארען נאך ערגער. די אראמעער, וועלכע אסא פון יהודה האט גערופען אין לאנד, זיינען נאך אלץ געלעגען ישראל אויפ׳ן האלז. אויך עמרי, ווייזט אויס, האט ניט מצליח געוועו זיך אפצואוועהרען אין גאנצען פון זיי. ווי שוין בעשא, האט אויך ער געמוזט זוכען ווי עס איז מושוה צו ווערען מיט זיי, קודם כל כדי צו קאנען זאמלען כוחות געגען די פיינדליכע פלשתים און מואבים, פיליכט אויך געגען יהודה; און גלייכ־צייטיג אויך כדי ניט צו לאזען אין גאנצען פאראליזירען די האנדעלס־פאר־בינדונגען פון ישראל. מ׳מוז דעריבער אננעמען, אז אלם פארבאדינג דערצו האט ער געפיהרט געוויסע זיגרייכע מלחמות מיט די שכנים, לכל הפחות מיט מואב און די פלשתים. פון מואב וועט באלד גערעדט ווערען. דאס וואס מיר ווייסען אזוי ווינציג מכוח די פלשתים, רופט ווידער ארוים אונזער באר דויערען. וואלטען מיר געוואוסט מעהר וועגען עמרי׳ן, דאן וואלט העכסט וואהרשיינליך זיך באקומען פון איהם א בילד ווי פון א מאן וואס האט אין א העלדישען קאמף געזוכט זיך צו באפרייען פון דער לעסטיגער ירושה, וועל־כע בעשא און אלה האבען איהם געלאזען; אבער דאס האט זיך איהם ניט אין גאנצען איינגעגעבען.

פאקטיש דערגעהען מיר איצט פון א צופעליגער נאטיץ (מלכים א, כ 34), אז ער האט פארלארען אייניגע שטעדט אין א מלחמה מיט די אראמעער און איז אפילו געוועז געצוואונגען צו געבען די אראמעאישע סוחרים די קאנצעסיע אויף אן אייגענעם קווארטאל אין שומרון. מ׳דארף זיך אנ־שטויסען, אז עס האט פריהער געמוזט קומען צו א מלחמה מיט ארם, אייד דער מ׳האט זיך ווי עס איז אויסגעגליכען. אזוי ווי די אראמעער האבען שוין געהאט א טייל פון גליל, האבען זיי באקומען אין דעם אויסגלייך ענט־ווערער נאך עטליכע שטעדט אין גליל, אדער אייניגע ערטער אין עבר־הירדן*), און א חוץ דעם וויטערע קאנצעסיעס פאר דעם אראמעאישען

*) עס איז מעגליך, אז דאמאלסט איז רמת גלעד פארלארען געגאנגען.

האנדעל. דעם וועג פון דמשק קיין עכו האבען די אראמעער שוין געהאט, ווי מיר האבען אויבען געזעהן; ס'איז דערפאר געווען פאר זיי וויכטיג צו קאנען ארייננשיקען זייערע סחורות וואס זיינען געפיהרט געווארען אויף דעם דאזיגען וועג אויך אין דאס אינערע פון דעם אידישען לאנד, און ספּעציעל אין דעם ביי געשאפענעם צענטער. צו דעם צוועק האבען זיי פארלאנגט אייגענע באזארען אין שומרון און אן אייגענעם קווארטאל, וואו זיי זאלען קאנען לעבען אומגעשטערט לויט זייערע היימישע מנהגים, פּראקטיצירען זייער קולט און פיהרען מסחר. דער פאקט וואס עמרי האט זיי אויך דאס נאכגעגעבען, ווייזט, אז ער האט ביי זיין גאנצער פּערזענליכער העלדישקייט און טיכטיגקייט דאך געמוזט באקומען פון זיי א שטארקען קלאפּ. אבער אויף דער אנדערער זייט וועט זיך אויך ארויסווייזען, אז עמרי'ס פּאליטישער בליק האט געפונען די מיטלען ווי גוט צו מאכען א טייל פון דעם היזק אויף א דיפּלאמאטישען וועג. דער בונד מיט די פעניקיער, וואס ער האט אהן א ספק שוין אנגעקניפּט, האט נעקאנט אין א געוויסער מאס אראפּוועגען דעם האנדעלס־פּאליטישען שאדען וואס ער האט געליטען דורך זיין אפּמאך מיט ארם.

דערפאר ערשיינט פאר אונז עמרי ניט בלויז אלס מוטיגער, נאר אויך אלס ערפאלגרייכער סאלדאט אין דער אויפשריפט פון דעם קעניג מ י ש ע פ ו ן מ ו א ב*). לויט דער אויפשריפט איז עס געווען עמרי, וועלכער האט ווידער אונטערווארפען מואב אונטער ישראל נאך א לענגערער אומאפּהענגיגקייט. באזונדערס דערמאנט מישע די געגענד פון מ י ד ב א אלס די, וועלכע עמרי האט ערָאבערט און א לאנגע צייט געהאלטען, בעת דאס לאנד וואס ליגט צו דרום ארום ע ט ר ו ת איז קיינמאל ניט פארלארען געגאנגען פאר ישראל.

מיר מוזען דערפאר אננעמען, אז אויך די מואבים, נאכדעם ווי דוד האט זיי גרינגטליך באזיגט און אונטערטעניג געמאכט, האבען פארשטאנען אויסצונוצען די צייט פון די אומרוהען און די אינערליכע אידישע מלחמות זינט שלמה'ס טויט. אוועקגעטריבען אין דעם דרום־מזרח פון ים־המלח, האבען זיי הפנים

---

*) דער געדענק־שטיין איז אנטדעקט געווארען אין יאהר 1868 פון דעם דייטשען פּרעדיגער קליין אויפ'ן ארט פון דער אמאליגער דיבון און געפינט זיך איצט אין לואוור אין פּאריז. די באדייטונג פון דער אויפשריפט פאר דעם היסטאריקער ווערט נאך ארָאפּגעוואויגען דורך דעם ווערט, וואס זי האט פאר דער געשיכטע פון דער העבּרעאישער שפּראך און שריפט.

לאנגזאם זיך ווידער פארשטארקט, און אונטער מישע'ס פאטער כמוש־מלך האבען זיי ווידער אויפגעשטעלט זייער הערשאפט איבער דעם דרום־טייל פון דער מזרח־זייט פון ים־המלח. דיבון, אביסעל אין דרום־זייט פון ארנון, איז געווען זייער הויפטשטאדט. מיר דארפען אננעמען, אז כמוש־מלך האט געלעבט אין איין צייט מיט בעשא און עמרי. ער האט רעגירט 30 יאהר. די געגענד פון עטרות צווישען דיבון און מידבא איז געבליבען ביים שבט גד. עס זעהט אויס, אז כמוש־מלך האט אויסגעשפרייט זיין ממשלה ביז מידבא. דא האט איהם עמרי פאר'האלטען און איהם באגרע־ניצט אויף זיינע געגענדען אין דרום: אויך אין זיי איז ער עמרי'ס וואסאל. די דאזיגע פרעמד־הערשאפט האט געדויערט פאקטיש ארום 30 יאהר.

מ'האט בכן דאס פולע רעכט צו באצייכענען עמרי'ן אלס דעם באַ־נייער פון דעם קעניגרייך ישראל. ער האט פארשטאנען ווידער אויפצוהייבען די חשיבות פונ'ם קעניגטום, וואס איז אונטער זיינע פארגענגער אזוי טיף געזונקען. ער האט געשאפען פאר דער מלוכה א סטראטעגיש באדייטענדען צענטער, וואס איז געווען אזוי וויכטיג פאר דעם האנדעל און פארקעהר פון ישראל. ער האט דויערענד געהאלטען איז צוים די שכנים פון דרום, פון מערב און פון מזרח: אפילו געגען דעם הויפט־געגנער פון צפון, וועמען ער האט נאך אן אומגליקליכען קאמף געמוזט מאכען נאך נייע קאנצעסיעס, האט ער אויך געראטעוועט די עהרע, אזוי ווייט ווי עס האט זיך איהם איינ־געגעבען צו עפענען נייע טירען פאר די האנדעלס־פאליטישע און פאליטישע פארבינדונגען פון ישראל, מיט וועמעס הילף עס האט געקאנט אויסגעגלי־כען ווערען דער שאדען.

דאס דערקלערט, וואס ניט קוקענדיג אויף מאנכע נידערלאגעס וועלכע האבען איהם געטראפען, רופען אן די שפעטערדיגע מלכים פון אשור גראד איהם אלס דעם טיפ פון א קעניג פון ישראל.

## אחאב, אליהו און די נבואה פון זיין צייט.

נאכדעם ווי עמרי האט רעגירט צוועלף יאהר פארנעמט דעם טראן זיין זוהן אחאב. עס ווערט איהם צוגעשריבען א רעגירונג פון 22 יאהר (855-877). וועגען איהם האבען מיר אויספיהרליכע ידיעות ניט בלויז אין תנ"ך, נאר

אויך די אשורישע אויפשריפטען און דער שטיין פון דעם קעניג מישע פון מואב באריכטען וועגען איהם.

לויט די אלע ידיעות שטעהט אחאב פאר אונז אלס א מאן וואס איז ווערט געשטעלט צו ווערען ביי זיין פאטער'ס זייט אין דער שטרעבונג פאר דער זעלבשטענדיגקייט און גרויסקייט פון ישראל. אין דרום־מזרח האט ער, ווי אמאל עמרי, געהאלטען אונטערוואָרפען די מואבים. פארלויפיג וואָגען זיי זיך ניט צו ריהרען. אם פריהסטען אין דער צווייטער העלפט פון זיין רעגירונג, פילייכט ערשט צו איהר סוף, אדער נאך זיין טויט, וואגט מישע צו רעוואָלטירען. פיעל וויכטיגער אבער איז געוועזן, וואס ער האט אויף איין זייט אויפגעגעבען אן אלטע מחלוקה און אויף דער אנדערער זייט פון דאס ניי פארשטארקט אן אלטע פריינדשאפט. עס איז, ווי שוין אויבען דערמאָנט, מעגליך און עס לעגט זיך אויך אויפ'ן שכל, אז עמרי איז געוועזן דער איניציאטאר פון דאס אלץ. דער גרינדער פון דער דינאסטיע ווערט דערמיט אוועקגעשטעלט נאך אויף א מדרגה העכער אין זיין באדייטונג. פראקטיש ווערען זיי יעדענפאלס ערשט דורכגעפיהרט אונטער אחאב'ן.

דער הויפט־פאקטאר, וואס האט געטריבען אחאב'ן צו זוכען פריינד צווישען זיינע שכנים, איז הפנים געוועזן דאס וואס ער האט איינגעזעהן די גרויסע סכנה, וואס איז פארגעשטאנען מצד פון אשור. דאס וואס איז געשעהן מיט די פעניקישע שטעדט אונטער אשורנאזירפאל*), האט ניט געקאנט איבערלאזען קיין ספק, וואס עס איז געווען צו דערוואַרטען מיט דער צייט אין יענער ריכטונג. דאס פאראויסזעהן פון דער קומענדער געפאהר ווייזט פאר אונז ארוים אחאב'ס שטאאטמענישען בליק. דערצו האט ישראל זיך נאך אלץ ארומגעריסען מיט דמשק, און אויב מ'האט געמאכט אויף א ווייל א פשרה, האט ישראל געצאהלט פאר דעם מיט דערנידעריגענדע קאנצעסיעס. מיט אלע מיטלען האט ישראל געמוזט זוכען צו שאפען געגען דעם א נעגענגעוויכט. אט דער צושטאנד האט אויך אהן א ספק געווירקט אויף עמרי'ס און אחאב'ס פלענער. אט אזוי ווערט איצט אפגעשטעלט דער ברודער־קריג צווישען ישראל און יהודה, וואס האט זיך געצויגען, ווי עס ווייזט אוים, אהן א הפסקה זינט ירבעם'ס אויפשטאנד. סוף־כל־סוף איז געשעהן דאס, וואס קלוגקייט און נאציאנאלע עהרע האבען שוין לאנג געפאדערט, זינט עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז רחבעם איז ניט געוועזן בכוח אויפצושטעלען איבער געוואלד די פארלארענע איינהייט. יהושפט, אסא'ס

*) זעה אויבען ז. 177

נאכפאלגער, איז דער ערשטער פון די מלכים פון יהודה, וועלכער האט זיך באשלאסען צו אנערקענען אלס פעסטגעשטעלטען פאקט דעם צושטאנד, וואס איז געשאפען געווארען נאך שלמה'ם טויט. ניט בלויז ווערט געשלאסען א פרידען, נאר די התקרבות פון די צוויי שכנות'ע קעניגס־הייזער ווערט נאך פארזיגעלט דורך דעם וואס זיי זיינען זיך מתחתן איינע מיט די אנדערע. יהושפט'ס זוהן יהורם האט חתונה מיט אחאב'ס טאכטער ע ת ל י ה.

עס איז ניט וואהרשיינליך, אז דער שלום איז געשלאסען געווארען אויפ'ן יסוד פון פולער גלייכקייט. יהודה האט צו לאנג אפגעצויגען דעם שלום און דורך עמרי איז ישראל אזוי הויך געשטיגען אין חשיבות, אז מ'האט גע־קאנט שטעלען געוויסע באדינגונגען. וואס פאר א זארט באדינגונגען דאס זיינען געווען, זעהען מיר פון דעם פאקט, אז פון איצטער אן שיקט יהודה א לענגערע צייט חיל צו העלפען, ווען ישראל פיהרט מלחמות. יהודה איז קענטיג געבליבען אין גאנצען אומאפהענגיג אין איהרע אינערליכע ענינים. נאר איז געווען פארפליכטעט צו געבען ישראל מיליטערישע הילף.

נאך אין א צייט פריהער — עתליה איז דאך די טאכטער פון אחאב און איזבעל — און נאך אונטער עמרי איז באנייט געווארען דער אלטער בונד פון פריינדשאפט מיט ד. פעניקיער. דיביידע אידישע מלוכות זיינען געווען צופיעל פארטאן מיט זיך גופא און מיט זייערע אינערליכע קריגערייען. אום זיך צו קענען ארומקוקען וואס עס טוט זיך אין דרויסען. דערצו נאך האט פאר קיינעם קיין געהאט ניט געווען צו שליסען מיט זיי א בונד, מחמת זיי זיינען געווען אזוי אפגעשוואכט דורכ'ן בירגער־קריג. איצט אבער ווערען ווידער צוזאמענגעפיהרט ישראל און זיין שכן אין מערב דורך דער שותפות'ער סכנה וואס איז פארגעשטאנען פון מזרח, דורך דער אלטער ערינערונג אז דער קרובה'שאפט איז אפשטאמונג און דורך די שותפות'ע אינטערעסען אין האנדעל.

די שטעלונג פון ישראל געגען דמשק, ווי שוין אויבען אנגעוויזען, איז אין פארלויף פון דער צייט אלץ שווערער געווארען. אויך עמרי האט ניט געהאט קיין הצלחה אין דעם פונקט. ער האט אין פרט פון האנדעלס־פאָ־ליטיק געמוזט מאכען נאך מעהר קאנצעסיעס ווי זיינע פארגענגער. ניט בלויז דער צוגאנג דורך דעם טאל קישון צו דעם ים־אויסגוס פון ע כ ו, נאר אויך דער צוגאנג צו דעם בערגלאנד פון אפרים און צו דער הויפט־שטאדט שומרון שטעהט איצט אפען פאר די קאראוואנען און די סוחרים פון דמשק.

עס איז דערפאר שווער אנצונעמען, אז ישראל האט זיך מתקרב געווען צו פעניקיען בלויז האבענדיג אן אויג אויף אשור. פונקט אזויפיעל, און נאך דירעקטער האט דא געווירקט די באציהונג צו א ר ם. אויב ישראל האט ניט געוואלט לעבען אין שרעק פון ווערען צעדריקט פאליטיש און האנ־דעלס־פאליטיש דורך זיין נעהנטסטען שכן אין צפון, דאן האט ער געמוזט דא אין צפון גופא האבען א הילף. ס'איז מעגליך, אז עס איז שוין פארגע־קומען אן אפמאך צווישען ישראל און צור, עהנליך צו דעם אפמאך צווישען ישראל און יהודה אפצוברעכען מיט דמשק פריהער אדער שפעטער. די־רעקטע ידיעות וועגען דעם האבען מיר ניט. דער עיקר איז דא יעדענפאלס געווען די א פ ע נ ע ט י ר פאר דעם האנדעל פון ביידע צדדים. ישראל איז דער נאטירליכער קאנקורענט פאר דעם פעניקישען האנדעל אין דעם מיטעלסטען און דרום'דיגען טייל פון דער פעניקישער טעריטאריע. מיט איהם האט מען זיך שוין לאנג געמוזט רעכענען. אבער ווען ארם איז צוגע־קומען אלס נייער קאנקורענט, איז ער געווען פונקט אזוי וועניג געוואונשען פאר די פעניקיער ווי פאר די אידען. דערצו נאך איז דאס אינערליכע אידישע לאנד שוין לאנג געווען דער נאטירליכער מארק פאר די פעניקישע סוחרים, אפצוזעצען דארטען זייערע סחורות. און וויבאלד ארם האט לעצ־טענס זיך אריינגעכאפט, האבען די פעניקיער געמוזט פיהלען שטארק דעם שאדען. אן ענגערע פארבינדונג מיט ישראל וואס זאל געבען באזונדערע רעכטען צו די אידישע סוחרים און צו זייערע סחורות אין דער פעניקישער טעריטאריע און איהרע האפענס, און וואס זאל דאסגלייכען געבען דעם פע־ניקישען האנדעל זיין אלטע פאזיציע אין שומרון און ישראל, איז דעריבער דורכאויס געלעגען אין די אינטערעסען פון ביידע צדדים.

דעם פלאץ פון דער עלטערער צידון אלס ערשטע צווישען די פעניקישע שטעדט האט שוין פארנומען צור. אחאב איז זיך מתחתן מיט איהר קעניג אתבעל, נעמענדיג זיין טאכטער איזבל פאר א פרוי*). דאס ווייזט אויף א בונד פון פריינדשאפט פון אזא זארט, ווי ער איז נאכהער געשלאסען געווא־רען צווישען ישראל און יהודה. אתבעל טראגט פיליכט דעמזעלביגען נא־מען ווי שאול'ס זוהן און נאכפאלגער (אשבעל): די גריכען רופען איהם איטטאבאלאס. די דאזיגע פארבינדונג האט געבראכט פאר אחאב'ן שרעק־ליכע רעזולטאטען. געווים ניט אהן א גרונט דערמאנט אונזער דערצעהלער

*) מלכים א, ט"ז 31. לויט דעם וואס מיר האבען דא געזאגט, דארף פאר אונז קיין חידוש ניט זיין, וואס אתבעל ווערט דא אנגערופען קעניג פון די צידונים.

איז ספר מלכים איז צוזאמענהאנג מיט אט דער פארבינדונג אחאב׳ס מיט־לען, וואס ער האט אנגענומען איינצופיהרען דעם פעניקישען בעל־קולט אין ישראל (מלכים א, ט״ז 32). ער בויט אויס פאר דעם פעניקישען הויפט־גאט א טעמפעל אין שומרון. לויט דעם וואס מיר דערוויסען זיך שפעטער, האט דער טעמפעל געמוזט זיין א רעכט גרויסער בנין (מלכים ב, י). עס גע־הערען צו איהם נאכ׳ן מנהג פון דעם כנעניש־פעניקישען קולט א מצבה און אן אשרה. א גלענצענדע פריסטערשאפט פיהרט אן דעם דינסט פון יענעם גאט, וועמעס הייסעסטע אנהענגעריז איז נאטירליך אחאב׳ס צור׳ישע פרוי. עס ווייזט אויס, אז מ׳האט ערנסט געסטראשעט און פארפאלגט די יהוה־דינער, כאטש ניט אין אזא גרויסער מאס ווי דאס ווערט דערצעהלט אין דאקומענט פון ספר מלכים. יענער באריכט שטעהט אונטער׳ן פולען איינ־דרוק פונ׳ם אומרעכט, וואס איזבל האט געטאן און וואס אחאב האט גערול־דעט, און ער שטעלט עס פאר נאך אסך ערגער ווי עס איז געווען בפועל ממש.

די ראיה פאר דעם האבען מיר אין דעם פאקט, וואס אחאב גופא, כאטש ער האט גערולדעט און אפילו באגינסטיגט דעם בעל־דינסט נ ע־ב ע ן דער יהוה־דינסט, האט אבער דאך ניט פארלייקענט יהוה פאר זיין פערזאן און פאמיליע, בכן אויך ניט פאר זיין קעניגרייך. ער גיט זיינע קינדער נעמען נאך יהוה (אחזיה, יהורם, עתליה), ניט נאך בעל און האלט ארום זיך א גרעסערע צאהל פון יהוה־נביאים (מלכים א, כ״ב 6—23). עס האנדעלט זיך דא בכן נאר וועגען צולאזען אויף א גרויסען מאסשטאב די פרעמדע רעליגיאן, וועלכע האט ממילא געקאנט לייכט פיהרען דערצו, אז מ׳זאל זיך אפקעהרען פון יהוה. בעל אלס דער גאט פון דער קעניגין פון דער מלוכה, ספעציעל אבער אלס דער שטאדט־גאט פון צור און דער הויפט־גאט פונ׳ם שכנות׳ען לאנד, מיט וועלכען מען איז ענג פארבונדען, האט אויך גוזאלט האבען אין ישראל זיין טעמפעל און מזבח. און די קעניגין האט געהאט אלע פרייהייטען אין איהרע פיהרונגען.

מיר האבען אפט געהערט אויף וואס פאר אן אופן דער כנעני׳שער נא־טור־דינסט איז צוגעקומען צום פאלק פון דער צייט אן, זינט עס איז פון מדבר אריינגעטראטען אהער אין כנען. די כנעני׳שע געטער, די בעלים, זיי־נען געווען גאטהייטען ענג צוזאמענגעוואקסען מיט דעם לאנד, כוחות פון ערד און פון הימעל, וועלכע האלטען זיך אויף אין קוואלען, בוימער, בא־ארבייטע בערג און ברייינגען דארטען פרוכטבארקייט און שפע. ווי נאטיר־ליך איז געווען, אז דער פויער וואס וואוינט דא, אויך דער אידישער, זאל

דאנקען די דאזיגע גאטהייטען פאר די פרוכט פונ'ם לאנד און זאל זיך איינגעוועהנען זיי צו דינען. און אזוי ווייט ווי ער האט נאך געדענקט זיין יהוה פון אמאל, האט ער געוואוסט א וועג ווי איהם צו דינען אין דער פארם פון יענע בעלים אדער פון יענעם בעל, וואס איז פאר איהם געווען דער וויכטיגסטער אדער נעהנטסטער.

דאס איז אזוי געווען פון אנהויב אן. אמאל מעהר, אמאל ווייניגער, און בכלל אין צפון אין א העכערען גראד איידער אין דרום; און אונטער דער השפעה פון שמואל און דוד און אויך פון שלמה, אסך ווייניגער ווי פריהער און נאכהער. באזונדערס האט ירבעם צוליב פאליטישע טעמים אסך אונטער־געהאלפען אין זיין קעניגרייך די נייגונג פון דעם אידישען פויער און שטאדטישען מאן צום כנעני'שען נאטור־דינסט. ס'איז געווען א יהוה־דינסט מיט א שטארקער צומישונג פון כנעני'שער רעליגיאן.

וואס אליהו באקעמפט איז אבער גאר אן אנדער זאך. ס'איז ניט אזוי גרינג נאך היינט צו פארשטעהן דעם חילוק, אבער דעמאלט האט עס געמוזט זיין קלאר און פארשטענדליך. די לאזונג איז איצט י ה ו ה אדער ב ע ל. פריהער האט עס אזוי ניט געהייסען; לכל הפחות שטעלען מיר זיך די זאך פאר אזוי, אז דער יהוה פון ירבעם אדער פון גדעון האט ביי א געלעגענהייט אויך געקאנט הייסען בעל. אבער איצט קומט א רעליגיאן אין לאנד, וועלכע וויל ניט וויסען פון קיין מישונג מיט דער יהוה־רעליגיאן און וואס די אנהענגער פון יהוה ווילען אויך ניט טראכטען פון קיין פארמישונג מיט איהר. פיליכט איז די בעל־רעליגיאן אין צור געווען שטרענגער אין צולאזען אנדערע רעליגיאנען איידער ווי דאס איז געווען דער פאל אין כנען און ישראל; פיליכט איז אויך דאס רעליגיעזע באוואוסטזיין פון די אידען געווארען שארפער מיט דער צייט. אבער ווי דאס זאל ניט זיין, יעדענפאלס האט מען אין די קרייזען פון די יהוה־דינער ניט געוואלט ווי־סען פון קיין פארבינדונג מיט דעם בעל פון צור. דאס קאן אויס־זעהן ווי א חידוש, ווייל אויך אליהו און זיין קרייז האבען, אזוי ווייט ווי מיר ווייסען, ניט געפאדערט א שטייגער, אז מ'זאל זיך צוריקקעהרען צום יהוה פון ציון, אדער אז מ'זאל אפשאפען די גאלדענע אקסען. עס ווייזט אויס, אז זיי האבען אפילו ניט פארבאטען די מצבות, וואס האבען דאך געהערט בעצם צום בעל־קולט. און דאך זעהען זיי אין דעם בעל פון צור עטוואס וואס איז זיי לגמרי פרעמד. וואהרשיינליך זיינען מיט איהם נאך געווען פארבונדען אלערליי אויסוואוקסען, וועלכע מ'האט ביז אהער צווישען אידען ניט גע־

קענט*). דערביי איז א פרעהליכע ערשיינונג צו זעהן, ווי מען איז אריבער־געוואקסען איבער דעם סינקרעטיזם, לכל הפחות לויט דעם ווילען און פרינציפּ, כאָטש אין דער פּראקטיק איז נאָך פון איהם גענוג געבליבען.

וואָסערע מאָטיווען עס האָבען באוואויגען אחאב׳ן צוצולאָזען יע־נעם בעל, איז גרינג איינצוזעהן. אויב דער בונד מיט צור און דער שדוך מיט א פּרינצעסין פון צור זיינען געווען פּאָליטישע אקטען, איז די צו־לאָזונג פון דעם בעל געווען א פּאָליטישע נויטווענדיגקייט פאר געוויסע קריי־זען. דעם קעניג׳ס הייראט האָט נאָטירליך געבראכט צור׳ישע דינער און דינערינס צוזאמען מיט א גאנצער הויף־פיהרונג: דער אפּמאך ווידער האָט געבראכט א מאסע צור׳ישע סוחרים אין לאנד. ווי אמאָל אונטער שלמה׳ן. אזוי איז אויך איצט געווען זעלבסטפארשטענדליך, אז זיי האָבען געמוזט האָבען א רעכט צו דינען זייער היימישען גאָט אויך אין פרעמדען לאנד. זיי האָבען בכן געהאט דאָס פולע רעכט אויף א מזבח און א טעמפּעל פאר דעם צור׳ישען בעל אָדער מעלקארט, וועמען די גריכען האָבען גערופען העראקלעס. וואָלט אחאב געבליבען אין אָט די גרעניצען, וואָלט מען גאָר ניט געקאָנט האָבען געגען איהם. עס ווייזט אבער אוים, אז די ליידענשאפטליכע און געוואלטזאמע איזבל האָט זיך דערמיט ניט באגנוגענט, און עס ווייזט אוים, אז אחאב האָט איהר דערין נאָכגעגעבען. אנשטאָט זיך צו באשרענ־קען אויף איהר פּריוואטען קולט, האָט די קעניגין געמאכט די פּרעטענזיע ארויפצוצווינגען איהר קולט אויך אויף דאָס לאנד: אחאב גופא אבער איז לגבי איזבל׳ען מעהר א מאן ווי א קעניג, און אָט אזוי האָבען הפנים מאנכע אי־דען פרייוויליג, מאנכע אויך געצוואונגענערהייט נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון דער קעניגינ׳ס הויף.

דאָס האָט ניט געקאָנט געפעלען די היציג־פרומע אין ישראל. זיי האָבען זיכער א רעכט צו טאדלען די אויסוואוקסען. אבער זיי געהען וויי־טער, זיי טאדלען דעם גאנצען סיסטעם. זיי זעהען, אז דער מקור פון דער צרה איז דער בונד מיט דער געצענדינערישער צור. אויך דאָס איז ריכטיג: אהן יענעם בונד וואָלט דער צור׳ישער בעל קוים אריינגעדרונגען אין ישראל.

---

*) פארגלייך די ווילדע טענץ און זעלבסט־פארקריפּלונגען אין מלכים א י״ח. זיי גע־העץ ארוים ווייט איבער דאָס, וואָס איז אמאָל דערצעהלט געוואָרען וועגען דוד׳ן (זעה אויבען ז. 70). נאָך היינט קאָן מען עהנליכעס זעהן אין די דערווישען־קלויסטערס, באזונ־דערס די ווירבעל־טענץ, וועלכע זעהען אוים אזוי ווי אמת׳ע משוגעים וואָלטען בושעווען; אויך פארוואונדונגען מיט מעסערס און שווערדען קומען פאר; עס ווערען אפילו אין מויל גענומען ברענענדיגע אייזענס.

אבער פון דעם שטאנדפונקט פון אביעקטיווער געשיכטסשרייבונג קאן מען פרעגן: צי האבן זיי א רעכט געהאט צו פארדאמען יענע פאליטישע נויטווענדיגקייט, ווייל זיי האבן געזעהן, אז רעליגיעזע און מאראלישע סכנות וואקסען ארוים פון איהר. דער ראד פון דער געשיכטע לאזט זיך ניט דרעהען אויף צוריק: אפילו ווען מיר זעהען די געפאהרען פון דעם מאדערנעם לעבען מיט זיין וועלט-פארקעהר און זיינע אלע געווינסען, האבען מיר אלץ קיין רעכט ניט יענע לעבענס-פארם גופא אפצושאפען אדער זי צו פארהאלטען אין איהר גאנג. דערין ליגט דער טעות פון אליהו און זיינע אנהענגער. ס׳איז דאס סוביעקטיווע רעכט פון דעם פרעדיגער, וואס רופט צו תשובה, און פון יעדען, וואס גיט זיך איבער מיט היץ פאר א זאך, צו זיין איינזייטיג. מיט דעם רעכט באנוצען זיך מענער פון יענעם זארט. זייער איינזייטיגקייט און באגרעניצטקייט זיינען זייער גרויסקייט.

דאך איז געווען ניט מעהר ווי נאטירליך, אז ביי די בעסטע פון פאלק זאל זיך דערוועקען א טיפע אומצופרידענקייט מיט אחאב׳ס הנהגה. זיי האבען מעהר ניט פאנאנדערגעטיילט צווישען דער פאליטישער נויטווענדיגקייט און דאס וואס איז ארוים ווייטער איבער איהרע גרעניצען. זיי האבען געזעהן דאס גאנצע, און אין דעם נאר די סכנה. מ׳האט אין דעם, מעהר ווי אין אלץ וואס איז ווען עס איז געשעהן ביז איצט, געזעהן א געפאהר פאר דעם יסוד פון משה׳ס רעליגיאן. פאר די אידען איז זייער רעליגיאן געווען דער תוך פון זייער נאציאנאלען קיום. וואס אחאב זאל ניט האבען געטאן צו פארשטארקען און דערהייבען זיין קעניגרייך, האט ער דאך גע־האלטען דערביי, מפקיר צו זיין דעם אידישען נאציאנאלען אוצר. עס קאן גרייליך זיין, אז די וואס האבען זיך געשטעלט אנטקעגען האבען ניט גע־וואוסט די גרויסע באדייטונג פון דעם וואס זיי טוען: עס קאן אויך זיין, אז זיי זיינען אין זייער ברען געגאנגען ווייטער ווי ס׳איז נויטיג געווען. אבער אין ליכט פון דער היסטאריע שטעהען פאר אונז יענע קנאים פאר יהוה אלס די רעטער פון זייער פאטערלאנד. מיר קענען פאקטיש ניט וויסען, וואס עס וואלט געווארען פון ישראל, ווען דער פעניקישער בעל־דינסט וואלט פארבליבען, און ווען ער וואלט אונטער דעם שוץ פון בונד צווישעןביידע קעניגרייכען זיך אריבערגעטראגען פון שומרון אין ירושלים.

אין דער ערשטער רייה פון די פארטרעטער פון אט דער געגענשטרע־מונג שטעהען די נביאים. זינט די טעג פון דער גרויסער נאציאנאלער באַ־וועגונג, וועלכע האט געפיהרט צו שאול׳ס דערהייבונג אויפ׳ן טראן און, דער עיקר, צו א נייער לעבענס-פארם פאר דער נאציאן — די קעניגליכע קאנס־

טיטוציע—, האבען די נביאים אין א ברייטער מאס זיך מעהר ניט אריינגע־מישט אין עפענטליכען לעבען. נאר פון צייט צו צייט טרעט איינער פון זיי אויף און באווייזט, אז יענע ערשיינונג איז ניט אויסגעשטארבען, און אז זי פארפאלגט מיט א גוטזעהענדיגען אויג דעם גאנג פון די געשעהע־נישען אין ישראל, ספּעציעל די רעליגיעזע פּאסירונגען. איצט אבער, פונקט ווי דאמאלסט, שטעהט דער גאנצער נאציאן פאר א סכנה. זיי טרעטען דער־פאר ווידער ארויס אויף דער סצענע, כדי זיך צוצוגרייטען פאר א קרעפטיגען אנטייל אין די ענינים פון זייער פאטערלאנד.

מאנכע זאכען האבען זיך אונטערדעסען געענדערט ביי די נביאים. פריהער זיינען זיי ארומגעצויגען איבער'ן לאנד אין מחנות, פארכאפּטע פון עקסטאז, רופענדיג צום הייליגען קריג, פיליכט אויך צו דינען און צו עהרען זייער גאט, און ווער ס'איז זיי אנטקעגען געקומען, איז מיטגעריסען געווארען פון זייער ווילדער התלהבות. איצט, כאטש זיי פיהלען זיך נאך אלץ, אז זיי זיינען באהערשט פון גאט'ס גייסט, דאך האט דער אופן פון זייער אויפטרעטען אין פארלויף פון דער צייט זיך געענדערט. פון די קאמפּאניעס ארומוואנדערענדיגע דערווישען זיינען געווארען פאראיינען. אין די פאר־איינען ווערט קולטיווירט אויף א מעהר געארדערטען אופן די קונסט און די פעהיגקייט פון נביאות זאגען און פון דערגעהן גאט'ס ווילען, באזונדערס אבער ווערט דארטען אנטוויקעלט דער רעליגיעזער געדאנק. אט אזוי שטע־לען זיך די נביאים אמאל ביי דער זייט פון די כהנים, אמאל איבער זיי. די נביאים זיינען די נשמה, די כהנים זיינען דער ארעם און די האנט פון דער רעליגיאן.

די נביאים זיינען אויף אזא'ן אופן געווארען אן ארדען. זיי הייסען „בני הנביאים", דאס הייסט תלמידים און חברים פון א נביא מיט א גרויסען נאמען. איינצעלנע פון זיי הייבען זיך ארויף הויך איבער דער מאסע. צווי־שען זיי און די פון דעם טיפ פון א עמוס און א ישעיה איז נאר נאך איין טריט.

איינער פון די לעהרער צווישען די נביאים, פיליכט דער געוואל־דיגסטער, ווייל ער איז דער אריגינעלסטער צווישען אלע נביאים, שטעלט זיך איצט אנטקעגען אחאב'ן. דאס איז אליהו פון תשבי אין גלעד. זיין נאמען אליין („אלי־יהו", „מיין גאט איז יהוה") איז שוין א פּראגראם און באווייזט, אז דער קאמף געגען דעם בעל איז שוין פריהער אנגעפיהרט גע־ווארען אין זיינע קרייזען. אין איהם איז פארקערפּערט דער פּראטעסט פון פאלקס־ווילען געגען דער שאנד וואס מ'האט לאנג שוין אנגעטאן יהוה און

וואס מ׳טוט איהם איצט אן פון דאס ניי. מיט א קלארען באוואוסטזיין פון דעם, וועגען וואס עס האנדעלט זיך, נעמט אליהו אויף דעם קאמף פאר יהוה געגען בעל, פאר די מאראלישע רעכטען און פרייהייטען פון דעם מענשליכען גייסט און געגען דאס איבערגעבען זיי צו דער נאטור־רעליגיאן, וואס דעמאראליזירט און דערנידעריגט. אליהו האט אריינגעפיהרט אין דער נבואה יענעם אופן פון מאראלישען באפעהל, וואס צייכענט אויס איהם גופא פונקט ווי די שפעטעריגע נביאים: יענע אייזערנע ניט בויגזאמקייט און פעסטקייט פון זייער נאטור, וואס הייסט זיי זיך האלטען פעסט ביי זייערע מאראלישע פאדערונגען און מעג אפילו די נאציאן אונטערגעהן צוליב דעם. זייער גאנצער אויפטריט באקומט דורך דעם אין מיטען פון דער אידיש־נאציאנאלער צעשפאלטענקייט אן איבערנאציאנאלען שטריך. פאר אליהו׳ן האט די פאדערונג באדייט: האלט זיך פעסט אן יהוה און אן דעם אמת געגען דעם בעל און געגען דעם קעניגטום. פאר די שפעטעריגע נביאים האט די פאדערונג באדייט: האלט זיך פעסט אן יהוה און אן דעם אמת געגען דער אייגענער נאציאן און איהר פאלשקייט. פין די שפעטעריגע נביאים האבען מיר ביכער, פון אליהו׳ן — בלויז ווערטער. ער קומט ווי א בליץ מיט זיין האנדלונג און מיט זיין ווארט. זיי אבער לעבען אין מיטען מיט די מענשען. דאך דאס זיינען נאר חילוקים פון א קליינעם גראד. בעצם איז ער דאך דער ערשטער פון זיי אלעמען און זיי אלע שטעהען אויף זיינע פלייצעס. ווער עס פארשטעהט אזוי ווייניג דעם מהות פון דער נבואה ביי אידען און איהר מאראלישע מאכט ווי ערנסט רענאן אין זיין „געשיכטע פונ׳ם פאלק ישראל“, דער וועט זעהן אין אט דער האלטונג פון די נביאים נאר א וויסטען פאנאטיזם און ווילדע בארבאריי. און דאך האט די געשיכטע צו פארדאנקען נאר דער דאזיגער האלטונג פון די נביאים וואס דאס פאלק ישראל האט זיך דערהאלטען פאר די קומענדיגע צייטען.

ווען מ׳פארגלייכט אליהו׳ן מיט זיינע גרויסע נאכפאלגער: עמוס, הושע, ישעיה, מוז מען זיך שטעלען די פראגע, צי ער האט אזא ווייטקייט פון האריזאנט ווי זיי? אזוי ווייט ווי מיר ווייסען פון איהם, סטראשעט ער ניט מיט דעם אונטערגאנג פון דער נאציאן, נאר מיט דעם אונטערגאנג פון דער דינאסטיע. צי ער האט שוין גענומען אשור אין באטראכט, ווייסען מיר ניט. וואהרשיינליך איז עס ניט. אליהו איז ניט קיין פאליטיקער. ווי א בליץ ברעכט ער זיך דורך פון מדבר, שטעהט אין שומרון און לאזט ארויס אן אזהרה: דאן פארשווינדט ער ווידער אזוי גיך ווי ער

איז געקומען. ער קען דערפאר געוויס נאר די נעהנטסטע שכנים און האט נאר אויף זיי אן אויג. וואס איהם באוועגט, איז די פארפיהרונג פונ׳ם פאלק דורך דעם קעניג׳ס הויף: דעריבער מוז די דינאסטיע פאלען, כדי דאס פאלק זאל ווידער פריי ווערען. דער אינסטרומענט פאר דעם איז אן אוזורפאטאר: העכסטענס האט אליהו געקאנט האבען אין זינען ארם אלס גאט׳ס בייטש. אבער ווען מען איז שוין דערגאנגען אזוי ווייט צו קאנען זאגען, אז בירגער־קריג און טראן־פארכאפונג, פיליכט זאגאר דאס אריינרייסען זיך פון א שונא אין לאנד, זיינען די נויטיגע מיטלען אין יהוה׳ס האנט אלס הילף אין זיין רעכט, איז נאר געבליבען איין טריט צו דער וויטעריגער דערקענונג, אז יהוה׳ס צארן און זיין באליידיגטע עהרע וועלען זיך ניט אפשטעלען אפילו ביי דעם קיום פון דער נאציאן און צו דעם געדאנק, אז די נאציאן גופא וועט סוף־כל־סוף מוזען פאלען. דער פרינציפ איז פעסטגעשטעלט געווארען: יהוה און דער אמת, די ריינע רעליגיאן און מאראל שטעהען העכער איבער דעם אויסערליכען גליק פונ׳ם לאנד. דאס וויטעריגע איז נאר געווען א פראגע פון דעם פאליטישען האריזאנט און פון דער פאליטישער גרופירונג.

דאסגלייכען קאן מען שטעלען די פראגע: ווי ווייט עס האט געהאלטען מיט אליהו׳ס מאנאטעאיזם? די פראגע איז געענטפערט געווארען אויף פארשידענע אופנים. מאנכע שטעלען זיך אפ אויף דעם, וואס ער קעמפט נאר פאר יהוה און געגען דעם בעל, אין דעם זין, אז עס זאל באשלאסען ווערען ס׳איז דער גאט פון ישראל (מלכים א, י״ח 36). אנדערע ווידער שטיצען זיך אויף דעם, וואס ער שטעלט די פראגע: ווער פון ביידען איז איבערהויפט „דער גאט" און וואס ער האט נאר שפאט פאר דעם בעל, ווי ער וואלט גאר קיין גאט ניט געווען, נאר א פוסטע זאך (פסוק 21). — ביי דעם צושטאנד פון אונזערע דאקומענטען לאזט די פראגע פאר זיכער זיך ניט פארענטפערען. אבער די וואהרשיינליכקייט ליגט אויף דער זייט פון דער צווייטער מיינונג. עס דארף אנגענומען ווערען, אז אזוינע פונדאמענטאלע ווערטער ווי למשל: „איז יהוה א גאט, טא האלט זיך אן איהם, און אויב דער בעל טא האלט זיך אן איהם", אדער: „שרייט הויך, ווארים ער איז דאך א גאט!" שטאמען טאקע פאקטיש פון אליהו׳ן. דאן איז קיין ספק ניט, אז זיין גרונטשטימונג איז מאנאטעאיזם, און אז ער גופא איז א דירעקטער אנזאגער פון די, מיט א יאהרהונדערט שפעטערדיגע העלדען פון מאנאטעאיזם. אבער זיין מאנאטעאיזם איז ניט קיין וועלט־פלאן, ניט קיין באשטימטע לעהרע פון וועלכען ניט איז זארט, נאר איז א פראק-

טישער אויסדרוק פון דער גרונטשטימונג, וואס פילט אן זיין גאנצע נשמה.
און וואס באשטעהט דעריז, אז יהוה איז דער גאט און בעל איז גארנישט.

נאטירליך שטעהען אליהו און די נביאים פון זיין קרייז ניט אליין. נעבען זיי, און פיליכט הינטער זיי אלס טרייבענדע כוחות, שטעהען נאך אנדערע עלעמענטען. שוין אליהו'ס נאמען האט אונז אויבען געפיהרט צו דער השערה, אז ער איז ניט געווען דער ערשטער, וואס האט זיך איינגעשטעלט פאר דעם שטרענגען יהוה־דינסט. ער איז נאר דער, אין וועמען דער קאנ־פליקט פארקערפערט זיך. עס האט שוין פאר איהם געמוזט זיין א גאנצער קרייז פון אזוינע לייט. ווי ווייט צוריק דער קרייז געהט, קאנען מיר ניט וויסען. אבער אויסגעבילדעט האט ער זיך קענטיג אלס פועל־יוצא פון דער פארשפרייטונג פון דער כנעני'שער רעליגיאנס־פארם אין ישראל זינט ירבעם בן נבט.

מיט די פארטרעטער פון דער באוועגונג באקענען מיר זיך נעהנטער אין די טעג פון יהוא. בראש פון זיי שטעהט דארטען יהונדב בן רכב. פון ירמיה וויסען מיר, אז זיי האבען זיך גערופען „רכבים", אויף רכב'ס נאמען (ירמיה ל"ה). דערפון איז צו זעהן, אז דער גרינדער פון אט דער חברה איז באמת געווען יהונדב'ס פאטער רכב. וועלכער האט געמוזט לעבען אין אליהו'ס צייט. די באוועגונג איז בכן ניט פיעל פריהער ווי עמרי, העכסטענס בעשא.

וואס די דאזיגע סעקטע פון די ר כ ב י ם וויל, איז גרינג צו זעהן פון אונזערע דאקומענטען. זיי זיינען אן אלטער נאמאדען־שבט, לויט דעם ספר דברי הימים פארוואנדט מיט די נאמאדישע קינים, וואס האלט זיך נאך אן דעם אלטען נאמאדישען אופן פון לעבען, בעת דאס פאלק בכלל איז אריבערגעגאנגען צו ערד־ארבייט, צו וויין־פלאנצונג און צו א באזעסע־נעם לעבען. זיי פארקערפערען אין זיך דעם נאמאדישען אידעאל און מיט איהם דעם פראטעסט געגען ציוויליזאציע און א באזעסענעם לעבען. פון דער ציוויליזאציע ווילען זיי זיך האלטען ווייט צוליב איהרע פארדארבענ־קייטען. פארווארפענדיג וויין, אט דעם חשוב'סטען פראדוקט פונ'ם פרוכט־לאנד, פארווארפען זיי די דיאניזישע קולטור בכלל און לעבענדיג אין גע־צעלטען פארווארפען זיי די באזעסענקייט, דעם יסוד פון אגריקולטור. זיי טוען דאס, מחמת זיי האלטען אין זכרון, אז יהוה גופא איז אמאל געקומען פון מדבר אין לאנד כנען און איז שוין אין מדבר געווען דער גאט פון ישראל. זיי וויסען דעריבער שטרענג צו אונטערשיידען צווישען דעם יהוה פון דעם אמאליגען ישראל און די נייע־מאדישע, ניט דוקא דורך דעם צור'ישען

בעל ערשט איינגעפיהרטע, שטרעבונגען צו פארמישען זיין דינסט מיט עלעמענטען פון דעם בעל־דינסט וואס הערשט אינ׳ם לאנד כנען.

ביי דעם פונקט האט די סעקטע זיך באגעגענט מיט די נביאים פון יענער צייט. די סעקטע וואס האט מיט דער צוריקקעהרונג צו דער נא־טור געוואלט צוריק אויפשטעלען די אלטע גוטע צייט פון ישראל, איז היפוך צו די זינד פון דער ציוויליזאציע, און יענע נביאים, וואס זיינען געווען ריין רעליגיעזע קנאים — טרעפען זיך צוזאמען אין דעם האס געגען דער כנעני׳שער און פעניקישער רעליגיאן. מיר באגרייפען דערפאר פארוואס די פארטרעטער פון דער אלט־אידישער, שטרענג נאציאנאלער פארטיי מאכען יד אחת מיט די רעליגיעזע קנאים פון יהוה אין דער צייט פון געפאהר, בעת דער בעל האט געהאלטען ביים ארויסשטופען יהוה אין גאנצען פון ישראל.

אלס דריטע גרופע, אין א נאהנטער קרובה׳שאפט צו יענע ביידע, קומט נאך צו דער ארדען פון די נזירים. ניט בלויז האלטען זיי זיך צוריק פון וויין, ווי יענע רכבים, נאר זיי לאזען אויך וואקסען לאנג די האר, אהן ספק אלס סימן פון הייליגקייט*), אויך אלס אויסדרוק פון פראטעסט גע־גען דער דאמאלסטדיגער פארפיינערונג פון לעבען. זיי וואוינען אבער אזוי ווי די נביאים, אין פעסטע הייזער. עס קאן טאקע זיין, אז לכתחילה זיינען זיי געווען א געהייליגטער קלאס אין דעם הייליגען קריג: זיי זיינען אבער וואס ווייטער אלץ מעהר געווארען א רעליגיעזער ארדען, וואס האט אנגע־נומען דעם נאמאדישען אידעאל. אין דער געשיכטע פון שמשון׳ען שפי־געלט זיך נאך אפ די אנשויאונג, אז זיי זעהען אין דער נזירות דעם מקור פון זייער קריגערישען כוח. פאר עמוס׳ן שטעהען שוין די נזירים אין א דירעק־טער נאהענטקייט צו די נביאים (עמוס ב 11, 12).

דאס איז דער באדען, פון וועלכען עס האבען ארויסגעשפראצט מענער ווי אליהו.

אליהו׳ס געשיכטע, לגמרי איינגעוויקעלט אין נסים, שטאמט אבער פון אן אלטען און גוטען קוואל. די דאזיגע געשיכטע מוז גענומען ווערען ווי זי שטעהט און געהט און מ׳דארף דערביי געדענקען, אז אליהו איז א גראנדיעזע אריגינעלע נביאים־פיגור, א געטליכער מאן פול מיט דעם גייסט פון יהוה און באוואוסט אין דער קראפט פון זיין גאט וואס געוועלטיגט אין איהם. אויך א מאן מיט א שטרענגען היסטארישען געוויסען וועט א רגע ניט צווייפלען, אז אליהו איז פאקטיש געווען א וואונדער־מאן, וועמען עס האבען זיך איינגעגעבען מאנכע אומגעוועהנליכע זאכען — א געוואלטיגע.

הערשענדע פערזאָן, פאַר וועמען אַלע האָבען זיך מיט'ן גוטען ווילען געבויגען. דערצו מוז מען נעמען זיין משונה'דיגע אויפטרעטונג, זיין באַווייזען זיך און פאַרשווינדען אַזוי ווי אַ בליץ און אויך זיין דרייסטען רעליגיעזען אידעאַליזם. ס'איז דערפאַר קיין שום חידוש ניט וואָס אין די אויגען פון פאָלק וואָס האָט איהם באַוואונדערט האָט אויסגעוויזען אומגעוועהנליך אַלץ וואָס אליהו האָט געטאָן און וואָס איז מיט איהם געשעהן. ס'איז גאַנץ נאַטירליך, וואָס אין מויל פון פאָלק זיינען צוגעקומען לעגענדאַרישע שטריכען צו יעדער זאַך וואָס אליהו האָט פאַקטיש געטאָן.ביידע עלעמענטען: די פאַקטען און די לעגענדאַרישע שטריכען, לאָזען זיך מעהר ניט אָפּשיידען אינגאַנצען איינע פון די אַנדערע.

איין טאָג טרעט אליהו אויף פאַר דעם קעניג און איז איהם מודיע, אַז דריי יאָהר וועלען ניט פאַלען פון הימעל קיין טוי און קיין רעגען. שוין פריהער, ווי עס ווייזט אויס, האָט ער געסטראַשעט דעם קעניג און דעם פאָלק מיט יהוה'ס שטראָף פאַרוואָס זיי האָבען זיך אָפּגעקעהרט פון איהם; אָבער זיינע שטראָף־רייד זיינען געווען אַהן ערפאָלג. ער ציהט זיך איצט צוריק אין דער איינזאַמקייט, נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעגעבען זיין שליחות. ביים טייך כרית האַלט גאָט אויף זיין לעבען אויף אַזאַ וואונדערליכען אופן, אַזוי ווי די פויגלען פון הימעל וואָלטען איהם געבראַכט שפייז. און ווען דער טייך ווערט פאַרטריקענט, זוכט ער זיך אויס אַ זיכערען מקום־מקלט אויסער דעם לאַנד. אין דער פעניקישער שטאָדט צרפת נעמט אַן אָרימע אַלמנה איהם אַריין אין הויז. אָבער יהוה בענשט זי מיט אַ שפע אויף אַ וואונדערליכען אופן, אַזוי לאַנג ווי ער איז איהר גאַסט. און ווען דער זוהן פון דער אַלמנה ווערט טויט־קראַנק און ליגט אַהן אַ שפור פון לעבען אויפ'ן בעט, גיט זיך אליהו'ן איין אַריינצוהויכען צוריק אין איהם דעם אָטעם פון לעבען.

אַט אַזוי פאַרגעהען כמעט דריי יאָהר. טריקעניש און הונגער דריקען דאָס לאַנד, און אחאב גופא פאָהרט אַרוים מיט זיין פּאַלאַץ־מיניסטער זוכען שפייז פאַר די קעניגליכע פערד. דאָ באַווייזט זיך פאַר איהם דער נביא אויפ'ן וועג און הייסט איהם זיך שטעלען צום משפט פון גאָט. ער זאָל זיך באַווייזען מיט די 450 נביאים פון בעל*) צו ברייגנען אַ קרבן אויפ'ן באַרג כרמל. און ווען דער פייער וועט זיך אַנצינדען אויפ'ן מזבח זאָל באַשלאָסען ווערען ווער ס'איז גאָט: יהוה אָדער בעל? תפלות, קונצען און

*) די נביאים פון דער אשרה י"ח 19 זיינען אַ שפּעטערדיגע הוספה.

צעבושעוועטע ווילדקייט פון די בעל־נביאים נוצעז נים. גאָט'ס משפט רעדט פאר אליהו און יהוה. אליהו האָט מנצח געווען די 450 נביאים פון בעל. ביים טייך קישון לאָזט ער זיי אויסקוילענען*).

ווען די קעניגין הערט וואס ס'איז געשעהן, זוכט זי צו נעמען נקמה. אליהו איז ווידער פארטריבען פונ'ם לאנד. ער אנטלויפט קיין דרום און קומט צום חורב. אט דא, ביים אלטען גאָט'ס־בארג, גיסט ער אויס זיין הארץ פאר משה'ס גאָט. יהוה אנטפלעקט זיך צו איהם און טרייסט איהם, אז מ'וועט נעמען פון בעל א שרעקליכע נקמה. אליהו גופא זאָל שאפען די אינסטרומענטען וואס זאלען אויספיהרען גאָט'ס שטראָף: אלישע, יהוא, חזאל.

די לעצטע נאָטיץ איז ניט אין גאַנצען ריכטיג. אליהו גופא האָט בלויז אלישע'ן ארויפגעזעצט. דיביידע מלכים זיינען, ווייזט אויס, פון זיין נאָכפאָלגער געזאלבט געווארען. דער גרויסער הונגער, וואס איז דער אויסגאַנגס־פונקט פון דער גאַנצער טראדיציע וועגען אליהו, איז א היס־טאָרישער פאקט. אויך דער היסטאָריקער מענאנדער ווייסט דערפון**). דאָס וואס ביי איהם דויערט דער הונגער נאר איין יאָהר, איז תנ"ך אבער דריי יאָהר, איז בעצם ניט אזא גרויסער אונטערשייד. דאָס באווייזט נאר, אז איינצעלנע אומשטענדען אין אונזער טראדיציע וועגען אליהו זיינען ניט שטרענג היסטאָריש.

אליהו'ן איז נאָך אויך באשערט געווען צו פּראָקלאמירען די נקמה אַז אחאב'ן און אַז זיין הויז. די געלעגענהייט דערצו גיט אחאב אליין דורך זיינעם א טיראנישען אקט אין בירגערליכע ענינים. דער צוטרוי פון פאלק צו עמרי'ס דינאַסטיע, וואס איז אזוי אויך שוין געווען אונטערגעגראָבען דורך אחאב'ס רעליגיעזער שטעלונג, איז איצט לגמרי צעטרייסעלט געוואָרען, און האָט פריי געמאכט דעם וועג פאר דער פאָדערונג פון דער נביאים־פּארטיי, וועלכע האָט דירעקט געצילעוועט אפּצושאפען די דינאַסטיע.

מיר זיינען דא אין א בעסערער לאַגע איידער ביז אהער ארויסצוקריגען די פּאַקטישע פּאַסירונגען, אויף וועלכע עס זיינען באגרינדעט אונזערע ידיעות. נעבען דעם אויספיהרליכען באריכט, וואס באהאנדעלט דעם מאַ־טעריאַל פריי, האָבען מיר נאָך א קירצערען באריכט, וואס גיט איבער גע־

---

*) מלכים א, י"ז און י"ח. די לעגענדארישע באפוצונג לאָזט זיך דערקענען. דאָס זעהט זיך שוין דערין וואס דער קעניג גערט פערזענליך זוכען שפייז.

**) יוסף פלאוויוס, אידישע אלטערטימער, בוך 8, קאפ. 13, 2.

נויער די געשעהענישען*). לויט דעם באריכט האט אחאב צוגענומען מיט אומרעכט די נחלה פון א בירגער פון יזרעאל מיט'ן נאמען נ ב ו ת. ווייל נבות האט ניט געוואלט אפטרעטען דעם קעניג דאס שטיק לאנד מיט גוטען, ווערט ער געשטעלט צום משפט אויף אן אויסגעטראכטער באשולדיגונג און ווערט, לויט די שטרענגע מנהגים פון דער צייט, הינגעריכטעט צוזאמען מיט זיין גאנצער פאמיליע. דאס פעלד אלס א הפקר־זאך געהט איצט איבער צום קעניג.

אויב פריהער האט אחאב טיף וועה געטאן די טרייע יהוה־דינער מיט זיין שטעלונג צום בעל־דינסט, האט ער איצט וועה געטאן דאס גאנצע פאלק מיט דעם נידערטרעכטיגען מארד אין נאמען פון געזעץ. ווידער איז עס אליהו, וועלכער זאגט ארויס שארף און ניט פארשטעלט דאס, וואס האט טיף באוועגט די מאסען. אין דעם מאמענט ווען אחאב, באגלייט פון יהוא און בדקר, געהט צונעמען דאס פעלד, וואס געהערט איהם איצט לויט דעם געזעץ, ערשיינט פלוצלונג אליהו פאר איהם מיט די ווערטער: „דאס בלוט פון נבות און זיינע קינדער האב איך נעכטען אווענד געזעהן: דיר וועל איך עס באצאהלען אויף אט דעם פעלד!" (מלכים ב, ט 25, 26).

דער גורל פון דער דינאסטיע איז דערמיט באשלאסען דורך דעם עפענטליכען אורטייל פון דער נאציאן. אויב אליהו האט געהאט די אויטאריטעט, וועלכע די באריכטע שרייבען איהם צו. אויף אחאב'ן אליין איז דער אורטייל ערפילט געווארען אין זיינע לעצטע מלחמות מיט ארם, וועלכע האבען געקאסט דעם קעניג זיין לעבען.

## אחאב'ס מלחמות מיט דמשק און אשור.

וועגען אחאב'ס באציהונגען צו אנדערע לענדער האבען מיר ניט גענוג ידיעות, כאטש אין תנ"ך ווערט וועגען דעם דערצעהלט אויספיהרליכער ווי געוועהנליך. שלמנאסר דער צווייטער (859—824) האט פארטגעזעצט די אויבען באשריבענע פאליטיק פון אשור און האט ספעציעל זיך באמיהט צו אונטערווארפען דמשק. ער רופט אן אין זיינע אויפשריפטען אחאב'ן פון ישראל צווישען די מלכים, וועלכע ער האט באזיגט אין יאהר 854, בעת אין תנ"ך ווערט קיין ווארט ניט דערמאנט פון אחאב'ס א פיינדליכען צוזאמענשטויס מיט אשור. דערצו נאך איז אחאב אויפגעטראטען געגען אשור,

*) זעה נעבען מלכים א, כ"א: מלכים ב, ט פון 25 אן.

לויט שלמנאסר׳ס באריכט, איז בונד מיט דאדא־אידרי פון סיריען, בעת איז תנ״ך ווערט, אדרבה, דערצעהלט וועגען אסך פיינדליכע צוזאמענשטויסען פון אחאב׳ן מיט בן־הדד. די פארשידענקייט פון דיביידע דערמאנטע סירישע נעמען דאדא־אידרי און בן־הדד וואלט שוין זיין די גרינגסטע זאך צו פארענטפערען. ווען מיר פארגלייכען זיי מיט די ווואריאציעס פון העברעאישע נעמען, קאנען זיי גאנץ גוט זיך באציהען אויף דעמזעלביגען מאן. די פראגע איז אבער, ווי קאנען שטימען יענע מלחמות געגען ארם פון תנ״ך מיט אחאב׳ס פארבינדונג מיט זיין געגנער געגען אשור?

לאמיר קודם כל באטראכטען די פאקטען: דער ספר מלכים דערצעהלט אונז פון א ביטערער שנאה, וואס איז אויסגעבראכען צווישען ישראל און ארם ביים סוף פון אחאב׳ס רעגירונג, פילייכט זאגאר שוין פריהער. עס קומט צו אן אטאקע פון די סירער אויף שומרון, וועלכע ווערט אבער צוריקגעשטויסען. אין א יאהר ארום קומט ווידער בן־הדד אין לאנד, ווערט נאכאמאל געשלאגען און געפאנגען, אבער ווערט פון אחאב׳ן גרויסמוטיג פרייגעלאזען. אין דריי יאהר ארום קומט עס ווידער צו א מלחמה, אין וועלכער אחאב פאלט. — אורזאכען פאר יענע שנאה האבען ניט געפעהלט ווי מיר האבען שוין פריהער דערצעהלט. אדרבה, אחאב׳ס, און קענטיג אויך שוין עמרי׳ס, דערנעהנטערונג צו צור האט ממילא געטראגען אין זיך דעם ווארצעל פון א פארפרעמדונג צווישען ישראל און ארם. ארם האט געמוזט זוכען צו געווינען צוריק מיט געוואלד די פאזיציע, וואס זי האט צום טייל פארלארען, אדער וואס איז איצט יעדענפאלס מעהר ניט געווען זיכער. ס׳איז אויך ניט אוממעגליך, אז דער דערווארטעטער צוזאמענשטויס מיט אשור, האט אליין מעהר און מעהר ארויסגערופען ביי בן־הדד׳ן דעם פארלאנג פאר א ריכטיגער פארבינדונג מיט ישראל. ישראל ווידער, זיך פארלאזענדיג אויף זיינע ביידע ביז־איצטיגע בונד־ברידער צור און יהודה, אדער זיך שרעקענדיג פאר די פאליטישע רעזולטאטען פון א צו שטארקער התקרבות צו ארם, האלט זיך צוריק, אדער האט בדעה אויסצוליפערען ארם צו אשור. פונקט ווי מיט הונדערט יאהר שפעטער אין יהודה, האט אויך איצט ארם געקאנט דערקלערען קריג, כדי מיט געוואלד צו שאפען א פארבינדונג. נאר ווי דאס זאל ניט זיין, יעדענפאלס שטעהט בן־הדד פאר די טויערן פון שומרון. דאס הייסט ממילא שוין, אז ער האט צוגענומען גאנץ גליל, דעם טאל יזרעאל און די צפון־רוקענס פון די בערג אפרים, אויך דעם עבר־הירדן וואס ליגט אנטקעגען.

א גאנץ אנדער בילד אבער באקומט זיך פון די אשורישע אויפשריפ־

טען. לויט זיי האט שלמנאסר אונטערנומען אין זעקסטען יאהר פון זיין רעגירונג (854) א פעלד־צוג געגען דעם מערב. דער קעניג דאדא־אידרי פון דמשק, אירחולינא פון חמת, „אויך די מלכים פונ׳ם חאטי־לאנד (חתים־לאנד) און דעם ים־ברעג״ שטעלען זיך פאראייניגט איהם אנטקעגען און ווערען באזיגט: 20,500 ווערען געטויט. אזוי דערצעהלען זיינע כראניקעס. גענויערע ידיעות גיט ער אין אן אויפשריפט אויף א שטיינערנעם זייל, לויט וועלכער עם געפינען זיך צווישען די מלכים וואס האבען זיך פאראייניגט געגען איהם, אויסער דאדא־אידרי פון דמשק מיט 20,000 מאן מיט רייטוועגען און רייטערס צו 12,000 און אירחולינא פון חמת מיט 10,000 מאן און מיט רייטוועגען און רייטערס צו 700, אויך אחאב פון ישראל מיט 10,000 מאן און מיט רייטוועגען און רייטער צו 2,000. ביי קארקאר קומט עס צו א שלאכט, אין וועלכער זיי ווערען באזיגט און פארלירען 14,000 טויטע. אין זיין עלפטען יאהר (849) ריהמט זיך שלמנאסר ווידער מיט א פעלד־צוג געגען דאס חתים־לאנד און מיט א נצחון איבער דאדא־אידרי און 12 מלכים פון חתים־לאנד: דאסגלייכען אין 846.

אז די ביידע באריכטען פון תנ״ך און פון שלמנאסר׳ס אויפשריפטען געהען זיך פאנאנדער, ליגט פון אויבען אויף. לויט איין סברא, וואס ווערט איצט פארטראטען פון אסך פארשער, דארפען מיר זוכען דעם שליסעל דערצו אין דער נאטיץ פון ספר מלכים, לויט וועלכער אחאב האט געשלאסען אן אפמאך מיט בן־הדד׳ן נאך זיין צווייטען זיג איבער איהם (מלכים א, כ 34). מיר באקומען דאן דאס פאלגענדע בילד וועגען אחאב׳ס קריגערישער אונטערנעמונג.

אין אחאב׳ס לעצטע יאהרען — לויט דעם הייסט עס אין די יאהרען 753—756 — ערוואכט ווידער די אלטע שנאה צו ארם דמשק. עס קאן זיין, אז אין דערזעלביגער צייט האט אויך מואב זיך געמאכט זעלבשטענדיג פון ישראל. פילייכט זוכט אחאב זיך צו באפרייען פון די שווערע באדינגונגען, וועלכע בן־הדד דער ערשטער האט ארויפגעלעגט אויף זיין פאטער עמרי. נאך מעהרערע פאר אחאב׳ן אומגליקליכע מלחמות*), גיט זיך בן־הדד׳ן איין צו מארשירען אויף שומרון. אחאב איז גרייט איבערצוגעבען די הויפטשטאדט אויף לייכטע באדינגונגען ווי בן־הדד שטעלט זיי צוערשט. אין דער לעצטער רגע אבער האט בן־הדד חרטה און פאדערט, אז מ׳זאל איהם איבערגעבען די שטאדט אהן באדינגונגען. בן־הדד׳ס העזה־

*) בפירוש שטעהט דאס ניט, אבער דאס איז ארויסצודרינגען פון מלכים א, כ.

דיגע טרייַלאָזיגקייט וועקט אויף אחאב'ס געזונקענעם מוט. ער וואָגט אַז אויספאַל און טרייבט אַרויס די סירער פון לאַנד. זיי פּרובירען אָבער אין אַ יאָהר אַרום ווידער זייער גליק. ביי אפק און דעם טאָל קישון, אָדער ניט ווייט פון איהם, לאַגערט אַ מעכטיגער סירישער חיל; ישראל שטעלט זיך איהם אנטקעגען אויף די בערג־רוקענס פון די בערג אפרים. אחאב וואָגט אַז אַטאַקע נאָך אַ לאַנגען ישוב־הדעת, און פאַרניכטעט דעם חיל פון'ם פיינד. בן־הדד גופא ווערט אחאב'ס געפאַנגענער. אחאב שענקט דאָס לעבען צו דעם דאָזיגען געפעהרליכען געגנער פון ישראל, לפנים פון גרויסמוט. בן־הדד איז געצוואונגען צו שליסען אַ פּאַמאַד, לויט וועלכען ער גיט אוועק צוריק צו ישראל די שטעדט וואָס זיין פאָטער האָט אוועקגענומען און אחאב'ס סוחרים קריגען אַ קוואַרטאַל פאַר באַזאַרען אין דמשק (מלכים א, כ 34).

אחאב האָט אַ גוטען גרונט צו שאָנעווען איצט זיין געגנער. ער זעהט איין די סכנה וואָס שטעהט ביידען פאַר מצד פון אשור און באַשליסט, איין בונד מיט דמשק, זיך אנטקעגען צו שטעלען דעם געפעהרליכען שונא. אַ רייה פון סירישע פירשטען ווי אויך אַז עמונ'ישער און אַראַבישער פירשט זאָלען זיך האָבען באַטייליגט אין יענעם בונד. אחאב באַטייליגט זיך מיט 10,000 פוסגעהער און 2,000 רייטער. ביי קאַרקאַר איז סיריען קומט עס צו אַ שלאַכט*).

ביידע אומשטענדען צוזאַמען: די פאַרלויפיגע אָפּשטעלונג פון שלמנאסר'ס מאַרש, ווי אויך די אָפּשוואַכונג פון די פאַראייניגטע פירשטען, האָבען געמוזט לויז מאַכען דעם בונד. וואַהרשיינליך האָט אויך בן־הדד צו לאַנגזאַם געטאָן זיין התחייבות אוועקצוגעבען אחאב'ן צוריק זיינע עראָבערונגען. אָבער וואָס די אורזאַך איז ניט געווען, די פיינדשאַפט ברעכט ווידער אויס אין דריי יאָהר אַרום נאָך יענעם קריג. עס האַנדעלט זיך וועגען רמה און גלעד, וועלכע האָט לויט אחאב'ס טענות געהערט צו איהם. יהודה'ס דערנעהנטערונג צו אחאב'ן, וועלכע איז שוין פריהער פאַרגעקומען. דריקט זיך איצט פּראַקטיש אויס אין צושטעלען חיל. פיליכט האָבען די ביידע קעניגס־הייזער ערשט אין דער צייט זיך מתחתן געווען. כאָטש איין נביא, מיכה בן ימלה — אין ווידערשפּרוך צו דער מאַסע פון זיינע חברים — זאָגט פאָראויס אַ שלעכטען סוף, דאָך וואָגען ביידע מלכים צו געהן אין מלחמה. אחאב זוכט זיך צו פאַרשטעלען, כדי די פיינד זאָלען איהם ניט

*) עס מוז ליגען אין דער געגענד פון חמת, ניט ווייט פון אָראָנטעס.

דערקענען: אבער דאס העלפט איהם וועניג. כאטש ער איז פארקליידט, טרעפט איהם פארט א שאס פון פיינד. טויטליך פארוואונדעט, האלט ער אוים שטעהענדיג אין וואגען, ביז די נאכט מאכט א סוף פון דער שלאכט. אחאב גופא איז געפאלען ווי א העלד, אבער צו ברייננגען א נצחון פאר זיין פאלק איז ער ניט געווען בכוח. זיין העלדישער טויט האט געווים אפגע־ווישט אין דעם זכרון פון פאלק מאנכע אומרעכטען, וואס ער איז באגאנ־גען און האט געלאזט בולט'ער ארויסברייננגען מאנכע ליכטיגע זייטען פון זיין כאראקטער. דאס ווייזען די באריכטען וועגען אחאב'ס מלחמות.

כאטש אונזער שילדערונג גיט אונז א באפרידיגענד בילד פון דעם גאנג פון די געשעהענישען, דאך קאן מען ניט אוועקמאכען מיט דער האנט אויך אן אנדער מעגליכקייט, וועלכע לעגט זיך גאנץ גוט אויפ'ן שכל. עס לאזט זיך נעמליך דענקען, אז שלמנאסר, אדער לכל הפחות זיין טאוועל־שרייבער, איז געווען ניט געגוי באקאנט מיט דעם נאמען פון דעם מלך פון ישראל וואס האט געקעמפט געגען אשור ביי קארקאר, ניט גענויער ווי א שטייגער וועגען די באציהונגען צווישען יהוא און די אנדערע אידישע מלכים צו עמרי*). אין דעם פאל דארף מען אננעמען, אז ישראל איז געווען געצוואונגען צו קעמפען צוזאמען מיט דמשק געגען אשור אלס פועל־יוצא פון דער אומגליקליכער שלאכט ביי רמה: און אז דער קעניג פון ישראל, וועמען שלמנאסר האט באזיגט, איז ניט געווען אחאב, נאר יהורם. ניט ווע־לענדיג אפ'פסק'ענען אין גאנצען, גיב איך אבער דער הנחה דעם פארצוג צוליב טעמים, וועלכע וועלען דערקלערט ווערען ביי ארם'ס געשיכטע. אחאב'ס טויט איז לויט דעם געפאלען אין יאהר 855.

## אחזיה בן־אחאב. יורם בן־אחאב.

אחאב'ס זוהן אחזיה (855—854) האט געקראגען א שלעכטע ירושה פון זיין פאטער. אז רמה אין גלעד איז נאך דעם רעזולטאט פון דער לעצ־טער שלאכט פארבליבען ביי ארם, פארשטעהט זיך ממילא. אבער אהן ספק איז עס דערביי ניט געבליבען. די פראגע איז נאר: ווי ווייט אפהענגיג ישראל איז געווארען פון סיריען? און ווי ווייט די סירער האבען אויסגע־נוצט די דאזיגע אפהענגיגקייט אין דער נעכסטער צייט? דער ענטפער

*) זעה אויבען ז. 179 און אויך אונטען ז. 218 („יהוא דער זוהן פון עמרי").

אויף דעם הענגט אפ פון דער הנחה וועגען דעם אנטייל וואס אחאב אדער יהורם האבען גענומען אין דער שלאכט ביי קארקאר.

נאטירליך האט דער נייער צושטאנד, וואס אזא'ן אומגליק האט געמוזט ברייננען מיט זיך, באלד זיך געלאזט פיהלען אויף די איבעריגע גרעניצען פונ'ם קעניגרייך. די מואבים וועלכע זיינען געוועזען שטענדיג גרייט אויפצושטעהן, האבען אויסגענוצט די גינסטיגע געלעגענהייט. די מואבים ווייסען גלייך זיך צו באנוצען דערמיט, וואס אחאב'ס חיל איז געשלאגען געווארען און וואס זיין האנט געוועלטיגט מעהר ניט איבער ישראל. נאכדעם ווי זיי האבען שוין פיליכט ביי אחאב'ס לעבען געהאט אראפגעווארפען דעם לעסטיגען יאך, וועלכען זיי האבען גע־טראגען ארום 40 יאהר, און האבען זיך ארויסגערוקט צו צפון איבער דעם גרעניץ וואס עמרי האט זיי אנגעוויזען. האבען זיי וויזט אוים גלייך נאך אחאב'ס טויט אונטערנומען אן אטאקע אויף ישראל*). אהן ספק איז אחזיה ניט געווען בכוח זיי צו פארהאלטען.

אלס צוגאב נאך צו די אלע צרות האט אחזיה'ן געטראפען א שווער אומגליק באלד ווי ער האט איבערגענומען די רעגירונג: ער איז אראפגע־פאלען פון דעם אויבערסטען צימער פון זיין קעניגליכען פאלאץ דורכ'ן פענסטער און האט הפנים באקומען אזוינע שרעקליכע וואונדען, אז ער האט מעהר שוין ניט געקאנט צו זיך קומען. נאך א רעגירונג פון בלויז צוויי יאהר איז ער געשטארבען פון זיינע וועהטאגען. אליהו זאל איהם האבען פאר־אויסגעזאגט דעם סוף. דאך איז א גרויסע פראגע, צי דער נביא האט נאך אין יענער צייט געלעבט? דער אומשטאנד, וואס ביי דער בעראטונג וועגען אחאב'ס פעלד־צוג געגען רמת גלעד, פארטרעט מיכה בן ימלה אליהו'ס שטעל, רעדט געגען דעם. דערצו נאך איז צו מערקען פון מאנכע סימנים, אז די דערצעהלונג שטאמט פון א שפעטעריגער צייט (מלכים ב, א: מלכים א, כ"ב).

אחזיה'ס נאכפאלגער איז זיין אינגערער ברודער יהורם. דער ספר מלכים גיט איהם א רעגירונג פון 12 יאהר (854—842). צי דאס איז ריכטיג אדער ניט הענגט ווידער אפ פון דער פראגע מכוח דעם נאמען פון דעם קעניג פון ישראל, וואס האט אנטייל גענומען אין דער שלאכט ביי קארקאר געגען שלמנאסר'ן. אויב דאס איז געווען אחאב, ווי לויט די אשורי־שע ידיעות, דאן האט יהורם נאך געקאנט רעגירען ארום 8 יאהר. אויב אבער יענע ידיעות זיינען א טעות און יענער קעניג איז פאקטיש געווען

---

*) אזוי איז צו פארשטעהן מלכים ב, ג 5.

יהורם, דאן איז דער ספר מלכים גערעכט מיט די 12 יאהר פון זיין רעגירונג. מיר האבען דא בכן נאך א גרונט, כאטש ניט אזא שטארקען, פאר אונזער הנחה.

אויך אין אנדערע פרטים פאסען די פארהעלטענישען פון ישראל זעהר גוט צו דער סברא. אזוי ווי די שלאכט ביי רמה האט געבראכט ישראל אין א מצב צו ווערען אפהענגיג פון דמשק, איז ניט געווען אויסצומיידען דעם פועל-יוצא דערפון, אז ביי דעם נעכסטען צוזאמענשטויס פון די סיריער מיט אשור זאלען אחזיה אדער יורם מוזען שיקען א חיל צו העלפען זייער באזיגער. אט אזוי איז עס געקומען צו דער שלאכט ביי קארקאר. דאך האבען מיר קיין מיטלען ניט ארויסצוגעבען אן ענדגילטיגען אורטייל וועגען דעם ענין. ס'איז גענוג זיך צו איבערצייגען, אז פון אלץ וואס קאן באלייכטען דאס פארהעלטעניש פון ישראל צו אנדערע לענדער אין יענער צייט. קומט בולט ארויס די שוואכקייט פון דער צפון-מלוכה זינט אחאב'ס אומגליקליכען טויט.

דעם ערשטען באוויז פאר דעם גיט אונז יהורם'ס דורכפאל אין זיין אונטערנעמונג געגען מ י ש ע פ ו ן מ ו א ב. עס לאזט זיך פארשטעהן, אז יורם האט ניט געקאנט דולדען מואב'ס זעלבשטענדיגקייט געגען ישראל, וואס איז געווארען א פאקט נאך אחאב'ס טויט. מ'האט בכן געמוזט פרובירען ווידער צו אונטערוואַרפען מואב. אט דער פראבע האבען מיר צו פארדאנקען דעם באקאנטען שטיין פון מישע, א מאָנומענט, וועלכען דער קעניג פון מואב האט געווידמעט צו זיין גאט כמוש כדי צו ערינערען אן זיינע זיגרייכע מלחמות געגען ישראל. דערביי האבען מיר נאך אין מלכים ב, קאפ. ג א באריכט וועגען יורם'ס עקספעדיציע געגען מישע. פון דעם באריכט דערגעהען מיר, אז יהושפט פון יהודה האט אויך איצט זיך נאך געהאלטען ביי דעם בונד וואס ער האט געשלאסען מיט אחאב'ן. ער גיט יהורם'ען מיליטערישע הילף און רופט צו דעם צוועק אויך די פון יהודה אפהענגיגע אדומים*). דער געדאנק אנצופאלען אויף מואב פון דרום-זייט איז געווים געווען ריכטיג, לויט ווי מישע דערצעהלט מכוח די מיטלען וואס ער האט אנגענומען זיך צו פארטיידיגען אין צפון. דערצו איז מען דא ניט געווען אין קיין סכנה פון די סיריער אין פאל פון א ריקצוג. אויף דעם מארש האט דער חיל געהאט שטארק צו ליידען פון א דוחק אין

*) דער אויסדרוק „מלך" אין מלכים ב, ג 9 איז לויט מלכים א, כ"ב 48 ניט גענוי. עס קאן זיך דא האנדלען נאר וועגען א וואסאל-פירשט.

וואסער. אלישע גיט אן עצה, דורך וועלכער מ׳קריגט וואסער. גלייכצייטיג לאזט זיך אראפ א שטארקער וואלקענברוך*). די מואבים פארלאזען זיך אויף א פאלשען קלאנג, אז אין דער פארבינדעטער ארמיי איז כלומר׳שט אויסגעבראכען א קנאה־שנאה, און זיי וואגען צו מאכען אן איבערפאל. זיי ווערען צוריקגעשלאגען און בלייבען אין א גרויסער נויט. מישע ראטעוועט זיך מיט זיינע לייט אין ק י ר ־ ח ר ש ת, די היינטיגע קעראק. ער ווערט באלאגערט, און נאכדעם ווי ער האט ניט קיין ערפאלג אין אן אויס־פאל, כאפט ער זיך אין זיין גרויס עגמת־נפש צו א פארצווייפעלטען מי־טעל. אין דער אנוועזענהייט פון די באלאגערער איז ער מקריב אויף דעם שטאדט־מויער זיין ערשטגעבארענעם זוהן צו כמוש. אט דער לעצטער מי־טעל דערוועקט אין זיין חיל א נייעם מוט און גלויבען אין דער הילף פון זייער גאט. זיי ברעכען זיך דורך און זיינען פריי. די אידען מוזען זיך צוריקציהען**).

מישע האט יעדען גרונט געהאט זיך צו ריהמען מיט זיין ערפאלג.

געוועהנליך ווערט פאררעכענט אונטער יהורם׳ס רעגירונג אויך די באלאגערונג פון שומרון דורך די סיריער. פאקטיש שטעהט דאס טאקע אין ספר מלכים אין צוזאמענהאנג מיט זיין געשיכטע (מלכים ב, ו 24— ז 20). דאך האט א שטארקען גרונט די מיינונג פון מאנכע פארשער, אז דער קעניג פון ישראל, וואס ווערט ניט אנגערופען מיט׳ן נאמען אין יענער באלא־גערונגס־געשיכטע, איז ניט יהורם בן אחאב, נאר יהואחז בן יהוא. ווארים עס לעגט זיך זעהר ניט אויפ׳ן שכל, אז די סיריער האבען דאמאלסט גע־האט צייט און כוחות זיך צו פארוויקלען אין אזא לאנגען קריג מיט ישראל, וועלכער איז דערצו נאך געווען פארבונדען מיט יהודה. זיי האבען דאך גע־האט אויסצושטעהן קורץ נאך דער שלאכט ביי קארקאר, אין די יאהרען 850, 849 און 846 דריי ארייגפאלען איינעם נאך דעם אנדערען פון

---

*) אזא מין וועטער איז אט דערזעלביגער געגענד ווערט געשילדערט אין דעם אר־טיקעל „ביים טויטען ים און אין לאנד מואב“, צייטשריפט דעם דייטשען פאלעסטינא־פעראיינס, באנד 24.

**) די דערצעהלונג, אז דער צארן פון כמוש איז געקומען איבער די אידען און האט זיי געצוואונגען זיך צוריקצוציהען, איז א צודעקונג פון דער נידערלאגע. אז דער מואב׳יי־שער גאט כמוש קאן צארנען איבער ישראל, דערקלערט זיך פאר דעם פאלקס־גלויבען פון דעם, וואס מ׳האט זיך געפונען אין דער טעריטאריע און אונטער דעם רשות פון דעם מואב׳ישען גאט. דער אומגעוועהנליכער קרבן האט ווייכער געמאכט דעם צארן פון כמוש, וואס איז ביז אהער געווען געצילעוועט געגען מואב, און האט איהם געווענדט געגען ישראל.

שלמנאסר דעם צווייטען. זיי האבען בכן קוים געהאט צייט אפצוכאפען דעם אטעם, און האבען ניט געקאנט האבען די כוחות צו אטאקירען ישראל און נאך צוצוקומען אזש ביז שומרון איז דער צווישען־צייט פון 849 ביז 846. ווי עס ווערט געוועהנליך אנגענומען.

פארקעהרט ווידער לעגט זיך זעהר גוט אויפ'ן שכל, אז ישראל גופא איז מיט דער צייט געקומען צו זיך פון די שווערע קלעפ פון רמה און קאר־קאר, ווי אויך פון דער נידערלאגע דורך מישע, און האט געזוכט אויסצו־נוצען די געדריקטע לאגע פון ארם. יהורם האט ביסלעכווייז געקאנט אנ־הייבען טראכטען צו עראבערען צוריק די שטעדט פון גלעד, פאר וועלכע אחאב האט געקעמפט אהן ערפאלג. אט אזוי קומט ווידער צו א באלא־גערונג פון רמה אין גלעד, וואס האט געזאלט ברייננגען אזעלכע ערנסטע רע־זולטאטען פאר ישראל.

### 3.

## יהוא און זיין דינאסטיע. דאס קעניגרייך יהודה.

### יהוא'ס רעוואלוציע.

נאך אלץ דיננט מען אין ישראל צום בעל נעבען יהוה. אויך אחזיה און יהורם האבען הפנים ניט געמאכט קיין וויכטיגע ענדערונגען אין דעם. און דאך זיינען די צייטען פאר ישראל פאקטיש ניט געווען מסוגל דערצו צו מאכען פארגעסען די קללות, וואס אליהו האט ארויסגעזאגט געגען אחאב'ן און זיין הויז. אויך דאס פארברעכען געגען נבות'ן און זיין פאמיליע איז נאך געווען פריש אין זכרון און האט געפאדערט נקמה. דאס איז געווען גענוג גרונט פאר די פריינד און אנהענגער פון אליהו צוווארטען, ווען עס וועט קומען דער מאמענט זיך נוקם צו זיין אן דעם זינדיגען הויז. נא־טירליך האבען זיך געפונען גענוג אמביציעזע פאליטיקער אין ישראל, וועל־כע האבען אויסגענוצט די שטימונג אין די קרייזען פון די נביאים אלס נאה־רונג פאר זייערע אייגענע פלענער.

בראש פון די נביאים און די נביאים־קרייזען שטעהט, נאכדעם ווי אליהו איז פארשוואונדען פון דער סצענע, זיין אמאליגער תלמיד און די־נער אלישע. דער גרויסער לעהרער און פיהרער איז אוועקגעריסען גע־ווארען פון דער וועלט אין א וועטער־שטורם. אזוי פלוצלונג און שטורמ־

דיג, ווי ער האָט זיך באוויזען אויף דר׳ערד, אזוי האָט איהם יהוה אויך צוגענומען (מלכים ב, ב). עס זעהט אויס, אז אויך אלישע איז געווען, גלייך ווי זיין געוואלדיגער פארגענגער, א מאן מיט באזונדערע פעהיגקייטען און מיט אן אויסערגעוועהנליכער השפעה אויף זיין פאָלק. אויב עס פעהלט איהם די אָריגינעלע קראפט פון זיין לעהרער, האָט ער אבער זיין פייער און זיין אומבאגרעניצטע איבערגעבענקייט אין קאמף פאר יהוה געגען דעם בעל. די פיעל נסים וואָס ווערען איהם צוגעשריבען זיינען א קלאָרער באַ־ווייז פאר דעם טיפען און אנהאַלטענדיגען רושם, וואָס אויך אָט די מערק־ווירדיגע פיגור האָט געמאכט אויף די מענשען פון יענער צייט. אַהן ספק איז דאָ דורכגעמישט פרייע דיכטונג און פאָלקס־לעגענדע מיט אמת׳ע פאַק־טען. אבער דאָ איז נאָך שווערער ווי ביי אליהו׳ן פאַנאַנדערצושיידען ביידע עלעמענטען. אם דייטליכסטען געפינען מיר אלישע׳ס געשטאלט אינ׳ם ליכט פון דער היסטאָריע אין דער פאסירונג וועגען וועלכער מיר וועלען באלד ריידען: ביי דער אראָפּזעצונג פון אחאב׳ס דינאַסטיע פון טראָן. ער ווייזט זיך דערין דייטליך ארויס אלס דער יורש פון אליהו׳ן און פון זיינע געדאַנקען*). ער האָט טריי אויסגעפיהרט די גרויסע צואה, וואָס אליהו האָט געלאָזען פאר דער נאַציאָן: די אויסראָטונג פון דעם בעל און אלץ וואָס איז געווען פארבונדען מיט איהם. אחוץ דעם קאָנען נאָך אויסהאלטען די פּראָבע מאנכע אנדערע מעשים, וואָס ווערען איהם צוגעשריבען. ס׳איז גאַנץ מעגליך, כאָטש ניט זיכער, אז ער האָט מיטגעמאכט דעם פעלד־צוג געגען מישע׳ן אונטער יהורם׳ען און האָט דאָרטען געהאָלפען די אידען מיט זיין עצה. עס קאָן אויך זיין, אז אפילו ניט קיין איד, ווי דער סירישער גענע־ראל נעמן, איז געקומען צו אלישע׳ן נאָך א עצה און הילף. לכל הפּחות איז די דערצעהלונג, וואו דאָס ווערט איבערגעגעבען (מלכים ב, ה), געשרי־

---

*) צי אלישע גופא האָט געהאט יועלכע עס איז פארבינדונג מיט אשור און איהר פּאָ־ליטיק, צי דער בייט פון דער דינאַסטיע האָט איבערהויפּט געהאט צו טאָן מיט עפּעס א השפּעה פון נינוה, וועגען דעם האָבען מיר לחלוטין קיין שום ידיעה ניט. מיר וויסען בלויז, אז אשור איז ביינעשטאַנען יהוא׳ן. אלע אנדערע זאכען, ווי א שטייגער די עקסיסטענץ פון א שטארקער אשורישער פּארטיי אין ישראל און איהר שייכות צו אלישע׳ן, זיינען ניט מעהר ווי השערות. פאקטיש זיינען די אינערליך־אידישע און רעליגיעזע מאָ־טיווען גענוג צו דערקלערען אלישע׳ס האנדלונג, כאָטש עס לאָזט זיך ניט לייקענען, אז די טראַדיציע האָט געמאכט אלישע׳ן אין א געוויסער מאָס פאר א פּאָליטישע פיגור אין אז ענגערען זין, דערמיט וואָס זי האָט דערצעהלט פון זיין אנטייל אין דעם בייט פון דער דינאַסטיע אין דמשק.

בעו אין איינקלאנג מיט די פארהעלטענישעו פון אלישע׳ס צייט. פארקעהרט ווידער איז שווער צו זאגעו, ווי וויט אלישע האט געהאט אן אנטייל אין בן־הדד׳ס באזייטיגונג פון סיריעו דורך חזאל׳ן (מלכים ב, ח). דיזעלביגע זאך ווערט אין אן אנדער שטעל צוגעשריבעו שוין צו אליהו׳ן (מלכים א, י״ט 15). עס זעהט דערצו נאך אויס, אז די פארהעלטענישעו צווישעו ישראל און ארם אין יענער צייט ווען די דינאסטיע בייט זיך זיינען געוועו ניט אזעלכע, אז מ׳זאל קאנעו אננעמעו, אז אלישע האט זיך געפונעו דאמאלסט אין דמשק און האט א צוטריט געהאט צום הויף. די דערצעהלונג איז אויך בכלל ניט וואהרשיינליך. דאך איז די טראדיציע צו מאגער און צו איינזייטיג, אז מיר זאלעו עס קאנעו אננעמעו פאר לחלוטין אוממעגליך, אז אלישע און זיינע קרייזעו זאלעו האבעו גענומעו אן אנטייל אין ענינים פון אלגעמיינער וועלט־פאליטיק.

ביים ענד פון יהורם בן אחאב׳ס רעגירונג איז ישראל קומט אויך א סוף אויף בן־הדד׳ן, דעם לאנגיעהריגעו געגנער פון ישראל. דאס עלטער האט איהם הפנים אוועקגעלעגט אויפ׳ן קראנקעו־בעט, וואו ער פאלט אלס קרבן פון א מערדער־האנט. לויט ווי עס ווערט איבערגעגעבעו אין תנ״ך האט איהם א באאמטער פון פאלאץ, חזאל, דערשטיקט*).

יהורם באנוצט זיך הפנים גלייך מיט דער געלעגענהייט וואס אין דמשק האט זיך דער טראן געביטעו, דורכצופיהרעו זיינע אלטע פאדערונגעו אין גלעד. דער בונד מיט יהודה באשטעהט נאך. ווען ישראל גופא וואלט ניט געוועו אזוי שוואך, וואלט מען זיך געקאנט פארשטעלעו יהודה אלס א וואסאל פון ישראל. ווי אמאל יהושפט, ציהט אויך אחזיה פון יהודה איצט מיט געגעו רמה. ביים שטורעמעו די שטאדט ווערט יהורם פארוואונדעט, אזוי אז ער מוז זיך אומקעהרעו אהיים קיין יזרעאל. אחזיה קומט באזוכעו יהורם׳עו אין יזרעאל. די קאמאנדע איבער דער ארמיי וואס איז געבליבעו ביי רמה פיהרט אין דעם קעניג׳ס אפוועזענהייט יהוא בן יהושפט בן נמשי.

דא שיקט פלוצלונג אלישע איינעם פון די „בני הנביאים“ צו יהוא׳ן מיט דער שליחות איהם צו זאלבעו אין יהוה׳ס נאמעו אלס קעניג. די ארמיי אנערקענט איהם, און יהוא ווערט אויסגערופעו צום קעניג. יהוא נעמט

*) מלכים ב, ח 7—15. בן־הדד ווערט באצייכענט אין פסוק 14 אלס חזאל׳ס „האר“, ניט אלס זיין פאטער. חזאל איז בכן אן אוזורפאטאר. 842 איז לויט שלמנאסר׳ן חזאל שוין דער הערשער. דאס באשטימט די צייט.

אויפ׳ן שטעל דעם וועג צו יזרעאל. די ארמיי לאזט ער איבער אין רמה. דערהערנדיג אז יהוא איז נאהנט, קומעןביידע מלכים איהם ארויס אנטקעגען אויף זייערע רייטוועגען. ניט ווייט פון נבות׳עם פעלד טרעפען זיך צוזאמען יהוא און יהורם. אויף דעם קעניג׳ס פראגע: צי ער ברייגנט פרידען? ענטפערט יהוא: „וואס פרידען? עס האלט זיך נאך די זנות פון דיין מוטער איזבל און איהרע פיעל צויבער־קונצען!“ יהורם דערקענט דעם פערראט און דרעהט זיך אויס צו אנטלויפען. אבער יהוא׳ס א פייל האט איהם שוין דערגרייכט. זיך דערמאנענדיג די ווערטער, וואס ער האט אמאל געהערט פון אליהו׳ס מויל, לאזט יהוא ארויפווארפען זיין קערפער דורך זיין אדיוטאנט בדקר אויף נבות׳עם פעלד. אויך אחזיה פון יהודה זאל ניט אוועק גאנצערהייט פון דאנעט. יהוא יאגט איהם נאך אין פולער שנעלקייט און פארוואונדעט איהם טויטליך, אזוי אז ער שטארבט באלד.

יהוא האט איצט ניט קיין מניעה ארייננצוציהען אין יזרעאל. דארטען וואוינט נאך אלץ יהורם׳ס מוטער, אחאב׳ס אלמנה, איזבל. לויט דעם כאראקטער פון דער גאנצער באוועגונג מוז זי די ערשטע פאלען איידער יהוה קאן קריגען זיינע אלטע רעכטען. איזבל זעהט די שעה פון נקמה קומענדיג. אבער זי בייגט ניט איהר קניה צו בעטען גנאד ביי איהר זוהן׳ס מערדער. אלס שטאלצע פרינצעסין, אנגעטאן אין קעניגליכער צירונג, וויל זי פאלען. זי געפינט איהר טויט דורך דער האנט פון א יעוונוך.

די הויפטשטאדט איז נאך אבער ווי פריהער אין שומרון. דארטען שטעהט אויך דער אמת׳ער קעניגליכער פאלאץ, וואו די קעניגליכע פאמיליע וואוינט. יהוא קאן זיך ניט פרעהען מיט׳ן טראן ביז שומרון איז ניט גענומען, און דאס מוז געטאן ווערען אויף גיך, איידער איינער פון יהורם׳ס זיהן ווערט אויסגערופען אלס קעניג. יהוא דרעהט עס אזוי ארויס, אז די באהערשער פון דער הויפטשטאדט, דערצו די פארשטעהער פון די משפחות און די דערציהער פון די קעניגליכע פרינצען דערקלערען זיך גרייט צו טאן זיין ווילען. וואס ער פארלאנגט, זיינען די קעפ פון די 70 קעניגליכע פרינצען. זיי פאלען און ווערען, אין קערב פארפאקט, געשיקט קיין יזרעאל. יהוא ריהמט זיך פאר דעם דערשראקענעם המון מיט דעם ווארט, וואס יהוה האט געזאגט אויף אחאב׳ס הויז.

אבער נאך איז ניט גענוג בלוט פארגאסען. יעדער איינער אין יזרעאל, וואס האט זיך געהאלטען אן עמרי׳ס הויז, ווערט הינגעריכטעט. דעמאלט ערשט האלט יהוא זיין ארייננצוג אין שומרון. אויך דארטען לאזען בלוט

און מארד איבער זייערע שפּורען צווישען די וואס זיינען געווען טריי צו אחאב׳ן. שוין איידער ער איז אנגעקומען, זאל ער האבען אויסגעקוילעט 42 פּרינצען פון דוד׳ס הויז, וועלכע ער טרעפט אונטערוועגנס. די נאכריכט וועגען דעם קלינגט ניט זעהר וואהרשיינליך, נאכדעם ווי אחזיה׳ס טויט איז באקאנט געווען. פארקעהרט אבער זעהט אויס צו זיין א זיכערע ידיעה די נאטיץ וואס איז דערמיט פארבונדען, לויט וועלכער יהוא און די גאנצע באוועגונג שטעהען אין א נאהנטען צוזאמענהאנג מיט יהונדב בן רכב. אנ־געקומען אין שומרון גופא, גרייט יהוא צו א מורא׳דיגע בלוט־באד פאר די וואס דינען דעם צור׳ישען בעל. די פּרטים דערפון זיינען טונקעל, וועגען דעם פאקט גופא אבער, אז זיי זיינען ארומגערינגעלט און אויסגעשאכטען געווארען אין זייער אייגענעם טעמפּעל, קאן קיין ספק ניט אויפקומען. אבער די שטראמען בלוט וואס זיינען געפלאסען, די שווידערליכע אכזריות וואס איז באגאנגען געווארען, און נאך אין יהוה׳ס נאמען, האט געמוזט טיף צעטרייסלען דאס פאלק. אין הונדערט יאהר ארום הערט זיך נאך די אויפרעגונג וועגען דעם*).

## יהושפט פון יהודה און זיינע זיהן. עתליה.

ס׳איז איצט צייט זיך ווידער צוצוקוקען צו ירושלים. דער זוהן און נאכפאלגער פון יענעם אסא, וואס האט גערופען די אראמעער פון דמשק, אז זיי זאלען איהם ראטעווען פון זיינע געגנער אין ישראל, איז יהושפט (876—851). וויכטיגע געשעהענישען פון זיין רעגירונג קענען מיר שוין. ער האט עם געשלאסען א בונד מיט אחאב׳ן. דער בונד ווערט נאך פארזי־געלט דורך דער הייראט פון זיין זוהן יהורם מיט אחאב׳ס טאכטער עתליה. דער פועל־יוצא דערפון איז, אז יהושפט נעמט אן אנטייל אין אחאב׳ס פעלד־צוג געגען רמה אין גלעד און באלד נאך אחאב׳ס טויט — אויך אין דעם פעלד־צוג פון יהורם בן אחאב געגען מואב. וואסערע מאטיווען אחאב פון ישראל, וועמען מיר מוזען זיך פארשטעלען אלס דעם שטארקערען פון ביידע טיילען, האט געהאט צו שליסען א בונד מיט יהודה, האבען מיר שוין אויבען געזעהן.**) פיליכט איז צו יענע מאטיווען נאך צוגעקומען דער פאקט וואס יהודה האט דורך אסא׳ס פאליטיק זיך געפונען אין יענעם מא־

*) הושע א 4. — וועגען יהונדב בן רכב זעה אויבען ז. 194.

**) זעה אויבען ז. 184.

מענט אין א גינסטיגער לאגע, וועלכע האט געקאנט ווערען געפעהרליך פאר אחאב'ן ביי דעם דאמאלסדיגען מצב.

אין יענע אונטערנעמונגען האט יהושפט געוויס ניט געהאט קיין גרעסערע הצלחה ווי זיינע פארבינדעטע. ניט בעסער געהט עס איהם אויך ביי אן אנדער געלעגענהייט, וואס ווערט דערמאנט אין דעם מאגערען באריכט וועגען איהם אין ספר מלכים*). פונקט ווי אמאל שלמה, באנוצט זיך אויך יהושפט מיט דעם אומשטאנד, וואס אדום שטעהט נאך אונטער דעם רשות פון יהודה, כדי צו געברויכען דעם צוגאנג צום רויטען ים וואס געפינט זיך אין זיינע הענט פאר פראפיט־ברייגנענדע נסיעות אויפ'ן ים. עס זעהט אויס, אז נאכטועענדיג דעם ביישפיעל פון זיין עלטער־עלטער־זיידען, פיליכט אויך ארויסגערופען דורך דער פארבינדונג מיט אחאב און צור, וויל ער ווידער אויפנעמען די האנדעלס־פאליטיק אין א גרויסען סטיל. ער לאזט בכן בויען א תרשיש־שיף, דאס הייסט: א שיף אזוי ווי די פעניקיער פלעגען געברויכען פאר זייערע נסיעות קיין תרשיש,**) כדי צו

---

*) מלכים א, כ"ב 41—51. עס קאן זיין, אז דער שרייבער פון דעם באריכט וועגען איהם האט מיט א כיון דא מקצר געווען צוליב זיין פארבינדונג מיט אחאב'ן.

**) דער שרייבער פון דברי הימים האט הפנים פאלש אויסגעטייטשט דעם אויסדרוק „אניות תרשיש" און האט דערפון געמאכט „אניות ללכת תרשיש" (מלכים א, כ"ב 49; דברי הימים ב, כ 37,36). דער תרגום השבעים פארטייטשט תרשיש מיט קארטאגא. דאס איז אין איינקלאנג מיט'ן תרגום יונתן, וואס פארטייטשט תרשיש אין מלכים א, כ"ב 42 מיט אפריקא („יהושפט עבד ספינת אפריקא"). אז תרשיש מיינט קארטאנא, איז, ווייזט אויס, אן אלטע אידישע טראדיציע. דער אברבנאל, זיך האלטענדיג ביי דער דאזיגער טראדיציע, דערקלערט דערפאר אין זיין באור צו מלכים א, י 22, אז פון עציון גבר קיין תרשיש קאן מען ניט פאהרען מיט'ן וואסער, ווייל די לאנד־צונג פון זועץ האלט אפ און אז עזרא (לויט דער טראדיציע פון תלמוד דער מחבר פון דברי הימים) האט לכן געמאכט אין דברי הימים א געאגראפישען טעות: „ולא היה אפשר שמעציון גבר ילכו לשם, כי הנה אין לים סוף מוצא אל הים העובר באמצע הארץ, ואולי טעה עזרא במה שמצא כתוב שעשה יהושפט אניות תרשיש, בחשבו שהיו האניות ההם ללכת תרשיש ואינו כן, כי הם היו ללכת אופירה ועל תבניתם אמר אניות תרשיש, והוא אם כן טעות ביד עזרא הסופר." דער מלבי"ם אבער האט ניט געקאנט פארטראגען אזא פרייע קריטיק פונ'ם אברבנאל און ער זאגט דעריבער: „וחלילה לנו מזה הדעת שכותב דברי הימים טעה ושלא ידע פשט הכתוב במלכים ולא ידע שאי אפשר ללכת מעציון גבר לתרשיש באניה וחלילה שיבוא בכתובים דבר המכחיש את המציאות." כדי צו פארענטפערען דעם מחבר פון דברי הימים נעמט דער מלבי"ם דעריבער אן די מיינונג פון מאנכע פארשער, אז תרשיש איז טארטעסוס, א געגענד אין דרום־שפאניען דערמאנט ביי הערא־דאט און סטראבא. יהושפט האט, הייסט עס, לויט'ן מלבי"ם געשיקט שיפען פונ'ם גאלף

ברײנגען גאָלד פֿון אופֿיר. די שיף װערט אבער קאַליע שױן אין עציון־גבר, נאָך אײדער מען איז אַרױסגעפֿאָהרען מיט איהר. אחזיה בן אחאב מונ־טערט איהם אויף צו מאַכען נאָך אַ צװײטע פּראָבע, אָבער יהושפט װיל אַ צװײטען מאָל ניט פּראָבירען נאָך זײן ערשטען דורכפֿאַל.

אין ספר מלכים ערשײנט בכן יהושפט פֿאַר אונז אַלס אַ מאַן, װאָס האָט אין קײן פּרט זיך ניט אױסגעצײכענט, הן אין ענינים פֿון מלחמה, הן אין ענינים פֿון פֿרידען. דער ספר דברי הימים אָבער װײסט צו דערצעהלען אַסך מעהר גוטס װעגען איהם. ניט בלױז זאָל יהושפט האָבען דערגרײכט אַן אומגעװעהנליכע מאַכט און זאָל האָבען אָנגעזאַמעלט געװאַלדיגע רײכ־טימער*): עס װערט איהם אױך צוגעשריבען אַ גראַנדיעזער נצחון איבער אַן אױסערליכען שונא, װאָס װערט לחלוטין ניט דערמאָנט אין ספר מלכים. דער גאַנצער אופן װי אַזױ דער ספר דברי הימים דערצעהלט עס בפּרטות װײזט, אַז מיר האָבען דאָ צו טאָן מיט גאַנץ שפּעטעריגע עלעמענטען פֿון דער טראַדיציע. דאָך איז עס מעגליך און װאָהרשײנליך, אַז אין דער לאַנגער צײט פֿון זײן רעגירונג האָט יהושפט געפֿיהרט מאַנכע מלחמות מיט זײנע שכנים אין דרום און אין מזרח, אחוץ די װאָס װערען דערמאָנט אין ספר מלכים**). אױב ער האָט אין אײנער פֿון אָט די מלחמות אָפּגעהאַלטען אַ נצחון, װאָס דער ספר מלכים דערצעהלט ניט, איז על־כל־פּנים אין דעם הײנטיגען באַריכט פֿון דברי הימים װעגען דעם ניט איבערגעגעבען דער פֿאַקטישער גאַנג פֿון די פֿאַסירונגען.

יהושפט׳ס נאָכפֿאָלגער אין יהודה איז זײן זוהן יהורם. דער ספר מלכים גיט איהם אַכט רעגירונגס־יאָהרען (843 — 851). אַלס דער מאַן

---

פֿון אַקאַבאַ קײן שפּאַניען אַרום און אַרום אַפֿריקאַ. די מעהרסטע מאָדערנע פֿאָרשער אי־דענטיפֿיצירען תרשיש, לױט יוסף פֿלאַװיוס, מיט טאַרסוס אין סיליסיאַ אין קלײנאַזיען (די געבורט־שטאָדט פֿון דעם אַפּאָסטעל פּױלוס). נאָר מיט װעלכען פֿון די ערטער מ׳זאָל ניט אידענטיפֿיצירען תרשיש, איז אָבער אַלץ זיכער, אַז יהושפט האָט דאָרטען ניט גע־קאָנט שיקען קײן שיפֿען און אַז דער מחבר פֿון דברי הימים האָט דאָ פּשוט געמאַכט אַ טעות.
ח. ש.

*) דברי הימים ב, י״ז. גיכער װי אַלץ קאָן זײן ריכטיג די ידיעה אין פּסוק 11, אַז די פּלשתים און די אַראַבער (פֿון דער פּעטרעאישער אַראַביען) האָבען געבראַכט טריבוט צו יהושפט׳ן. װאָרים אַזױ װי ער האָט געהאַט דעם צוגאַנג צום רױטען ים, הײסט עס ממילא, אַז זײ זײנען געװען אונטערװאָרפֿען אונטער איהם.

**) פֿאַרגלײך אין מלכים א, כ״ב 46 די אַנדײטונג אױף זײנע איבעריגע גרױסע אױפֿ־טואונגען און מלחמות.

פון דער פרינצעסין עתליה פון שומרון איז ער אהאב'ס איידים. עס לעגט זיך דערפאר זעהר גוט אויפ'ן שכל דאס וואס דער ספר מלכים דערצעהלט פון איהם, אז ער האט אונטערשטיצט אין יהודה דעם פרעמדען קולט וואס אחאב האט איינגעפיהרט אין שומרון. אין אויסלענדישער פאליטיק האט יהורם בן יהושפט קענטיג געהאט ווייניג גליק. ווארים די אדומים, וועלכע זיינען אין די לעצטע צייטען נאך אלץ דערמאנט געווארען אלס יהודה'ס וואסאלען, טוען איצט, נאך יהושפט'ס טויט, נאך מואב'ס ביישפיל און זוכען צו ווערען אומאפהענגיג. דאס איז אהן א ספק געווען א גרויסער קלאפ פאר יהודה. ווארים ירושלים און יהודה זיינען דערמיט אפגעשניטען געווארען פון דעם רייכען האנדעל מיט אראביען. יהורם אונטערנעמט אפילו א פעלד־צוג געגען אדום. ער ווערט אבער ארומגערינגעלט, און הגם עס גיט זיך איהם איין זיך דורכצוברעכען דורך די רייהען פון דעם שונא, לאזט זיך אבער דאך זיין חיל ניט מעהר אויפהאלטען און אנטלויפט אהיים (מלכים ב, ח 16—24). דער נאטירליכער פועל־יוצא פון דער מפלה איז, אז אויך אויף אנדערע גרעניצען פאלט יהודה'ס פרעסטיזש. אט אזוי האט אויך לבנה, וועלכע איז געלעגען אין דרום־מערב פון יהודה געגען דעם לאנד פון די פלשתים און האט על־פי השערה פארמיטעלט דעם האנדעל אהין, זיך געמאכט זעלבשטענדיג פון יהודה. יהודה בלייבט אויף אזא'ן אופן א רעכט באשרענקטער שטח. לויט דעם ספר דברי הימים, וועלכען מיר קאנען איז דעם פרט גאנץ גוט טרויען, איז יהורם געשטארבען פון א לאנגער און שווע־רער קראנקהייט*). דאס דערקלערט די קורצקייט פון זיין רעגירונג. זיין נאכפאלגער איז אחזיה, יהורם'ס זוהן פון עתליה'ן. ער קאן אויף יעדען פאל האבען רעגירט בלויז א קורצע צייט: לויט אונזערע קוועלען נאר איין יאהר (842—843). דער אופן, ווי אזוי ער ווערט פארוויקעלט אין דעם גורל פון עמרי'ס דינאסטיע און פארלירט דערביי זיין לעבען דורך יהוא'ס האנט, איז אויבען באשריבען. עס זעהט כמעט אויס, אז דער אנטייל אין

*) דברי הימים ב, כ"א. ביים באשטייגען דעם טראן זאל ער האבען דערמארדעט זיינע ברידער, און אלס שטראף ווערען אוועקגעפיהרט פון איהם אין געפאנגענשאפט זיינע זיהן און פרויען, אחוץ זיין איינגסטער זוהן יהואחז. דער איבערפאל קומט פון די פלשתים און די אראבער, „וועלכע וואוינען ביי דער זייט פון די כושים." זיי עראבערען און ראבעווען אויס ירושלים. פיליכט האנדעלט זיך דא נאר וועגען אן אפשייז פון דער ווידערשפעניגונג פון אדום און לבנה. דאך באווייזט דער פארקירצטער טעקסט אין מלכים, אז מ'האט געוואוסט נאך עפעס שלעכטע זאכען פון איהם, צווישען וועלכע עס האט געמענט געהערען דער מארד פון די ברידער.

יענעם פעלד־צוג פון יהורם בן אחאב געגנ די סיריער איז געווען די איינציגע האנדלונג וואס איז צו באמערקען אין אחזיה בן יהורם׳ס רעגירונג (מלכים ב, ח 25—29).

די שטעלונג פון דעם הערשער׳ס מוטער איז אן אריענטאלישען קעניגרייך איז באקאנט. דורך דעם פלוצליכען טויט פון איהר יונגען זוהן פיהלט זיך עתליה מיט איינמאל בארויבט פון איהר חשיבות און איהר השפעה אלס קעניגין־מוטער. א טאכטער פון דער שטאלצער איזבל האט ניט געקאנט זיין גענייגט אפצולעדיגען איהר פלאץ מיט׳ן גוטען ווילען. דער וועג אנצוהאלטען דעם פלאץ איז נאטירליך געגאנגען איבער די טויטע קערפערס פון איהרע אייגענע אייניקלעך און קרובים. אויך פאר דעם שרעקט זיך ניט אפ די אמביציעזע קעניגס־טאכטער. עתליה הייסט דערמארדען אלע פרינצען פון דוד׳ס הויז און זעצט זיך אליין אויף דעם טראן, וועלכער איז געבליבען הפקר. ס׳איז דער איינציגער פאל, אז א פרוי זאל האבען געהאלטען דעם טראן אין ישראל. זעקס יאהר (836—842) האלט עתליה אן איהר ממשלה אין ירושלים (מלכים ב, י״א).

ס׳איז ניט קיין צופאל וואס איהר מפלה קומט דורך די כהנים פון בית־המקדש. ווי באלד אז אין דער צפון־מלוכה איז אויסגעראט געווארען דאס הויז פון עמרי און מיט איהם דער בעל־קולט, האט די התראה פון שומרון ניט געקאנט בלייבען אהן א רושם אין דעם גרעסטען הייליגטום פון יהודה.

דער פרינצעסין יהושבע, א שוועסטער פון קעניג אחזיה, גליקט עס אפ צו ברייגנען אין א זיכערען ארט זיין יונגען זוהן יהואש איידער עס ווערט אויסגעפיהרט דער בלוטיגער באפעהל פון דער קעניגין. זעקס יאהר ווערט דער אינגעל געהאלטען אין פארבארגעניש אין בית־המקדש ביים אויבערכהן יהוידע. דער ספר דברי הימים רופט אן די פרינצעסין יהושבע די פרוי פון דעם כהן יהוידע, א זאך וואס לאזט זיך זעהר גוט גלויבען (דברי הימים ב, כ״ב 11). ענדליך איז זיבענטען יאהר פון עתליה׳ס רעגירונג באשליסט יהוידע, אז די צייט איז געקומען צו האנדלען. ער פארטרויט דעם סוד צו די קאפיטאנען פון דער לייב־גווארדיע. זיין פלאן איז באגרינדעט אויף דעם אומשטאנד וואס איין טייל פון דער קעניגליכער לייב־גווארדיע באוואכט דעם בית־המקדש און אן אנדער טייל דעם פאלאץ, און וואס שבת בייט זיך די וואך פון בית־המקדש מיט דער וואך פונ׳ם פאלאץ. אט אזוי איז מעגליך צו לאזען שבת א ווייל דעם פאלאץ אהן סאלדאטען און זיי צו פארזאמלען אלעמען אין בית־המקדש. יהוידע באנוצט

אייז שבת די גינסטיגע געלעגענהייט ווען די גאנצע לייב־גוואַרדיע איז אַנוועזענד. ער שטעלט פּלוצלונג פאַר דעם יונגען יהואש פאַר די סאָלדאַטען אלס זייער געזעצליכען קעניג און לאָזט איהם געבען קעניגליכע עהרע. יהואש ווערט דאן געפיהרט אין דעם פּאַלאַץ און ער ווערט געזעצט אויף דעם קעניגליכען טראָן. עתליה ווידער ווערט איבערראשט אינ'ם פּאַלאַץ און מען דער'הרג'עט זי דאָרטען. נאָכדעם ווי זי איז טויט, לאָזט יהוידע דאָס פאָלק זיך מתחייב זיין צו דינען יהוה און ער לאָזט צעשטערען דעם טעמפּעל פון בעל און טויטען זיין כהן מתן.

פון יהואָש'עס לאַנגער רעגירונג, וועלכע האָט לויט דעם ספר מלכים געדויערט 40 יאָהר (796—836), ווייסען מיר צו ווייניג, דאָך אבער מעהר ווי פון מאנכע אנדערע מלכים. אזוי ווי ער איז געווען יונג אין יאָהרען האָט ער אין אָנהויב הפנים געמוזט שטעהן אונטער דער אַפּיטרופּסות פון זיין פעטער דעם כהן. ס'איז זיך לייכט פאָרצושטעלען, אז ער איז אין דער דאָזיגער צייט געווען באַזונדערס איבערגעגעבען דעם יהוה־קולט און האָט שטארק געהאַלטען מיט די שטרעבונגען פון די כהנים (מלכים ב, י"ב 3). אָבער אויך שפּעטער נאָך האָט ער, ווייזט אויס, געשאָנקען דעם בית־המקדש באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט.

דער בית־המקדש נויטיגט זיך אין איבערבויאונגען צוליב געוויסע סיבות, וועלכע ווערען לגמרי ניט דערמאָנט אין ספר מלכים און וועלכע ווערען עפּעס אנגעדייט אויף א ניט־באַפרידיגענדען אופן אין דברי הימים (ב, כ"ד 7). יהואש אראנזשירט, אז דאָס גאנצע געלט וואָס קומט אַריין אין דער קאסע פון בית־המקדש זאָל געהערען צו די כהנים, דערפאר אבער זאָלען די כהנים מאכען פון זייערע הכנסות אַלע נויטיגע פארבעסערונגען אינ'ם בנין פון בית־המקדש. אין א געוויסער צייט ארום ווייזט זיך ארויס, אַז די כהנים האָבען באנוצט פאר זיך דאָס אָנגעקומענע געלט, ניט טוענדיג זייער התחייבות. יהואש פאָראָדערט איצט, אז דאָס געלט, וואָס דאָס פאָלק שענקט אויפ'ן בית־המקדש, זאָל ניט געהן מעהר צו די כהנים. ביים אַריינגאַנג פון בית־המקדש זאָל אוועקגעשטעלט ווערען א קאסטען, וואו מ'זאָל אריינלעגען אַלע מתנות פונ'ם פאָלק. פון צייט צו צייט מוז דער קאנצלער אויסלעדיגען דעם קאסטען און אוועקגעבען אלץ וואָס געפינט זיך דערין צו די בעלי־מלאכות, וועמען מ'האָט איבערגעגעבען צו האַלטען אין א גוטען מצב דעם בנין פון בית־המקדש (מלכים ב, י"ב).

לויט דעם באריכט האָט יהואש ביז דעם 23טען יאָהר פון זיין רעגירונג ארויסגעוויזען גרויס איבערגעבענקייט צו דעם יהוה־קולט און צום

בית־המקדש. עס מוז אונז דערפאר שטארק חידוש'ען, וואס אין דברי הימים ווערט דערצעהלט וועגען א רעאקציע אין דער שפעטערער צייט פון זיין רעגירונג. נאך יהוידע'ס טויט זאל יהואש זיך האבען גענומען זוכען אפגעטער. ער זאל אפילו האבען הינגעריכטעט יהוידע'ס זוהן, דעם כהן זכריה, ווייל יענער האט גע'מוסר'ט דאס פאלק פאר זיינע זינד (דברי הימים ב, כ"ד 17—22). דאך איז דער גאנצער סטיל ווי אזוי דער ספר דברי הימים האט אומגעענדערט די פריהעריגע געשיכטע פון דעם דאזי־גען קעניג, א שטארקער ארגומענט זיך ניט צו פארלאזען אויף איהם אין דעם פאל.

פארקעהרט ווידער זעהט אוים צו זיין גוט באגרינדעט די ווייטעריגע ידיעה אין דברי הימים, אז יהואש האט געהאט שטארק צו ליידען פון אן איבערפאל פון די סיריער. דער איבערפאל האט געווים א נאהנטע שייכות צו די צרות, וואס די סיריער האבען דאמאלסט אנגעטאן דעם קעניגרייך פון צפון. דער אופן ווי אזוי דער איבערפאל קומט פאר איז גלייכצייטיג אויך א סימן, ווי טיף געזונקען יהודה'ס מאכט איז דאמאלסט געווען. ביי איינער פון זיינע עקספעדיציעס מאכט חזאל א מינע, אזוי ווי ער וואלט וועלען פון גת אוים מארשירען אויף ירושלים, און יהואש האט קיין אנדער ברירה ניט ווי זיך אויסצוקויפען דורך א רייכען טריבוט פון דעם אוצר פון בית־המקדש און פון פאלאץ. יהואש געפינט זיין טויט דורך א קאנספיראציע, וועגען וועלכער דער ספר דברי הימים גיט אונז מאנכע אינטערעסאנטע פרטים. עס קאן גריילעך זיין, אז דער ספר דברי הימים איז גערעכט ווען ער פארבינדעט די קאנספיראציע דירעקט מיט זיין שענדליכער אונטער־ווארפונג אונטער חזאל'ן. דער מצב איז בכלל געווען אזא טרויעריגער, אז עס זיינען געווען גענוג אורזאכען פאר אומצופרידענקייט.

זיין נאכפאלגער ווערט זיין זוהן אמציה (782—796). ער לאזט הינ־ריכטען די מערדער פון זיין פאטער, און עס ווייזט אוים, אז ער איז געווען דער ערשטער, וואס האט ביי אזא משפט געבראכען מיט דעם אלטען פרינ־ציפ פון פויסט־רעכט, לויט וועלכען מ'האט גענומען נקמה פאר בלוט ניט בלויז פון דעם מערדער אליין, נאר מ'האט צוזאמען מיט איהם אויך אויס־געראט זיין גאנצע משפחה. דאס איז א בפירוש'ע ראיה פאר דעם, אז עס האט זיך שטארק באוועגט דער גייסט פון א נייער צייט, וואס האט גע־זאלט בולט ארויסברייגנען מילדערע זיטען און העכערע השגות*).

*) מלכים ב, י"ד 1—6. פארגלייך דברים כ"ד 16; יהושע ז 24; מלכים ב, ט 26; שמואל ב, כ"א 1.

דער שווערסטער פון אלע קלעפּ, וואָס האָבען געטראָפען יהודה אין דער לעצטער צייט, איז אָהן אַ ספק געווען דער פאַרלוסט פון אדום. יהודה איז דערמיט געווען אָפּגעשניטען פון איהרע וויכטיגסטע האַנדעלס־פאַרבינדונ־גען אין דרום. ס׳איז דערפאַר אַ סימן פון אַ ווידער־פאַרשטאַרקונג, וואָס עס האָט זיך איינגעגעבען אמציה׳ן ווידער צו אונטערוואַרפען די אדומים. וועלכע זיינען זינט יהושפט׳ס טויט געווען זעלבשטענדיג. ס׳איז אויף יע־דען פאַל אַ פראַגע, ווי גרויס ס׳איז געווען דער שטח וואָס אמציה האָט אונטערוואַרפען, מחמת פון דעם אופן ווי עמוס רעדט פון די אדומים קאָן מען ניט ארויסטראָגען דעם איינדרוק, אַז גאַנץ אדום איז אין יענער צייט געווען באהערשט פון יהודה. עס ווייזט אויס, אַז אמציה האָט דורך אַ נצחון באקומען אונטער זיין רשות הויפּטזעכליך דאָס לאַנד אין מערב־זייט פון דער ערבה מיט דער הויפּטשטאָדט סלע (פּעטראַ?) און דעם האַפען אילת. דער עיקר איז דאָ פאַר יהודה געווען דער האַפען.

אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם, ענדיגט דער קעניג זיין לעבען אַזוי ווי זיין פאָטער. אַ קאָנספּיראַציע זוכט איהם צו באַזייטיגען. ער אַנטלויפט אין לכיש, ווערט אָבער דאָרטען ארויסגעגעבען און געטויט פון די בונ־טאָווּשטשיקעס. די סיבה פונ׳ם אויפשטאַנד איז אויך דאָ גרינג צו פאַר־שטעהן. אמציה האָט געמוזט אויסשטעהן אַ גרויסע באליידיגונג און שאַנד פאַר זיין לייכטזיניגע ארויספאָדערונג צום קריג, וואָס ער האָט געשיקט צו זיין שכן דעם קעניג יואש פון ישראל. ער האָט דורך דעם פאַרלאָרען אַסך פון זיין איינפלוס און האָט קענטיג אויך אָנגעוואָרען אַ טייל פון זיינע לעצטע געווינסען. דער פאָדים פון דער דערצעהלונג פיהרט אונז דערמיט ממילא צוריק צו דער צפון־מלוכה.

## יהוא און זיינע נאָכפאָלגער ביז ירבעם דעם צווייטען.

די מלחמה וואָס יהורם בן אחאב פון ישראל האָט אונטערנומען נעגען די סיריער צוליב רמה אין גלעד האָט געבראַכט דעם ביטערען גורל פאַר איהם גופא און פאַר עמרי׳ס גאַנצע דינאַסטיע. דער פאַקט אָבער וואָס עס האָט איבערהויפּט געקאָנט קומען צו דער מלחמה האָט אונז געדינט אלס באווייז, אַז ישראל איז אונטער יהורם׳ס רעגירונג ביסלעכווייז גענוג פאַר־שטאַרקט געוואָרען, כדי צו קאָנען לכל הפחות ארויסווייזען אַ ווידערשטאַנד נעגען די סיריער. דער ווידערשטאַנד איז נאָר מעגליך געוואָרען דורך די

שווערע אטאקעס, וואס דמשק האט געהאט אויסצושטעהן פון אשור. זיך צו שטעלען אנטקעגען אשור גופא האט ישראל ניט געקאנט וואגען, באַזונדערס נאך די ערפאהרונגען פון דער לעצטער צייט. גיכער האט ישראל געקאנט האפען צו ציהען נוצען פון אשור'ס שטעלונג צו דמשק — נאַטירליך נאר ווען מ'האט אין שומרון זיך געמאכט ניט זעהענדיג ווי אזוי מ'האט זיך דערמיט אריינגעשניטען אין אייגענעם פלייש. אט אזוי געפינען מיר דערמאנט אויך יהוא „דעם זוהן פון עמרי" פון ישראל צווישען די פירשטען, וועלכע האבען זיך אונטערוואַרפען אין יאהר 842 אונטער דעם מעכטיגען קעניג שלמנאסר דעם צווייטען (824—859) ביי זיינעם א נייעם פעלד־צוג געגען דעם מערב*). און אויף שלמנאסר'ס אבעליסק שטעהט א בילד פון די אידישע געזאנדטע, ווי זיי ברייגגען צו אשור יהוא'ס טריבוט, וואס באשטעהט פון שטיקער גאלד און זילבער, גאלדענע כלים און דאסגלייכען**). די אורזאך פון שלמנאסר'ס נייער עקספעדיציע געגען דמשק, ווייסען מיר ניט. אבער ס'איז גרינג זיך מ'שער צו זיין, אז די סיבה איז געלעגען אין די פארהעלטענישען פון סיריען גופא, איבער וועלכע מען איז געווען גענוי אינפארמירט אין נינוה, באזונדערס אין דעם טויט פון דעם פאר'עקשנ'טען בן־הדד, וועלכער האט זיך דריי מאל געשטעלט אנטקעגען אשור, און אין דעם שטרייט צווישען דמשק און שומרון. ווארים אויב אשור האט געוואלט אויף שטענדיג זיין זיכער מיט דעם צוגאנג צי'ן מיטעללענדישען ים, האט דמשק אום יעדען פרייז געמוזט אונטערוואַרפען ווערען.

ביי דער שטעלונג וואס ישראל האט אין דער לעצטער צייט פארנומען געגען דמשק, לאזט זיך באגרייפען וואס יהוא (842—814) האט אויסגענוצט די געלעגנהייט פון שלמנאסר'ס א פעלד־צוג געגען זיין פיינד חזאל'ן, כדי צו קריגען אשור פאר א פריינד. אהן ספק האט ער געקאנט מאכען א

---

*) פאקטיש געפינט זיך יהוא ביים איבערנעמען די רעגירונג אין א צושטאנד פון קריג מיט ארם. ס'איז בכן ניט אוממעגליך, אז אויב ער האט דערווארט אז אינערליכען ווידערשטאנד איז די לאגע געווארען פאר איהם קריטיש.

**) דער נוסח פונ'ם אשורישען טעקסט איז ווי פאלגט: „אין דעם אכצעהנטען יאהר פון מיין רעגירונג בין איך דעם זעכצעהנטען מאל אריבערגעגאנגען דעם פרת. חזאל פון דמשק האט זיך פארלאזען אויף דער גרויסער צאהל פון זיינע מחנות... דעם סאנירו (שניר־חרמון) האט ער געמאכט פאר זיין פעסטונג. ער איז אנטרונען געווארען צו ראַטעווען זיין לעבען. איך האב איהם נאכגעיאגט און האב איהם איינגעשלאסען אין דמשק... דאמאלסט האב איך עמפאנגען דעם טריבוט פון די צורים, צידונים און פון יהוא דעם זוהן פון עמרי."

דאפעלטען געברויך פון אזא פעסטער שטיצע ווי אשור, ביי די פארהעל־טענישען פון זיין אייגענעם קעניגרייך. ווארים מיר וועלען קיין טעות ניט מאכען, אויב מיר וועלען אננעמען, אז שלמנאסר'ס עקספעדיציע געגען סיריען פון יאהר 842 איז געפאלען אין א צייט, ווען מ'האט נאך אין ישראל געקאנט זעהן אומעטום די שפורען פון דער שרעקליכער בלוט־באד. מיט וועלכער יהוא האט זיין טראן געקויפט. יהוא האט געמוזט באשטייגען דעם טראן ערשט א קורצע צייט פריהער.

עס האט דעריבער געמוזט זיין נאך מעהר צרה'דיג פאר יהוא'ן, וואס שלמנאסר'ס פעלד־צוג געגען סיריען האט דורכאויס ניט געהאט דעם ער־פאלג וואס מ'האט פון איהם דערווארט. עס גליקט פאקטיש ניט אפ דעם גרויסען קעניג צו ערראבערען דמשק. חזאל האלט אויס געגען אשור איצט און אויך דריי יאהר שפעטער (839) געגען שלמנאסר'ס א נייער אטאקע. שלמנאסר מוז זיך צוריקציהען פון דמשק, ניט האבענדיג דערגרייכט זיין ציל. דער נאטירליכער רעזולטאט פון דער באפרייאונג פון דמשק איז, וואס די סיריער ווארפען זיך ארויף אויף ישראל מיט א דאפעלטער צע־רייצטקייט. עס הייבט זיך איצט אן פאר ישראל א צייט פון שרעקליכע צרות און דערנידעריגונגען דורך ארם. פון די, צום באדויערען זעהר מאַ־גערע, באריכטען פון ספר מלכים קאנען מיר זיך אנשטויסען ווי גוט באַ־גרינדעט א דערצעהלונג איז געווען, וועלכע איז דאמאלסט ארומגעגאנגען וועגען דעם נביא אלישע. אלישע איז אין דמשק און גיט אן אנצוהערע־ניש חזאל'ן, אז דער קראנקער בן־הדד וועט באלד שטארבען. דער נביא ברעכט דאן אויס אין א געוויין. אויף חזאל'ס פראגע, פארוואס ער וויינט, ענטפערט ער איהם: „איך וויים וואסערע צרות דו וועסט אנטאן די קינ־דער פון ישראל. זייערע פעסטונגען וועסטו אין פייער פארברענען, זייערע בחורים וועסטו מיט'ן שווערד דער'הרג'ענען, זייערע עופה'לעך וועסטו צע־שמעטערען, זייערע שוואנגערע פרויען צערייסען"*).

אונזער ספר מלכים, וועלכער ווייסט צו דערצעהלען אזוי באריכות ווע־גען יהוא'ס נקמה אן עמרי'ס הויז, גיט איבער יהוא'ס פארהעלטעניש צו דמשק מיט אן ערשטוינליכער קורצקייט אין פאלגענדע ווערטער: „אין יענע טעג האט יהוה אנגעהויבען אפצושניידען פון ישראל: און חזאל האט זיי געשלאגען אין דעם גאנצען גבול פון ישראל". און א שפעטערע הוספה דערצו זאגט אונז, אז דער גאנצער עבר־הירדן ביז צום ארנון איז געפאלען

*) מלכים ב, ח 12. זעה אויך אויבען ז. 208.

אין די הענט פון די סיריער (מלכים ב, י 32 און 33). ס'איז העכסט וואהר־שיינליך, אז נאך דער אשורישער צוריקציהונג פון דמשק האט חזאל אונ־טערנומען א רייה אטאקעס געגען יהוא זיך נוקם צו זיין אן איהם. מיט וואס פאר אן אכזריות די סיריער זיינען זיך באגאנגען אין ישראל, קאנען מיר זעהן ניט בלויז פון די אויבען ציטירטע ווערטער וואס מ'האט אריינגעלעגט אלישע'ן אין מויל: מיט דערזעלביגער דייטליכקייט באציהט זיך עמוס, אין אביסעל א שפעטערער צייט, אויף ארם'ס אומדערבארימליכער נקמה אן ישראל. „זיי האבען געדראשען גלעד מיט אייזערנע שליטענס"*). דערצו ווערט ישראל'ס נויט אויסגענוצט פון זיינע רויב־ און נקמה־דורשטיגע שכנים. די פלשתים, צורים, ארומים און עמונים רייסען זיך אריין רויבענדיג אין ישראל, ספעציעל אין דעם עבר־הירדן וואס האט אזויפיעל געהאט אויסצושטעהן פון ארם, און שלעפען אוועק אסך געפאנגענע**). אומזיסט האט מען זיך אין שומרון געקאנט פרעגען, וואו איז געבליבען דער אשורי־שער בונד־ברודער און באשיצער? פון שלמנאסר'ן האט מען קיין זאך ניט געקאנט דערוואַרטען צוליב די פיעל מלחמות, וואס ער האט געהאט צו פיה־רען אין אנדערע עקען פון זיין קעניגרייך.

דערזעלביגער מצב, טיילווייז נאך ערגער איידער אונטער יהוא'ן, האט געמוזט אנהאלטען אונטער זיין זוהן יהואחז (797—814). אויך זיין צייט האט עמוס געמוזט האלטען אין זינען אין ערשטען קאפיטעל פון זיין בוך. אפילו אונטער יהוא'ס אייניקעל יואש ווערט נאך דערמאנט וועגען רויבער־באנדעס פון מואב, וועלכע רייסען זיך אריין אין ישראל, און דערצו ווערט גערעדט וועגען דעם ווי פון א גאנץ געוועהנליכער זאך (מלכים ב, י"ג 20).

אונטער יהוא'ס זוהן יהואחז, פיליכט אבער ערשט אונטער יהואחז'עס זוהן יואש, באשטייגט א נייער קעניג דעם טראן פון דמשק (אין די יאהרען צווישען 810 און 800). חזאל'ס שטעל פארנעמט זיין זוהן, בן־הדד דער דריטער (מלכים ב, י"ג 24). דורך איינעם פון זיי, וואהרשיינליך נאך דורך חזאל'ן, ווערט יהואחז אזוי צעשלאגען, אז עס בלייבען איהם נאר 50 רייטערס, 10 רייטוועגען און 10,000 מאן פוסגעהער (מלכים ב, י"ג). צוליב דער קורצקייט, מיט וועלכער דער שרייבער פון ספר מלכים גיט דא איבער די פאקטען, איז צומאל ניט קלאר, ווער פון די סירישע מלכים עס האט

---

*) עמוס א 3. אז חזאל האט זיך ניט באשרענקט אויף ישראל, נאר האט דאסזעלביגע אויך געטאן אין יהודה, האבען מיר שוין געזעהן אויבען ז. 216.

**) עמוס א 6—15. מכות די פלשתים זעה אויך ישעיה ט 11.

אזוי באשרענקט יהואחז׳עס זעלבשטענדיגקייט. ווארים ס׳איז דערפון צו זעהן בפירוש, אז יהואחז איז נאך דער מפלה געווארען ניט מעהר ווי א וואסאל פון דעם קעניג פון דמשק. עס זעהט אויס, אז דער שרייבער פון ספר מלכים האט געוואלט דערצעהלען פון ישראל׳ס שאנד ניט מעהר ווי ס׳איז געווען אומבאדינגט נויטיג פארטצוזעצען דעם היסטארישען פאדים. מ׳מוז לויט דעם אננעמען, אז דאס איז געווען דער סוף פון א לאנגער רייה פון אומגליקליכע מלחמות, וואס יהואחז און נאך איהם פיליכט נאך יואש, האבען געפיהרט מיט חזאל׳ן. ערשט נאך חזאל׳ס טויט קומט, ווייזט אויס, א פארלייכטערונג.

פון די אלע מלחמות האט זיך אונז העכסט וואהרשיינליך דערהאלטען אן עפיזאדע, וואס צייכענט זיך אויס דורך א גליקליכען סוף פאר ישראל. צוליב אט דעם גוטען סוף איהרען האט מען זי מיטגעטיילט בפרטות, בעת אסך אנדערע עפיזאדען, וועלכע מיר וואלטען אזוי גערן געוואלט ווי־סען, האט דער שרייבער פון ספר מלכים ניט געהאלטען פאר כדאי צו דערצעהלען פאר די קומענדיגע דורות.

מיר ווייסען אלס פאקט, אז אלישע הנביא האט געלעבט אין דער צייט פון אט די אומגליקליכע מלחמות מיט ארם און האט זיי אליין דורכגעלעבט. ער לעבט נאך א געוויסע צייט אונטער יהואחז׳עס זוהן יואש. ער איז זעהר חשוב סאי ביים קעניג און סאי ביים פאלק אלס טרייער יועץ און טרייסטער. ער ווערט אנגערופען „ישראל׳ס רייטוועגען און רייטער“. ס׳איז דערפאר ניט אומבאגרינדעט אריבערצוטראגען אויף דער צייט פון יהואחז בן יהוא א דערצעהלונג וועגען די מלחמות מיט ארם, וועלכע שטעהט אין ספר מלכים אין דער געשיכטע פון יהורם בן אחאב, כאטש זי פאסט גאר דארטען ניט (מלכים ב, ו 24 — ז 20).

בן־הדד׳ן האט זיך איינגעגעבען, נאטירליך נאכדעם ווי ער האט באזיגט ישראל אין א שלאכט, צוזוקומען מיט זיין ארמיי ביז צו די טויערן פון שומרון. ער באלאגערט די שטאדט. אינעווייניג ווערט א שרעקליכער הונ־גער. די באפעלקערונג איז פארצווייפעלט. מוטערס קוילען די אייגענע קינדער צו עסען זייער פלייש. דער קעניג, טיף נידערגעשלאגען, טראגט אלס צייכען פון טרויער א זאק אויפ׳ן בלויזען לייב. זיין גאנצער גרימצארן ווארפט זיך אויף אלישע׳ן, וועלכער האט ביז איצט געשאפען אסך מאל ראט און הילף און האט אויך אין דער איצטיגער נויט געהייסען זיך פאר־לאזען אויף יהוה. די האפענונג אויף זיין גאט האט אויך דעם מאל ניט אפגענארט דעם נביא. ער זאגט צו, אז אויף מארגען וועט נעמען א סוף

צו די ליידען... מצורעים, וועלכע האבען זיך אויפגעהאלטען ביים טויער פון שטאדט, וואגען בעסער, איידער זיך איבערצוגעבען דעם הונגער־טויט, זיך ארייגצו׳גנב׳ענען דעמזעלביגען אווענד אין דעם לאגער פון שונא. זיי געפינען איהם לעדיג און זיי מעלדען עס אין שטאדט. אויסקוקערס, וועלכע דער קעניג שיקט ארויס, באשטעטיגען די בשורה. שומרון איז געראטע־וועט.

די סיבה, פארוואס די סירער האבען פלוצלונג אויפגעגעבען די באלא־גערונג, איז ניט קלאר איינצוזעהן. דער דערצעהלער גופא גיט אן, אז די פיינד דערהערט א רעש אין דער לופט און האבען געמיינט, אז עגיפטישע און חתי׳שע ארמייען קומען אן. אזא ארמיי קאן מען זיך היס־טאריש זעהר שווער פארשטעלען. אבער הגם דער דערצעהלער דריקט זיך דא אויס היסטאריש ניט גענוי, קאן מען דערפון בלויז דרינגען, אז ער דער־צעהלט דורכאויס אין א פאלקסטימליכען אופן און ער שטעהט ווייט פון די וועלט־געשעהעניסען. עס וואלט אבער זיין א טעות נאך ווייטער צו געהן און אנצונעמען, אז די גאנצע עפיזאדע האט ניט פאר איהר יסוד קיין שום היסטארישע פאסירונג. צי מיר האבען א רעכט ארייגצושטעלען די אשורים אויפ׳ן שטעל פון יענע עגיפטער און חתים, איז נאטירליך שווער צו באַ־שליסען. אנפאלען פון אשור אין סיריען זיינען זיכער פארגעקומען אויך אונטער יהואחז׳ן. אט אזוי האט אדאדניראַרי דער פערטער (782—810) אונטערוואָרפען ארום יענער צייט דעם גאנצען סירישען מערב, אריינרעכע־נענדיג אויך ישראל און דמשק אונטער קעניג מארי. אבער שוין ניט רייי־דענדיג פון דער פארשידענקייט פון די נעמען פון די סירישע מלכים, איז בכלל גוט צו זיין פארזיכטיג מיט אזוינע השערות. אראבישע אנפאלען האַ־בען געמעגט דאן פארקומען אחוץ די אונז באקאנטע פעלד־צוגען פון די אשורישע מלכים. און אויסער דעם זיינען געווען גענוג אורזאכען אין די אומרוהיגע פארהעלטעניסען פון יענע טעג, וועלכע הארען געקאנט באווע־גען א סירישע ארמיי אויפצוגעבען שנעל די באלאגערונג פון א שטאדט.

אונטער אלע אומשטענדען אבער האט די באנייאונג פון די אשורישע אטאקעס געגען סיריען דורך אדאדניראַרי דעם פערטען געבראכט א פאר־לייכטערונג פאר ישראל. אדאדניראַרי ערשיינט פאר דמשק און ברייננט דערצו, אז איהר קעניג מארי צאהלט איהם טריבוט*). מיר טרעפען טאקע

*) אויך צור, צידון, דאס לאנד פון עמרי (ישראל), אדום און פלשתים, רע־בענט אוים אדאדניראַרי די וואס האבען זיך אונטערוואָרפען אונטער איהם.

באלד יהואחז'עס זוהן און נאכפאלגער י ו א ש פון ישראל (781—793) איז אין ערפאלגרייכער מלחמה מיט סיריען. אונטער איהם נאך, דעם אייניקעל פון יהוא, לעבט אלישע, הויך איז עלטער, און, נאך דעם וואס איז געשעהן אונטער יהואחז'ן, מיט א דאפעלטען גרונט פארעהרט פון קעניג אלס פאטער. איידער ער שיידט זיך פון דער וועלט, זאל ער האבען פארשפראכען דעם טרויערענדיגען קעניג נאך נצחונות איבער ארם. פאקטיש ניט עס זיך איין יואש בן יהואחז. לויט דעם באריכט פון ספר מלכים, צוריקצונעמען פון די סיריער די שטעדט, וואס זיי האבען אוועקגערויבט פון זיין פאטער יהואחזן*).

יואש בן יהואחז איז, ווייזט אויס, אויך אחוץ דעם געוועזען א מאן, וואס האט געהאלטען דעם שווערד פעסט אין האנט און דאס הארץ געהאט אויף דעם ריכטיגען ארט. לכל הפחות טרעט ער אזוי אויף פאר אונז אין דעם איינציגען אומשטאנד, וואס ווערט נאך מיטגעטיילט וועגען איהם. אמציה פון יהודה, וועלכער האט רעגירט גלייכצייטיג מיט איהם (פון 796 אן) האט הפנים געקוקט קרום, וואס די צפון־מלוכה האט זיך ענדליך באפרייט פון'ם סירישען יאך. אגב האבען אייניגע ערפאלגרייכע אונטערנעמונגען פארשטארקט זיין גדלות. ער ברעכט דערפאר אפ די פרידליכע באציהונגען, וואס זיינען שוין הונדערט יאהר באשטאנען צווישען דיביידע שכנות'ע מלוכות. עס קאן זיין, אז דער באריכט וועגען אמציה'ס און יואש'ס האלטונג האט באקומען איהר צופארבונג פון אפרים. דאך מוז דער פאקט זיין ריכטיג איבערגעגעבען, אז אמציה האט געוואלט דעם קריג און האט איהם ארויסגערופען. יואש דרינגט אריין אין יהודה. ביי בית־שמש ווערט אמציה געשלאגען און געפאנגען. ירושלים גופא מוז איהם עפענען די טויערען און ווערט אויסגעראבירט. מ'גיט יואש'ן לעבעדיגע משכנות, דערצו נאך גיט מען איהם דאס רעכט אראפצורייסען א שטיק פון שטאדט־מויער (מלכים ב. י"ד 8—14). אסך פון דעם וואס אמציה האט געוואונען איז וואהרשיינליך דערמיט ווידער צו גארנישט געווארען.

אין נאך א גרעסערער מאס ווי יואש איז זיין זוהן ירבעם דער צווייטער באשאנקען געווען מיט גליק און ערפאלג. זיין רעגירונג, וועלכע האט

---

*) מלכים ב, י"ג 14—20, 25. ווי דער בן־הדד דער דריטער פון דער ביבעל פארהאלט זיך צו דעם מארי פון די אשורישע אויפשריפטען, איז ניט קלאר. מ'דארף אננעמען, אז ביידע נעמען באדייטען איין פערזאן.

געדויערט לויט דעם ספר מלכים 41 יאהר (40 — 781), האט געבראכט אפרים אזא מאכט און אזא גלאנץ, וועלכע מ'האט שוין זינט א לאנגער צייט ניט געזעהן. דער ספר מלכים גיט וועגען דעם א קורצען באריכט וואס איז פול מיט באדייטונג: „ער האט אויפגעשטעלט דעם גרעניץ פון ישראל פון דעם אריינגאנג קיין חמת ביז צום ים פון דער סטעפע (ים־הערבה, ים־המלח)".*) דאס האט זיך איינגעגעבען ירבעם'ען ניט בלויז דורך זיינע אייגענע מעשים. נאר איז א גרויסען טייל דורך גינסטיגע אומשטענדען. דער גרויסער קלאפ וואס אשור האט אונטער אדאדניראַרי דערלאנגט דמשק, האט אויך איהם געמוזט צוניץ קומען. דערצו איז נאך יענעם קלאפ געקומען א צווייטער אונטער שלמנאסר דעם דריטען (772—781). שלמנאסר האט קיין גרויסען ערפאלג ניט געהאט: אבער עס ווייזט אויס, אז ער האט פארט פאראליזירט דמשק, לכל הפחות פאר דעם מאמענט. אויף אזוי ווייט, אז זי האט מעהר ניט געקאנט באטראכט ווערען אלס ערנסטער געגנער פאר ישראל. ס'איז אפילו איינגעטראט[?]ן באלד א פעריאדע, ווען די גרויסע מלכים פון אשור האבען זיך געהאלטען פון מערב פון דערווייטענס. א רעוואלוציע וואס האט איז יאהר 763 זיך צעשפרייט איבער גאנץ אשור, האט אונטער אשורדאן דעם דריטען (754—771) ווידער געגעבען דמשק א פרייע האנט. אבער זי האט שוין געמוזט זיין צופיעל אפגעשוואכט זיך צו קענען שטעלען אנטקעגען דעם קראפטפולען ירבעם. אחוץ דעם, אויב ירבעם האט געוואלט האבען אלס זיין אייגענס אויך די דרום־העלפט פון עבר־הירדן, האט ער געמוזט אונטערווארפען די מואבים, וועלכע זיינען דארטען געווען אריינגעדרונגען זינט יהורם בן אחאב. עס ווייזט אויס, אז אויך דאס האט זיך איהם איינגעגעבען.

פאקטיש זיינען די גרעניצען פונ'ם קעניגרייך ווידער געווען כמעט אזוי אויסגעשפרייט ווי אין דוד'ס צייט. אויב דער באריכט פון ספר מלכים איז ריכטיג. דערצו נאך איז ישראל געווען מעכטיג און איז פון קיינעם ניט געווען אטאקירט — א צושטאנד וואס האט ניט עקסיסטירט שוין זינט שלמה'ס טעג. מיר טארען אבער דערביי ניט פארגעסען, אז ירבעם'ס ערפאלגען זיינען געווען מעגליך אויף אזוי ווייט נאר, ווען אשור האט איהם געגעבען א פרייע האנט. דאס איז געווען דער פאל אונטער

---

*) מלכים ב, י"ד 25. פארגלייך אגב עמוס ו 14. דער צוגאנג צו חמת איז ניט חמת גופא, נאר די פארטיפונג צווישען דעם חרמון און לבנון. פסוק 28 איז א שפעטערדיגע אויסמאלונג.

אשורדאן דעם דריטען און נאָך מעהר אונטער דעם פרידליכען און ניט־טעטיגען אשורניראַרי דעם פערטען. מאַנכע האָבען אפילו אַנגענומען בטעות נאַטירליך, אַז ירבעם האָט אין בונד מיט עוזיהו פון יהודה גע־קאָנט אין יענער צייט וואָגען אויסצושפּרייטען זיין ממשלה אין סיריען אויף די קאָסטען פון די אשורים. ווי די פּרטים זאָלען ניט געווען זיין. איז די רעגירונג פון ירבעם דעם צווייטען געווען אַ בליהענדיגע צייט פאַר דאָס קעניגרייך. נעבעי דער פּאָליטישער מאַכט לגבי דער דרויסענדיגער וועלט הערשט אינעווענינג אַ פּראָספּעריטעט, וואָס האָט ביי די הערשענדע קלאַסען געקאָנט לייכט דערוועקען דעם געפיהל פון גאָט'ס באַזונדערער לייטזעליגקייט צו ישראל. אויף אָט דעם הינטערגרונט האָבען מיר זיך פאַרצושטעלען די אויפטרעטונג פון עמוס און הושע. אויך בנוגע צום גייסטיגען לעבען איז די צייט זעהר אַ בליהענדיגע: דער פאָלגענדער אי־בערבליק איבער דער געשריבענער ליטעראַטור פון יענער פּעריאָדע וועט אונז ווייזען, אַז אונטער ירבעם'ען האָבען וויכטיגע שריפטען באַרייכערט די ליטעראַטור און דאָס גייסטיגע לעבען פון ישראל. מיט די קורצע נאָ־טיצען פון'ם ספר מלכים וואָלטען מיר ניט געקאָנט אונטערנעמען צו צייכענען מיט לפי־ערך פעסטע שטריכען דאָס בילד פון ירבעם'ען און זיין צייט. צום גליק האָבען מיר אחוץ דעם ספר מלכים נאָך אַ קוואַל פון ידיעות, וואָס גיט אונז אַ מעגליכקייט עס צו טאָן. דורך איהר באַקומט די פאַרבלאַזע סקיצע פון ספר מלכים רייכע, זאַפטיגע פאַרבען־טענער — דאָס זיינען די ביכער פון די נביאים עמוס און הושע.

מיר וועלען מיט זיי זיך נאָך שפּעטער באַשעפטיגען.

צווייטע אפטיילונג.

ר. קיטעל

# דאס אידישע לעבען אין דער צייט נאך שלמה'ן

## 1.

## לעבען און קולטור.

### דער אופן פון לעבען.

די באשעפטיגונג פון גרעסטען טייל פון פאלק בלייבט אין פרידליכע צייטען ערד־ארבייט. נאר אין געוויסע טיילען פון לאנד, וועלכע זיינען לויט זייער נאטור מסוגל דערצו, ווי א שטייגער אין דרום־יהודה און אין עבר־הירדן, האט נאטירליך נעבען דער ערד־ארבייט זיך דערהאלטען די האדעוואניע פון בהמות. האנטווערק און קונסט האבען זיך ווייניג אנטוויקעלט אחוץ אין די שטעדט, און אויך דארטען ניט אין קיין גרעסערען סטיל. אלע זאכען וואס זיינען אנדערש ווי די זאכען פון געוועהנליכען הויז־פארברויך ווערען דאס רוב געבראכט פון פרעמדע לענדער אדער ווערען געמאכט אין לאנד דורך פרעמדע קינסטלער. מען איז געווען אין דער לאגע זיך צו באנוצען מיט דעם דינסט פון פרעמדע, זינט שלמה'ס האנדעלס־פארבינדונגען האבען געבראכט געלט אין לאנד. אויך אין די שלעכטע צייטען, וואס זיינען געקומען נאך איהם, זיינען קיינמאל אין גאנצען ניט אויסגעטריקענט געווארען יענע געלט־קוואלען, וועלכע זיינען דורך איהם געעפענט געווארען. דער איינציגער אומגליקס־פאל ווי דער אונטער יהושפט'ן, באווייזט נאר ווי שטארק מ'האט געזוכט אויסצונוצען די גינס־

טיגע לאַגע פון כנען פאַר דעם האַנדעל. די סירישע סוחרים האָבען געהאַט זייער אייגענעם קוואַרטאַל אין שומרון, די סוחרים פון ישראל האָבען פון אחאב'ן אַז געהאַט זייער אייגענעם קוואַרטאַל אין דמשק (מלכים א, כ 34). די אידישע סוחרים האָבען געוויס זיך באַלד באַזעצט אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער צאָהל אויך אין אַנדערע לענדער און הויפּטשטעדט. דער בונד מיט צור אונטער אחאב'ן האָט זיכער געדינט אויך פאַר האַנדעלס-פּאָלי־טישע אינטערעסען. אַ לעבעדיגער האַנדעלס-פאַרקעהר מיט עגיפּטען האָט געמוזט עקסיסטירען פון שלמה'ן אָן. דאָס ווייזען אונז באַזונדערס יענע שטעלען אין די מעשיות פון די אבות, אין וועלכע ס'איז צו זעהן אַז אינ־טימע באַקאַנטשאַפט מיט עגיפּטישע פאַרהעלטעניסען.

דאָס פעסטהאַלטען זיך אַן דער מאָנאַרכישער קאָנסטיטוציע, דער שטענדיגער מוז צו פיהרען מלחמות און די ווייטערע אַנטוויקלונג פון מסחר, דאָס אַלץ צוזאַמען העלפט דעם וואוקס פון שטאָדטישען לעבען. נעבען די קעניגס־שטעדט ירושלים, תרצה, שומרון געפינען מיר אין פאַר־לויף פון דער צייט אַ גאַנצע רייה פון באַפעסטיגטע שטעדט, אַלטע און אויך ניי־צוגעקומענע, ווי שכם, פנואל, רמה, לכיש*). יזרעאל ווערט אונטער אחאב'ן אַ מין צווייטע רעזידענץ פון די מלכים פון ישראל. דאָס לעבען אין שטעדט און דער האַנדעל, וועלכער האָט וואָס ווייטער זיך אַלץ מעהר צעבליהט, און אין וועלכען די אידען האָבען וואָס ווייטער אַלץ מעהר אַנ־טייל גענומען**), האָבען אַרויסגעבראַכט אַ פאַרמעגליכען קלאַס פון ביר־גער און באַאַמטע. דער אַלטער איינפאַכער זאַרט לעבען פאַרשווינדט דער־מיט אין אַ גרויסער מאָס און גרויסע עקאָנאָמישע ענדערונגען קומען פאָר. האַנטווערק, קונסט, מסחר, הייזער־בוי האָבען אַלס פאַרבאַדינג אַ געוויסע אָנזאַמלונג פון קאַפּיטאַל. אחוץ דעם פאַרנעמט געלט־ווירטשאַפט אַלץ מעהר און מעהר דעם פּלאַץ פון נאַטוראַל־ווירטשאַפט, און פּריוואַט־אייגענטום פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון דעם אויסשליסליכען אָדער טיילווייזען שותפות'־

---

*) מלכים א, י"ב 25; ט"ו 21, 22; מלכים ב, י"ד 19; י"ח 14 (אין פאַל אויב לכיש געהערט ניט צו די פּלשתים). שכם איז געווען צעשטערט, שופטים ט 45.

**) פאַרגלייך עמוס ח 5; הושע י"ב 8, 9 („עשרתי" איך בין רייך געוואָרען). אַז דער האַנדעל איז אַ לאַנגע צייט געלעגען ביי די כנענים אין די הענט, קאָן מען זעהן דערפון, וואָס כנעני איז געבליבען אַ באַצייכענונג פאַר הענדלער (ישעיה כ"ג 8). עס ווייזט אָבער אויס, אַז פון שלמה'ן אָן האָבען די אידען זיך אַלץ מעהר און מעהר באַ־פרייט פון די כנענים און האָבען אויך דעם אינערליכען האַנדעל אריבערגענומען אין זייערע הענט.

דיגען געמיינדע־אייגענטום*). דורך דעם טרעטען בולט'ער ארויס די סאציאלע היפוכים. שוחד און געוואלדטאטען דריקען די אונטערסטע שיכטען: וואוכער און לאנד־פארכאפונג פארמעהרען דאס אייגענטום פון די אויבערסטע שיכטען און פארשארפען נאך מעהר דעם היפוך. דער נאטירליכער פועל־יוצא דערפון איז ביי די רייכע און שטארקע וואוילטאג און לוקסוס דורכגעמישט מיט מאראלישער פארדארבענקייט. די קליינע לייט און די עקאנאמיש שוואכערע זיינען הפקר אין די הענט פון די מאכטהאבער. עס וואקסט שרעקליך די צאהל פון די וואס פאלען אריין אין קנעכטשאפט צוליב זייערע חובות און עס קומט דורך דעם אויף א גרויסער פראלעטאריאט (ישעיה ה 8: עמוס ב 6: ח 4: מלכים ב. ד 1). אט אזוי פארשטעהען מיר פארוואס די נביאים ריידען ניט בלויז אלס שטראפערס געגען דעם אוממאראלישען לעבען פון זייער צייט. נאר זיי טרעטען אויך אויף אלס סאציאלע אגיטאטארס. איז א געוויסען זין אלס תלמידים פון די

*) גאנץ קלאר זיינען די פארהעלטענישען אין אט דעם פרט ניט. נאר מ'קאן זאגען מיט באשטימטקייט, אז די אנטוויקלונג געהט כסדר ווייטער און ביים ענד פון דער פעריאדע, ביי וועלכער מיר שטעהען איצט, איז זי שוין אנגעקומען צו א געוויסען רוה־פונקט. אין ספר הברית (זעה ערשטען באנד ז. 289) איז נאך א פארבאדינג, אז עס הערשט נאך אין גאנצען נאטוראל־ווירטשאפט און אויסטויש פון זאכען (שמות כ"א 36, 37; כ"ב 3—8), אבער מ'ווייסט שוין אויך פון (געוואויגענע) מעטאל־געלט, פונקט ווי אמוראבי און די אמארנא־טאוולען ווייסען שוין דערפון. אט דער דאפעלטער צושטאנד איז הפנים געבליבען אלס כלל, דאך בלי ספק האט דער וואגשאל אלץ מעהר ארא געוואויגען אויף דער זייט פון געלט. פארגלייך אחוץ שמות כ"ב 6, 16; כ"א 32, 35 באזונדערס שופטים ט 4 (אבימלך); י"ז 10 (מיכה'ס כהן); שמואל א. ט 8 (שאול); שמואל ב. כ"ד (ארנן); מלכים א. ט"ז 24 (עמרי קויפט אפ דעם בארג פון שומרון); כ 39 (א טאלענט זילבער); מלכים ב. ה 22, 23 (נחזי); ו 25 (געלט פאר לעבענס־מיטלען); י"ב 11 (הייליגער קאסטען פאר דאס אריינקומענדע געלט). פארגלייך אויך בראשית כ 16; ל"א 15; כ"ג 15, 16. די גרעסערע מסחרים און באזונדערס די טריבוט־צאהלונגען (פארגלייך יהוא, מנחם, חזקיה) ווערען געמאכט אין געלט. — אויך בנוגע דאס לאנד־אייגענטום איז עס ניט אין גאנצען קלאר. שוין אין ספר הברית ווערט אנגענומען, אז אייגענטום פונ'ם יחיד איז אפגעגרעניצט (שמות כ"ב 4). און אין פאל אויב מ'זאל עס אפילו באטראכטען אלס רעזולטאט פון א יעהרליכער פארטיילונג, קאן אבער אויף יעדען פאל אחאב'ס האנדלונג געגען נבות'ן און ישעיה'ס קלאגע איבער די רייכע לאנד־פארכאפערס (ה 8) ניט אנדערש פארשטאנען ווערען ווי נאר, אז פריוואט־אייגענטום הערשט. אבער געוויסע שפורען פון געמיינדע־אייגענטום האבען זיך נאך על־כל־פנים דערהאלטען. לויט מיכה ב 5 דארף מען אננעמען אז עפטערע צעטיילונג פון דער ערד על־פי גורל איז דער געמיינדע־פארזאמלונג. דאסזעלביגע זעהט זיך אויך אין ירמיה ל"ז 12, וואו ירמיה געהט אהיים כדי צו נעמען אן אנטייל אין אזא גורל־ווארפונג.

רכבים, געגען דער גאַנצער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג פון דער צייט. די געגענוואַרט איז פאַרדאָרבען, נאָר אַ גאַנץ נייע צוקונפט קאָן העלפען.

נאַטירליך האָט זיך ביי דער גרויסע מאַסע דערהאַלטען דער איינפאַכער זאַרט לעבען, ספּעציעל אויפ'ן לאַנד און אין די קליינע שטעדטלעך. דער אידישער באַדען איז ניט געווען גענוג רייך פאַר עפּעס אַנדערש. נעבען די הייזער פון געהאַקטע שטיינער און די פּאַלאַצען פון צעדער־האָלץ און העלפאַנטביין פון די רייכע מיט ווייכע זאָפאַס און פאַרשווענדערישע מאָהלציימען*), געפינען מיר דאָס איינפאַכע הויז פון דעם געוועהנליכען, הגם אויך פאַרמעגליכען מאַן; נעבען דער ראַפינירטער לוסט זיך צו פּוצען ביי די רייך־אויסגעפּוצטע מאָדע־פּרויען פון דער הויפּטשטאָדט**) באַגעגענט מען די איינפאַכע קליידונג פון דער אַלטער צייט. מאַנכע באַנוגענען זיך ניט דערמיט וואָס זיי האַלטען אַן די איינפאַכע זיטען פון דער אַלטער צייט. דער קנאי אליהו געהט אַרום אין אַ האָריגען מאַנטעל, פּיליכט בלויז אין דער פעל פון אַ חיה***); די נזירים האַלטען זיך צוריק פון טרינקען וויין און לאָזען ניט קיין שער אַנריהרען זייער קאָפּ; די סעקטע פון די רכבים האָט ניט בלויז זיך אַנטזאַגט פון וויין, דעם העכסטען פּראָדוקט פון ציוויליזאַציע, נאָר פאַר זיי איז שוין געווען אַ זינד דאָס וואוינען אין פעסטע הייזער און דאָס באַאַרבייטען פון ערד****). דאָס האַלטען זיך פעסט אַן דעם נאָמאַדישען לעבען איז פאַר זיי די איינציגע גאַראַנטיע אויפצוהאַלטען די אַלטע אידישע מידות, וועלכע געפעלען גאָט. זיי פּאַרטרעטען דעם קאָנסעקווענטען פּראָטעסט געגען אַלע פאַרדאָרבענקייטען פון דער ציוויליזאַציע, בעת דער פּראָטעסט פון די עלטערע נביאים און די נזירים איז אַ מעהר געמעסיגטער. אָבער סאַי די און סאַי יענע זיינען רעליגיעז־סאָציאַלע רעפאָרמער.

## קולטורעלע השפּעות.

שלמה'ס אויפטואונגען האָבען געקאַנט צוריקגעהאַלטען ווערען דורך

---

*) מלכים א, כ"ב 39; עמוס ג 12, 15; ד 1; ה 11; ו 1—8.

**) ישעיה ג 16—24; עמוס ד 1.

***) מלכים ב, א 8. פאַרגלייך אויך ישעיה כ 2.

****) מלכים ב, י 15; ירמיה ל"ה. זעה אויבען ז. 194. זייער אידעאַל איז ווייזט אויס געווען די סאָציאַלע גלייכקייט פון די נאָמאַדען.

דעם גאנג אויף אראפ פון דער מלוכה: אבער אין גאנצען צו נישט וועדעט האבען זיי ניט געקאנט. סאי די האנדעלס־באציהונגען פון ישראל און יהודה, סאי די דיפלאמאטישע און פאליטישע באציהונגען צום אויסלאנד זיינען ניט געווארען לחלוטין שטיל. מעהר ניט זיי זיינען ניט אנגעגאנגען לעבעדיג אין צייטען פון באזונדערער שוואכקייט און פון די בירגער־קריגען. די קוואלען פאר פארשידענע קולטורעלע השפעות זיינען בכן צו יעדער צייט געבליבען אפען. עגיפטען, צור, דמשק, ציפערן, קרעטא, אראביען, אופיר, תרשיש, און, אהן א ספק אויך אשור זיינען אין דער פעריאדע, ביי וועלכער מיר האלטען, געשטאנען אין א פאליטישער אדער א האנדעלס־פארבינדונג מיט ישראל און יהודה: נאטירליך ניט אלע צוגלייך, אבער אמאל איינע, אמאל די אנדערע, אדער מעהרערע פון זיי צו דערזעלביגער צייט. א מאסע פון איינדרוקען זיינען דורך דעם אויפגענומען געווארען פון דרויסען, און די פרעמדע השפעה, וואס איז שוין דורך שלמה'ן אריבערגעקומען, ווערט איצט פארברייטערט און ווייטער אויסגעבילדעט. גלייכצייטיג האט דאס אידישע לעבען נאטירליך זיך אויך זעלבשטענדיג אנטוויקעלט דורך דעם וואקסענדען רייכטום, דעם העכערען זארט לעבען און דער גייסטיגער טעטיגקייט אין איינגענעם לאנד.

אין איינקלאנג דערמיט הערען מיר, ווי עס וואקסען די שטעדט פון טייערע בנינים געבויט פון געהאקטע שטיינער, וועלכע פארנעמען דעם ארט פון די אלטע הייזער פון ליים און ציגעל. אויך וואסערלייטונגען און אפצוגס־קאנאלען ווערען געבויט. אין די גרעסערע שטעדט קאן מען זעהן נעבען די היימישע סחורות אויך פרעמדע באזארען מיט אויסלענדישע סחורות. פיינע מעטאלען, פערד און וואגענס, זינגער און זינגערקעס, טייערע דעקעס און פרעכטיגע מלבושים, ווענט באשלאגען מיט העלפאנטביין. טייערע זאפעס, פיינע זאלב־אוילען און די אלע פיינע חפצים פון געברויך און פוץ פון די אריסטאקראטישע פרויען פון יענער צייט, ווי ישעיה שילדערט עס — דאס אלץ גיט אונז א קלאר בילד פון א ציוויליזאציע, וואס איז שוין ווייט אוועק אין איהרע פאדערונגען און אין איהרע געווינסען.*)

דאס בילד וואס מיר באקומען פון תנ"ד ווערט באשטעטיגט דורך די

---

*) בנינים פון געהאקטע פיערקאנטיגע שטיינער; ישעיה ט 9 (פארגלייך ה 9, עמוס ה 11); קאנאלען און דאסגלייכען: מלכים ב, י 27; ישעיה ז 3; באזארען: מלכים א, כ 34; פרעמדע גיטער: ישעיה ב 7, 16; זינגער; ישעיה ה 12; עמוס ו 5; ח 3; דעקעס, אוילען, העלפאנטביין; עמוס ו 4—6; מלכים א, 22, 39; פרויען־פוץ ישעיה ג 16—24.

אויסגראָבונגען אין פּאַלעסטינא. אין תענך געהערט צו דער צייט וועלכע מיר באַהאַנדלען דאָ, אומגעפעהר די שיכט 26 און א טייל פון דער דריטער שיכט: אין מגידו די פינפטע שיכט פון שומאַכער. איןביידע שטעלען וויינזט זיך, ווי עס דרינגט אַלץ שטאַרקער אַריין דאָס אייזען אויפ'ן אָרט פון'ם אַלטען פייערשטיין און ווערט באַנוצט צוזאַמען מיט בראָנז. אויך ווערט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט מעהר אַנטוויקעלט די באַאַרבייטונג פון פיערקאַנטיגע שטיינער. עס איז קיין ספק ניט, אַז דאָ האָט געווירקט די השפעה פון די פעניקישע בוימייסטער, וועלכע שלמה האָט גענומען פאַר דעם בנין פון בית־המקדש. אין תענך געהערט צו אָט דער פּעריאָדע פיילייכט אויך דער קטורת־מזבח, אין וועמעס באַצירונגען עס זעהען זיך געוויסע מיקעניש־גריכישע השפעות. אין מגידו געהערט אָהן ספק צו אָט דער פּעריאָדע דאָס שענסטע שטיק פון אַלט־העברעאישער קליין־קונסט וואָס איז ביז איצט געפונען געוואָרען. דער זיגעל פון „שמע עבד ירבעם"*). קענטיג, אַז דאָס איז דער מלוכה־זיגעל פון ירבעם דעם ערשטען אָדער דעם צווייטען, און אַז ער איז יעדענפאַלס געמאַכט געוואָרען אינ'ם לאַנד גופא, ענטוועדער פון א היימישען קינסטלער אָדער פון אַן אויסלענדער, וואָס האָט געלעבט אין כנען. דאָס איז א דייטליכער באַוויז, ווי שטאַרק די היימישע קונסט איז אויך אין יענער צייט באַהערשט געווען פון אויסלענדישע מוסטערן. אין דעם זיגעל פון „שמע" וועגט אַראָפּ די אשורישע השפעה, פאַרקעהרט אבער אין דעם זיגעל פון „אסף", וואָס שטעהט לויט דער צייט נאָהנט צום זיגעל פון „שמע", וועגט אַראָפּ די עגיפּטישע השפעה. מיט אָט די אויסגעגראָבענע קונסט־חפצים, אין וועלכע מ'קאָן אויך מערקען סירישע. פעניקישע און אַנדערע ווירקונגען שטימט ישעיה'ס קלאַגע איבער דער פאַרשפּרייטונג פון פרעמדע איינפלוסען אין יהודה (ישעיה ב 6).

א באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט פאָדערט נאַטירליך אויך דאָ דאָס ג י י ס ט י ג ע לעבען. דורך שלמה'ן האָט דאָס אידישע גייסטיגע לעבען זיך שטאַרק דערהויבען. אויך דאָס האָט די פאָלגענדע שלעכטע צייט ניט געקאָנט צו נישט מאַכען. ווען ישעיה שילדערט אונז דעם שול־לעהרער, ווי ער שרייבט פאָר „אַ זאַץ אויף אַ זאַץ, א שטריך אויף אַ שטריך" און געפינט אויסצוזעצען „דאָ אביסעל, דאָרטען אביסעל"**). לאָזט זיך

*) זעה אויבען ז. 116,115 אין דער באַמערקונג.

**) ישעיה כ"ח 10 („צו לצו, צו לצו; קו לקו, קו לקו; זעיר שם, זעיר שם"). אויף ווי ווייט ווי די ווערטער, וועלכע מאַכען נאָך דאָס פּלאַפּלען פון א שכור, האָבען א זין, מוזען זיי אָט אַזוי פאַרטייטשט ווערען.

דערפון דרינגען ניט נאר, אז מ'לערנט זיך לעזען און שרייבען אין ווייטע קרייזען, נאר אויך, אז עס זיינען שוין פאראנען רעגולערע שולען. שלמה ווערט געריהמט, אז ער האט געשאפען א גרויסע צאהל משלים: אויך אנ־דערשוואו ווערט גערעדט פון שפרוך־דיכטער („מושלים", במדבר כ"א 27). פון פאבלען, פאראבלען און עהנליכע דיכטונגען*). ס'איז פון דעם אלע־מען צו דרינגען, אז די פעריאדע, ביי וועלכער מיר שטעהען איצט, האט געהאט א רייך גייסטיג לעבען, שוין ניט ריידענדיג פון אלץ וואס טרעט אונז אנטקעגען אין דער ליטראטור אדער די זיטען און רעליגיאן פון יענער צייט. אפילו דאס אידישע ליבע־ליד האט ווי עס ווייזט אויס שוין דא־מאלסט געפונען אן אויסדרוק אין איינצעלנע לירישע שאפונגען**): אויך דאס טרויער־ און קלאג־ליד אדער דער פאלקס־ און העלדען־געזאנג און דאס קולט־ליד***) האבען געווים שוין געפונען זייערע התחלות.

אומגעפעהר ביים ענד פון יענער פעריאדע איז אויפגעקומען די שריפט פון'ם אלהי'סט****), וועלכע ווייזט ארוים אין חומש בראשית א גענויע באַ־קאַנטשאפט מיט עגיפטען. דער פאקט דערגענצט דאס וואס מיר האבען פריהער געזאגט און באווייזט אונז, אז אויך אין דער צייט ווען עגיפטען איז פאליטיש געגאנגען אויף אראפ, האט איהר גרויסער אנציה־הונגס־כוח ניט אויפגעהערט צו ווירקען אויף די אידען. באזונדערס אין די ברייטערע קרייזען פון פאלק איז מען מעהר געווען באַקאנט מיט דער נאהנטער עגיפטען איידער מיט דער ווייטער אשור. דערפאר אבער האט אשור געמוזט האבען א דויערענדע ווירקונג אויף די פאליטיקער און אויף די העכערע שיכטען פון דער נאציאן, זינט זיי זיינען אונטער עמרי'ן און זיינע נאכפאלגער געקומען מיט איהר אלץ מעהר אין באריהרונג. מיר האבען אויבען געזעהן*****), אז מיט דער אסימילירונג פון די אלטע

*) מלכים א, ה 12; שמואל א, כ"ד 13; מלכים ב, י"ד 9; פארגלייך ישעיה ח 1.

**) אין שיר השירים ו 4 ווערען ירושלים און תרצה, די הויפטשטעדט פון יהודה און ישראל, אנגערופען אלס די איינציגע שטעדט, און ווערען באטראכט אלס מוסטער פון שענקייט. שומרון איז לויט ישעיה כ"ח 1 פונקט אזוי שעהן געווען; און דאך ווערט זי ניט דערמאנט, אויך יזרעאל — ניט; דאס הייסט בכן אז תרצה האט נאך געמוזט זיין די הויפטשטאדט בעת יענעם ליבע־ליד איז געשאפען געווארען.

***) קלאג־ליד: עמוס ה 1; געזאנג: ישעיה ה 12; עמוס ו 5; ח 3; געזאנגען אין קולט: עמוס ה 23.

****) זעה ווייטער ז. 242—245.

*****) זעה ז. 171

כנענים אונטער שאול, דוד און שלמה האָט זיך אויך אלץ מעהר און מעהר אָפּגעשטעלט זייער השפּעה אויף דאָס גייסטיגע אידישע לעבען. דעם פּלאַץ פון כנען פאַרנעמט איצט א ש ו ר. זינט עמרי׳ס צייט האָבען די אידען אָהן ספק זיך באַקענט ניט בלויז מיט אשור׳ס קריגסלייט און פּאָליטישע שלוחים, נאָר האָבען אָנגעהויבען צו באַקומען פון ערשטער האַנט אויך די אשורישע פּראָדוקטען און אידעען, וועלכע זיינען זיי שוין לאַנג ניט פרעמד געווען א דאַנק פרעמדער פאַרמיטלונג. הגם מיר האָבען אין תנ״ך ניט קיין ראיות פאַר אַזאַ השפּעה, דאָך ווייזט די פּלאַסטיק פון איין זייט און די פּאָליטישע לאַגע פון דער אַנדערער זייט דייטליך אויף דעם וועג. די שוין אריבער־גענומענע מיטאָלאָגישע מאַטעריאַלען, איידער זיי באַקומען די פאָרם, אין וועלכער מיר געפינען זיי היינט אין חומש בראשית, נעמען אויף ספּעציעל ביים ענד פון יענער פּעריאָדע, מאַנכע שטריכען, וועלכע שטאַמען פון א דירעקטער באַריהרונג מיט אשור אין יענער צייט.

## קאָנסטיטוציע און אינערליכע פאַרהעלטענישען.

די קאָנסטיטוציע און פּאָלקס־אָרדנונג ווערען באַשטימט דורך דער פון שאול׳ן אַן איינגעפיהרטער קעניגליכער ממשלה. די אַלטע משפּחות און שבטים פאַרלירען נאַטירליך זייער באַדייטונג נאָך מעהר ווי בעת דעם אנהויב פונ׳ם קעניגטום. דאָך אין גאַנצען באַזייטיגט זיינען זיי נאָך דעמאָלסט אויך ניט: די גרויסע הויפּט־שבטים יהודה און אפרים האָבען פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די איינצעלנע שבטים אין דבורה׳ס געזאַנג און יעקב׳ס ברכה און האָבעןביידע קעניגרייכען זייערע נעמען געגעבען. אויך האָבען איז דער פּראַקטיקע פונ׳ם טעגליכען לעבען זעלבסטפאַרשטענדליך אויך די משפּחות נאָך דערהאַלטען אסך פון זייער באַדייטונג. ווער עס געהערט צו א גרויסער און חשוב׳ער משפּחה אין שבט, דער קאָן זיך באַגעהן אפילו אָהן דעם שוץ פונ׳ם קעניג און פונ׳ם גענעראַל*). בעצם איז די אַלטע קאָנסטיטוציע פון די שבטים צעשטערט אָדער לכל הפּחות דורכגעבראָכען דורך דער איינטיילונג פונ׳ם לאַנד אין פּראָווינצען, וואָס האָבען קענטיג געשטאַמט פון שלמה׳ס שטייער־דיסטריקטען. פון דער אַנדערער זייט אָבער שפּילען נאָך די „עלטסטע״, דאָס הייסט: די פאָרשטעהער פון די משפּחות

---

*) מלכים ב, ד 13. „איך וואוין צווישען מיין פאָלק״ (בתוך עמי אנכי יושבת), עס הייסט: איך בין גענוג באַשיצט פון מיין משפּחה און שבט, ענטפערט די שונמית דעם נביא.

און די פארטרעטער פון די אדעליגע פאמיליען, א ראָלע אין די איינצעלנע געמיינדען: אזוי למשל אין שימרון און יזרעאל (מלכים א, כ"א 8; מלכים ב, ו 32; י 1). זיי בילדען נאָך פאַקטיש אלס פאָלקס־פארזאמלונג („קהל", „עדה") די פארטרעטונג פונ'ם גאַנצען פאָלק; און ניט בלויז וועהלען זיי א קעניג*), נאָר זיי האָבען אויך נעבען דעם קעניג א וויכטיגע באַראַטענד'ע שטים**). דאָך אָבער האָט די פאָלקס־געמיינדע אַליין דאָס רעכט צו באַ־שליסען וועגען מלוכה־זאַכען ווי אויך וועגען ענינים פון משפט***). אָט די פאָלקס־געמיינדע ווירקט קענטיג אויך אָלס געזעצגעבענדע אינסטאַנץ, און האָט אויף אזא'ן אופן געהאָלפען דערהאַלטען דעם פון אָנהויב אָן דעמאָקראַ־טישען כאראקטער פון דער אידישער קאָנסטיטוציע****).

די אַריסטאָקראַטען טיילען זייער איינפלוס מיט די קעניגליכע באַ־אַמטע, וועלכע ווערען נאַטירליך אָלס כלל גענומען פון די רייהען פון די אדעליגע פאמיליען: דאָך קאָנען זיי אויך באקומען זייערע שטעלען דורך אַנדערע אומשטענדען. דער מעכטיגסטער מאַן נאָך דעם קעניג איז, ווי

*) מלכים א, י"ב 20. אויך דאָ איז נאַטירליך „דאָס פאָלק" פארטראַטען דורך איינינע פארשטעהער אלס זיינע וואָרטפיהרער.

**) מלכים א, כ 7, 8 (די „זקנים" און דערביי די זקנים און דאָס גאַנצע פאָלק). פונקט אזוי כ"א 8. די זקנים און די חשוב'ע לייט פיהרען אָן דעם ענין און דאָס פאָלק איז אנוועזענד דערביי (פסוק 13). פארגלייך ישעיה ג 2; ט 14; שמות ג 18; ד 29.

***) פונקט ווי די וואהל פון א מלך איז באגרינדעט אויף אַן אפמאַך (ברית, זעה אויבען ז. 128), אזוי איז עס אויך מיט די אקטען פון דער מלוכה. דאָס פאָלק שליסט א „בונד" מיט דעם קעניג (מלכים ב, י"א 17; כ"ג 3). אויף דעמזעלביגען אופן זיינען דאָ־מאָלסט געשלאָסען געווארען מלוכה־אַפמאַכונגען און פארבינדונגען מיט אַנדערע פעלקער (צור, ארם א. אז. וו.); ביי נאָרמאַלע פארהעלטענישען זיינען אזוינע אַפמאַכונגען געוויס געשלאָסען געווארען פון קעניג צוזאַמען מיט דעם פאָלק אָדער די פארטרעטער פון פאָלק. אלס הייליגע אקטען ווערען אלע אזוינע אפמאַכונגען געשלאָסען אונטער פייערליכע צערע־מאָניעס. ווי אזוי אזא בונד־שליסונג פלעגט צוגעהן, קאָנען מיר זעהן פון בראשית ט"ו; שמות כ"ד; דברים כ"ז און יהושע כ"ד. נעבען קרבנות און בלוט־באַשפריצונג שפּילט א באַזונדערע ראָלע די פאָרלעזונג פון דעם בונד־דאָקומענט („דברי הברית" אדער „ספר הברית") שמות כ"ד 7; דברים כ"ז 3; יהושע כ"ד 25, 26; מלכים ב, כ"ג 2. אויסערדעם דאָס פארשילטען די איבערטרעטער פון בונד, דברים כ"ז 11—26.

****) פון וואס פאר א זאָרט יענע פאָלקס־פארזאמלונג איז געווען און פון וועמען זי איז געווען צוזאַמענגעזעצט, קאָנען מיר ארויסדרינגען אומגעפעהר פון דברים כ"ג 2—10 און מיכה ב 5. עס זעהט דערפון אויס, אז נאָר קולט־פעהיגע פערזאָנען און נאָר אידישע מענער האָבען געמעגט נעמען אַן אַנטייל; אויסלענדער — ערשט פון פערטען דור אָן. וועגען דער פארטיילונג פון צייט צו צייט על־פי גורל דאָס ערד־אייגנטום אין די איינצעלנע געמיינדען זעה אויבען ז. 228 אין דער באַמערקונג.

שוין אונטער דוד און שלמה, דער אויבער־קאָמאַנדיר פון דער ארמיי (מלכים ב, ד 13 : ט). אין דער צפון־מלוכה האָט זיך לייכט געקאָנט איינגעבען אַן אנטשלאָסענעם מאַן אין דער דאָזיגער פּאָזיציע צו פארכאפּען די קרוין. נעבען קאַנצלער, שרייבער, כהן, דעם האַר פון פּאַלאַץ און דעם הויפּט־אויפזעהער איבער דער רעקרוטירטער ארבייט, וועלכע זיינען אודאי אריבערגענומען געוואָרען פון שלמה׳ס צייט (מלכים א, י״ח 3 : מלכים ב, כ״ב), ווערט נאָך ספּעציעל דערמאָנט דעם קעניג׳ס פּארטרויטער אדיוטאַנט, דער ריטער. אויף וועמעס ארעם ער לעהנט זיך אָן*). אין פּאַלאַץ שפּילען א וויכטיגע ראָלע ווי אומעטום אין אָריענט די יעוונוכען (מלכים ב, ח 6 : ט 32). בראש פון די פּראָווינצען שטעהען גובערנאַטאָרען, וועמעס באַוואָפענטע יונגען שטעלען פאָר אין קריג א מין אויסגעוועהלטע ארמיי („נערי שרי המדינות“, מלכים א, כ 14). די גובערנאַטאָרען האָבען וואהרשיינליך געדאַרפט צושטעלען געוויסע בייטראָגען צו דער אַרמיי פון דער הכנסה פון זייערע פּראָווינצען. א באַזונדערס חשוב׳ען פּלאַץ פארנעמט דעם קעניג׳ס מוטער (מלכים א, ט״ו 13 : מלכים ב, י 13).

דער קעניג גופא איז, אין איינקלאַנג מיט דעם אויפקומען פונ׳ם קעניגטום, הויפּטזעכליך א סאָלדאַט, באַזונדערס אין דער צפון־מלוכה. צוליב די מלחמות וואָס האָבען זיך כסדר געצויגען האָט זיין ערשטע זאָרג געמוזט זיין די אַרמיי. דעם פּלאַץ פון דעם פריהערדיגען איינצעל־קאַמף פון נאָהנט מיט א שווערד און שפּיז, פארנעמט איצט דער קאַמף פון ווייטען מיט פייל און בויגען געגען רייטוועגען און רייטערס. מכוח דער קאָנסטיטוציע פון דער אַרמיי ביי די אידען קענען מיר באַקומען א שטיקעל ידיעה פון דער געשיכטע פון מנחם. עס זעהט דערפון אויס, אַז די לאַנד־אייגענטימער האָבען געהאַט צו טראָגען די לאַסט פון דינען אין דער ארמיי**). נאַטירליך האָט דער קעניג געמוזט האָבען דערביי אויך א געוויסע שטענדיגע אַרמיי. איהר קערן איז געווען די לייב־גוואַרדיע, וועלכע האָט אַפטמאָל געשפּילט א גרויסע ראָלע***).

---

*) מלכים ב, ז 2, 17 ; ט 25 ; י 15. אונטער שלמה׳ן ווערט ער אנגערופען „דעם קעניג׳ס פריינד“ („רע המלך,“ מלכים א, ד 5). אָט דאָ געהערט אויך, לויט דעם זיגעל פון „שמע עבד ירבעם“ פון מגידו, „דעם קעניג׳ס קנעכט“ („עבד המלך“), וואָס איז אונז באַקאַנט פון מלכים ב, כ״ב 12.

**) מלכים ב, ט״ו 20. זעה וועגען דעם ווייטער ביי דער געשיכטע פון מנחם.

***) מלכים ב י 25 ; י״א 4 („כרי“), דאָס זיינען קענטיג געווען זעלנער פון קאַריען (אין דרום־מערב פון קליינאַזיען).

אין פרידען איז די וויכטיגסטע עובדא פון דעם קעניג צו געבען משפט. ווי שוין אונטער דוד'ן און שלמה'ן, אזוי קומען אויך אונטער זייערע יורשים די לייט פונ'ם פאלק צום קעניג, כדי צו קריגען א גערעכטען משפט (מלכים ב, ו 26; ח 3—6). אבער מ'האט מן־הסתם אפעלירט צום קעניג נאר אין ספעציעלע וויכטיגע און שווערע פאלען. אין א געוועהנליכען פאל ווענדט מען זיך צו די זקנים און צו די קעניגליכע באאמטע, דאס הייסט צו די מאכטהאבער (מלכים א, כ"א 8, 11). ווער עס האט געהאט די מאכט אין האנט, דער האט אין געוועהנליכע סכסוכים איבערהויפט ניט באדארפט קיין שופט, ער האט זיך אליין ארויסגעגעבען א משפט (מלכים ב, ד 1; עמוס ב 6). ווי אפט עס האט געמעגט פארקומען, אז די ריכטער און די מאגנאטען זאלען פארבייגעהן דעם משפט, דאך האט די אידען ניט געפעהלט דער שטרענגער געפיהל פון רעכט. אויך דער קעניג איז געווען אונטערוואָרפען אונטער דעם געזעץ און רעכט. זיין גלייכגילטיגקייט צום געפיהל פון רעכט האט זעהר פיעל מיטגעהאלפען צו ברייגגען די מפלה אויף זיין דינאסטיע. ווי אזוי א רעגעלמעסיגער משפט פלעגט צוגעהן, ווייזט דער פראצעס געגען נבות'ן: ער ווייזט אויך ווי ווינציג דער אידישער קעניג איז געווען דער האר איבער דאס לעבען און דאס פארמעגען פון זיינע אונטערטאנען אין פארגלייך מיט די אריענטאלישע דעספאטען*). נאך ווייט אין דער צייט פון דער מלוכה האט מען נאך אלץ געדענקט און געפיהלט, אז אמאל איז אנדערש געווען אין ישראל**). ווי עס פלעגט צוגעהן בשעת א נייער הערשער האט זיך געזעצט אויפ'ן טראָן, ספעציעל ווען ער האט פארכאפט דעם טראָן מיט געוואלד, זעהען מיר פון דער געשיכטע פון יהוא און יואש (מלכים ב, ט; י"א; אויך מלכים א, א 39—40). ווען איינער שלאגט א מענשען אין א צייט פון פרידען באשטעהט נאך אלץ די בלוט־נקמה,***) אין אנהויב נאך אלץ אין איהר שטרענגער פארם, לויט וועלכער דאס גאנצע הויז פונ'ם שולדיגען ווערט אויסגעראט (מלכים א, ט"ו 28; מלכים ב, ט 26). זינט קעניג אמציה אבער ווערט די בלוט־נקמה בא־

---

*) פארגלייך מלכים א, כ"א אויך ט"ז 24. אויך פערזענליך מאכען די אידישע מלכים אין אלגעמיין ניט דעם איינדרוק פון דעספאטען (מלכים א, כ 31).

**) פארגלייך שמואל א, ח; דברים י"ז 14—20.

***) פאר'ן דערשלאגען טויט אומגערן און אין מלחמה איז די בלוט־נקמה שוין פריהער געווען אפגעשאפט: שמות כ"א 13; שמואל ר. ג 28.

שרענקט אויף דער פערזאָן וואָס איז דעם מאָרד באַגאַנגען (מלכים ב, י״ד 6).

ביים ארויסגעבען אַ פּסק־דין זיינען דער יסוד נאָך אַלץ די אַלטע, שוין לאַנג פאַרשריבענע געזעצען פון „ספר הברית". מאַנכע פון יענע געזעצען זיינען געענדערט געוואָרען לויט די באַדערפעניסען פון דער פּראָגרעסירענדער צייט: שפּורען דערפון ווייזען זיך אין'ם געזעצבוך פון ספר דברים און באַזונדערס אין די שריפטען פון די נביאים. פון די שריפטען פון די נביאים זעהט מען, אַז ס'איז דאַמאָלסט אָנגעגאַנגען אַ לעבעדיגע געזעצגעבערישע טעטיגקייט. צום באַדויערען זיינען אונז דערפון ניט געבליבען קיין פּראָבען. ישעיה באַצייכענט יענע געזעצגעבער אויף זיין איינזייטיגען שטייגער אַלס מענשען, וואָס שטעהען אין'ם דינסט פון אַן עגאָאיסטישער קלאַסען־יוסטיץ, וואָס איז אויסגעטראַכט כדי צו עקספּלואַטירען און צו באַראַבעווען די אָרימע און עקאָנאָמיש שוואַכע*). דאָ האָט זיך וואָהרשיינליך געהאַנדעלט וועגען רעגולירען חובות און הלואות, פיליכט אויך וועגען די רעכטען פון לאַנד־אייגענטום. די געזעצען זיינען מסתמא געמאַכט געוואָרען אין איינקלאַנג מיט די באַדערפעניסען פון דעם שטאָדטישען איינוואוינער און דעם סוחר און אויך פון דעם גרויסען לאַנדאייגענטימער, און האָבען דעריבער זיך געמוזט צוזאַמענשטויסען מיט די אַלטע פּאַטריאַרכאַלישע פּרינציפּען.

אַזוינע געזעצען האָבען על־פּי השערה געשטאַמט פון חשוב'ע לייט, פון חכמים, זקנים, יועצים, שופטים און דאָסגלייכען, און ווי עס ווייזט אויס האָבען זיי באַדאַרפט די הסכמה פון דער געמיינדע־פאַרזאַמלונג. מיר געפינען אָבער אויך, לכל הפּחות איין מאָל ביי קעניג אמציה, די קעניגליכע באַפעהלען אַלס יסוד פון געזעץ. אָבער מ'דאַרף אויך דאָ אָננעמען, אַז דאָס איז גיכער פאָרגעקומען בהסכם מיט דער פאָלקס־געמיינדע איידער דורך דעם קעניג'ס אייגענעם ווילען. וועלכע אָרגאַנען די מלוכה און די געמיינדע האָבען געהאַט אויסצופיהרען דעם פּסק־דין געגען שולדיגע און פאַרברעכער, ווייסען מיר ניט. אין שטעדט האָט אַהן אַ ספק דער ראש פון שטאָדט געהאַט זיינע דינער: אויך האָט הפּנים ניט בלויז ירושלים אַליין געהאַט אַ געפענגעניש (ירמיה ל״ז 4, 15).

*) ישעיה י 1, 2. דער אופן פון אויסדרוק לאָזט ניט איבער דעם מינדעסטען ספק, אַז עס האַנדעלט זיך דאָ וועגען געשריבענע געזעצען.

## 2.

## געשריבענע ליטעראטור און זיטען.

(פריי לויט ר. קיטעל און ק. בודע).

דער אלגעמיינער כאראקטער פון דער צייט נאך שלמה'ן לאזט אונז דערוואַרטען, אז אויך די ליטעראטור זאל זיין גוט פארטראטען. די דער־ווארטונג נארט אונז ניט אפ. מיר טרעטען טאקע באמת אריין אין דער ג א ל ד ע נ ע ר צ י י ט פון דער העברעאישער ליטעראטור. דוד און שלמה האבען געמאכט היסטאריע: זיי האבען געמאכט די אידען פיהלען, אז זיי זיינען א נאציאן. די ערשטע און ווערטפולסטע שילדערונגען פון זייער געשיכטע געהערען שוין צו דער פריהעריגער פעריאדע. אבער וואס וועניגער די קומענדיגע דורות זיינען געווען ביכולת צו דערהאלטען זייערע גרויסע שאפונגען אין לעבען גופא, אלץ מעהר האבען זיי געזוכט זיי צו האלטען פעסט אין זכרון און זיך צו פרעהען מיט דער שענער פארגאנגענ־הייט. און ווי נאר דער חוש פאר דער אידישער פארגאנגענהייט האט נאר איינמאל ערוואכט האט מען שוין גענומען געהן אלץ ווייטער און ווייטער צו־ריק, צוערשט צו די פארגענגער פון די גרויסע מלכים: צו שאול'ן און צו די מענער פון דער העלדען־צייט פון ישראל: ירבעל־גדעון, יפתח, ברק, און דערנאך צו דעם גרויסען באפרייער פון ישראל, וועלכער האט איהם פון מצרים ארויסגעפיהרט, און צו די אבות: אברהם, יצחק און יעקב.

אויך דא דארף מען אנהייבען מיט אפיציעלע שריפטען. מיר האבען פריהער געזעהן, אז אונטער דוד'ן און שלמה'ן זיינען שוין געווען ספעציעלע באאמטע צו פיהרען די קעניגליכע ארכיוועז און צו מאכען אלערליי ליס־טען. זיי האבען נאטירליך איצט ווייטער עקסיסטירט אין שומרון און אין ירושלים. אפילו אויב עס האט זיך דירעקט גאר נישט דערהאלטען פאר אונז פונ'ם אינהאלט פון די קעניגליכע ארכיוועז און זייערע שרייבער, מוזען מיר דא אלץ דערמאנען זייער עקסיסטענץ און די וויכטיגע שטעלונג וואס זיי האבען פארנומען אין ישראל־יהודה פונקט ווי אין אלע אלטע ציוויליזירטע מדינות. ווען מיר באטראכטען נאר די פאזיציע, וועלכע עס האבען געהאלטען אזוינע כהנים ווי אביתר אונטער דוד'ן, צדוק אונטער שלמה'ן און שפעטער יהוידע אונטער עתליה און יואש אין יהודה, קאנען מיר זיך

שוין פאַרשטעלען, אז זיי האָבען געהאט עפּעס אַ נאָהנטע שייכות צו די אַמטליכע געשריבענע זאַכען.

נעבען זיי האָט זיך אָבער אויך פריה אנטוויקעלט די פּריוואַטע טעטיגקייט. הגם יענע אָפיציעלע דאָקומענטען זיינען, ווי מ'קאָן פאַרשטעהן, ניט געווען צוגענגליך פאַר יעדען איינעם, דאָך האָט קוים געקאָנט און געזאָלט בלייבען פאַרבאָרגען דאָס וואָס איז אין זיי געשטאַנען. און ווי נאָר דער היסטאָרישער חוש האָט נאָר דערוואַכט, אזוי האָט זיך שוין געמוזט געפינען א דערצעהלער, וואָס זאָל צוזאַמענשטעלען און איבערגעבען פאַר די קומענדיגע דורות דאָס וואָס ער איז דערגאַנגען פון יענע אָפיציעלע שריפטען. וועגען דער געשיכטע פון די מלכים נאָך שלמה'ן דאַרפען מיר זיכער אַננעמען, אז עס האָבען עקסיסטירט אזוינע צוזאַמענשטעלונגען. אפילו אויב זיי זיינען פאַר אונז היינט פאַרלאָרען געגאַנגען אדער זיך דערהאַלטען אין אַן שפּעטערדיגער איבעראַרבייטונג. גיכער ווי אומעטום מעגען מיר על־פּי השערה אַננעמען, אז אַט די שטיקער געשריבענע געפינען זיך אין טיילען פון דער שלמה־געשיכטע. נאָר זיינע כראָניקעס האָבען מיר צו פאַרדאַנקען דאָס מעהרסטע וואָס מיר ווייסען וועגען שלמה'ן. מיר האָבען דאָ דעם ערשטען ביישפּיל פון געשיכטס־שרייבונג אין אַ העכערען זין. עס האַנדעלט זיך דאָ ניט וועגען דעם ווי ווייט מ'קאָן גלויבען איינצעלנע פאַקטען. דאָ איז גיכער די רייד וועגען זעלבשטענדיגער באַארבייטונג פון די קוועלען, וועגען דער קינסטלערישער קאָמפּאָזיציע. מיר זעהען דאָ ווי פון עפּישער דערצעהלונג איז געוואָרען א פּראַגמאַטישע באַארבייטונג פונ'ם מאַטעריאַל. די גייסטיגע הויך פונ'ם פאַרפאַסער קאָנען מיר אָפּמעסטען לויט דער פרייהייט, מיט וועלכער ער באַהאַנדעלט זיין מאַטעריאַל. די שריפט געהערט בערך צו דער צייט פון קעניג יהושפט אדער צום נעכסטען דור.

פון דער צייט ארום יאָהר 890 שטאַמט א נביאים־געשיכטע, וועמעס מיטעלפּונקט איז אליהו און זיין קאַמף געגען דעם בעל־דינסט. דער פאַרפאַסער פון יענער געשיכטע ווייסט צו שילדערען לעבעדיג און צום טייל הויך־דראַמאַטיש. ער געהערט אָהן ספק צו די קרייזען פון אליהו'ן גופא. דאָס הייסט: צו די נביאים פון יענע טעג. און זיין שריפט גיט פּלאַץ פאַר אַ השערה, אז צווישען די בני הנביאים איז אויך קולטיווירט געוואָרען די קונסט פון דער פאָלקסטימליכער היסטאָרישער דערצעהלונג*). צו דיזעל־

*) צו דער דאָזיגער אליהו־געשיכטע געהערט מלכים א, י"ז — י"ט, כ"א.

ביגע קרייזען געהערט אויך דער דערצעהלער פון דעם איינגערען המשך וועגען אלישע'ן, וועלכער איז געשאפען געווארען ארום יאהר 760. זיין פארפאסער שטעהט גייסטיג אויף אזויפיעל נידעריגער פאר זיין פארגענגער אויף וויפיעל דער תלמיד, וועמען ער באשרייבט, שטעהט הינטער דעם לעהרער*).

אומגעפעהר גלייכצייטיג מיט דעם פארפאסער פון דער אליהו־געשיכטע באריכטעט א דערצעהלער פון אפרים פאר די קומענדיגע דורות וועגען אהאב'ס מלחמות**). אויך ער איז א פאלקסטימליכער דערצעהלער און עס קאן זיין, אז אויך ער שטאמט פון די נביאים־קרייזען***). דאך יעדענפאלס זיינען עס ניט די קרייזען דירעקט ארום אליהו און אלישע, ווארים ער באטראכט אחאב'ן גאנץ אנדערש ווי דער דערצעהלער פון דער אליהו־געשיכטע. פאר איהם איז אחאב דער העלד, וועלכער שטארבט פאר זיין לאנד, כאטש זיין טויט איז באשטימט פון יהוה. דאס זיינען די קרייזען פון די פאטריאטישע, מ ל ו כ ה ־ ג ע ט ר י י ע נ ב י א י ם, מיט וועלכע מיר באקענען זיך דא, די נביאים וואס שטעהען נאהנט צו דעם הויף און דעם טראן. צו יענע קרייזען געהערט אויך דער דערצעהלער פון דער געשיכטע פון יהוא'ס רעוואלוציע. ער דערצעהלט אזוי קלאר, אזוי דראמאטיש לעבעדיג, ווי ער וואלט אליין געווען דערביי, כאטש דאס איז ניט וואהרשיינליך: יעדענפאלס שטאמען זיינע ידיעות פון איינעם, וואס האט גענומען א דירעקטען אנטייל. דער דערצעהלער מאכט לחלוטין קיין שום מינע ניט צו פארדעקען יהוא'ס מאוים'דיגע אכזריות: אבער נאך ווענינגער דערקלערט ער זיך איינפארשטאנען דערמיט. ער גיט אלצדינג איבער אביעקטיוו און לאזט די פאקטען ריידען פאר זיך. דער דערצעהלער געהערט צו די בעסטע שריפטשטעלער פון תנ"ך, און ס'איז נאר צו באדויערען וואס מיר האבען ניט פון זיין פעדער מעהר דאקומענטען וועגען דער געשיכטע פון די מלכים.

אונזער איבערבליק ביז אהער ווייזט שוין, אז די פריאדע צווישען שלמה'ן און עמוס'ן האט ארויסגעבראכט א רייך ליטעראריש לעבען, ווארים בלי שום ספק זיינען אלע ביז איצט דערמאנטע שטיקער, אדער לכל הפחות די מעהרסטע פון זיי, נאר פראגמענטען פון גרעסערע ווערק. ס'איז קיין ספק ניט, אז אין דער צייט פון עמוס און ישעיה האט מען געקאנט לעזען

*) צו אט דער אלישע־געשיכטע געהערט מלכים ב, ב 1 — ח 15 און י"ג 14—21.
**) מלכים א, כ, כ"ב.
***) פארגלייך כ 35—41.

ווענען דער געשיכטע פון קעניגטום פון שלמה׳ן אז אסך מעהר איידער יענע שריפטשטעלער זאגען אונז היינט.

אסך עלטער ווי די אלע פריהער דערמאָנטע ווערק איז די געשיכטע פון דוד׳ס יוגענד און פון דער ערשטער צייט פון זיין מלוכה. די דאזיגע יוגענד־געשיכטע דוד׳ס איז א המשך פון זיין פאמיליען־געשיכטע און האָט געמוזט פארפאסט ווערען ניט לאנג נאך יענער, א שטייגער אין רחבעם׳ס צייט. זי האָט אסך בשותפות מיט יענער פאמיליען־געשיכטע: דאָך פיהלט זיך אין איהר א גרעסערע ווייטקייט פון די געשעהענישען גופא*).

אין די טריט פון דעם דערצעהלער פון דוד׳ס יוגענד־געשיכטע און נאך מעהר אין די טריט פון זיין גרעסערען פארגענגער, דעם דערצעהלער פון דוד׳ס פאמיליען־געשיכטע, געהען צוויי פארפאסער וועלכע גיבען יעדערער אין זיין אייגענעם נוסח א גרעסערעס, ארומנעמענדעס ווערק איבער דער ערשטער קעניגס־צייט (שמואל — שאול — דוד). זיי מאכען ב׳רייטער און גאנצער די געשיכטע פון די ערשטע צוויי מלכים, וועלכע זיי האבען געפונען אין די עלטערע, פריהער דערמאָנטע שריפטען, לויט די טראַדיציעס פון זייער צייט (בערך פון 850 ביז 730) און זייער קרייז. זיי זיינען ניט קיין היסטאָריקער, נאר דערצעהלער פון געשיכטען. ניט פיעל איבערקלייבענדיג, און אליין זיך ניט אפגעבענדיג קיין דין־וחשבון וועגען דעם, צי דאָס וואס זיי דערצעהלען איז טאקע באמת געווען, אדער האָט געקאָנט זיין, גיבען זיי געטריי איבער אלץ וואס אין זיי באקאנט געווען וועגען דעם אויפקומען פון דער מלוכה, וועגען דוד׳ס ראָמאנטישע שיקזאלען, וועגען שמואל׳ן און זיין יוגענד און וועגען זיין מחלוקה מיט שאול׳ן, אויך וועגען שאול׳ס גליק און סוף. ס׳איז א מחיה זיי נאכצוגעהן און זיך צוצוהערען ווי איינער פון זיי איז מלא שמחה מיט דער מלוכה, אדער ווי דער אנדערער האָט זיינע ספקות און איז שטארק פארזארגט וועגען איהר.

דאך האָט די באשרייבונג וועגען דאָס אויפקומען פון דער מלוכה ממילא פון דאָס ניי ארויסגערופען דעם אינטערעס פאר א ווייטערען היס־טאָרישען האָריזאָנט אין דער פארגאַנגענהייט פאר שאול׳ן און שמואל׳ן, ווארים עלי געהערט דאך שוין צו דער פאר־קעניגליכער צייט. אָט אזוי זיי־נען אויסגעשפרייט געווארען די אלטע העלדען־געשיכטען און ס׳איז געשא־פען געוואָרען דער קערן פון אונזער ספר שופטים*).

אויף אזא׳ן אופן איז פארצייכענט געווארען שריפטליך די גאנצע אי־

*) זעה אויבען ז. 185.

דישע פארגאנגענהייט ביז צום אריינדרינגען אינ׳ם לאנד, און עס האט דאן על־פי הכרח שוין אויך געמוזט קומען דער פארלאנג זיך צו באקאנען מיט דער פאר־געשיכטע פון אידישען פאלק פאר זיין באזעצען זיך אין לאנד. אט דעם פארלאנג פארדאנקען מיר די שאפונג פון צוויי גרויסע ביכער וועגען דער אורגעשיכטע, וועלכע געפינען זיך אין חומש און אין יהושע און וועלכע טראגען אין דער מאדערנער ביבעל־פארשונג די נעמען „יהוי׳סט“ און „אלהי׳סט“. זיי געהערען צו דאס גרעסטע, וואס די ליטע־ראטור פון אלע צייטען האט וועז עס איז ארויסגעבראכט, און זיי זיינען גלייכצייטיג אויך קלאסישע עדות פאר דער אריגינעליטעט פון אידישען גייסט אין דער צייט נאך איידער די גרויסע נביאים פון אכטען יאהר־הונדערט האבען זיך באוויזען.

לויט דער מסורה האט משה געשריבען דעם חומש. באמת אבער איז דער חומש, פונקט ווי אלע אנדערע היסטאריע־ביכער פון תנ״ך, איבערגע־געבען געווארען אהן וועלכען עס איז שפור פון דעם פארפאסערס נאמען. אחוץ וואס עס ווערט דארטען גערעדט פון משה׳ן אומעטום אין דער דריי־טער פערזאן, זעהט זיך אויך אין אומצאהליגע שטעלען א געוואלדיגער מהלך אין צייט צווישען דעם דערצעהלער און משה׳ן*).

אז דעם, אז דער חומש איז געשריבען געווארען זעהר א לאנגע צייט נאך משה׳ן, האבען איינצעלנע דרייסטע גייסטער שוין לאנג זיך געהאט אנ־געשטויסען**). אבער א פאזיטיווער וועג צו לייזען די פראגע איז ערשט אנ־געוויזען געווארען פון איינעם, וועלכער האט דוקא יא געגלויבט, אז משה איז דער פארפאסער פון חומש. ער האט געהייסען זשאן אסטרוק און איז געוועזען פראפעסאר פון מעדיצין און לייב־ארצט פון לודוויג דעם פופצעהנ־טען, א זוהן פון א הוגענאטישען גייסטליכען, וואס האט זיך צוריקגעקעהרט צום קאטאליציזם. אין יאהר 1753 האט זשאן אסטרוק פארעפענטליכט אין פראנצויזיש א ביכעל מיט׳ן נאמען „השערות וועגען די דענקשריפטען פון ערשטער האנט, מיט וועלכע משה האט ווייזט אויס זיך באנוצט ביים

*) למשל שמות י״א 3; במדבר י״ב 3; דברים ל״ד 10. ח. ש.

**) צום ביישפיל דער אבן־עזרא אין דברים א 2; „ואם תבין סוד השנים עשר (די לעצטע צוועלף פסוקים וועגען משה׳ס טויט) גם ויכתב משה והכנעני אז בארץ בהר ה׳ יראה גם הנה ערשו ערש ברזל תכיר את האמת“, ציטירט און דערקלערט פון שפינאזא׳ן אין אכטען קאפיטעל פון זיין טעאלאגיש־פאליטישען טראקטאט. צו בראשית ל״ו 31 (ואלה המלכים אשר מלכו בארץ אדום) דערמאנט דער אבן־עזרא איינעם א יצחקי, וועלכער זאגט אין זיין ספר, אז יענע פרשה איז געשריבען געווארען אין יהושפט׳ס צייט. ח. ש.

צוזאַמענשטעלען דעם ספר בראשית". דער פּראָפעסער דערקלערט, אַז דאָס וואָס ווערט דערצעהלט אין בראשית האָט דאָך משה גופא ניט געקאָנט דורכלעבען, הייסט עס דאָך, אַז ער האָט זיך געמוזט שטיצען דערין אויף טראַדיציעס. צי יענע טראַדיציעס זיינען געווען מונדליכע אָדער שריפט־ליכע, צי דאָס איז געווען איין קוואַל אָדער מעהרערע קוועלען, דאָס אַלץ האָט ניט געקאָנט אַנדערש אויסלעגען אסטרוק'ס פרומען גלויבען, אַז סוף כל סוף איז משה געווען דער פאַרפאַסער פון גאַנצען בוך. אסטרוק אָבער האָט נאָכגע־וויזען, אַז אין בראשית האָבען מאַנכע שטיקער דאָס באַגריפס־וואָרט „גאָט", „אלהים", און מאַנכע ווידער דעם אייגען־נאָמען פון דעם אידישען גאָט „יהוה". די דאָזיגע נעמען פון גאָט בייטען זיך אָבער אויף אַזאַ'ן אופן, אַז קיין אַנדער דערקלערונג איז דערצו ניטאָ ווי נאָר די געוואוינהייט פון פאַר־שידענע שריפטשטעלער. אָט אַזוי האָט אסטרוק פאַנאַנדערגעלעגט דעם חומש בראשית אין צוויי קוועלען־שריפטען און איז נאָר געווען מרומה דאָרטען. וואו ער האָט ניט געהאַט דעם סימן פון די נעמען פון גאָט. הונדערט יאָהר אַרבייט פון די פאָרשער האָט באַשטעטיגט און אויסגעבויט יענע ערשטע באַמערקונג פון אסטרוק'ן. ניט איינע בלויז, נאָר צוויי פאַרשידענע קוועל־לען־שריפטען באַנוצען זיך מיט דעם באַגריפס־וואָרט „אלהים" פאַר גאָט: אָדער בעסער געזאָגט זיי פאַרמיידען בכיון דעם הייליגען אייגען־נאָמען „יהוה". איינע פון אָט די אלהים־קוועלען, צוזאַמען מיט עס געהערט דער ערשטער קאַפּיטעל פון בראשית, ווערט פון דער וויסענשאַפט באַצייכענט אַלס די פ ר י ס ט ע ר ־ ש ר י פ ט. ווייל זי האָט אין זיך דאָס געזעץ פון די כהנים מכוח דער פיהרונג פון קולט. די אַנדערע ווערט באַצייכענט אַלס די שריפט פון דעם א ל ה י ' ס ט. ביידע מיידען אויס דעם גאָט'ס־נאָ־מען יהוה, מחמת זיי פאַרטרעטען די טראַדיציע, אַז יענער נאָמען איז ערשט אַנטפּלעקט געוואָרען צו משה'ן, אָבער פריהער האָט מען פון איהם ניט געוואוסט. יעדער איינער פון אָט די ביידע קוועלען דריקט בפירוש אויס יענע טראַדיציע אין אָנהויב פון חומש שמות*), כדי פון דאָרטען אָן און ווייטער אַריבערצוגעהן, אין גאַנצען אָדער טיילווייז, צום געברויך פון'ם נאָמען יהוה. אַ דריטער קוואַל ווייסט לחלוטין ניט פון יענער טראַ־דיציע און רופט אַז גאָט פון סאַמע אָנהויב אָן יהוה**): ער ווערט דעריבער

---

*) דער אלהיסט אין ג 13—15 און די פּריסטער־שריפט אין ו 2, 3.

**) לויט דעם י ה ו י ' ס ט רופט מען אַז גאָט מיט'ן נאָמען יהוה שוין פון אנוש'ן אָן, בראשית ד 26. ח. ש.

באצייכענט אלס די שריפט פון דעם י ה ו י ׳ ס ט. אויב אסטרוק׳ס סימן פארלאזט אונז בכן פון אנהויב שמות ו׳, איז דאס ניט דערפאר ווייל משה גופא דערצעהלט דארטען פון זיין אייגענער ערפאהרונג, נאר ווייל דיביידע אלהים־קוועלען האבען מעהר קיין גרונד ניט אויסצומיידען גאט׳ס אייגען־נאמען, ווארים גאט האט איצט שוין אנטפלעקט זיין נאמען יהוה. דאך פאקטיש שטעלט זיך ארויס, אז די געפונענע דריי קוועלען לויפען אויך ווייטער איינע ביי די אנדערע, און צו דעם סימן פון גאט׳ס נעמען, דורך וועלכען אסטרוק האט זיך געלאזט פיהרען, זיינען צוגעקומען נאך אסך אנדערע סימנים און כאראקטעריסטישע צייכענס פאר די איינצעלנע פון די דריי קוועלען, וועלכע האלטען אויס אין די ווייטערדיגע ביכער פונקט אזוי גוט ווי אין בראשית. מיט דעם שלום, אז ניט בלויז דער חומש בראשית, נאר אויך די ביכער וואס דערצעהלען משה׳ס אייגענע געשיכטע זיינען צוזאמענגעזעצט פון פארשידענע קוועלען, איז לחלוטין באזייטיגט געווארען די מעגליכקייט, אז דער חומש זאל זיין פארפאסט דורך משה׳ן.

אט די צוויי עלטסטע קוועלען פון חומש, דער י ה ו י ׳ ס ט און דער א ל ה י ׳ ס ט *), זיינען פארשידען אין זייער סטיל, אין זייער באהאנדלען די איבערגעגעבענע טראדיציעס און אין זייער השגה פון גאט

*) אין גאנצען איז דער חומש צוזאמען מיט׳ן ספר יהושע צונויפגעשטעלט פון פיער קוועלען. די עלטסטע פון זיי זיינען דער י ה ו י ׳ ס ט און דער א ל ה י ׳ ס ט, וועלכע געהערען צו דער פעריאדע, ביי וועלכער מיר שטעהען איצט. א דריטע קוועלען־שריפט איז דער „דייטעראנאמיום“ (ספר דברים), וואס איז צוגעקומען שפעטער אין יאשיהו׳ס צייט און וועט ארומגערעדט ווערען באריכות, ווען מיר וועלען דארטען האלטען. דער סאמע שפעטסטער פון די פיער קוועלען איז די אויבען־דערמאנטע פ ר י ס ט ע ר ־ ש ר י פ ט, וועלכע שטאמט פון נאכ׳ן חורבן. די דאזיגע שריפט איז ניט פאראינטערעסירט אין דערצעהלען מעשיות, ווי דער יהוי׳סט און דער אלהי׳סט, נאר זי גיט מעהרסטענס דעם פראגמאטיזם פון דער היסטאריע, דעם סדר פון די דורות („אלה תולדות“ איז איהרע א כאראקטעריסטישע פארמולע), כראנאלאגיע, צאהלען, און זי איז אויסען וואו נאר מעגליך ארויסצוברייגען די באגרינדונג פון א הייליגען געזעץ. אט אזוי, למשל, איז בראשית א (שבת), י״ז (מילה). מ׳קאן דעריבער גרינג דערקענען אין חומש די שטיקער פון דער פריסטער־שריפט, וואס אונטערברעכען אזוי אפט מיט זייער טרוקענעם אינהאלט און זייער טרוקענער פארם די שענע אינטערעסאנטע מעשיות פון דעם יהוי׳סט און דעם אלהי׳סט. דער ספר ויקרא געהערט איז גאנצען צו אט דער לעצטער שיכט פון חומש. מעהר באריכות וועט די דאזיגע שריפט ארומגערעדט ווערען אין דער תקופה פון גלות בבל. ח. ש.

און פון לעבען*). אויך בנוגע צו דעם אָרט, פון וואנעט זיי קומען איז א גרויסער חילוק צווישען אט דיביידע קוועלען. מ'האָט לאנג שוין דער־קענט, אז דער יהוי'סט פיהלט זיך אין דערהיים אין דער דרום־מלוכה יהודה און דער אלהי'סט אין דער צפון־מלוכה אפרים. מ'באצייכענט זיי דערי־בער אויך אלס די קוועלען־שריפט פון יהודה און פון אפרים. דאס איז לייכט איינצוזעהן אין דער געשיכטע פון יוסף'ן. ביי דעם יהוי'סט שפּילט יהודה די ראָלע פון דעם ווארט־פיהרער צווישען די ברידער (בראשית ל"ז 26 : מ"ג 3 : מ"ד 14, 16, 18). ביי דעם אלהי'סט אבער נעמט יענע ראָלע אי־בער דער בכור, ראובן (ל"ז 21, 22, 29 : מ"ב 22, 37). אזוי ווי ראובן האט בכלל ניט געהאט קיין באדייטונג, קאן דאס אנדערש ניט דערקלערט ווערען ווי נאָר, אז דער אלהי'סט, א פּאטריאָט פון אפרים, האט מיט פליים אויסגעמיידט דאס געגנערישע קעניגרייך פון דרום. ניט ווענינער וויכטיג איז וואס די אלטע גרויסע הייליגטימער פון דעם צפון־קעניגרייך, בית־אל און שכם, טרעטען בלויז ביי דעם אלהי'סט שטארק אין דעם פאָדערגרונט. בעת חברון, דאס אלטע הייליגטום פון יהודה, שפּילט א ראָלע נאָר ביי דעם יהוי'סט. נאָך דעם חורבן פון שמרון איז די שריפט פונ'ם אלהי'סט קענ־טיג געקומען קיין יהודה און איז דאָרטען שפּעטער צונויפגעוועבט געוואָרען מיט דער שריפט פונ'ם יהוי'סט. אז דער יהוי'סט און דער אלהי'סט, אויך די שריפטשטעלער וואס האבען געשריבען די געשיכטע פונ'ם קעניגטום, האבען געהאט תלמידים אין לעבען און אין דער ליטעראטור, דארף מען דאָ בפרטות ניט ארומריידען.

דאָ מוז נאָך דערמאָנט ווערען דער דערצעהלער, וואס האט אויפגע־שריבען אין א בוך פאָלקסטימליכע געשיכטען און לעגענדען וועגען דעם הייליגען ארון**). זיין בוך, פון וועלכען עס זיינען אונז בלויז געבליבען

---

*) פּארגלייך, למשל, ווי הגר אנטלויפט לויט דעם נוסח פון יהוי'סט (בראשית ט"ז) און לויט דעם נוסח פון אלהי'סט (קאפּ. כ"א) ; ווי שרה ווערט צוגענומען ביי א קעניג אין הויף, ביי פרעה'ן לויט דעם יהוי'סט (י"ב), ביי אבימלך'ן לויט דעם אלהיסט (כ) ; ווי משה אליין שרייבט אויף די לוחות, לויט דעם יהוי'סט (שמות ל"ד 27, 28) און ווי גאָט שרייבט אויף זיי מיט א וואונדערליך־געטליכער שריפט, לויט דעם אלהי'סט (שמות ל"א 18 ; ל"ב 16). דער אלהי'סט האט אויך איינגעפיהרט ביי משה'ס זייט יהושע'ן, דעם העלד פון אפרים, און ייר זוכט מיט אלע מיטלען איהם גרויס צו מאכען. דער גרעסטער טייל פון ספר יהושע געהערט צום אלהי'סט. ח. ש.

**) פון שלמה'ן אן איז דער ארון על־פּי השערה ניט מעהר געוויזען געוואָרען עפענטליך. דערמיט האט אויך געמוזט שוואך ווערען דער אינטערעס צו איהם. די דער־

פראגמענטען, איז פאר אונז א וויכטיגער קוואל פאר געוויסע השגות אין דער פאלקס־רעליגיאן. זיין פארפאסער דערצעהלט גאנץ אפען וועגען דעם גרויל און דעם אבערגלויבישען שרעק וואס מ׳האט געפיהלט פאר דער שרעק־ליכער מאכט פונ׳ם ארון און זיינע צויבערישע ווירקונגען (שמואל א, ד—ו: שמואל ב, ו).

וו־לען מיר זיך באקאנען מיט די זיטען פון דער פעריאדע מוזען מיר קודם כל פארגלייכען דאס וואס איז אויבען געזאגט געווארען וועגען דעם אופן פון לעבען. אויך וועגען דער קאנסטיטוציע, וועגען משפט׳ן און וועגען די רעליגיעזע מנהגים גיבען מיר זעלבשטענדיגע באשרייבונגען. עס בלייבט שוין ניט פיעל איבעריג צו זאגען, מחמת איינצעלנע שילדערונגען פון דעם טעגלי־כען לעבען, וועלכע זיינען אזוי וויכטיג פאר דער זיטען־געשיכטע, פעהלען כמעט אין גאנצען אין ספר מלכים. אין א געוויסער מאס פילען דאס אויס די רעדעס פון די עלטערע נביאים*) און באזונדערס די דערצעהלונגען פון דעם יהוי׳סט און דעם אלהי׳סט אין חומש בראשית. ווארים מ׳קאן פאר־שטעהן, אז די דערצעהלער האבען אין מאנכע זאכען, וואס זיי האבען מיט־געטיילט פון דער אלטער צייט פון אבות, גענומען די פארב פאר די איינ־צעלנע שילדערונגען פון זייער אייגענער געגענווארט.

ארום און ארום דארף מען אננעמען, אז די זיטען פון יענער פער־יאדע שטעהען נאהנט צו די זיטען פון דער פארגעהענדער פעריאדע, און אז לויט דעם אלגעמיינעם פארשריט אין קולטור און לעבענס־האלטונג, און אויך אין אלגעמיינער און רעליגיעזער אויפקלערונג, האבען מאנכע שוין פריהער אנגעהויבענע פיינערע שטריכען זיך איצט פארשטארקט. פון דער צווייטער זייט אבער האבען זיך אויסגעברייט מאנכע ניט אנגענעהמע און ניט שענע שטריכען, וועלכע זיינען געקומען דערפון וואס די גזעלשאפטלי־כע היפוכים האבען זיך געהאלטען אין פארשטארקען.

זיכער איז, אז די בלוטיגע אויסראטונג דורכ׳ן „חרם" און די בלוט־נקמה זיינען איצט אלץ מעהר צוריקגעטראטען. פון חרם הערען מיר לגמרי ניט מעהר, און די בלוט־נקמה איז אלץ מעהר איינגעשרענקט געווארען דורך דאס רעכט צו אנטלויפען אין א הייליגטום און דורך דעם איינגעשטעלטען

---

צעהלונגען האבען דערפאר ניט געקאנט אנטשטעהן לאנג נאך שלמה׳ן; גיכער וואלט מען זיי געקאנט צורעכענען נאך צו דער פריהערדיגער פעריאדע.

*) זעה ווייטער דעם קאפיטעל איבער די נביאים.

סדר פון משפט. די אויפפיהרונג פון דעם קעניג אמציה בנוגע צו די קינ־
דער פון די שולדיגע אַטעמט באזונדערס דייטליך מיט דעם גייסט פון אַ
מילדערער צייט, אין וועלכער די זיטליכע רעכטען פון יחיד ווערען מעהר
געאַכטעט, און דאָס האָט געמוזט געבען אַ שטאַרקען קלאַפּ דעם פויסט־
רעכט וואָס האָט נאָך שטאַרק געהערשט*). אָבער ביי אַט דעם אַלעמען האָבען
די מלחמה־מנהגים ווינציג וואָס פאַרלאָרען פון זייער אַלטער ווילדקייט:
צייטענווייז איז די ווילדקייט נאָך געוואַקסען. די מלכים פון ישראל זיינען
אפילו געווען פאַררעכענט פאַר מילדער איידער זייערע שכנים**): דאָך
דאָס וואָס מיר לייענען וועגען בעשא'ס, זמרי'ס, יהוא'ס און עתליה'ס פיה־
רונגען, אָדער וועגען דער שרעקליכער אכזריות אין דער באַלאַגערטער
שומרון***), אָדער וועגען די שטענדיגע מאָרדען פון די מלכים אין דער
צפון־מלוכה, מאַכט אונז גלויבען, אַז די שטענדיגע קריגערייען צווישען
יהודה און אפרים און די נאָך ערגערע ברודער־מלחמות און טראָן־רויבע־
רייען אין צפון־קעניגרייך האָבען ארויסגערופען אַ פאַרווילדערונג פון די
זיטען ביי דער ארמיי און איהרע פיהרער, און אויך אין די ווייטע קרייזען
פון דער נאַציאָן. און וויבאַלד די אידען האָבען זיך באַקלאָגט אויף דער
אכזריות, מיט וועלכער די סיריער, און ביי אַ געלעגענהייט אויך אַנדערע
שכנים, האָבען געפיהרט נעגען זיי מלחמות וואָס ווייטער אַלץ מיט מעהר בי־
טערקייט****), איז ניט צו גלויבען, אַז דער אידישער סאָלדאַט האָט זיך ניט
הינגעריסען אָפּצוצאָהלען דעם שונא מיט דער גלייכער מטבע. די זאַרט
אויפפיהרונג האָט אודאי געהאַט אַ ווירקונג אויף דעם מצב פון די זיטען
אויך אין דערהיים. דאָך האָט מסתמא אויך ניט געפעהלט דער געפיהל
פאַר עפּעס העכערעס און איידעלערעס, פאַר מילדקייט, דאַנקבאַרקייט, גע־
טריישאַפט און אמת'ע גוטע מידות*****), און דאָס אויפטרעטען פון דערהוי־

---

*) פאַרגלייך מלכים א, א 50; ב 28 און כ"א. וועגען אמציה'ן זעה מלכים ב, י"ד 6.

**) מלכים א, כ 31. צו אַט דער עדות פונ'ם פיינד איז צו פאַרגלייכען דאָס וואָס אלישע זאָל האָבען געזאָגט דעם קעניג, לויט מלכים ב, ו 21—23. וואָס עס זאָל ניט זיין מיט דעם גאַנצען שטיק; אָבער דער פּרינציפּ פון פּסוק 22, אַז מ'מוז זיך באַנעהמען מילד מיט געפאַנגענע פיינד, איז יעדענפאַלס אין איינקלאַנג מיט דעם גייסט פון דעם דערצעהלער און פון זיין צייט.

***) בעשא און זמרי: מלכים א, ט"ו, ט"ז; מנחם: מלכים ב, ט"ו 16; שומרון: ו 29. אַט אַ דאָ געהערט אויך די אידישע אויפפיהרונג אינ'ם לאַנד מואב (מלכים ב, ג 25).

****) מלכים ב, ח 12 און דערצו דער אורטייל פון עמוס א, 3.

*****) מלכים ב, ד (די שונמית); י"א (רעטונג פון דעם פּרינץ).

בענע געשטאלטען אין דער ליטעראטור און רעליגיאן פון אט יענער צייט באַשטעטיגט עס.

ווייטער ווייסען מיר שוין, אז די סאָציאלע היפּוכים האבען זיך ביסלעכווייז אלץ מעהר און מעהר פארשארפט אין ישראל און אין יהודה. עס האט זיך פארמעהרט לטובה פון די וועניג רייכע די צאָהל פון די עקאנאָמיש אפּהענגיגע, סאי פון אומפרייע וואָס האבען אנגעוואָרען זייער אייגענע נחלה, און סאי פון די עקאָנאמיש־שוואַכע („דלים", „אביונים"). דער פּועל יוצא דערפון האט געמוזט זיין, אז עס איז פארשוואונדען דער אלטער געפיהל, אז אלע זיינען בעצם גלייך. דער זינט שלמה'ן גלענצענדער הארעם און דער הויף מיט א מחנה פון פּאלאַץ־באַאמטע*). מיט יעוונוכען און שקלאפען פון אלע מינים, די לוקסוס־מאָהלציטען פון די רייכע און חשוב'ע, דאָס באהאנדלען די אָרימע אהן איינזעהעניש מצד פון די רייכע — דאָס אלץ האט נאָך געמוזט פארגרעסען דעם תהום און אפּטעמפּען דאָס עפענטליכע געוויסען גענען די פאָדערונגען פון ארענטליכקייט און יושר, דערהויפּט גענען דער פאָדערונג פון מאָראלישען חוב לגבי די נייע צוּשטענדען**). אבער פון דער אנדערער זייט ווייזט דאָס אויפטרעטען פון מאַנכע יחידים מיט די גרויסע נביאים בראש, אז דער חוש פאר רעכט און יושר איז נאָך ניט געווען אפּגעשטאָרבען. און עס לאָזט זיך משער זיין, אז דער ווידערקלאנג פון זייערע ווערטער האט זיך געפיהלט אין אסך א גרעסערען קרייז ווי מיר קאָנען דאָס היינט דירעקט מערקען.

## 3.

## רעליגיאָן און קולט.

### צ פ ו ן א ו ן ד ר ו ם.

די צעשפּאלטונג פון דער מלוכה האט דאָס פאָלק ישראל צעריסען אין צוויי לאגערן, ניט נאָר פּאליטיש נאָר אויך רעליגיעז. די רעליגיעזע אנט־

*) פארגלייך נעבען דער שילדערונג פון שלמה'ס הויף באזונדערס מלכים ב, י 6, 13 (70 און 42 פּרינצען), דערצו מלכים א כ"ב 9; ב, ח 6; כ"ב 12, 14; ישעיה כ"ב 15.

**) פארגלייך די ווערטער פון ישעיה ה 18, 20, וואו עס ווערט ביטער געקלאָגט איבער די לייכטזיניגע זינד און מעהר ווי אלץ איבער דער באוואוסטער אדער אומבאוואוסטער צעמישונג און פארטונקעלונג פון די מאָראלישע באגריפען; אויך קאַפּ. י 1, 2 איז צו פארגלייכען.

ווּיקלונג אין דער צפון־מלוכה, ווי ווייט זי איז כאראקטעריזירט דורך די נעמען פון ירבעם בן נבט און אחאב פון איין זייט, און פון אליהו און יהוא פון דער אנדערער זייט, איז שוין פריהער געשילדערט געווארען. מיר האָבען דארטען געזעהן, אז דער סך־הכל פון די מיטלען, וועלכע ירבעם האט אנגענומען, האט באמת באדייט דער טריאומף פון כנעני׳זם אין דער פאָרם פון דעם במות־קולט. יענער קולט איז לאנג שוין פראקטיצירט געווארען אין דער צייט פאר די מלכים און אין דער ערשטער צייט פון די מלכים און איז ביי געלעגענהייטען שוין דאמאלסט געווען פארבונדען מיט דעם דינסט צו בילדער פון יהוה. אונטער אחאב׳ן איז נאך צוגעקומען די סכנה, אז דער קולט וואס איז נאך אנגעגאנגען אויף יהוה׳ס נאמען נאך זעהר שטארק אין כנעני׳שע פארמען, זאל לגמרי ווערען א ריינער כנעני׳זם. דורך דעם איז ארויסגערופען געווארען יענע רעאקציע פון אליהו און יהוא, וועלכע האט פיליכט גייסטיג — ניט פאָליטיש — זיך אנגעשלאָסען אן יהודה: יעדענפאלס האט זי געפאָדערט מ׳זאל זיך צוריק אומקעהרען צו ירבעם׳ס רעליגיאן און צו דעם דינסט פון יהוה וואס איז פון איהם אזוי שטאַרק באַטאנט געווארען. דערמיט איז אונז אנגעוויזען דער וועג. מיר דארפען אננעמען, אז אין אחאב׳ס צייט איז פארגעקומען א שטארקע נייגונג ספּעציעל צו דאָס פעניקישע: בדרך כלל אבער מוזען מיר באטראכטען די רעליגיאן און דעם קולט אלס המשך פון דער יהוה־רעליגיאן מיט דעם שטארקען כנעני׳שען צומיש פון דער פריהעריגער פעריאָדע. אבער די געגען־באוועגונג וואס גיהט ארויס פון אליהו׳ן, לאָזט אונז דערקענען אין דער אַפּיציעלער ווי אויך אין דער פערזענליכער רעליגיאן פון די העברעאישע שטאנדען דעם אנהויב פון דעם וואס האט זיך שפעטער אויסגעדריקט אין יהודה אין דער געשטאלט פון א רעפאָרם אין קולט.

אין דער ד ר ו ם ־ מ ל ו כ ה איז דער מצב געווען בעצם אנדערש. ניט נאר האט די דרום־מלוכה אנגעהאלטען איהר דינאסטיע און צוזאמען מיט דער דינאסטיע אויך פּאָליטיש איינגעשטעלטערע פארהעלטענישען, נאר זי האט אויך אנגעהאלטען איהר גרויסען רעליגיעזען צענטער, דעם בית־המקדש מיט זיין גרויסער טראַדיציע. כמעט דער בית־המקדש ווערט אויך אין א געוויסען גראד באריהרט פון די השפעות פון דער נידעריגער פאָלקס־רעליגיאן און זאגאר פון דעם אריינדרינגענדען פעניקישען בעל־דינסט; און כמעט אויך די במות אין יהודה האבען איהם אנגעטאן אסך שאדען, פון דעסטוועגען געפינען די מלכים פון יהודה שטענדיג ווידער דעם וועג צוריק צו דער טראדיציע פון שלמה׳ן: דער עיקר איז וואס דאס בילד פון׳ם אקס

אדער דאס בילד פון יהוה האט זיך קיינמאל ניט ערנסט באפעסטיגט אין בית־המקדש.

## פאלקס־רעליגיאן.

פון דאס אלץ וואס מיר האבען דא געזאגט פארשטעהט זיך ממילא, אז די פאלקס־רעליגיאן ווערט אין דער צפון־מלוכה ווייטער פראקטיצירט אין די פריהערדיגע פארמען. נאר מיט דעם חילוק, וואס זינט דער ענגער פאר־בינדונג מיט צור, פארנעמען צייטווייליג א ברייטען פלאץ אויך די ספע־ציפיש פעניקישע עלעמענטען, אזוי ווייט ווי מ'קאן פון זיי ריידען. ירבעם בן נבט האט געקאנט זיך באציהען אויף דעם, אז דער קולט, וועלכען ער האט געגעבען זיין קעניגרייך איז אין איינקלאנג מיט דער פארגאנגענהייט פון א גרויסען טייל פון ישראל. בית־אל און דן זיינען אלס היילינגטימער פון יהוה געווען אהן אז ערד עלטער איידער ירושלים: און הגם מ'האט ביז איהם ניט געדינט דוקא צו גאלדענע קעלבער, דאך איז דאס דינען צו בילדער ניט געווען אזא גרויסע זעלטענקייט*). דער רוף: „דאס זיינען דיינע גע־טער, ישראל, וואס האבען דיך ארויסגעפיהרט פונ'ם לאנד מצרים," האט געזאלט דערמאנען די אידען, אז דאס וואס ירבעם באט זיי דא אן איז ניט קיין שפאגעל־נייע זאך, נאר די צוריקקעהרונג צו עפעס אזוינס, צו וואס מען איז פון לאנג שוין געוועהנט געווען אין ירושלים.

מיר וועלען דעריבער קיין טעות ניט מאכען מיט דער הנחה, אז דער קולט פונ'ם קעניגרייך אפרים איז געלעגען אין דערזעלביגער ליניע ווי דער במות־ און בילדער־דינסט פון דער פאר־קעניגליכער און פון דער ערשטער קעניגליכער צייט, אויף ווי ווייט יענער קולט איז אונז באקאנט**). אזוי ווייט ווי עס האנדעלט זיך ניט וועגען ירבעם, אחאב און יהוא, רעדט דער ספר מלכים זעהר בקיצור און נאר בדרך כלל מכוח די רע־ליגיעזע צושטענדען אין דער צפון־מלוכה. ס'איז דערפאר שווער זיך צו מאכען א בילד פון יענע צושטענדען. דאך לאזען זיך פעסטשטעלען איי־

*) זעה באנד 1, ז. 307—311 און אויבען ז. 138 און ז. 170, 171.

**) לויט יהושע כ"ד 14; ישעיה ב 8, 18, 20; ל 22 און לויט דעם וואס מיר קענען זיך משער זיין פון די אויסגראבונגען, ווייזט עס על־כל־פנים אויס, אז די צאהל פון די גאט־בילדער, באזונדערס פון די אשורישע און עגיפטישע, איז ניט געווען קליין.

ניגע שטריכען. בית־אל און דן זיינען נאר די חשוב'סטע, ניט אבער די איינציגע ערטער צו דינען גאט אין דער צפון־מלוכה. בית־אל האט א פרעכטיג הייליגטום וואס שטעהט אונטער דעם קעניג'ס שוץ*). דאסזעלביגע איז געווען דער פאל מיט שומרון, וואס האט, ווי עס ווייזט אויס, געהאט טאקע אן אמת'ן טעמפעל (מלכים ב, י 18—21). אחוץ דעם זיינען שטארק געאכטעט די הייליגטימער פון גלגל, באר־שבע, מצפה און אויף די בערג טבור און כרמל; העכסט וואהרשיינליך אויך אזוינע ערטער ווי שכם, פנואל, סכות**). ביי דער כהונה קוקט מען דארטען ווי עס ווייזט אויס ניט אויף דער אפשטאמונג פון לוי***). אין קרבנות און רוישענדע ימים־טובים איז קיין דוחק ניט. שבת און ראש־חודש ווערען שטרענג אפגעהיט****), די ערשטע פרוכטען און דער מעשר ווערען געבראכט אלס חוב צו יהוה. אויך די פרויען, באפוצט און באהאנגען מיט צירונג, נעמען אן אנטייל אין די פייערונגען*****).

ווי אזוי עס פלעגט צוגעהן בפרטות ביי אזעלכע ימים־טובים, קאנען מיר זעהן פון מאנכע שילדערונגען. מ'באווייזט זיך אין יום־טוב'דיגע קליידער. יום־טוב'דיגע קליידער ליגען אין הייליגטום גרייט פאר ויי באזוכער******). דער המון פארזאמעלט זיך אין פאר־הויף. ביים מזרח באווייזט זיך דער כהן, אויך דער מלך, הפנים מקריב צו זיין דעם קרבן. געזאנג, מוזיק און תפלות באגלייטען די פייערונג. איינצעלנע האבען, ווי עס ווייזט אויס, ביי געלעגענהייטען פארגעזונגען א ליד, צושפילענדיג אויף דער גיטארע. אײדער די פייערונג הייבט זיך אן פאדערט מען אלעמען אויף צו זיין שטיל. אויב ס'איז פאראן א בילד פון גאט אדער א גאלדען קאלב, קושען עם דאן די אנוועזענדע. ביי ספעציעלע געלעגענהייטען טאנצען די

*) מלכים א, י"ג 32; מלכים ב, כ"ג 19; מלכים א, י"ב 31; עמוס ז 13.

**) עמוס ד 4; ה 5; ח 14; הושע ד 15; ה 1; ט 15; י"ב 12. בראשית י"ב 6; ל"ב 25 — 33; ל"ג 17 — 20.

***) מלכים א, י"ב 31; י"ג 33. זעה אויך אויבען ז. 145, 146.

****) מלכים א, יב 32; י"ח 26; מלכים ב, ג 20; עמוס ד 4, 5; ה 22, 23; ח 10; הושע ב 13; ו 6; ח 13. פארגלייך פאר יהודה ישעיה א 11-14. אלס די הויפט־ימים־טובים גילטען יעדענפאלס די באקאנטע „שלש רגלים". — עמוס ח 5; הושע ב 13. ישעיה א 13; מלכים ב, ד 23. די צוזאמענשטעלונג פון שבת און חודש רופט ארויס די השערה, אז דער שבת האט לכתחילה זיך געהאלטען ביי די פאזען פון דער לבנה.

*****) עמוס ד 4; שמואל א, י 3. שמות ג 22; הושע ב 13; ד 14.

******) מלכים ב, י 22; כ"ב 14 (יהודה).

כהנים ארום דעם מזבח, רייסענדיג פון זיך דאס אייגענע פלייש. נאך דעם כהן׳ס ברכה קומט אלס שלום די יום׳טוב׳דיגע מאהלצייט, וועלכע דריקט אויס סימבאליש די פרייד פאר יהוה און דאס צוזאמענזיין מיט גאט. די ארימע לייט האט מען קענטיג ארויסגעהאלפען דערביי מיט נדבות. ניט זעלטען לעבט מען זיך דארטען גוט איין, אזוי אז די דורכגאנגס־צימערן און די פאר־הויפען זעהען אפטמאל אויס ווי וואס איהר ווילט אין דער וועלט, נאר ניט ווי א הייליגער ארט. זאגאר די שרעקליכע פאר־דארבענקייט וואס איז פארבונדען מיט דער גאטהייט אלס די הערשערין פון לעבען איז אריינגעדרונגען אזש אין די הייליגטימער פון יהוה*). ס׳איז אבער קענטיג ניט קיין צופאל, וואס די ערגסטע עברות און די מיאוס׳טע אויסגעלאסענקייטען באווייזען זיך ערשט אין דער צייט ווען מ׳האט גענומען פארבינדען יהוה מיט דעם צור׳ישען בעל.

נעבען דעם מזבח פון יהוה שטעהט — הגם ניט אלעמאל, דאך גאנץ אפט — דער הייליגער שטיין, די מצבה, וועלכע די אידען האבען איבער־גענומען פון דער כנעני׳שער צייט. הושע דערמאנט די מצבה אויף דעמ־זעלביגען אופן ווי דעם מזבח, און די ביכער וועגען דער אורגעשיכטע, באזונדערס דער אלהי׳סט, דערצעהלען פון דער מצבה מיט דערזעלביגער וואָרימקייט ווי פון די מזבחות, וועלכע אברהם און יעקב האבען אמאל אויפגעשטעלט*). אהן ספק האבען די ווייטע קרייזען פון פאלק אויך איצט נאך באטראכט יענע שטיינער נאך ווי פארצייטען, ד. ה., אז זיי זיינען באוואוינט פון דער ארטיגער גאטהייט אדער „רוח“. אבער די סימבאלישע אויסטייטשונג האט שוין געמוזט געפינען א ווייטע פארשפרייטונג נעבען און פי־

---

*) פארגלייך וועגען דאס אלץ בכלל: מלכים א, ח; י״ח פון 18 אן; מלכים ב, י 18־25; ישעיה א 11—15; עמוס ה 21—23; ישעיה כ״ח 7, 8. אין די פרטים: וועגען קעניג, שמואל ב, ו 18; מלכים ב, י 25; מלכים א, ח 62; — וועגען געזאנג און תפלות, ישעיה א 15; עמוס ה 23; וועגען לידער פארגעזונגען פון איינצעלנע, ישעיה ה 1 (דא האנדעלט זיך וועגען א יום־טוב, מחמת ירושלים און יהודה ווערען אנגערעדט, עס זיינען בכן דא אסך לייט); — וועגען שטילקייט (הס), צפניה א 7; וועגען קושען, מלכים א, י״ט 18; הושע י״ג 2; טאנץ און דאסגלייכען זעה אויבען ז. 189; וועגען ברכה און מתנות, שמואל ב, ו 18, 19; פארגלייך במדבר ו 24—27; וועגען וויין און הוליען, ישעיה כ״ח 7, 8; פארגלייך שמואל א, א 14; וועגען פראסטיטוציע און אויסגעלאסענע הולאנקעס, עמוס ב 7, 8; הושע ב 15; ד 13, 14; אויך מלכים ב, ט 22 איז אט אזוי צו פארשטעהן די זנות פון איזבל; זעה אויך בראשית ל״ח.

*) הושע ג 4; י 1; — בראשית כ״ח 18—22; ל״א 13; שמות כ״ד 4 (פארגלייך דברים י״ב 3; ט״ז 22).

לייכט אין דער אויסטייטשונג פון דער פאָלקס־רעליגיאָן. עס זעהט אויס, אז די מצבה איז געווען דער אומשעדליכסטער צווישען די הייליגע סימבאָלען פון די כנענים און האָט זיך אם בעסטען צוגעפּאַסט צו דעם גלויבען אין יהוה. אלס פּשוט'ער סימבאָל פון גאָט'ס אנוועזענהייט איז די מצבה געשטאַנען אם נעהנטסטען צום ארון און האָט פּונקט ווי יענער געקאָנט באַנוצט ווערען ביי א קולט אָהן בילדער. אז די מצבה נעבען דעם מזבח זאָל זיין עפּעס א זינד געגען יהוה קומט דעם אלהי'סט אזוי ווענינ אויפ'ן זינען, פּונקט ווי דער געדאַנק, אז ס'איז כלומר'שט אן אומרעכט צו האָבען מעהרערע הייליגטימער איינע ביי די אַנדערע. ס'איז דערפאַר נאָך וויכטיגער צו באַמערקען, אז עס ווערט אין ערגיץ ניט צוגעשריבען צו די אבות, אז זיי זאָלען האָבען געדינט צו יהוה דורך א בילד, אָדער אויפשטעלענדיג א יהוה־בילד.

אויך די אשרה, דער הייליגער בוים אָדער סלופּ — ביי די כנענים דער סימבאָל פון דער פּרוכטבאַרקייט און פון זייער ווייבליכער הויפּט־גאָט־הייט, פעהלט לגמרי אין דער רייה פון יענע קולט־מיטלען, וועלכע ווערען ביי דעם יהוי'סט און דעם אלהי'סט צוגעשריבען צו די אבות. דאָך זעהט מען קלאָר, אז די אשרה האָט ניט אויסגעפעהלט אין דער צפון־מלוכה. דער ספר מלכים דערמאָנט איהר דאָרטען כמעט נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם בעל־דינסט*). אָבער דער אומשטאַנד, וואָס זי שטעהט ווידער ביי א קעניג פון דער דינאַסטיע פון יהוא**), וואָס האָט דאָך באַזייטיגט דעם בעל־דינסט, ווייזט פּיליכט, אז מ'האָט אריבערגעטראָגען אויך אויף יהוה דעם הייליגען סלופּ פון די פעניקיער און די כנענים, כאָטש ער האָט בעצם געהערט צום בעל און צו דער עשתרת. נאָך מעהר זעהט מען עס פון א פאַרגלייך מיט דעם קעניגרייך פון יהודה און פון דעם פייערינען פּראָטעסט פון די נביאים און די שרייבער פון ספר דברים געגען דער אשרה***). ווי נאָהנט דער קולט פון צפון־ישראל איז מיט די אלע זאַכען צוגעקומען צום עכטען כנעני'־שען געצענדינסט, ווייזען אם דייטליכסטען עמוס און הושע. ניט זעלטען בלייבט צוליב דעם אונז ניט קלאָר אין זייערע רייד: צי זיי מיינען אן אמת'ען געצענדינסט, אָדער דאָס דינען צו יהוה'ען אויף א געצענדינערישען

---

*) מלכים א, ט"ו 33; מלכים ב, י 26.

**) מלכים ב, י"ג 6. דער דאָזיגער שטעל איז א שפּעטערע הוספה, אבער דאָס איז ניט אזוי וויכטיג. יעדענפאַלס קאָן זיך אויך באַציהען י"ח 4; כ"ג 6, 15 אויף אן אשרה פאַר יהוה. פאַקטיש האָט מען שוין דאַמאָלסט אָפט ניט געוואוסט גענוי, אויב אזא'ן עמבלעם האָט געמיינט יהוה אָדער בעל און עשתרת.

***) מיכה ה 13; דברים ז 5; י"ב 3.

אופן. צו דער איינפיהרונג פון אן אמת'ען געצענדינסט האט על־כל־פנים געפעהלט נאר איין טריט. אחאב האט דערלאזען דעם טריט, אונטער דער השפעה פון זיין פעניקישער פרוי. אין שומרון, וואהרשיינליך אויך אין יזרעאל, געפינט זיך א פרעכטיג היילגטום, פילייכט א טעמפעל פון'ם בעל, אין וועלכען עס פעהלען נאטירליך ניט קיין אשרה און קיין מצבה*). פערזענליך האט אחאב ווי עס ווייזט אויס זיך געהאלטען פעסט אן יהוה.

אום צו דערגעהן דעם ווילען פון דער גאטהייט, האט מען הפנים אויך איצט נאך זיך באנוצט מיט דעם אפוד און די תרפים. הושע רופט זיי אן אלס גאנגבארע זאכען אינ'ם קולט פון דער צפון־מלוכה (הושע ג 4). און די געשיכטע פון „פסל מיכה" (שופטים י"ז, י"ח), וועלכע געהערט צום אנהויב פון אט דער פעריאדע, דערמאנט דעם אפוד און די תרפים אהן שום טאדעל אלס זאכען וואס געהערען שוין פון אלטע צייטען אן צום היילגטום פון דן. אויך די עלטערע שטיקער פון דער דערצעהלונג וועגען שאול און דוד, אזוי ווייט ווי זיי געהערען נאך צו אט דער פעריאדע, האבען ניט פיעל אויס־צוזעצען געגען זיי. מ'האט אויך אנדערע אופנים ווי צו פרעגען גאט, צום טייל מיט דער הילף פון די טויטע, צום טייל אהן זיי (ישעיה ח 19 : שמואל א כ"ח). מען איז דערגאנגען פיעל זאכען פון געוויסע סימנים פון רוישען פון די בוימער, וואהרשיינליך אויך פון ערד־ציטערניש און דונער: די מורמלער און ווייסער און די וועטער־מאכער האבען געשפילט א גרויסע ראלע**). נע־בען דעם איז אויך פראקטיצירט געווארען כישוף און טרעפעניש, ווי ס'איז צו זעהן בפירוש פון די פיעל פארבאטען געגען דעם, און אויך פון דער גרויסער צאהל קמיעות און סגולות, וואס מיר קענען ארויסדרינגען פון גע־וויסע באשרייבונגען***).

איבערהויפט האט מען זיך פארגעשטעלט, אז די וועלט איז פול מיט רוחות, געגען וועלכע מ'מוז זיך באשיצען. אט אזוי איז אויפגעקומען שוין אין אסך א פריהעריגער צייט דער אונטערשייד צווישען טהור און טמא, וואס הייבט איצט אן זיך צו באווייזען עפטער אין דער ליטעראטור****). די נויטיגע באלעהרונג וועגען דעם גיבען די כהנים, וועלכע זיינענדיג די אייר־

---

*) מלכים א, ט"ז 32, 33 ; מלכים ב, י 18—27 ; ג 2.

**) אובות, ידעונים, מעוננים, בראשית ט"ו 11 (א שלעכטער צייכען) ; שמואל ב, ה 24 ; ישעיה ח 19.

***) ישעיה ב 6 ; ג 3, 18—24 (דאס רוב פון די תכשיטים זיינען קמיעות).

****) פארגלייך שוין אין ספר הברית כ"ב 30 (אנשי קדש) ; שופטים י"ג 7 ; שמואל א, כ 26 ; ט"ז 5.

גענטימער און פאַרוואַלטער פון די היילינע זאכען ווערען אַליין פאַררעכענט פאַר היילינע פּערזאָנען*). זייער חשיבות איז אבער ניט אזוי גרויס: אין די גרויסע היילינטימער זיינען זיי, ווייזט אויס, אין גאַנצען אָפּהענגיג פון קעניג, אין די קלענערע היילינטימער זיינען זיי אָפּהענגיג פון פאָלק: דאָס הייסט, אַז זיי הענגען אָפּ פון זייערע ברויט-געבער. יעדענפאַלס זעהט אויס, אַז זיי זיינען דאָס רוב ווענינ גענייגט אדער ווענינ ביכולת זיך צו שטעלען אַפּען געגען די רעליגיעזע און מאָראַלישע איבלען פון דער צייט**). אחוץ דעם קעניג געהערען נאָך צו די היילינע לייט אויך די נ ב י א י ם. זיי ווערען באַטראַכט פון דער מאַסע ווי זיי וואָלטען געווען באַזעסען פון א גייסט***). דעריבער פאַרעהרט מען זייער וואָרט אלס גאָט'ס וואָרט. פאַר די ערנסטערע פון זיי, וועלכע מיר עהרען נאָך היינט אלס די ליכטיגע נביאים, וואַקסען דערפון ארויס מאָראַלישע פאַרפליכטונגען. אבער די מאַסע פון די פאָלקס-נביאים האָבען, ווי עס זעהט אויס, געמאַכט דערפון א פּרנסה. זיי זיינען פאַרקויפט צום פאָלק ווי צום הויף, אזוי אַז הושע און ישעיה פאַר־אַכטען זיי. עמוס שעמט זיך צו געהערען צו זיי, און מיכה פיהלט זיך איינ־זאַם צווישען זיי****). זיי לעבען דאָס רוב צוזאַמען אין פאַראיינען און צע־כען און זיי היטען זיך שטאַרק אָפּ ניט ארויסצורייזען עפּעס אַזוינס וואָס קאָן ניט געפעלען ווערען די, פון וועמען זיי זיינען אָפּהענגיג. אָט אזוי רייִ־דען זיי צו געפעלען די לייט, ספּעציעל די גרויסע און חשוב'ע, און זיי טוען עס נאָך אין נאָמען פון יהוה און פאַרטונקלען נאָך מעהר דעם רעליגיעזען און מאָראַלישען זין. מיר באַגרייפען זעהר גוט דעם היילינען צאָרן פון די ערנסטע מענער צווישען די נביאים געגען לייט, „וואָס רופען שלום ווען זיי האָבען וואָס צו בייסען מיט זייערע ציין, און זיי זאָגען אָן קריג דעם וואָס גיט זיי ניט קיין זאַך אין מויל“ (מיכה ג 5).

די סקיצע וואָס מיר האָבען דאָ געגעבען פון דער פאָלקס-רעליגיאָן אין דער צפון-מלוכה האָט שוין ממילא אויך אריינגעצויגען יהודה, איז

*) שמואל א, כ"ב 17; שאול'ס לייט קווינקלען זיך זיי צו טויטען.

**) פאַרגלייך הושע ד; ה 1; ו 9; ישעיה ג 3 דערמאַנט זיי איבערהויפּט ניט צווישען די שטיצען פון דער מלוכה.

***) זיי ווערען דעריבער ביי א געלעגענהייט אָנגערופען „משוגע“, מלכים ב, ט 11; הושע ט 7; ירמיה כ"ט 26.

****) הושע ד 5; עמוס י 14; מיכה ג 5. אם בעסטען ווערען די פאַרהעלטענישען אילוסטרירט דורך מלכים א, כ"ב און ישעיה כ"ח 7 (דער כהן און דער נביא ווערען דאָ געשילדערט אלס שיכור אין טעמפעל, בשעת זיי פראַוועגען זייער היילינען דינסט).

יענע פרטים וואו דער צפון און דער דרום ווייזען בעצם ארוים שותפות'ע שטריכען. דערפאר ווען מיר ווארפען נאך א בליק אויף דעם קעניגרייך פון דרום, איז געגוג אנצואווייזען מיט עטליכע ווערטער אויף דאס דורך וואס די דרום־מלוכה האט זיך ספעציעל אויסגעצייכענט.

עס איז לייכט צו פארשטעהן, אז אויך יהודה איז, ניט קוקענדיג אויף זיין בית־המקדש, פונקט אזוי ווי ישראל, ארונטערגעפאלען אונטער געצענדינערישע, אדער האלב־געצענדינערישע השפעות. שוין די ערינערונג אן דער צייט איידער דוד האט צוריק געבראכט דעם ארון און איידער שלמה האט אויפגעבויט דעם בית־המקדש האט געמוזט האבען א נאכווירקונג, אויב ניט אויף ירושלים גופא, איז וועניגסטענס אויף פארשידענע במות אינ'ם לאנד. דערצו האט שלמה אליין געגעבען א ביישפיל, וואס איז ניט געוועז קיין טובה פאר דעם בית־המקדש*). און אלס צוגאב נאך דארף מען ניט אוועק מאכען מיט דער האנט די השפעות, וואס יהודה האט מקבל געוועזן פון דער צפון־מלוכה.

מיר האבען זיך דערפאר ניט וואס צו חידוש'ען, ווען דער פארפאסער פון ספר מלכים דערצעהלט אונז, אז שוין אין רחבעם'ס צייט האבען עקסיסטירט אין יהודה א גרויסע צאהל ב מ ו ת ־ ה י י ל י ג ט י מ ע ר, מיט מצבות און אשרות, וואו מ'האט פראקטיצירט די רעליגיעזע פראסטיטוציע אינ'ם דינסט פון דער עשתרת**). אונטער דער רעגירונג פון אסא מוז אפילו אביה'ס אלמנה מעכה פארלירען איהר ראנג אלס דעם קעניג'ס מוטער, ווייל דער שטארק פארשפרייטער געצענדינסט, באזונדערס דער אומווירדיגער עשתרת־דינסט, האט זיך געקאנט באשיצען מיט איהר אויטאריטעט***). הגם די היידנישע פיהרונגען, וועלכע האבען שוין געהאט אנגעהויבען זיך פארפעסטיגען אין יהודה, זיינען צוריקגעהאלטען געווארען א לאנגע צייט, דאך האט מען אויך דא נאך באדארפט גינסטיגערע אומשטענדען כדי זיי ווידער צו לאזען אויפלעבען. די במות באשטעהען ווייטער, און בילדער פון גאט, מצבות און אשרות, אויף ווי ווייט זיי זיינען באזייטיגט געווארען, האבען הפנים גיך גענוג זיך צוריקגעקעהרט. ביז דער צייט פון

---

*) זעה אויבען ז. 114, 115.

**) דאך אבער פארגלייך דערצו אויבען ז. 162 און 164, 165.

***) מלכים א, י"ד 23; ט"ו 12, 13; כ"ב 47. די געצען־בילדער זיינען פיליכט פריוואטע. יעדענפאלס ווייזט אויס, אז ס'איז נאך געוועזן פון זיי א גרויסע צאהל, דאס רוב פון עגיפטישער און באבילאנישער אפשטאמונג (כאטש געמאכט אינ'ם לאנד): ישעיה ב 8, 18, 20; ל 22; הושע ח 4; זעה אויך באנד 1, ז. 310 און אויבען ז. 116.

חזקיה'ן דינט מען צו דעם קופּערנעם שלאַנג — אַן איבערבלייבעכץ פון דער אַלטער צייט ווען מ'האָט געדינט חיות — הגם עס ווערט אין ערגיץ ניט געזאָגט, אַז ער איז געשטאַנען אין בית־המקדש. עס לעגט זיך שווער אויפ'ן שכל, אַז דאָס איז געווען דאָס איינציגע שטיק פון דעם מין. פון אשרות אינ'ם יהוה־קולט אין יהודה, באַזונדערס אין בית־המקדש, האָבען מיר קיין באַווייז ניט ביז אחז'ן, פון מצבות לכל הפּחות האָבען מיר ניט קיין זיכערע באַווייזען*), כאָטש אין דער געשיכטע פון די אבות ערשיינען די מצבות אַלס אַ נאַטירליכע זאַך. דאָס מתחתן זיין זיך פון דוד'ס הויז מיט אחאב'ס פאַמיליע האָט געשאַפען די גינסטיגע געלעגענהייט פאַר די היידנישע השפּעות און מיר דערוויסען זיך טאַקע באַלד פון אַ בעל־טעמפּעל אין ירושלים מיט אַלץ וואָס געהערט דערצו: מיט אַן אייגענעם כהן, מיט בעל־בילדער און מזבחות**).

ענדליך מוזען מיר נאָך טאָן אַ בליק ווי אַזוי די פאָלקסטימליכע באַטראַכטונג אין ישראל און אין יהודה, צווישען וועמען ס'איז אין דעם פּרט קיין חילוק ניט געווען, האָט זיך פאָרגעשטעלט יהוה. שוין די פאָריגע פּער־יאָדע האָט אונז געגעבען מאַטעריאַל אום אַרויסצוטראָגען דעם איינ־דרוק, אַז כאָטש מ'האָט זיך פעסטגעהאַלטען אַז יהוה מיט'ן פאָלק באַ־וואוסטזיין אַלס אַז דעם גאָט פון ישראל, דאָך האָט ער זיך אין דעם עצם פון דער רעליגיעזער השגה פון דער מאַסע זיך ווינציג אונטערשידען פון איי־נעם פון די געטער אויסער ישראל. מ'האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט אַלס שטאַרק באַשרענקט אין זיין מאַכט און אין די אויסדרוקען פון זיין ווילען, צייטענווייז זאָגאַר אָפּהענגיג פון ווילדע אויפרעגונגען און קאַפּריזען.

דאָסזעלביגע בילד גיט אונז נאָך אויך אין דער שפּעטערדיגער מלוכה־צייט דער יהוה פון דער פאָלקס־השגה. מאַנכע פון זיינע שטריכען לאָזען זיך בעצם ערשט איצט באַווייזען און מיר מעגען בלויז דורך אַ באַרעכטיגטער השערה זיי אַריבערטראָגען צוריק אויף דער פריהעריגער צייט. אַנדערע שטריכען קומען איצט ניי צו און מאַכען דאָס בילד פולער און גאַנצער. נעבען דער געשיכטע פון די מלכים זינט שלמה'ס טויט גיט אונז אַ רייכען מאַ־טעריאַל די געשיכטע וועגען די אבות פון דעם יהוי'סט און דעם אלהי'סט, וואָס שטאַמט פון יענער צייט.

צו דעם וואָס איז אונז שוין באַקאַנט קומען קודם כל צו די שטריכען.

---

*) פאַרגלייך שלמה'ס צוויי זיילען; דאָך איז זייער כאַראַקטער חפנים שוין געוועזן פאַרגעסען.

**) מלכים ב, י״א 18. זעה אויבען ז. 215.

לויט וועלכע יהוה ערשיינט סאי ניט אלס דער איינציגער און סאי ניט אלס א שטרענג גייסטיגער אדער אבסאלוטער גאט. די דערצעהלער פון דער צייט פון די שופטים און מלכים, וועלכע שטאמען פון יענער צייט, לאזען יפתח'ן און דוד'ן ריידען וועגען יהוה, אזוי ווי ער וואלט געווען באשרענקט אויף זיין לאנד, פונקט ווי כמוש אדער אן אנדער גאט*). פונקט אזוי ווערט ער פון אנדערע געשילדערט, ווי ער וואלט אשטייגער געווען באשרענקט אויף דעם סיני, דעם דארן־בוש, דעם ארון אדער דעם בארג ציון**). געוויסע טיילען פון די געשיכטען וועגען די אבות און משה לאזען איהם זיך באווייזען אויף אזא'ן אופן, אז מ'קאן איהם זעהן: ער רעדט מיט מענשען פון מויל צו מויל, שטייגט אראפ, געהט ארום אין גארטען, באווייזט זיך אין דעם וואלקען־זייל, עסט מיט מענשען און פרעגט זיך נאך, אויב ס'איז אמת, דאס וואס ער האט געהערט. אדער די דערצעהלער לאזען איהם פיהלען אייפערזוכט און זארג וועגען זיין מאכט, אדער גאר ווילדע ליידענשאפטען און קאפריזען***). אהער געהערען אויך געוויסע פארשטעלונגען וועגען גאט אלס באשעפער. פאקטיש שטאמען די אלע פארשטעלונגען פון אסך א פריהעריגער שטופע, דאך איז דער פאלקס־רעליגיאן האבען זיי נאך הפנים ווייטער געלעבט. זיי ווייזען אפילו אהן א ברעקעל ספק ווי אלט עס איז געווען ביי די אידען דער געדאנק וועגען דער וועלט־באשאפונג, אבער זיי ווייזען אויך גלייכצייטיג, אז מ'האט דעם דאזיגען געדאנק צוערשט פארבונדען מיט אלערליי פרעמדארטיגע און ניט אידישע געדאנקען.

אין איינקלאנג דערמיט איז אויך יהוה'ס באציהונג צו מאראל זעהר א שוואכע. אויב ער רעדט אז דוד'ן און רחבעם'ען צו טאן שלעכטס, קאן דאס נאך אפשר ווי עס איז אויסגעטייטשט ווערען אלס א פארבלענדונג צו־ליב דעם וואס זיי האבען זיך געפיהלט שולדיג: אבער ער רעדט אויך אז די

---

*) שופטים י"א 24; שמואל א, כ"ו 19. ס'איז ניט ריכטיג דאס אנצונעמען אלס דוד'ס השגה; עס ווייזט אבער, אז אין דער צייט ביי וועלכער מיר האלטען איצט, זיינען געווען לייט, וואס האבען אזוי געטראכט. צי דער שרייבער גופא געהערט צו זיי, קאן מען ניט באשטימען.

**) אויך די חורב־סצענע פון מלכים א, י"ט געהערט אהער. ווי געוואלדיג זי איז, דאך פארלייקענט זי פארט ניט, אז זי שטאמט פון א פאלקסטימליכען דערצעהלער. פאר איהם וואוינט יהוה אין א הייהל ביים חורב; ער איז ניט דירעקט א גאט פון וועטער, שטורם און ערדציטערניש — אלע דריי זיינען נאר זיינע שלוחים—, דאך געהערען זיי צו איהם. זיין מהות גופא איז א מיסטעריעזער, אבער א מורא'דיגער. די שטילקייט וואס קומט פאר נאך יענע מורא'דיגע נאטור־כוחות פארשפרעכט קיין גוטעס ניט.

***) בראשית ג 22; י"א 6 (יהוי'סט); שמואל א. ו 19; שמואל ב. ו 7.

אידען אין מצרים צו לייהען צירונג פון זייערע שכנים — און עס ניט אוועקצוגעבען צוריק. ער שיקט אפילו אריין אין די נביאים א גייסט פון ליגען זאגען, אזוי אז זיי מוזען אפנארען אחאב'ן*). גוטס און שלעכטס ווערט דעריבער אפגעשאצט ביי געלעגענהייטען לויט דעם מנהג אין ישראל און צווישען מענשען בכלל. עס ווערט אבער ניט פארבונדען מיט יהוה. אויך זינד און אומרעכט ווערען באטראכט מעהר אלס א צרה און פארפאלענע זאך איידער אלס א שולד**).

די שייכות פון ישראל צו יהוה ווערט דורך דעם א רייז נאטירליכע: יהוה ערשיינט אלס ישראל'ס גאט, ישראל אלס יהוה'ס פאלק, פונקט ווי כמוש איז דער גאט פון מואב און מואב איז זיין פאלק. וועגען מאראלישע באדינגונגען פאר די באציהונגען ווייסט די פאלקס־השגה זעהר ווינציג. אויב די באציהונגען הענגען פון וואס עס איז אפ, איז עס פון קרבנות און גע־שאנקען; ווערען זיי געבראכט מיט א רייכער האנט, דאן ווערט יהוה לייט־זעליג, אפילו אויב ער איז געווען אין גרימצארן. וואס מ'דענקט דערביי אדער ווי מ'פיהרט זיך בכלל אויף, איז ניט וויכטיג: האט מען אפגעטאן די צערעמאָניע, איז מען שוין יוצא. דער קולט איז דעריבער צום גרעסטען טייל א רייז אויסערליכע זאך, די ימים־טובים און די אפפער־מאהלצייטען זיינען א געלעגענהייט פאר צעלאַזענער, לארעמדיגער פרייד: דאס „זיך פרע־הען פאר יהוה" איז ניט מעהר ווי א לעב טאן, געניג אפט אין א רעכט וואכעדיגער פארם. אפילו די דערוואַרטונג פון דער צוקונפט, וואס איז ווייזט אויס געווען אלט אין ישראל, ווערט געשטעלט פון דער פאלקס־רעלי־גיאן אויף א רייז אויסערליכען אופן: מ'שטעלט זיך פאר דעם צוקונפטי־גען טאג פון יהוה („יום יהוה") אלס א טאג פון פרייד און יובעל. מ'דער־ווארט פון איהם, אין גייסט פון דער פאלקס־רעליגיאן, אז יהוה זאל ברייג־גען די אידען הילף פון אלע נויטען און גליק פון אלע זייטען (עמוס ה 18).

---

*) שמואל ב, כ"ד 1; מלכים א, י"ב 15; שמות י"ב 36; מלכים א, כ"ב 19—23.

**) פארגלייך דעם אויסדרוק „א שאלקהאפטיגקייט אין ישראל": שמואל ב, י"ג 12; בראשית ל"ד 7; יהושע ז 15. (מ'געפינט אויך דעם אויסדרוק אין שריפטען פון שפעטערע צייטען: שופטים י"ט 24, 30; כ 6, 10; דברים כ"ב 21; ירמיה כ"ט 23. דא אבער האנ־דעלט זיך מעהר וועגען א פאפולערען אויסדרוק פאר א שאנדטאט, איידער וועגען א באַ־שטימונג פון א רעליגיעזער זינד); „אזוי טוט מען ניט" (צווישען מענשען), בראשית כ 9. די זינד אלס פארפאלענע זאך: שמואל א י"ד 43 (יונתן); שמואל ב, כ"ד 1 (דוד); שמואל א, ו 20 (בית־שמש).

## אפיציעלע רעליגיאן.

אלס די פארטרעטער פון דער אפיציעלער רעליגיאן דארפען מיר באטראכטען די פיהרענדע פערזאנען פון דער מלוכה. דערפאר וועט זיך דא באזונדערס פאדערען פאנאנדערצושיידען צווישען ישראל און יהודה. אין דער פריהערדיגער פעריאדע האט מען געקאנט באמערקען, אז די רעליגיאן פון די פיהרענדע קרייזען און דער קולט פון די עפענטליכע היילינגטימער ווייזען א דאפעלטען פנים. די דאזיגע באמערקונג טרעפט אבער ניט צו בנוגע דעם קעניגרייך פון צפון אין דער תקופה, ביי וועלכער מיר האלטען איצטער. דער אונטערשייד באשטעהט נאר אויף אזוי ווייט, ווי מען איז אין א געוויסער צייט, פון אחאב'ן אן, שטארק נוטה געווען צו דער זייט פון בעל־דינסט אין אן ענגערען זין וואס האט טאקע געטראגען אט דעם נאמען. אבער אחוץ יענע געוויסע צייט איז דער כאראקטער פון רעליגיאן און קולט אין דער צפון־מלוכה רעכט איינהייטליך. ס'איז די רעליגיאן פון ירבעם'ען. דאס הייסט: די כנעני'שע פאלקס־רעליגיאן, וועלכע איז דורך איהר ארויבערטראגונג אויף יהוה דערהויבען געווארען צו א סיסטעם און צו דער מלוכה־רעליגיאן.

נאטירליך זיינען אויך דא ניט אויסגעשלאסען געוויסע פארשידענקייטען. אין מאנכע צייטען און אין מאנכע קרייזען האט מען זיך קענטיג שטרענגער געהאלטען אן דעם קולט וואס ירבעם האט איינגעשטעלט אין בית־אל און דן. אין אנדערע האט מען זיך פריהער אדער שפעטער ערלויבט גרעסערע פרייהייטען, וועלכע האבען דערנעהנטערט די פראקטיצירונג פונ'ם קולט צו דעם בעל־דינסט אין אן ענגערען זין. אט אזוי האט געקאנט הערשען א גרויסע פארשידענקייט צווישען איינצעלנע היילינגטימער בנוגע צו דער פראקטישער זייט פון די ימים־טובים און פון רעליגיעזע מנהגים. ניט אלע אנדייטונגען וואס מיר האבען וועגען אויסגעלאסענקייטען אדער וועגען בילדער פון געטער און פון אן אקס באציהט זיך אויף אלע היילינגטימער און אויף יעדער צייט. אבער בכלל בלייבט די עפענטליכע פראקטיצירונג פון דער רעליגיאן ביי דעם כאראקטער וואס זי האט באקומען דורך ירבעם'ען: און די גרעסערע אדער קלענערע נאכגעביגקייט צו ספעציעלע געצענדינערישע מנהגים געהערט ניט צו דעם עצם פון דער זאך, נאר איז מעהר א צופאל.

אבי אזוי הערען מיר ניט פון קיין קעניג פון אפרים, אז ער זאל פרובירען

כאטש בטל מאכען ירבעם'ס אויפטו. דאס העכסטע וואס מיר ווייסען וועגען דעם איז די באזייטיגונג דורך יהוא'ן פון אלץ וואס דערמאנט ספּע־ציעל אן דעם בעל. צום באדויערען איז דא דער טעקסט אין א שלעכטען צושטאנד, אזוי אז מיר קאנען גענוי ניט וויסען*). אבער עס איז, ווייזט אויס, א פאקט, אז יהוא האט אפּגעשאפט, אויב אפילו ניט די מצבה, יעדענפאלס אבער די א ש ר ה אלס אזעלכע. דער פאקט איז ניט אזוי אומבאדייטענד. ער ווייזט אונז, אז לכל הפחות די עריננערונג אן דער ע ש ת ר ת, צו וועלכער די אשרה האט פון לכתחילה געהערט, איז פרעמד געווען דער מלוכה־רעליגיאן פון דעם צפון־קעניגרייך אין איהר עכטער געשטאלט. מ'האט אויך דא דערהאלטען דעם ריכטיגען געפיהל, אז נעבען יהוה איז פאר א ווייבליכע געטין קיין פלאץ ניטא.

דערמיט פאלט ממילא א ליכט אויף יענע גשמיות'דיגע נעבען־ער־שיינונגען פון דער יהוה־רעליגיאן, וואס זיינען באאיינפלוסט געווען פון דער כנעני'שער רעליגיאן. דערפון וואס מ'האט באוואוסטזיניג צוריקגעוויזען די אשרה און מיט איהר אויך דעם סימבאל פון דער עשתרת מעגען מיר דרינ־גען, אז יענער גשמיות'דיגער און באקכאנאלישער שטריך איז פרעמד גע־ווען אויך דער רעליגיאן פון דער צפון־מלוכה, אפילו אין איהר געוועהנלי־כער געשטאלט. דאס ארויינדרינגען פון אט דעם קולט איז בכן אויסער־האלב פון אחאב'ס צייט געבליבען באשרענקט אויף דער פאלקס־רעליגיאן: דערמיט איז נאטירליך ניט געזאגט, אז ער האט מאנכע צייטען ניט פאר־נומען א ברייטען פלאץ. דאך דער סך־הכל פון אונזער אונטערזוכונג ווייזט, אז אפילו אין איהר אפּגעשטאנענער, פארקריפּעלטער פארם האט די יהוה־רעליגיאן נאך ניט אנגעווארען איהר כוח צו דערהייבען און צו מאכען גייסטיגער. לכל הפחות ווירקט זי דא נעגאטיוו, דערמיט וואס זי צווינגט ישראל, וועלכער איז שוין געשטאנען ביים גרעניץ פון דער נאטור־רעלי־גיאן, זיך אפּצושטעלען ביי א געוויסען פונקט און ניט צו געהן ווייטער. כל־זמן מ'האט געוואלט דינען יהוה און ניט דעם בעל איז מען, לויט דער השגה פון די אנפיהרענדע קרייזען, געווען אויסגעהיט ניט צו פארבלאנדזשען אויף יענע פאלשע גשמיות'דיגע וועגען.

מיר האבען צום באדויערען אין תנ"ך ניט קיין גענויע שילדערונגען וועגען דעם ווי דער אפיציעלער קולט איז צוגעגאנגען, ניט אין ישראל און ניט אין יהודה. דארטען וואו די געשיכטס־שרייבער דערמאנען מעהר בפרטות

*) עס האנדעלט זיך וועגען מלכים ב, י 25—27 און מלכים א, ט"ז 32, 33.

דעם גאָט־דינסט און דעם בית־המקדש, האָבען זיי תמיד דערביי אַן אַנדער כּונה, אַזוי אַז עס פֿאַלט בלויז אַ געוויסער שיין אויף דעם קולט גופא. אַט אַזוי ביי אליהו אויף דעם כּרמל, וואו עס האַנדעלט זיך דער עיקר וועגען אַ קרבּן צום בעל, פּונקט אַזוי אויך ביי יהוא און ביי יואש פֿון יהודה. אויך פֿון די נביאים קאָנען מיר ניט לערנען וועגען דעם אָפֿיציעלען קולט. מיר מעגען אָננעמען, אַז זיי האָבען געהאַלטען זייערע וויכטיגע רעדעס פֿאַר דעם פֿאָלק וואָס איז געווען פֿאַרזאַמעלט צו דינען גאָט*). אָבער ווען עס קומט זיי אויס צו ריידען וועגען דעם גאָט־דינסט, ערגערען זיי זיך אויף די מיאוס'ע פֿיהרונגען פֿון דער מאַסע, דאָס הייסט: אויף דער פֿאָלקס־רעליגיאָן. זייערע שילדערונגען דינען אונז דערפֿאַר זיך צו באַקענען מיט דער פֿאָלקס־רעליגיאָן און זיינען אויבען פֿון אונז אויסגענוצט געוואָרען. און מיר קאָנען אין אַ געוויסען זין געברויכען פֿאַר אונזער צוועק שילדערונגען וואָס מיר האָבען אויבען געגעבען. מיר מוזען נאָר אָראָפּנעמען פֿון איהר יענע ספּעציעלע מיאוס'ע פֿיהרונגען און מנהגים, ביי וועלכע מ'קאָן זעהן, אַז זיי שטאַמען פֿון דער פֿאָלקס־רעליגיאָן.

ניט פֿיעל בעסער ווי וועגען דעם קעניגרייך פֿון צפֿון זיינען מיר אונטעררישטעט וועגען דעם ק ע נ י ג ר י י ך י ה ו ד ה אין יענער צייט. מאַנכע זאַכען וואָס מיר האָבען אויבען געזאָגט זיינען ריכטיג נאַטירליך אויך פֿאַר דעם יהודה־קעניגרייך. זיין גליק איז אָבער געווען דער בית־המקדש מיט זיין יהוה־דינסט אַהן בילדער, וואָס איז איהם געבליבען אויך דערנאָך ווי אפֿרים האָט זיך אָפּגעריסען. זיין כּהונה איז געלעגען ביז צום גלות אין די הענט פֿון צדוק'ס פֿאַמיליע. פּונקט ווי שלמה, אַזוי האָבען אויך זיינע נאָכפֿאָלגער גענומען פֿאַר זיך דאָס רעכט מקריב צו זיין קרבנות אַהן דער פֿאַרמיטלונג פֿון אַ כּהן, כאָטש זיי האָבען געהאַט אַ פּריווילעגירטע משפּחה פֿון כּהנים**) (מלכים ב, ט"ז 12—15). די שפּעטערע צייט האָט עס שטאַרק פֿאַרדאַמט; צי מ'האָט אויך שוין דאַמאָלסט זיי פֿאַרדאַמט דערפֿאַר, איז אַ גרויסע פֿראַגע. נעבען ירושלים באַשטעהען דאָ און דאָרטען אין לאַנד לאָקאַלע הייליגטימער, וואו מ'דינט צו יהוה: די במות; אָבער דער אָפֿיציעלער קולט האָט זיך הפּנים אַליץ מעהר און מעהר באַשרענקט אויפֿ'ן בית־המקדש. יענע במות ווערען בלויז געדולדעט.

---

*) עמוס ה 21—27; ז; ב 7, 8; ישעיה א 11—18; כ"ח 7, 8.

**) פֿאַרגלייך דעם אויסדרוק „די עלטסטע פֿון די כּהנים" (זקני הכּהנים) אין מלכים ב, י"ט 2; ישעיה ל"ז 2.

דער ראש פון די כהנים פון בית־המקדש געהערט, ווי שוין אונטער דוד'ן און שלמה'ן, צו די העכסטע און חשוב'סטע באַאַמטע פון דער מלוכה. וואָס פאַר א פּאָזיציע אזא אויבער־כהן פאַרנעמט, קאָן מען דייטליך זעהן פון יהוידע'ן, וועלכער פיהרט דורך די רעוואָלוציע געגען עתליה'ן און זעצט אוועק דעם יונגען פּרינץ יואש אויפ'ן טראָן. ביים סוף פון דער קעניגס־צייט ווערט דערמאָנט ביי דעם אויבער־כהן (כהן הראש) א צווייטער כהן (כהן המשנה): אויך די שוועלען־היטער זיינען כהנים פון א הויכען ראַנג (מלכים ב, כ"ג 4: כ"ה 18: ירמיה נ"ב 24). דאָס ווייזט, אז אין בית המקדש איז געווען א צאָהלרייכער פּערזאָנאַל פון כהנים, איינגעטיילט אין פאַרשידענע ראַנגען. נעבען זיי זיינען אויך געווען מאַנכערליי נידעריגע דינער פונ'ם הייליגטום (יהושע ט 23). אט די אַלע כהנים זיינען דורכ־אויס קעניגליכע דינער. ווי פריי דער קעניג האָט געבאַלעבאַטעוועט איבער זיינע כהנים, ווייזט די האַלטונג פון יואש און אחז (מלכים ב, י"ב 5—8: ט"ז 11—16). פון אַן אָרדנונג ביים מקריב זיין קרבנות הערען מיר ניט, כאָטש אַזעלכס האָט געמוזט זיין. אין די קרבנות גופא האָט דאָס פאָלק פון ישראל ווי פון יהודה גענומען א וואַרימען אנטייל (ישעיה א, 11: מיכה ו 6). נעבען דעם ספּעציעלען קרבן פון קעניג און די קרבנות פון איינצעל־נע פּריוואַט־פּערזאָנען געפינען מיר אונטער אחז'ן א רעגעלמעסיגען קרבן אין דער פריה און אין אָוונד, און אונטער יואש'ן ווערען דערמאָנט געלט־מתנות פאַר'ן בית־המקדש: געלט פאַר שולד און געלט פאַר זינד און אויך אויסלייז־געלט (מלכים ב, י"ב 5, 17: ט"ז 15). ישעיה רעדט פון יעהרליכע ימים־טובים, באַזונדערס פון דער פסח־נאַכט, מיט פרעהליכע פעסט־גע־זאַנגען. אויך די תפלה איז ביי איהם א וויכטיגער טייל פון גאָט־דינסט (ישעיה כ"ט 1: ל 29: ל"ג 20: א 13—15).

מיר דאַרפען דאָ באַזונדערס באַטאָנען דעם פאַקט, אז די אָפיציעלע רע־ליגיאָן האָט זיך געלאָזט דיק באַוואַקסען מיט דער פאָלקס־רעליגיאָן. אין איין צייט אפילו מיט דעם אמת'ען בעל־דינסט: אבער אַלעמאָל, ווען זי פלעגט נאָך געוויסע צייטען פון פאַרבלאָנדזשען אויף שלעכטע וועגען ווידער קומען צו זיך, פלעגט זי שאַרף צוריקווייזען די השפעה פון דער כנעני'ש באַאיינפלוס־טער פאָלקס־רעליגיאָן און בפרט פון דער השפעה פון דעם אמת'ען בעל־עשתרת־דינסט. נאָר די מצבה, וואָס איז שוין געשטאַנען אין שלמה'ס צייטען, ווערט על־פּי השערה אויך ווייטער געדולדעט. אַלע אַנדערע זאַכען אבער, די אָקסען־בילדער פון בית־אל און דן אַריינגערעכענט, ווערען פאַר־וואָרפען.

כאטש אין די ברייטע פאלקס־קרייזען הערשען נאך אלערליי מינים כישוף ביים געבען אן אראקעל, האט מען אין בית־המקדש זיך הפנים באַ־שרענקט אויף דעם שפרוך פון כהן און אויף דעם ווארט פון נביא. וואס גרעסער און חשוב'ער די כהנים פון בית־המקדש זיינען געווארען און וואס ברייטער עס איז מיט דער צייט אויסגעוואקסען דער קרייז פון זייער ווירקונג, אלץ מעהר האט מען געמוזט פיהלען דאס באדערפעניש פעסטצושטע־לען די רעכטען פון כהן. ס'איז דורכאוים וואהרשיינליך, אז א צייט, וואס האט אזויפיעל געשריבען, האט אויך קולטיווירט די אלטע שוין לאנג באַ־קאנטע קולט־געזעצען ניט בלויז מינדליך, נאר אויך שריפטליך און האט זיי ספעציעל אנגעווענדט אויף די באדערפענישען פונ'ם גרעסטען און חשוב'ס־טען הייליגטום, דעם בית־המקדש. ס'איז דעריבער וואהרשיינליך, אז דעם יסוד פון מאנכע טיילען פון דער שפעטעריגער „תורת כהנים“ פון ספר ויקרא דארפען מיר צושרייבען צו יענער צייט, ענטוועדער אין יהודה, אדער אין אפרים. ס'איז געווען די תורה פון א באשטימטען הייליגטום*). אויך דער אנהויב פון דעם געזעצבוך פון ספר דברים געהערט מן־הסתם צו דער זעלביגער צייט.

## חעברעע רעליגיאן.

ס'איז א זיכערער פאקט, אז דער אלהי'סט, און נאך פריהער פאר איהם דער יהוי'סט און אליהו, זיינען געשטאנען אינערליך העכער איבער דער פאלקס־רעליגיאן פון דער גרויסער מאסע און ניט ווינציגער אויך איבער דער אפיציעלער רעליגיאן פון דאס רוב מלכים, כהנים און באאמטע.

ס'איז איינער פון די שעדליכסטע טעותים אין דער וויסענשאפט פון תנ"ך און פון דער געשיכטע פונ'ם פאלק ישראל, וואס מ'נעמט אן, אז די פאלקס־רעליגיאן פון דער צייט איידער די שרייבענדע נביאים זיינען אויפ־געטראטען איז כלומר'שט געווען די רעליגיאן פון דער נאציאן בכלל. ווען

*) ווען פרעמדע קומען אין ישראל, מוזען זיי קענען דאס „רעכט פון דעם גאט פונ'ם לאנד“, מלכים ב, י"ז 24—27. דאס דאזיגע רעכט ווייסען די כהנים אין יעדען איינצעלנעם הייליגטום. געזעצע זיינען יעדענפאלס געווען אויך אחוץ דעם ספר הברית, ווי א שטייגער וועגען בכורים און מעשר (בראשית כ"ח 22; עמוס ד 4) און וועגען טהור און טמא (בראשית ז 2; ח 20: יהוי'סט; שמות י"ט 14: אלהי'סט). צי יענע געזעצע האבען געהאט א שריפטליכע פארם, לאזט זיך ניט באווייזען; דאס איז אבער מעהר ווי וואהרשיינליך לויט דעם גאנצען כאראקטער פון דער צייט.

מיר באַטראַכטען די געשריבענע ליטעראַטור פון יענער צייט, לויט ווי מיר האָבען זי אומגעפעהר צעגלידערט, זעהען מיר איין, אַז עס האָבען זיך דאָמאָלסט געפונען ניט וועניג מענער מיט אַ העכערער רעליגיאָן ווי די רעליגיאָן פון די ברייטע פאָלקס־מאַסען. מיר מעגען באַצייכענען יענע מענער אַלס די פיהרענדע גייסטער אין ישראל. פאָראויס פאַר זיי שטעהען אליהו, דער יהוי'סט און דער אלהי'סט.

דער מיטעלפונקט פון זייער קרייז זיינען בלי ספק די נביאים, אליהו בראש. דאָס וואָס עס האָבען זיך געפונען צווישען זיי די פאַרשידענסטע עלעמענטען, פון דעם נידריגען האַנטווערקער, אפילו פון דעם געמיינעם באַטריגער אַז ביז צו מענער ווי אליהו אָדער מיכה בן ימלה, איז לחלוטין קיין באַוויז ניט געגען דעם פאַקט, אַז עס זיינען אַלעמאָל געוועזען צווישען זיי אמת'ע עטיש דענקענדע לייט. צו זיי חבר'ען זיך מענער ווי יהונדב בן־רכב און זיין קרייז און די נזירים; וועגען די השגות פון אַט די לעצטע, באַזונדערס בנוגע זייער גאָט־געדאַנק און מאָראַל־לעהרע, ווייסען מיר נאַטירליך ניט. אָבער די עדות וואָס מיר האָבען פון די נביאים, און דער צוזאַמענהאַנג פון די רכבים מיט אליהו'ס קרייז*) זאָגען אונז לכל הפחות, אַז זיי געהערען אין תוך גענומען צו יענעם קרייז. צו איהם געהערט קענטיג אויך דער פאַרפאַסער פון דער געשיכטע וועגען אליהו, אויך דער פאַרפאַסער פון דער געשיכטע וועגען אחאב'ן און יהוא'ן. אָבער די צירונג פון דעם גאַנצען קרייז זיינען דער יהוי'סט און דער אלהי'סט. נאַטירליך איז דער גאַנצער קרייז בשום אופן ניט קיין איינהייט, גייסטיג פונקט אַזוי וועניג ווי לויט אָרט אָדער צייט. עס זיינען וואַהרשיינליך פאַרטראַטען אין איהם עלעמענטען פון נביאים און פון כהנים. אָבער געוויסע אַלגעמיינע הויפט־געדאַנקען ברענגען זיך אַלץ דייטליכער דורך און זיי לעגען אַרויף זייער שטעמפּעל אויף דעם גאַנצען קרייז און ווירקען דורך איהם ווייטער אויף דאָס פאָלק.

כאָטש פאַר דער גרויסער מאַסע איז יהוה נאָר איינער צווישען אַלע געטער, כאָטש פיליכט אַ באַזונדערס גרויסער און מעכטיגער גאָט, ווייסען אָבער די פיהרענדע גייסטער שוין איצט, אַז ער איז דער האַר פון דער גאַנצער וועלט, דער גאָט און באַשעפער פון הימעל און פון דער ערד**).

---

*) עמוס ב 11; ירמיה ל"ה; מלכים ב, י 15, 23.

**) מלכים א, ה 12 לויט דעם תרגום השבעים (זעה אויבען דעם קאַפּיטעל וועגען שלמה'ן); בראשית ב פון פסוק 4 און ווייטער.

און דערמיט איז תוך גענומען איינציג און אליין. פאקטיש עקסיסטירט א מאנאטעאיזם. הגם די השגה וועגן דעם איז נאך ניט אין גאנ־צען קלאר. פאר דער מאסע מעג יהוה זיין געבונדען אדער באגרעניצט דורך בילדער, סימבאלען אדער דורך באשטימטע ערטער; ביי אט די פיה־רענדע גייסטער אבער ערשיינט ער אלס אומזיכטבארער, גייסטיגער גאט. וואס איז העכער איבער אלע באשרענקונגען, און וואס געפינט דעם פרומען וואו ער וויל און קאן איהם טאן וואס ער וויל*). פון מאנכען מעג נאך יהוה פארשטאנען ווערען אלס מאראליש גלייכגילטיגער גאט, ביי וועמען קאפריז און צארן ברעכען ארויס גאר אהן א חשבון, און וועלכער רעדט אפילו אליין אן צו טאן שלעכטס: אין יענעם קרייז אבער האט מען ניט בלויז שוין לאנג אנערקענט, אז די מאראל און דאס רעכט פון ישראל קו־מען פון איהם**): ניט בלויז משפט ער פאר שלעכטע מעשים אין איינ־צעלנע פאלען אין ישראל, נאר מ'ווייסט אויך, אז זיין מאראלישע השגחה איז אויסגעשפרייט איבער דער גאנצער וועלט און ער איז דער האר פון דער מאראלישער וועלט־ארדנונג***).

אין זעלביגען גייסט מוז מען אויך באאורטיילען דעם מענשען'ס באצי־הונג צו שלעכטסטקייט און צו מאראל. געווים געפינט זיך עפעס פון דעם בליק אויף שלעכטסקייט ווי אויף א פארזינדיגונג געגען דער גוטער אויפפיהרונג. עס געפינען זיך אפילו אויסדרוקען. אין וועלכע די זינד איז מעהר א באשערטע

---

*) פארגלייך דעם פארבאט פון בילדער אין שמות כ 23; ל"ד 17. אויך דער גייס־טיגער כאראקטער פון יהוה איז נאטירליך נאך ניט פול אנערקאנט. די זאך איז נאך ניט קלאר, נאר מ'האט עפעס ווי א פאר־געדאנק דערפון. עס הערשט נאך א זוכעניש, אבער מ'ווייסט שוין, אז א בילד פון יהוה איז אומווירדיג, אז די פארשטעלונג וועגן יהוה אלס נאטור־גאט, איז ניט ריכטיג: ניט אין ערד־ציטערניש און ניט אין פייער ערשיינט ער, נאר אין א גייסטערהאפטען שעפטשען, מלכים א, י"ט 11, 12. עהנליך איז אויך די אומבאשרענקטקייט נאך ניט קיין אבסאלוטע; אבער זי לאזט זיך שוין פיהלען. עס פעהלט נאך דער גרויסער וועלט־היסטארישער האריזאנט. איהם האט ערשט עמוס געעפענט.

**) אט אזוי אין ספר הברית. פארגלייך דערצו די שטראף פון עלי'ס הויז.

***) פארגלייך אדם'ס זינד, דעם מבול, דעם בוי פונ'ם טורעם; גאט'ס השגחה אין שופטים ט און שמואל ב, פון קאפ. ט"ו אן, אחוץ דעם אזוינע ווערטער ווי בראשית ל"ט 9 און דעם גאנצען מאראלישען פלאן וואס הערשט אין דער יוסף־געשיכטע, בראשית מ"ה 5; נ 20. ביי יוסף'ס ווערטער אין בראשית ל"ט איז באזונדערס וויכטיג, וואס דא האנ־דעלט זיך וועגן א זינד מיט ניט קיין אידישער פרוי און דערצו נאך אין אויסלאנד.

צרה איידער אן אוממאָראַלישע האנדלונג, דאָס הייסט: א פּועל־יוצא פון דער מאַכט פון שיקזאל אדער פון א געוואַלדיגען נאַטור־כוח. אין מאַנכע קרייזען האָבען די דאָזיגע השגות א געוויסע הערשאַפט איבער די מוחות. אָבער דערביי געפינען מיר שוין באַטאָנט דעם אַנדערען בליק וואָס איז אין משך פון דער צייט געוואָרען אלס קלערער און בולט׳ער. לויט איהם הערט זיך יהוה צו צו דעם אָרימאַן, ווען מ׳טהוט איהם אַן אומ־רעכט, און ער איז אַ מוסטער פון רחמנות: ער היט דעם פאַרשטויסענעם: ער געוועלטיגט מיט גערעכטיגקייט און באַשטראָפט דעם זינדיגען*): ער פאַרדרעהט דאָס שלעכטס אין גוטס. ער פאָדערט מאָראַלישע מעשים און דעם מענשען׳ס האַרץ איז פאַר איהם וויכטיגער ווי קרבנות. און דערהויפּט איז אַן אומרעכט א זינד ניט געגען דער גוטער אויפפיהרונג, נאָר געגען גאָט גופא**). דורך דעם ווערט ערנסט געשטרעבט צו שטעלען די השגה וועגען גאָט און דעם מענשען׳ס מעשים אונטער ריין מאָראַלישע שטאַנדפונקטען. וואו עס האָט זיך נאָך אין איינצעלנע שטעלען דערהאַלטען, ווי ביים יהוי׳סט, א געוויסע מאָס פון מאָראַלישער רויקייט און פּרימיטיווקייט, ווי אַ שטייגער אין פראַגען פון זאָגען ליגען אין אַ נויט אָדער אין דער באַ־האַנדלונג פון ניט־אידען, דאָרטען קומט דער אלהי׳סט און מאַכט עס שוואַ־כער און מילדער***). א בפירוש׳ע ראיה פאַר דעם ווי טיף ס׳איז געווען איינגעוואָרצעלט דער געדאַנק וועגען מאָראַלישער גערעכטיגקייט.

פאַר דער דאָזיגער באַטראַכטונג איז די באַציהונג פון יהוה צו זיין פאָלק בשום אופן ניט פעסט באַשטימט דורך דער נאַטור, נאָר אָפּהענגיג פון מאָראַ־לישע באַדינגונגען: עס איז א בונד, כאָטש דערביי האָט געמעגט הערשען אויך אַ אַנדער השגה און אן אנדער פּראַקטיקע. דעם בונד שטעלט מען זיך

---

*) שמות כ״ב 26; שמואל א, כ 14; שמואל ב, ט 3; י״ד 14; י״ז 14; שופטים ט 56.

**) בראשית ל״ט 9; כ״ב; נ 20; שמואל א, ט״ו 22.

***) פאַרגלייך, למשל, שרה ביי פּרעה׳ן, בראשית י״ב (יהוי׳סט) און שרה ביי אבימלך׳ן, בראשית כ (אלהי׳סט), ספּעציעל פּסוק 12 אין קאַפּ. כ, וועלכער זוכט צו פאַר־ענטפערען אברהם׳ען, אז ער האָט קיין ליגען ניט געזאָגט, אז שרה איז טאַקע געווען זיינע א האַלבע שוועסטער. נאָך פיינער קומט אַרויס דערזעלביגער מאָטיוו אין בראשית כ״ו (רבקה און אבימלך׳ן). דאָס שטיק געהערט צו די שפּעטעריגע הוספות צום יהוי׳סט. לויט דעם דאָזיגען נוסח האָט קיינער ניט באַלעסטיגט רבקה׳ן, נאָר עס וואָלט פיליכט געקאָנט קומען דערצו. ח. ש.

פאר אלס אפמאך מיט א געגענזייטיגער התחייבות. אז די דאזיגע פארשטע־לונג איז א גאנץ אלטע, איז זיכער שוין דערפון אליין, וואס זי איז ניט קיין ספעציפיש אידישע. ווי עס ווייזט אויס געפינט זי זיך אויך ביים כנעני'שען בונד־גאט פון שכם*).

אונטער אזעלכע אומשטענדען פארשטעהט עס זיך ממילא, אז די ביל־דער, וואס זיינען געשטאנען אזוי הויך ביי דער מאסע, האבען זייער קראפט פארלארען: אויף די מצבות האט מען געקוקט מעהר ווי אויף סימבאלען און גערענק־שטיינער: און די ערטער פון קולט האט מען מעהר ניט באַ־טראכט פאר אמת'ע וואוינונגען פון גאט, נאר פאר פלעצער וואו ער אנט־פלעקט זיך. אויך די מזבחות, אפילו וואו די באדייטונג פון קרבן ווערט אנערקענט, דינען גלייכצייטיג אדער מעהר ווי אלץ אלס ערטער פון תפלה**). כאטש די האנדלונגען פונ'ם קולט ווערען ווייטער פארטגעזעצט אויפ'ן זעלבינען אופן, ליגט אבער זייער באדייטונג לויט דעם בליק פון די דאזיגע קרייזען ניט אזוי אין דער האנדלונג אליין, נאר אין דער מחשבה, אין דעם פרומען געדאנק, וועלכע ווערען געשטעלט אויף דערזעלביגער מדרגה ווי א גוטע האנדלונג (שמואל א, ט"ו 22: בראשית ט"ו 6). מ'לעגט אריין אין קרבן דאנק און פערזענליכע בקשות, אויך בקשות פון דער גאנצער נאַ־ציאן***), און דאס פרעהען זיך פאר יהוה, וואס איז ביי דער מאסע אזוי אפט אראפגעזונקען אין צעלאזענער לוסטיגקייט, ווערט ביי די פרומע פון יענעם קרייז, עהנליך ווי שפעטער ביי די תהלים־זינגער, א ריין גייסטיגע פרייד מיט דער נאהנטקייט און מיט'ן זיין צוזאמען מיט גאט.

אונזער סקיצע פון די רעליגיעזע השגות און געדאנקען פון דער עפאכע ווייזט אונז א בילד, וואס איז אביסעל ניט איינהייטליך. מיר זעהען אסך

---

*) באריכות מכוח שליסען א בונד אויבען ז. 234. וועגען שכם פארגלייך ערשטען באנד ז. 227. פאר ישראל קומען אין באטראכט שמות כ"ד 9—11 (יהוי'סט); בראשית ט"ו 9—10 (יהוי'סט): ביידע שטעלען באשרייבען געוויסע פארמען פון שליסען א בונד; דברים ל"ג 9; יהושע כ"ד 25; דברים כ"ז 11—26 (אלהי'סט). די אלטקייט פון אט דער פאר־שטעלונג ביי אידען איז דערמיט גענוג באוויזען. מ'מוז נאך נעמען אין באטראכט עמוס ג 2, וואס איז נאכ'ן תוך גאר דאסזעלביגע; עס ווערט אנגענומען אלס פארבאדינג, וואס איז באקאנט פון די אלטע צייטען אן, אז עס עקסיסטירט א נאהנטע פערזענליכע און מארא־ליש באגרינדעטע שייכות פון יהוה צו ישראל. אויך פאר הושע'ן איז דער באגריף „בונד" (ברית) א פעסטע, באקאנטע זאך (ו 7; ח 1).

**) שמואל א, ג 21. אט אזוי איז אויך צו פארשטעהן דעם חורב אין מלכים א, י"ט.

***) שמואל א, א 10—15; דברים כ"ו 5 (דא די נאציאן).

היפוכים און סתירות. אם מעהרסטען ווייזען זיי זיך אין דער באציהונג פון די פיהרענדע גייסטער צו דער פאָלקס־רעליגיאָן: עס זעהט זיך בולט, אז דאָ ארבייטען פארשידענע כוחות, וועלכע געהען זיך שטארק פאנאנדער און ראנגלען זיך איינער מיט דעם אַנדערען, און עס האָט ניט געקאָנט זיין קיין ספק, וועלכע פון די ביידע שטרעמונגען וועט אפהאַלטען דעם נצחון. אין אַ קלענערער מאָס באגעגענט מען נאָך די דאָזיגע היפוכים און סתירות אינ'ם ווערק פון יהוי'סט. זיין טאָלעראנץ צו דער פאָלקס־רעליגיאָן געהט אזוי ווייט, אז מאַנכע פאָרשער באַטראַכטען איהם היינט נאָך אלס איהר פאַרטרעטער.

אָט דאָס אַלצדינג ווייזט אונז, אז מיר שטעהען אין אַ צערודערטער צייט, וועלכע איז פול אין זיך גופא מיט סתירות: אַ צייט אין וועלכער נייע, גרויסע געדאַנקען קעמפפען מיט די אַלטע, נאָך ניט ארויסקומענדיג אומעטום מיט פולער קלאַרקייט און אויסגעהאַלטענקייט: אַ צייט אין וועלכער עס באַוועגען זיך ציטערדיג אַסך זאַכען, וועלכע ערשט די גרויסע נביאים פון דער פאָלגענדער צייט האָבען ארויסגעזאָגט מיט פולער זיכער־קייט און מיט אויסגעהאַלטענער קלאַרקייט. אבער דערמיט וואָס די גרויסע מענער פון יענער צייט האָבען געדענקט און געווירקט נאָך פאַר יענע נביאים אין דעם נביאי'שען גייסט, האָבען זיי צוגעגרייט דעם וועג פאַר זייערע גרויסע נאָכפאָלגער. איינער פון די וויכטיגסטע רעזולטאַטען וואָס מיר האָבען ארויסגעקראָגען איז, אז עס זיינען געווען נביאי'שע געדאַנקען נאָך איידער עס זיינען אויפגעטראָטען יענע נביאים. און אז עס שטימט ניט מיט די פאַקטען, ווען אַסך געלעהרטע באַטראַכטען שוין זינט לאַנג יענע גרויסע לעהרער פון ישראל אלס מענער, וועמעס געדאַנקען זיינען געווען אַן אבסאָלוט נייע זאַך אין זייער צייט. מ'קען גלייכצייטיג דערפון זעהן, ווי ווייניג ריכטיג עס איז צו באַצייכענען די גאַנצע צייט פאַר עמוס'ן אלס די פעריאָדע פאַר די נביאים. נביאים און מענער, וועלכע האָבען געלעבט און געווירקט אינ'ם גייסט פון די נביאים, זיינען געווען אין אַלע צייטען און אין דער פעריאָדע, ביי וועלכער מיר האַלטען, זאָגאַר אין אַ גרויסער צאָהל. ס'איז ריכטיגער צו ריידען ווענען דער פעריאָדע אלס וועגען דער אַ ל ט ־ א י ד י ש ע ר צייט, וואָרים מיט די נייע נביאים ענדיגט זי זיך לכל הדעות.

די גרויסע מענער, וועלכע האָבען שוין פריהער ווי די נייע נביאים געאַרבייט אין דעם נביאי'שען גייסט, האָבען בכן צוגעגרייט אַ רעפאָרם פונ'ם רעלי־גיעזען דענקען. די ענדערונג פון געדאַנק פיהרט אבער על־פי הכרח צו

אז ענדערונג פון קולט. לכל הפחות איז דורך דעם פּראָטעסט געגען דאָס דינען צו קעלבער און דורכ'ן אריינגעבען א נייע באדייטונג אין די מצבות געלעגט געוואָרען דער ערשטער יסוד צו יענע שטרעבונגען, וועלכע האָבען געפונען זייער קאָנקרעטען אויסדרוק א יאָהרהונדערט שפּעטער אין יאָשיהו'ס רעפאָרם. דאָ איז באַזונדערס וויכטיג צו באמערקען, אז דער קאמף געגען דער פאָלקס־רעליגיאָן ווערט אָנגעפיהרט אין יהודה פּונקט אזוי ווי אין אפרים, און דער אלהי'סט אין אפרים פיהרט איהם אַז נאָך שאַרפער ווי דער יהוי'סט אין יהודה. דערמיט וואָס די פיהרענדע מענער אין יהודה און אין אפרים זיינען דערין איינס, קניפּען זיי אַן ביודעים אָדער בלא יודעים א גייסטיגען און רעליגיעזען באנד צווישען דעם צפון און דעם דרום. ווען א מאַן ווי דער אלהי'סט שטעהט אפילו פּאָליטיש פיינדליך צו ירושלים און פיליכט זאָגאר אויך רעליגיעזן פיינדליך צו איהרע כהנים פון צדוק'ס פאַמיליע, האָט ער אבער פארט ניט ווילענדיג געמוזט אנערקענען וואָס פאר א מעלה ירושלים מיט איהר בילדלאָזען גאָט־דינסט האָט געהאַט געגען שומרון און בית־אל.

מיר קאָנען בכלל ניט גלויבען, אז די צייטען פון דודן' און שלמה'ן זיינען פארבייגעגאַנגען אין צפון־ישראל גאָר ניט לאָזענדיג קיין שום רושם הינטער זיך אזוי ווי זיי וואָלטען לגמרי אָפּגעווישט געוואָרען פון זכרון. געזוים ניט אָהן א גרונט דערצעהלט דער ספר מלכים, אז ירבעם האָט זיך געשראָקען פאר דער השפּעה וואָס דער בית־המקדש אין ירושלים וועט האָבען אויף די אידען פון זיין קעניגרייך ישראל. אין די נביאים־קרייזען פון שמואל'ס און נתן'ס שול איז זיכער אויך געהאַלטען געוואָרען זעהר הויך דער בילדלאָזער יהודה־דינסט, ווי ער איז פּראַקטיצירט געוואָרען ביים אָרון. פּונקט ווי אליהו און אלישע האָבען שפּעטער אויפגעהויבען זייער שטים געגען אחאב'ס נייע איינפיהרונגען, אזוי האָבען אפשר אויך ניט געשוויגען ירבעם'ען די נביאים פון זיין צייט*). ס'איז דעריבער נאָך גרעסער דער חידוש, פארוואָס מיר הערען ניט פון אליהו'ס מויל קיין שום טאָדעל־וואָרט געגען דעם דינסט פון די קעלבער. דער פאַקט לאָזט אָפען די מעגליכקייט, וואָס קאָן פון קיינעם ניט אָפּגעשטריטען ווערען, אז אליהו און די נביאים פון זיין צייט האָבען ניט געהאַט וואָס אויסצוזעצען געגען דינען צו די קעלבער. אבער עס לעגט זיך אסך בעסער אויפ'ן שכל, אז אין זייער קאמף געגען דעם אמת'ען געצענדינסט האָבען אליהו און אלישע פארבויגען זייער

*) דאָ קומט אין באטראכט אחיה פון שילה. זעה אויבען ז. 172.

אומצופרידענקייט מיט דעם דינען צו יהוה אין דעם בילד פון אן אקס. אזוי ווי עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דער פראגע, אויב יהוה אָדער בעל זאָל זיין דער גאָט פון ישראל, האָט דערפאַר דאָס דינען צו יהוה אין ביל־דער געמוזט ערשיינען פאַר זיי אלס אסך א קלענערע צרה. די דאָזיגע השערה ווערט פאַרשטאַרקט דורך דער שטעלונג וואָס דער יהוי'סט און דער אלהי'סט נעמען געגען דעם דינסט פון די קעלבער אין שמות ל"ב*).

## צוקונפט־דערוואַרטונג.

פיליכט האָט אויך די צוקונפט־דערוואַרטונג, וואָס איז מעהרסטענס אין א פאָלקסמעסיגער פאָרם אריבערגענומען געוואָרען פון דער פריהער־דיגער צייט, שוין איצט אַנגענומען א העכערען שוואונג, לכל הפחות אין יהודה. יעדענפאַלס ווערט זי פון נתן'ען אריבערגעטראַגען אויף דוד'ן און זיין דינאַסטיע. עס ווערט דוד'ן פאַרשפּראָכען א קעניגטום אויף אַלע צייט־טען. וואַהרשיינליך האָט מען אין אַנהויב זיך פאַרגעשטעלט דאָס דויערענ־דיגע קעניגטום אין דעם גייסט פון א פאָלקס־מעסיגער הויף־נבואה ריין אויסערליך. אבער ס'איז בשום אופן ניט אויסגעשלאָסען, אז שוין איצט איז, און טאַקע דורך נתן'ען, פון דער אויסערליכער דערוואַרטונג געוואָרען א מאָראַליש באַדינגטע הבטחה**). ארום און ארום איז ווי עס ווייזט אויס דער צוזאַמענהאַנג פון דער זאַך זאָך געווען אזא: די עלטערע צייט האָט געהאַט ארויסגעבראַכט אין אַלטע שפּרוכען מעהרערע זעלבשטענדיגע געדאַנקען־רייהען, וועלכע זיינען ערשט פון די נביאים פון דער פאָלגענדער פעריאָדע צוזאַמענגעפאַסט און פאַרטיפט געוואָרען***). ס'איז ישעיה'ס א באַזונדע־

*) די מעשה'לע וועגען גאָלדענעם קאַלב איז צוזאַמענגעזעצט פוןביידע עלטערע קווע־לען, דעם יהוי'סט און דעם אלהי'סט. ח. ש.

**) פאַרגלייך אויבען ז. 148, 149, פאַרגלייך אויך אויבען ז. 53 אין דער באַמער־קונג וועגען אראַקלען צו דוד'ן. צו די דאָזיגע אראַקלען און גאָט־שפּרוכען געהערט אויך די פאַרשפּרעכונג פון דער דויערענדיגער דינאַסטיע אין היפוך צו שאול'ס די־נאַסטיע. די פראַגע קאָן נאָר זיין, ווי ווייט נתן האָט אריינגעגעבען אין דער דערוואַרטונג א מאָראַליש טיפערען אינהאַלט. לכל הדעות האָט שוין דער געדאַנק פון „יהוה'ס טאָג" ביי עמוס'ן און פון דעם געבליבענעם רעסט ביי ישעיה'ן א פעסטע געשטאַלט.

***) דאָ שטעהט דער געדאַנק פון אן אומבאַקאַנטען, אבער גרויסען און מעכטיגען העלפער און רעטער; ווייטער די דערוואַרטונג פון א מעכטיגען אידישען קעניג; זינגט דוד'ן קומט נאָך צו דער געדאַנק פון דער דויערענדיגער הערשאַפט פון דוד'ס הויז; אבער די דאָזיגע צוויי געדאַנקען האָבען זיך ניט פאַרבונדען פון זיך אליין אין איינעם, אז יענער גבור און העלפער וועט זיין פון דוד'ס פאַמיליע. צו די דאָזיגע נאַציאָנאַל און פּאָלי־

רער פארדינסט, וואס ער האט צוזאמענגעקניפט די פארשידענע פעדים פון די צוקונפט־דערוואַרטונגען און האט פון זיי געשאפען דאס וואס מיר רופען דעם משיח־געדאנק.

---

טיש געפארבטע בילדער קומט נאך צו ביי דעם יהוי'סט דער געדאנק פון דער ספעציעלער ברכה, וואס וועט קומען צו די פעלקער דורך ישראל'ס פארמיטלונג, בראשית י"ב 2, 3. מ'זעהט וואסערע פארשידענע עלעמענטען די דאזיגע געדאנקען פארבארגען אין זיך און פון וואסערע פארשידענע אינטערעסען זיי זיינען ארויסגעוואקסען. מ'קאן זיך אט אזוי לייכט פארשטעלען, אז אונטער דער השפעה פון מענשען ניט אזעלכע גרויסע ווי עס זיינען געווען די נביאים פון אכטען יאהרהונדערט האט די ווייטערדיגע אנטוויקלונג פון ישראל'ס האפענונג געקאנט אננעמען א גאנץ אנדער ריכטונג. דער עיקר איז געווען א גרויסע געפאהר, אז עפעס א ריין אויסערליכער אומשטאנד זאל ניט ווערען דער הערשענדער מיטעלפונקט פון דער גאנצער זאך. ישעיה האט אויסגעמיידט די סכנה, דערמיט וואס ער האט פארבונדען דעם געדאנק וועגען הערשער און העלפער און וועגען דוד'ס קעניגטום און דעם געדאנק פון דעם מאראלישען כאראקטער פון דער ענד־צייט אין אן איינהייטלי־כען געדאנקען־קרייז און דערמיט געשאפען דעם משיח־געדאנק.

# דער אידישער דאָרף און די אידישע שטאָדט
# אין דער צייט פון דער מלוכה

## פאָרבאַמערקונג.

די צוויי פריהערדיגע סקיצעס פון אידישען לעבען איז אט דעם באַנד באַציהען זיך אויף באַשטימטע פעריאָדען, נעמליך: אויף דער פעריאָדע פון דער פאַראייניגטער מלוכה און אויף דער פעריאָדע פון דער געטיילטער מלוכה אין דער צייט נאָך שלמה'ן. די פאָלגענדע סקיצע אבער איז פון א פיעל ברייטערען כאַראַקטער. אין איהר ווערט געגעבען א בילד פון אידי־שען לעבען אין דאָרף און אין שטאָדט אין דער צייט פון דער מלוכה בכלל. אזוי ווי די סקיצע איז צוזאַמענגעשטעלט לויט פאַרשידענע פאַרפאַסער, קע־נען מיר דעריבער ניט געבען אויבען, ווי ביז אהער, די נעמען פון די מחברים. די ביבליאָגראַפיע פאַר דעם, וועט דער לעזער געפינען ביים ענד פון בוך.

# דער אידישער דאָרף און די אידישע שטאָדט

(לויט דזש. פ. מק׳קורדי, ב. שטאדע, י. בענצינגער, וו. נאוואק און אנדערע).

## 1.

## דער סאציאלער געבוי פון אידישען לעבען.

### קנעכט און געדונגענע („עבד“ און „שכיר“).

פון סאמע אנהויב אן פון אידישען היסטארישען לעבען האבען ביי די אידען עקסיסטירט יענע דריי געזעלשאפטליכע שטאפלען, וועלכע מיר געפינען אין יעדער ניט אנטוויקעלטער געזעלשאפט, אפילו ביי נאמאדען. זיי קאנען באצייכענט ווערען: אלס אדעליגע, געוועהנליכע מענשען און קנעכט. די צעטיילונג צווישען הער און קנעכט איז געווען באזונדערס שארף אין דער אלטער סעמיטישער געזעלשאפט. מיר טארען זיך אבער ניט פארשטעלען די שייכות צווישען הער און קנעכט ביי די פעלקער פון אלטערטום לויט אונזער אויפפאסונג פון שקלאפעריי. ווי גרויס עס האבען ניט געמאגט זיין די בארבארייען פון שקלאפען־האנדעל, וועלכער איז, אגב, געווען מעגליך אויף א גרויסען מאסשטאב נאר אין ווייט אויסגעשפרייטע קאמערציעלע געמיינדען, דאך ווען א קנעכט איז געבליבען אויף שטענדיג אין א פאמיליע, איז זיין לאגע געווען גאר ניט אזוי שלעכט. דער קנעכט און זיין הער האבען זיך פארהאלטען איינער צום אנדערען מיט געגענזייטיגען צוטרוי. דער פארוואלטער פון א נאמאדען־פאמיליע אדער פון א גרויסער נחלה איז דער שפעטערער צייט, ווען מען איז שוין געווען באזעסען אין לאנד, איז אפט געווען א קנעכט. אזא צושטאנד שפיגעלט זיך אפ אין דעם פלאץ, וועלכען אליעזר פארנעמט אין אברהם׳ס הויז.

ביי די אידען האט יעדענפאלס געהערשט די טענדענץ צו פארלייכטע־

רען די לאַגע פון די קנעכט. עקאָנאָמישער חשבון האָט אין דעם פּרט געאַר־ בייט צוזאַמען מיט דעם געבאָט פון הומאַניטעט און מיט דער רעליגיאָן פון יהוה. דעריבער פארנעמט די באַשיצונג פון קנעכט אזא גרויסען פּלאַץ אין דער עלטסטער געזעצגעבונג (שמות כ״א). וועגען די דאָזיגע געזעצען מוז מען אורטיילען אין׳ם ליכט פון דעם אלגעמיינעם מנהג פון אלטערטום, לויט וועלכען דער האַר האָט געהאַט די מאַכט איבער דאָס לעבען און טויט פון זיין שקלאַף*).

בכלל איז דער חילוק צווישען האַר און קנעכט דער, וואָס דער האַר פארמאָגט אייגענטום, בעת דער קנעכט טוט אלץ וואָס איז נויטיג פאר דעם האַר׳ס אייגענטום און באקומט דערפאר שוץ און חיונה. אזוי אבער ווי דער כאַראַקטער פון אייגענטום בייט זיך, ענדערט זיך אויך גלייכצייטיג דערמיט דער כאַראַקטער פון קנעכטשאַפט. אין א ריין נאָמאַדישען לעבען קאָן אפילו דער מעכטיגסטער שעיך באַשעפטיגען נאָר עטליכע קנעכט. קנעכטשאַפט אויף א קליינעם מאַסשטאַב און פון איינפאַכע פּאַטריאַרכאַלישען טיפּ איז געווען א געוועהנליכער שטריך אין דעם שבטים־לעבען. אָבער ביי א באַפעל־ קערונג פון ערד־ארבייטער איז די ארבייט פון קנעכט שוין כמעט אומעטום געוואָרען א באַקוועמליכקייט און אין א גרויסען טייל פון נחלאות — זאָגאַר א נויטווענדיגקייט.

אויסער דעם פארלאַנג צו האָבען ארבייטס־הענט האָבען נאָך אנדערע סיבות מיטגעהאָלפען צו פארשפּרייטען קנעכטשאַפט. איין סיבה איז געווען וואָס עס האָבען זיך פארמעהרט מלחמה געפאַנגענע. אין א באַזעסענעם לעבען געפינט מען לייכט ארבייט פאר געפאַנגענע. א גרויסע צאָהל פון אזוינע געפאַנגענע זיינען געוואָרען קנעכט ביי די אידען אין פּראָצעס פון דער עראָבערונג. דער ספר שופטים זאָגט עס אונז אין אן אלגעמיינעם אויס־ דרוק, אז ווען ישראל איז שטאַרק געוואָרען זיינען די כנענים געוואָרען זייערע קנעכט**). סוף־כל־סוף זיינען די כנעני׳שע קנעכט אין גאַנצען גע־ וואָרען גלייך צו די אידישע קנעכט און זיינען אדאָפּטירט געוואָרען אין אידישע פאַמיליעס, אננעמענדיג צוגלייך דעם קולט פון יהוה.

קנעכטשאַפט איז אויך אסך אויסגעשפּרייט געוואָרען דורך דעם וואָס

---

*) וועגען דער באַהאַנדלונג פון שקלאַפען, פארגלייך שמות כ״א; דברים ט״ו; כ״ג 16, 17; שמואל א, ט 5—10; משל ל 10; איוב ל״א 13—15; דברי הימים א, ב 34.

**) שופטים א 28, 30, 33. „מס״: געצוואונגענע ארבייט. פארגלייך מלכים א, ה 27.

פאַראורטיילטע און פאַראומגליקטע פרייע לייט האָבען זיך אליין אונטער־
וואָרפען אונטער א האַר. זיהן און טעכטער פון אן אָרימער פאַמיליע אויף
א קליינער נחלה זיינען אָפט געשיקט געוואָרען דינען ביי פרעמדע. אזוי
פאַרשפּרייט איז געווען אָט דער מנהג, אז די געזעצגעבונג וועגען דעם איז
„ספר הברית" פאַרנעמט מעהר פּלאַץ ווי יעדע אַנדערע רובריק (שמות כ"א
1—11). עס ווייזט אבער אויס, אז די צאָהל קנעכט איז ווינציגער געוואָרען
אין דער ערשטער צייט פון דער מלוכה, ווען דאָס לאַנד איז געוואָרען מעהר
באַזעצט און די פּראָספּעריטעט איז געוואָרען פאַרשפּרייט. אבער אזוי ווי
די גרויסע נחלאות זיינען געוואַקסען אין צאָהל, איז געקומען א גרעסערע
נאָכפראַגע אויף ארבייטס־הענט. דאָך איז די נאָכפראַגע גיכער באַפרידיגט
געוואָרען דורכ'ן אנשטעלען געדונגענע ארבייט, איידער דורך קנעכט. גע־
דונגענע ארבייטער זיינען פּאַקטיש געוואָרען אין פאַרלויף פון דער צייט א
באַדייטענדער עלעמענט פון דער באַפעלקערונג. דאָס וואָס אין דער עלטערער
געזעצגעבונג פון „ספר הברית" ווערען זיי ניט דערמאָנט. גאָר עס ווערט
וועגען זיי גערעדט אין דעם שפּעטערען געזעצבוך פון ספר דברים, איז א
קלאָרע אַנדייטונג, אז אין דער עלטערער צייט בשעת די אידען האָבען זיך
באַזעצט אין זייער לאַנד האָבען קנעכט אָפּגעטאָן אלע נויטיגע ארבייט. דאָך
אפילו שפּעטער ווען עס איז שוין אויפגעקומען געדונגענע ארבייט זיינען נאָך
אלץ געבליבען גענוג קנעכט. דאָס איז געווען א דאַנק די פאַרשידענע אומגלי־
קען וואָס זיינען פאָרגעקומען אזוי אָפט אין דער אידישער געשיכטע. די
לאַנגע ערפאָלגלאָזע מלחמות מיט דמשק, הונגער, מגפות האָבען געמוזט פאַר־
מעהרען די צאָהל פון אומגליקליכע בעלי־חובות און האָבען געמוזט פאַראַרי־
מען גרויסע מאסען פון דער באַפעלקערונג (מלכים ב, ד 1). עמוס איז פול
מיט סימפּאַטיע פאַר אָט די הילפלאָזע אביונים, וועלכע ווערען פאַרשקלאַפט
דורך די הערשענדע קלאַסען פאַר אזא קליינינגקייט ווי א זילבער־שטיק אדער
א פּאָר שיך (ב, 6 : ח 6).

### דער אויסלענדער (בן נכר), דער פרעמדער (גר). דער איינגעזעסענער (תושב) און דער בירגער (אזרח).

**אין דער** אידישער באַפעלקערונג פון ארץ ישראל אין דער צייט פון דער
מלוכה קאָנען מיר אונטערשיידען אחוץ די קנעכט, נאָך פיער מדרגות אדער
ראַנגען. אויפ'ן ווייטסטען מהלך איז געשטאַנען דער ראַנג פון „אויסלענ־

דער" (בן נכר), מיט וועלכע אידען האבען קיין פארקעהר ניט געהאט. אזא אויסלענדער האט ניט געקאנט פאדערען קיינע רעכטען, אפילו ניט קיין מקום־מקלט אדער באשיצונג, ביז ער איז ניט דערגאנגען צום צווייטען ראנג. דאן איז ער געווארען א „גר": דאס הייסט: ער איז געווארען דער גאסט פון א אידען. לויט די אלטע סעמיטישע מנהגים איז יעדער איינער געווען אן אנגעלעגטער גאסט, באלד ווי ער איז נאר געקומען אין שאטען פונ'ם געצעלט. אפילו אויב ער האט נאר אנגעריהרט דעם שטריק פון געצעלט. איז ער שוין זיכער געווען מיט דער באשיצונג ניט בלויז מצד פון זיין דירעקטען גאסט־פריינד, נאר אויך פונ'ם גאנצען קלאן, וועמעס עהרע עס האט געפאדערט צו ערפילען די פליכטען צום גר. אבער די פריווילעגיע איז געווען אין קראפט נאר פאר א באגרעניצטער צייט, געננג זיך אויסצורוהען און זיך צוצוגרייטען צום ווייטערדיגען וועג. אבער אויב דער וואנדערער האט פארלאנגט, איז די דאזיגע צייט פארלענגערט געווארען אהן א גרעניץ. דאמאלסט איז ער געווארען א „גאסט און אן איינגעזעסענער" („גר ותושב". בראשית כ"ג 4: ויקרא כ"ה 35, 47: תהלים ל"ט 13: דברי הימים כ"ט 15: תהלים קי"ט 19). ער האט איבערגענומען געזעלשאפטליכע מנהגים פון דער געמיינדע וואס באשיצט איהם, האט אנערקענט איהר גאט, האט ביי־געטראגען צו די אינסטיטוציעס פונ'ם לאנד. ער איז אבער ניט צוגעלאזען געווארען צו די הייליגע צערעמאניעס און מיסטעריען. עס זעהט אויס, אז אזוינע תושבים זיינען אפטמאל געווארען פארמעגליכע לייט. ביי וועמען היימיש געבארענע פרייע אידען זיינען געווען בעלי־חובות און זאגאר קנעכט (ויקרא כ"ה 47). דאס האט אבער ניט געקאנט זיך באציהען אויף דאס סאמע אלטע אידישע לעבען. ווען אט דער באשיצטער פרעמדער פלעגט צו־געצויגען ווערען צו אלע פליכטען און זיטען פון אידישען לעבען, צו די רע־ליגיעזע אזוי גוט ווי די סאציאלע, דאמאלסט פלעגט ער דערקלערט ווערען פאר א פולען בירגער, פאר א מיטגליד פון דער געמיינדע און פלעגט אוועקגעשטעלט ווערען אויף איין מדרגה מיט דעם געבארענעם אידישען פרייען מאן („אזרח"). ער האט דערמיט אויפגעהערט צו זיין א באשיצטער פון זיינע פריהעריגע באשיצערס, נאר איז צוגעצעהלט געווארען צוזאמען מיט זיי צווישען די באשיצטע פון זייער גאט.

פון דער סאמע עלטסטער צייט אן איז ביי די אידען געווען אזא „גע־מישטע מאסע", וועלכע איז שפעטער אסימילירט געווארען. מאנכע פון אט די צוגעקומענע האבען זיך קונה שם געווען, ווי למשל: חבר הקיני, כלב, עתניאל. שפעטער אביסעל הערען מיר מעהר ניט פון גאנצע קלאנס אזוינע,

נאר פון יחידים, ווי למשל: אוריה החתי, אתי הגתי, צלק העמוני (שמואל ב, ט"ו 19; כ"ג 37).

פונקט ווי מען איז ניט געווען שטרענג צום קנעכט, אזוי איז מען אויך ניט געווען שטרענג צום פרעמדען. דערזעלביגער מאָטיוו ווערט פון דעם אידישען געזעצגעבער געברויכט איז זיין באַציהונג צו זיי ביידען, „איהר זאָלט געדענקען, אז איהר זייט אליין געווען קנעכט און אז איהר זייט אליין געווען פרעמדע אינ'ם לאַנד מצרים" (שמות כ"ב 20; כ"ג 9; ויקרא י"ט 10, 33, 34; דברים א 16; י 18; ט"ו 15). די חילוקים צווישען אידען און פרעמדע וואָס ווערען געמאכט אין געוויסע פונקטען, ווי למשל ביים נעמען צינזען (דברים כ"ג 20), ביים לאָזען זיי עסען נבלות (דברים י"ד 21), זיינען גיכער געווען אויס טובה צו די אידען ווי אויס רעה צו די פרעמדע. פון דער אנ־דערער זייט זיינען זעהר שטאַרק געווען די אינדירעקטע דערמונטערונגען צו אן ענגער פאַרבינדונג. אבער ווען דער פרעמדער האָט שוין איינמאל זיך פאַרבונדען מיט די אידען, שטעהען שוין פאַר איהם אָפען אַלע אידישע פריווילעגיעס: דער פסח (שמות י"ב 48), די פרעהליכע ימים־טובים (דברים ט"ז 11, 14; כ"ו 11־13) און דער הייליגער בונד (דברים כ"ט 10; יהושע ח 35).

2.

## דער אידישער דאָרף.

### דער פאַסטוך.

שוין פון די עלטסטע צייטען אן טרעפען מיר די אידען אלס א פאָלק פון פויערים פון זייער לאַנד. די גרעסטע מעהרהייט פונ'ם פאָלק האָט אויפ־געגעבען די געוואוינהייטען פון מדבר־לעבען. זיי באַארבייטען די נחלה פון די פאָטערס ניט בלויז מיט תבואה, נאר זיי קולטיווירען אויך דעם וויינשטאָק און פלאַנצען אלערליי בוימער.

דאָך אָבער זיינען קיינמאל ניט פאַרלאָשען געוואָרען אין פאָלק די ערי־נערונגען אן דעם מדבר־לעבען, וואָס די אורעלטערן האָבען אמאָל געפיהרט, נאר מ'האָלט נאָך קלאָר אין זכרון די נאָמאַדישע פאַרגאַנגענהייט. נאַטירליך האָט נאָך אויך אין דער צייט פון דער מלוכה א טייל פון דער אידישער

באפעלקערונג געלעבט אלס נאמאדען. אָבער די אידישע מלוכה האָט זיך געהאלטען אויף דער לאנד־ווירטשאפט פון דער באזעסענער באפעלקערונג. די נאכווירקונג פון דער נאמאדישער פארגאנגענהייט זעהט זיך אָבער אויך אין דער באזעסענער באפעלקערונג דערין, וואס זי האָט א פאָרליבע פאר האָדעווען בהמות און פאר דאָס פאסטוכער־לעבען. דער אידישער פויער האָט נאָך אויך שפּעטער בעסער געפּאַשעט די סטאַדע איידער געדריקט די סאָכע נאָכגעהענדיג הינטער דעם געשפּאַן פון די אָקסען. און די שפּראַך פון ישראל איז פול מיט בילדער און מליצות, וועלכע שטאַמען פונ׳ם לעבען פון די נאמאדען און פאסטוכער: דאָס דאָזיגע לעבען ווערט געריהמט און באזונגען אין די מעשיות פון די אבות און אין דער שפּעטערדיגער פּאָעזיע.

אויך אין יענע טיילען פון לאַנד, וועלכע זיינען מעהר מסוגל פאר האָדעווען בהמות איידער פאר ערד־ארבייט, ווי למשל: די סטעפּע פון יהודה (מיט „עין־גדי“, דעם ציגען־קוואל), דער נ ג ב (וואו נ ב ל האָט זיינע סטאַדעס, שמואל א, כ״ה 2), די טאָלען פון ש ר ו ן און י ז ר ע א ל, וועלכע זיינען טיילווייז צו פייכט פאר ערד־ארבייט, אָבער זיי האָבען פעטע פּאַשע פאר רינדער, ענדליך די גרויסע פּלאַטאָ פונ׳ם דרום אין עבר־הירדן — אויך אין אָט די געגענדען האָבען די אידען, ווי ווייט מיר ווייסען, אויפגעגעבען דאס לעבען אונטער געצעלטען. פון די געצעלט־דערפער זיינען געוואָרען פעסטע ישובים. ארום דעם טורם, וואָס מ׳האָט אויסגעבויט זיך צו באשיצען געגען א פיינדליכען אָנפאל, זיינען קענטיג צוערשט געשאַפען געוואָרען ארומגעצאָמטע פּלעצער, אין וועלכע מ׳האָט אריינגעטריבען די בהמות*). און שפּעטער זיינען אויסגעבויט געוואָרען דערבייביידלעך און הייזער פאר מענשען**). פון אָט די ישובים שיקט ארויס דער אייגענטימער פון סטאַדעס זיינע פאסטוכער מיט די סטאַדעס אין דער סטעפּע אויף דער פּאַשע. אָט אזוי דער רייכער כלבי נבל, וועלכער האָט פארמאָגט 3000 שאָף און 1000 ציגען (שמואל א, כ״ה). און וואו די שכונה צווינגט ניט פיינדליכע שבטים זיך צו היטען פון פּלינדערונג און רויב, דאָרטען וואוינט דער אייגענטימער פון סטאַדעס אויך אין אָפענע דערפער (חצרות). נאַטירליך האָט דער נאָמאדישער זאָרט לעבען זיך לענגער דערהאלטען אין אזעלכע געגענדען וואָס זיינען רייך אין פּאַשע.

*) במדבר ל״ב 36. פארגלייך אויך בראשית ל״ה 21; מלכים ב, י״ח 8.

**) דערפון דערקלערט זיך וואס „עיר“ (פון „עור“, זייז וואכזאם), לכתחילה א פעסטונג, אז ארט זיך צו באשיצען פון פיינד, האָט באקומען די באדייטונג פון שטאָדט.

אבער כאָטש דאס פאסטוך־לעבען ווערט אזוי שטאַרק אידעאַליזירט און באזונגען אין דער לעגענדע און אין דער פּאָעזיע פון דער ביבעל, כאָטש גאָט גופא ווערט פאַרגעשטעלט אלס דער געטרייער פאסטוך פון זיין פאָלק (תהלים כ״ג), פיהרט אָבער דער פאסטוך אין דער ווירקליכקייט זעהר א רויה און שווער לעבען. אפילו דאָרטען וואו מ׳דארף זיך ניט שרעקען פאר א פיינד־ליכען איבערפאַל, פאָדערט אויך זיין ארבייט אסך אנשטרענגונג און גויט. „ביי טאָג בין איך אויסגעגאַנגען פון היץ און ביי נאכט פון פראָסט, און דער שלאָף איז פארוואָגעלט געוואָרען פון מיינע אויגען" (בראשית ל״א 40). דער פאַסטוך האָט געמוזט צוזאמענהאלטען די סטאַדע, אויסזוכען די פארבלאָנד־זשעטע בהמות, היילען די קראַנקע, פארבינדען די פארוואונדעטע, טראָגען אויף די ארעמס דעם אויסגעמאטערטען שאָף (יחזקאל ל״ד), שעפּען וואסער און גיסען אין דער טרענק־רינע (בראשית כ״ד 20 : כ״ט 2, 3), זיך אָפּוועה־רען פון דעם לייב, דעם בער און דעם וואָלף (שמואל א, י״ז 34 : ירמיה מ״ט 19) : און דער געדונגענער פאַסטוך איז פאראנטווארטליך צו דעם אייגענטי־מער פון דער סטאַדע פאר דאָס, וואָס ווילדע חיות צערייסען און גנבים גנב׳ענען אוועק*). דאס אָנגענומענע רעכט איז אפילו, אז דער באַלעבאָס מאָנט ניט דערפאר, אין פאַל אויב דער פאסטוך ווייזט אויף, אז די בהמה איז פאר־צוקט געוואָרען אדער אויב עדות באשטעטיגען זיין אומשולד. (שמות כ״ב 9—12 : האמוראבי׳ס געזעצבוך § 266). אבער קארגע און זשעדנע באַלעבאַטים האָבען הפנים ניט זעלטען געבראָכען די זיטען אין דעם פּרט**).

פון אוועגד זיינען די סטאַדעס אריינגעטריבען געוואָרען אין ארומצאָ־מוגנען („גדרות צאן", במדבר ל״ב 16 : שמואל א, כ״ד 4), ביי וועלכע עס איז קענטיג אויך געווען אויפגעשטעלט א „סטאַדע־טורם" פאר א בעסערער באַשיצונג („מגדל עדר", בראשית ל״ה 22 : מלכים ב, י״ז 9). די בהמות פלעגען בעת מעשה געצעהלט ווערען, דורכגעהענדיג אונטער דעם פאסטוך׳ס רוט (ויקרא כ״ז 32 : ירמיה ל״ג 13 : יחזקאל כ 37).

די אויסריכטונג פונ׳ם פאַסטוך איז געווען זעהר אן איינפאכע. זיין מאָגערע פראָוויאנט האָט ער געטראָגען אין זיין טאָרבע (שמואל א, י״ז 40), געמאַכט מסתמא, ווי עד היום נאָד אין פאַלעסטינא, פון פעל פון א

---

*) דער פאַסטוך איז אויך געווען פאראנטווארטליך פאר דאָס אָפּוואַרפען פון די בהמות. דאס קאָן מען זעהן ווען מען פארגלייכט בראשית ל״א 38 און האמוראבי׳ס געזעצבוך § 264.

**) ווי די לעגענדע דערצעהלט עס פון לבן׳ען, כדי איהם צו כאראקטעריזירען אלס זשעדנע און קארג (בראשית ל״א 39.

שעפּס אדער א ציג. זיין הויפּט־כלי־זיין איז געווען דער פּאסטוך־שטעקען (מיכה ז 14). אלס צוגאב קומט נאך א שליידער־האלץ (שמואל א, י״ז 40). פּאסטוך־הינט האבען איהם געהאָלפען היטען די סטאדע (איוב ל 1). פון דער יעקב־געשיכטע מעג מען אפשר ארויסדרינגען, אז דער לוין פון׳ם פּאסטוך איז אפּטמאָל געווען א חלק אין די בהמות פון דער סטאדע.

אבער ניט קוקענדיג אויף דעם וואס די נאָמאַדישע געוואוינהייטען און צושטענדען האבען זיך ווייטער געהאלטען, האט דער אידישער האדוועער פון בהמות זיך פארט אפּגעוואוינט פון פאראכטען די ערד־ארבייט, דער כאַראקטעריסטישער סימן פון׳ם נאָמאַד. ער פארשאפט זיך די פּראָדוקטען פון ערד־ארבייט, אהן וועלכע אויך דער נאמאד וויל ניט אויסקומען, באלד נאָר ווי ער פארלאָזט די אונטערסטע שטופע פון ציוויליזאציע. ניט בלויז שאפט ער זיך איין די דאָזיגע פּראָדוקטען דורכ׳ן אויסבייטען אדער קויפען, נאָר ער זוכט זיי צו קריגען דורך אייגענער ארבייט און ער באזעעט א שטיק פעלד מיט גערשטען אדער לינזען (בראשית כ״ה 34), אדער ער פלאנצט בוימער אין א באשיידענער מאָס, ווי עמוס פון תקוע (עמוס ז 14). נאָך מעהר, די באשעפטיגונג מיט׳ן באארבייטען די ערד איז ניט בלויז די אלגעמיינסטע און פארברייטסטע אין דאָרף פּונקט ווי אין שטאָדט, נאָר זי פאַרנעמט אויך אלע קלאסען דורך גלייכע אינטערעסען. הויך און נידעריג גיט זיך דערמיט אָפּ; דוד׳ס הויפּט־קאָמאַנדיר יואב זעעט גערשטען (שמואל ב, י״ד 30), שאול, וועלכער איז געזאלבט געוואָרען צום קעניג, געהט אין פעלד מיט דעם געשפּאַן פון די אָקסען (שמואל א, י״א 5), און אויך נאָך זיין באשטייגען דעם טראָהן האט שאול, ווייזט אויס, געצויגען זיין חיונה פון זיין נחלה אויפ׳ן לאנד, וואס זיין קנעכט ציבא האט פאר איהם פארוואלטעט. פּונקט אזוי האט דער כהן אביתר זיין מאיאנטיק אין ענתות (מלכים א, ב 26).

## דער פּויער.

דער פּויער, וואס באארבייט די ערד, וואוינט צום טייל אין אָפענע דערפער (פרזות), צום טייל אין שטעדט מיט א טורם (מגדל) אדער א פעסטונג (עיר), ארומגערינגעלט מיט מויערן. אויך אין איינצעלנע געהעפטען האבען, ווייזט אויס, זיך באזעצט רייכערע פּויערים (שופטים י״ז י״ח). אבער פון אזעלכע איינצעלנע ישובים זיינען כמעט אומעטום ביסלעכווייז אויסגעוואקסען געשלאָסענע דערפלעך, מחמת ביי דער פארמעהרונג פון דער פאמיליע האבען די זיהן פון הויז זיך באזעצט נעבען דעם געהעפט, און פרייגע־

לאָזענע קנעכט און אָרימע פּרייע, וועלכע האָבען זיך געשטעלט אונטער דער באַשיצונג פון דער משפחה, האָבען געקראָגען די ערלויבעניש צו טאָן דאָס-זעלביגע.

דאָס הויז פון דעם אידישען פּויער איז געווען דערזעלביגער פּרימיטיווער בנין, אין וועלכען דער פּאַלעסטינישער פּעלאַד וואוינט נאָך עד היום. עס איז א געבוי פון אין דער לופט געטריקענטע ציגעל און סיקאָמאָרען-האָלץ (ישעיה ט 9). אויף די באַלקענס איז פון דעם פּעסט צוזאַמענגעטראָטענעם ליים גע-וואָרען א פלאַכער דאַך, אויף וועלכען מ'שלאָפט ביי נאַכט. דאָס רוב הייזער זיינען געווען, ווי נאָך היינט אין פּאַלעסטינא, איין-שטאָקיג. אין די הייזער פון די אָרימע האָט מען קענטיג ביי נאַכט אויך אריינגענומען די בהמות. הייזער פון רייכערע לייט, באַזונדערס אין די שטעדט, האָבען אויך אַן איי-בערסטען שטאָק (עליה).

די פאַרשפּרייטסטע בהמות פון דער סטאַדע זיינען ציגען און שאָף. ווי ס'איז צו זעהן פון די דינים וועגען קרבנות געהערען די שאָף צו דער ראַסע מיט די פעטע ווייַדעלס, וואָס איז נאָך איצט היימיש אין פּאַלעסטינא. צום האָדעווען רינדער זיינען ניט אַלע טיילען פון לאַנד מסוגל, דאָך אָבער איז דער רינד פאַראַן אומעטום וואו מען באַאַרבייט די ערד. דער אָקס דינט צום אַקערען ווי אויך צום דרעשען די תבואה. פאַרמעגליכע פּויערים האָבען אייזלען. דער אייזעל איז די געוועהנליכע בהמה צום רייטען: ער דינט אחוץ דעם אַלס טראַנספּאָרט-מיטעל פאַר די פּראָדוקטען פון אגריקול-טור. דאָס פערד איז נאָך זעלטען. עס דינט נאָך ניט פאַר פרידליכע צוועקען און ווערט איינגעפיהרט פון עגיפּטען פאַר די באַדערפעניסען פון מלחמה. דעם שטעל פון אייזעל פאַרטרעט ביי מיטגלידער פון דער קעניגליכער פּאַ-מיליע דער שענערער מוילאייזעל (פּרדה, שמואל ב, י"ג: י"ח 9: מלכים א. א 33): וואהרשיינליך אויך ניט געהאָדעוועט אינ'ם לאַנד, נאָר אריינגע-פיהרט פון דער פרעמד (מלכים א, י 25). קעמלען האָט דער איד אין יע-נער צייט ניט געהאַלטען*). ניט פּאַסען זיי אין זיין ווירטשאַפט, ניט קענען זייערע איינגעאַרטיגע כוחות אויסגענוצט ווערען פון איהם: דערצו נאָך זיי-נען זיי טמא, אַזוי אַז פון זייער מילך און זייער פלייש קאָן מען ניט געניסען.

---

*) ערשט אין שריפטען פון נאָכ'ן גלות בבל ווערען זיי דערמאָנט אַלס אידיש פאַר-מעגען. פון די אבות קען מען קיין קשיות ניט פרעגען, ווייל זיי ווערען געשילדערט אַלס בעדואינער.

## דאס לעבען ביי דער ערד־ארבייט.

דאָס פארזועען פון די פעלדער הייבט זיך אן מיט דער ווינטער־זאַט (ווייץ, גערשטען, לינזען און אז. וו.) באלד ווי דער פריה־רעגען (יורה) האָט וייך געמאכט דעם אויסגעברענטען און צעריסענעם ערד־באָדען, בכן ענדע אָקטאָבער, אין נאָוועמבער, אָפט ערשט אנהויב דעצעמבער. די זומער־פרוכט (הירז, וויקע) ווערט געזועט נאָכ׳ן ענדיגען די ווינטער־זאָט, טיילווייז (צום ביישפּיל אוגערקעס) אויך ערשט נאָכ׳ן אראָפּנעמען די ווינטער־פרוכטען. די ערד ווערט געעפענט מיט דעם אקער (ישעיה כ״ח 24), דאָס הייסט: נאָר פון אויבען אויפגעקראצט, ווארים דער שניט געהט נאָר בערך 10—12 צענטימעטער טיף. דער אקער האָט ניט געקאָנט זיין פּרימיטיווער ווי ער איז היינט אין פּאַלעסטינא. דעם אקער ציהט געוועהנליך א יאָך אָקסען. אנצו־טרייבען די בהמות באנוצט מען זיך מיט דעם אָקסען־שטעקען („מלמד הבקר״. שופטים ג 13), א לאַנגען שטעקען מיט אן אייזערנעם שפּיץ. וואס מ׳האָט ביי א געלעגענהייט אויך באנוצט צו פּאַנאַנדערקלאַפּען א שטיק ערד. דאָס צעאַקערטע לאַנד האָט מען דאן גלאַט געמאַכט מיט א בראָנע, וועלכע איז פּי־לייכט באַשטאַנען נאר פון א שטאַרקער ברעט אדער פון א האָלץ (ישעיה כ״ה 24; הושע י 11). דאן איז דער זאמען פּאַנאַנדערגעשאָטען געוואָרען מיט דער האַנט און איינגעאַקערט געוואָרען. פּולקום צייטיג מאַכט דעם זאמען דער שפּעט־רעגען (מלקוש), וואס פאַלט פון פעברואר אן.

דער תבואה־שניט הייבט זיך אן אין אַפּריל מיט די גערשטען און ענ־דיגט זיך אין יון מיט׳ן שניט פון די ווייץ. ביי די גרויסע קלימאַטישע פאַרשידענקייטען, וואס באַשטעהען צווישען די איינצעלנע לאַנדשאַפטען, האָט דער אנהויב פון שניט געמוזט זיין זעהר פאַרשידען. די זיבען־וועכענטליכע צייט פון שניט איז געווען א צייט פון יום־טוב׳דיגע הולאַנקעס און אלגעמיינער פרעהליכקייט**). אלט און יונג נעמט אנטייל אין דער שמחה. געשניטען געוואָרען איז די תבואה מיט א האַלב רונדען אייזערנעם שנייד־מעסער. אזא שנייד־מעסער האָט מען לעצטענס אויסגעגראָבען אין לכיש. די געשניטענע תבואה ווערט תיכף דורך מענשען אדער אויף אייזלען געבראַכט אין שייער, וואס ליגט וואו נאר מעגליך אויף א ווינטיגען בערגעל.

---

*) די פרייד פון תבואה־שניט איז א שפּריכוועָרטליכע באַצייכנונג פאַר א גרויסער פרייד (ישעיה ט 2; תהלים ד 8).

דאָרטען טרייבט מען איבער דער תבואה רינדער און אייזלען אזוי לאנג ביז זייערע קאָפּיטעם צערייבען די זאנגען און די קערנער ווערען באפרייט פון די הילזען. אויך קען מען שוין דעם דרעש־שליטען (חרוץ, מורג, ישעיה כ"ח 27; מ"א 15; דברי הימים א, כ"א 23), וואס איז געווען פארשפרייט אומעטום אין אלטערטום און וואס ווערט אויך איצט נאך געברויכט אינ'ם מזרח. דאס איז א דיקער ברעט באזעצט מיט הארטע, שפּיציגע שטיינער, וואס ווערט געשלעפּט דורך בהמות איבער דער תבואה. נעבען דעם דרעש־שליטען געברויכט מען אויך, פונקט ווי אין דער אלטער עגיפּטען, דעם דרעש־וואגען (עגלה, ישעיה כ"ח 27; עמוס א 3). דאס איז א קליין וואגען־געשטעל מיט וואלצען, אן וועלכע עס זיינען אנגעשלאגען שארפע אייזערנע מעסערס, וואס שניידען די תבואה.

מיט א לאנגען הילצערנעם גאפּעל („מזרה" ישעיה ל 24; ירמיה ט"ו 7) אדער שאָפעל (רחת ישעיה ל 24) ווערט די געדראָשענע תבואה געשאָפעלט ביי א רוהיגען ווינט, וואס וועהט דאס רוב נאָכמיטאג, און פון אווענד (רות ג 2). די קערנער מוזען נאך ווייטער געריינינגט ווערען דורך א זיפּ (עמוס ט 9). דער שטרוי (תבן) ווערט נעבען די גערשטען געברויכט אלס שפּייז פאר די בהמות. אזוי ווי מ'דאָרף ניט מורא האבען פאר רעגענס און שטורעמס, איילט זיך דעריבער דער פּויער ניט מיט'ן דרעשען (ויקרא כ"ו 5); ער לעבט וואכענלאנג ביי טאג און ביי נאכט אין שייער, וואו ער היט זיינע תבואה (רות ג 7). דאס אויסגעדראָשענע ברייגנט מען ניט תיכף אין הויז, נאר מ'באהאלט עס אויפ'ן פעלד אין גריבער*). צארטע זאַרטען ווערען ניט געדראָשען אין שייער, נאר ווערען אויסגעקלאפּט מיט א שטעקען (ישעיה כ"ח 27). אויך א קליין ביסעל תבואה ווערט מיט'ן שטעקען אויסגעקלאפּט (שופטים ו 11; רות ב 17).

אלגעמיין פארשפּרייט אין לאנד איז די קולטיווירונג פון פלאקס. פון פלאקס מאכט מען אונטערסטע מלבושים, פון וואל פון די שאָף מאכט מען מאנטלען. באוואל אבער טרעפען מיר ניט אלס פּראָדוקט פון פּאלעסטינא אין דער סאמע אלטער צייט.

איילבערטבוים, פייגענבוים און וויינשטאק קומען שוין פאר אין דער אלטער פאבעל פון יותם (שופטים ט) אלס קאראקטעריסטישע פלאנצען פונ'ם לאנד; דער איילבערטבוים ווערט געעהרט פון גאָט און מענשען צוליב זיין

*) „מטמונים", ירמיה מ"א 8. דער דאָזיגער אופן פון באהאלטען ווערט נאך איצט פּראקטיצירט אין פּאלעסטינא.

אויל*). דער פייגענבוים ווערט געריהמט צוליב זיין זיסקייט, דער וויין אבער דערפרעהט גאָט און מענשען, ווארים ער טאָר ניט פעהלען אויפ'ן מזבח פונקט ווי דאס אויל.

א בליהענדיגע גערעטעניש פונ'ם ווינשטאָק איז עד היום כאראקטעריס־טיש פאר דאס לאַנד אין מערב־זייט פון ירדן. די דאָזיגע גערעטעניש אויף וויין האָט געפונען איהר באצייכנענדען אויסדרוק אין דער לעגענדע פון דעם ריזיגען הייגעל ווינטרויבען, וואס די מרגלים האָבען אָפּגעשניטען אין טרויבען־טאָל ביי חברון, אין די פערזען לכבוד יהודה אין יעקב'ס ברכה (בראשית מ"ט) און אין דער דערוואַרטונג פון משיח'ס צייט, ווען די בערג וועלען טריפען פון טרויבען־זאַפט און די קעלטער־טרעטער וועלען ביז צו דער זאַט־צייט טרעטען ווינטרויבען. נאָך עד היום געפינען זיך אין לאַנד אסך קעלטערן אויסגעהאַקט אין פעלזען, וואס זאָגען עדות פאר דעם רייכען וויין־גענוס פון די אמאָליגע איינוואוינער.

אין איינצעלנע ערטער, למשל אין ירדן־טאָל און ביים ים־כנרת, הייבען די ווינטרויבען אָן שוין צייטיג צו ווערען אין יוני, די אלגעמיינע צייט אבער פאר אראָפּקלייבען די ווינטרויבען איז סעפּטעמבער. דער וויין־קעלטער (גת) איז באשטאַנען פון צוויי קיילעכדיגע אדער פיערקאַנטיגע בעקענס אויס־געהאַקט אין דעם באָדען פון פעלז. דער פרעס־בעקען („גת" איז אָן ענגערען זין, „פורה") האָט געהאַט א דורכמעסער ביז צו 4 מעטער. דורך א טיפער אָפּענער רינע איז פון דאָנעט געפלאָסען דער זאַפט אין דעם זאַמעל־בעקען („יקב"), וואס איז געווען ביז צו א מעטער טיף. אָפּטמאָל געפינט זיך נאָך א דריטער באהאַלטער, אין וועלכען עס פליסט אריין פון דעם צווייטען דער עטוואס אָפּגעקלערטער זאַפט. די טרויבען זיינען מעהרסטענס געטראָטען גע־ווארען („דורך בגת", ישעיה ס"ג 2, 3). דאָך אבער האָט מען אויך אויסגע־פרעסט דעם זאַפט דורכ'ן ארויפלעגען שווערע שטיינער אדער מיט א הייב־שטאַנג.

די גערונג פון דעם טרויבען־זאַפט הייבט זיך אָן ביי דער הערשענדער ווארימקייט שוין 10—12 שטונדען נאָך דער קעלטערונג. דער געקעלטער־טער וויין איז געפילט געווארען אין קריג (ירמיה י"ג 12) אדער אין לאַגלען

*) שופטים ט 9. מאַנכע מאָדערנע מבארים לעזען לויט'ן תרגום השבעים „אשר בו יכבדו", עס הייסט: „מיין פעטקייט, מיט וועלכער מען עהרט גאָט און מענשען". שטאָדע אבער לעזט לויט דער מסורה „בי" און ער פארטייטשט „בי" „אין מיר", עס הייסט: „מיין פעט־קייט, וואס גאָט און מענשען עהרען אין מיר".

(הושע ט 4, 13). דאַרטען האַט מען איהם געלאָזט גערען און א צייט ליגען אויף הייווען :דאָן איז ער איבערגעגאַסען געוואָרען (ירמיה מ"ח 11 : צפניה א 12 : ישעיה כ"ה 6) און איז דורך דעם געוואָרען מילדער.

דאַס אויל פון איילבערטבוים פאַרטרעט ביים צוגרייטען די לעבענס־מיטלען די שמאַלץ פון בהמות, וואַס געהערט אויפ'ן מזבח פון די געטער. פאַר די איינוואוינער פון די לענדער ביים מיטעללענדישען ים איז אויל נויטיג פאַר'ן קערפּער פונקט אזוי ווי פאַר מאָדערנע פעלקער זייף.

די איילבערטען ווערען אראָפּגענומען אין אָקטאָבער און נאָוועמבער. ווען זיי ווערען אין גאַנצען צייטיג איז דאַס אויל ניט אזוי שטאַרק גוט. זיי ווערען דעריבער פאַרזיכטיג געפּליקט איידער זיי זיינען נאָך ניט גאַנצען צייטיג (ישעיה י"ז 6 : כ"ד 13). דאַס פיינסטע אויל האָט מען באַקומען, ווען מ'האָט צעשטויסען די איילבערטען אין א געפעס, זיי ניט פּרעסענדיג שטאַרק („שמן זית כתית". שמות כ"ז 20 : מלכים א, ה 25). דער הויפּט־טייל פון די אראָפּגענומענע איילבערטען איז געקעלטערט געוואָרען אין גאָרטען גופא אין פעלז־קעלטערן (מיכה ו 15). די עלטסטע אויל־קעלטערן וואָס מ'האָט געפונען אין תענך זיינען באַשטאַנען פון א גרויסער פעלז־פּלאַטע מיט א ראַנד און א אָפּצוגס־קאַנאַל פאַר דער פליסיגקייט, וועלכער האָט געפיהרט אין א לאָך. געפּרעסט האָט מען מען מיט א גרויסען שטיין : אנדערע אויל־קעלטערן האָבען געהאַט, קאָן זיין, די פאָרם פון'ם וויין־קעלטער. דאַס אויל איז אסך עקספּאָרטירט געוואָרען (יחזקאל כ"ז 17 : הושע י"ב 2 : מלכים א, ה 25). באַזונדערס קיין עגיפּטען (הושע י"ב 2).

פון די עלטסטע צייטען אָן איז דער מאַנדעלבוים אָפט קולטיווירט געוואָרען. מעהר א לוקסוס־בוים איז דער מילגרוים־בוים, וועלכער האָט ווי די מירטע (הדסים־בוימעל) זיך פאַרשפּרייט מיט דעם דינסט פון דער סעמיטישער עשתרת (ווענוס, אפראָדיטע) פון די סעמיטען־לענדער צום מערב. די וויין־רויטע פרוכט פון דעם מילגרוים־בוים מיט די צאָהללאָזע קערנער אויסגעבעט אין א שנייאיגער מאַסע שפּילט א גרויסע ראָלע אין דער סימבאָליק פון די אלטע פעלקער און האָט אויך געפונען א פּלאַץ אין דער סימבאָליק פונ'ם יהוה־קולט (מלכים א, ז 18 : שמות כ"ח 33).

די פלאַנצונג פון אַט דעם בוים האָט געמוזט זיין אומעטום שטאַרק פאַרשפּרייט, וואָרים נים בלויז געברויכען איהם אלס בילד די דיכטער פון דער ביבעל, נאָר נעבען דעם פייג און דעם וויינטרויב ווערט ער אויך דער־מאָנט אין דער געשיכטע פון די מרגלים אלס כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מערב־זייט פון ירדן (במדבר י"ג 23). נאָר אין אויסנאַמיגע פאַלען ווערט

דערמאָנט דער עפּעל*), און נאר איין מאָל ווערען דערמאָנט די ניס פון דעם פּיסטאַשקעס-בוים, וואס איז זעהר זעלטען אין פּאַלעסטינא („בטנים“. בראשית מ״ג 11): און פון עמוס (ז 14) ווייסען מיר, אז מ׳האט געוואוסט צו מאַכען מיט׳ן איינשטעכען**) געניסבאַר די פרוכט פון דער אין די נידערונגען אזוי אַפטער סיקאַמאַרע (שקמים). דער טייטעלבוים, וועלכער איז ווייזט אויס גע־וואקסען אמאָל אין פּאַלעסטינא מעהר ווי איצט, איז אויך דאַמאַלסט קענטיג געפלאַנצט געוואָרען און האָט ארויסגעבראַכט צייטיגע פרוכט נאר אין די דרום-גרעניצען פון׳ם לאַנד און אין דער הייסער ירדן-נידערונג ביי יריחו.

דאָס נייע לעבען פון׳ם פייגענבוים הייבט זיך שוין אָן אין פעברואר צו באַוועגען. די קליינע פייגען וואס הייבען ערשט אָן צו וואַקסען ווערען גערן געגעסען ניט צייטיגערהייד שוין אין אַפּריל; דאָס זיינען די פריהיגע פייגען („פגים“ אָדער „בכורים“. הושע ט 10; ישעיה כ״ח 4; מיכה ז 1; שיר השירים ב 13), וועלכע פאַלען דאָס רוב אראָפּ אין אן אומצייטיגען צוש־טאַנד (נחום ג 12). געטריקענטערהייד זיינען די פייגען אַן אַלגעמיין פאַר־שפּרייטע שפּייז.

3.

## די אידישע שטאָדט.

### דאָס אויסזעהן פון דער שטאָדט.

דער אונטערשייד וואס ווערט געמאַכט אין תנ״ך צווישען **שטאָדט** און **דאָרף** איז לכתחילה געווען צווישען אן ארומגעמויערטען אָרט (עיר, עיר חומה, ויקרא כ״ה 29) און אָפענע ישובים (פרזות, יחזקאל

---

*) אויב מיט די גאָלדענע עפּעל (תפוחי זהב, משלי כ״ה 11) זיינען געמיינט די זיסע ציטראָנען, דאַן איז דאָס איינע פון די פיעל ראיות, אז דאָס בוך שטאַמט פון א איינגערער צייט. דאָס איז וואהרשיינליך אויך מיט דער באַוועל-וועבעריי (שש), וואס ווערט דערמאָנט אין ל״א 22.

**) די פרוכט פון דער סיקאַמאַרע האָט א וועָרימעל אין זיך, וואס מאַכט זי ביטער. זי ווערט ערשט עסבאַר ווען מ׳שטעכט זי אויף און דאָס ווערימעל פאַלט אַרויס. אָט דאָס אויפשטעכען די פרוכט איז לויט אסף מאָדערנע מבארים די באַדייטונג פון „בולס“ (עמוס ז 14). זעה וו. ראָבערטסאָן סמיטה, „דהי פּראָפעטס אָוו איזרעאל“, 1897. ז. 396.

ל"ח 11; כפר, שמואל א, ו 18) אדער איינצעלנע געהעפטעז. עס איז אבער אלעמאל א חילוק צווישעז שטאָדט און דאָרף איז קולטורעלער באַציהונג: אין די שטעדט איז די קולטור א העכערע און א פארפיינערטערע. דער דאָרף איז אפּהענגיג פון דער שטאָדט. די אָפענע דערפער זיינען די „טעכטער" פון דער שטאָדט, וועלכע ווערט אויך באצייכענט אלס זייער „מוטער" (במדבר כ"א 25, 32; ל"ב 42; יהושע י"ז 11; י"ג 23, 28; שמואל ב, כ 19).

לויט די אויסגראבונגעז קענעז מיר לכל הפּחות זיך מאכעז אַן אלגעמיינעם בילד פון א אידישער שטאָדט אין יענער צייט. דער שטח, וואס דער מויער האָט איינגעשלאָסעז, איז געוועז א קליינער אויך ביי באדייטענדערע פעסטינגעז ווי מגידו, תענך, גזר. אפענע באזעצטע ערטער האבעז זיך אסך ווייטער אויסגעשפרייט, אבער אין די שטעדט האָט מעז געזוכט צו האלטעז די פארטיידיגונגס-ליניע אזוי קליין ווי מעגליך.

אינעווייניג אין שטאָדט איז אלצדינג געווען ענג צוזאמענגעדריקט. די קליינע הייזער זיינעז געוועז געבויט פון אומבאהאקטע שטיינער אדער ליים; הייזער פון באהאקטע קוואדראט-שטיינער (בתי-גזית) זיינעז ניט געוועז קיין אפטע זאך אפילו אין דער שפּעטערער צייט פון דער מלוכה. נאר איין בנין האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין גרויס און זיין פעסטען בוי, דאס איז געוועז די בורג (מגדל), וועלכע איז ווידער געוועז פאר זיך ארומגערינגעלט מיט א מויער און האָט געדינט אלס לעצטער „מקום מקלט" געגעז דעם פיינד. די גאסעז צווישעז די דאָזיגע הייזער זיינעז געוועז ענג. יוסף פלאוויוס רעדט אָפּט פון דער ענגקייט פון די ירושלים'ער גאסעז. עס האבעז זיך אבער אויך געפונעז מאנכע ברייטערע גאסעז, דורך וועלכע מ'האָט געקאָנט פאהרעז מיט א וואגעז (ירמיה י"ז 25).

די אויסגראבונגעז אין גזר, תענך, מגידו האבעז געוויזעז, אז דער פעלזבאָדעז אונטער אָט די אלע שטעדט איז געוועז דורכגעלעכערט מיט וואסערציסטערנעס. מעז מוז פארגלייכעז דערצו דעם באריכט פון מישע מלך מואב (שורה 24 פון זיין אויפשריפט), אז ער האָט אין דער שטאָדט קרחה געלאָזט מאכעז א וואסער-גרוב ביי יעדעז הויז. טייכעז און ברונימער האבעז אחוץ ירושלים נאך געהאט מאנכע אנדערע שטעדט. ווארים דאס רוב איז דער קוואל ניט געלעגעז אינערהאלב פון מויער.

פון א ברוק אויף די גאסעז הערעז מיר ניט פון דער צייט פון דער

מלוכה*). דאך אבער איז שוין געווען אין אחז'עס צייט א שטיינערנער פלאס־טער אין פאר־הויף פון בית־המקדש (מלכים ב, ט"ז 17). עס ווערט אַפּט גע־רעדט פון דעם שמוץ פון דער גאַס (ישעיה י 6 : מיכה ז 10). דעם אָפּפאַל און די ארויסקערעכץ פון די הייזער האָט מען, ווי נאָך היינט אין אָריענט, ארויסגעווארפען אויף דער גאס פאר די הפקר'ע הינט (ישעיה ה 25 : שמות כ"ב 30**). גאסען־פּאָליציי און גאסען־באלייכטונג זיינען ניט געווען, דערפאר אבער פלעגען נאַכט־וועכטער ארומגעהן דורך די גאסען פון שטאָדט (שיר השירים ג 3 : ה 7 : ישעיה כ"א 11).

וועגען דער אדמיניסטראטיווער פארוואלטונג פון די שטעדט ווייסען מיר ניט פיעל. אין ספר דברים ווערען אָפּט דערמאָנט די עלטסטע און נעבען זיי די ריכטער („זקנים" און „שופטים", דברים י"ט 12 : כ"א 2 : כ"ב 15 : כ"ה 7). וואהרשיינליך זיינען יענע עלטסטע געווען די פארשטעהער פון די איינפלוסרייכע פאמיליען פון א שטאָדט. אין דער שפּיץ פון שומרון און ירושלים איז געשטאנען אן אויבערסטער באאמטער („שר", מלכים א, כ"ב 26 : מלכים ב, כ"ג 8). אין א שפּעטערער צייט האָט ירושלים געהאט מעהרערע הויכע באאמטע („שרים", דברי הימים ב, כ"ט 20 : נחמיה ג 9, 12).

פרייע פּלעצער אין מיטען שטאָדט זיינען ניט געווען. נאר ביי די טויערן אינעווייניג פון שטאָדט זיינען געלעגען גרעסערע אדער קלענערע פרייע פּלע־צער (רחובות), די צענטערס פון דעם גאנצען עפענטליכען לעבען (נחמיה ח 16). דאָ איז געווען דער מאַרק (מלכים ב, ז 1). דאָ האָט מען גע'משפּט (שמואל ב, ט"ו 2 : דברים כ"א 19) און דאָ פלעגען געמאַכט ווערען אלערליי אָפּמאַכען און קאָנטראַקטען (בראשית כ"ג 10 : דברים כ"ה 7 : רות ד 1. 11). אלע וויכטיגע עפענטליכע ענינים זיינען פארהאנדעלט געווארען ביים טויער : דער קעניג האָט דאָ פארזאמעלט דאָס פאָלק (מלכים א, כ"ב 10) און דאָ האָט מען פּראָקלאַמירט אלץ וואס האָט געזאָלט עפענטליך באקאַנט געמאַכט ווערען (ירמיה י"ז 19). אָפּט זיינען אויך געווען ציסטערנען און ברונימער נאָהנט ביי דעם טויער, ווי א שטייגער אין בית־לחם (שמואל ב.

---

*) ערשט אונטער הורדוס אגריפּוס דעם צווייטען הערען מיר, אז ירושלים איז אויס־געברוקירט געווארען מיט ווייסע שטיינער (יוסף פלאוויוס, אידישע אלטערטימער, בוך 20, קאפּ. 9 § 7).

**) פיליכט קען מען עפּעס יאָ געפינען אַ שטיקעל רמז, אַז מ'האָט גערייניגט די גאַסען (מלכים א, י"ד 10).

כ"ג 15). וואו מ'האָט זיך צוזאַמענגעטראָפען אין קיהלע אָווענד צו הערען די נייעס פון טאָג. בכלל האָבען זיך אַלע צוזאַמענגעקליבען ביים טויער פאַר געזעלשאַפט און אונטערהאַלטונג מחמת קיין אַנדערע עפענטליכע פאַרגעניגונגס־פּלעצער זיינען אין יענער צייט ניט געווען (בראשית י"ט 1 : תהלים ס"ט 13). פרעמדע האָבען דאָ איבערגעיעכטיגט און האָבען דאָ אויך גיכער ווי אַנדערשוואו געפונען אַ מכניס־אורח. וועלכער האָט זיי אַריינגענומען אין זיין הויז (בראשית י"ט 2 : שופטים י"ט 15).

כאַראַקטעריסטיש פאַר די שטעדט פונ'ם מזרח איז דאָס וואָס דאָרטען וואוינען צוזאַמען אין אַ באַשטימטער מאַרק־גאַס די בעלי־מלאכות לויט זייער מלאכה און די סוחרים לויט זייער סחורה. דאָס איז שוין אַזוי געווען אין דער סאַמע אַלטער צייט. אין ירושלים, למשל, איז געווען אַ „בעקער־גאַס" („חוץ האופים", ירמיה ל"ז 21) און אַ „פיש־טויער". וואָס האָט קענטיג געהאַט זיין נאָמען פון דעם דערבייאיגען פיש־מאַרק (צפניה א 10).

## די בעלי־מלאכות.

די נאָמאַדען פון סירישען מדבר, וועלכע זיינען שטענדיג געשטאַנען אונטער דער השפעה פון דער באַבילאָנישער קולטור, האָבען הפנים שוין אין דער פריהעסטער צייט געהאַט די איינפאַכסטע קענטעניש אין מעטאַל־אַרבייט און אין מאַכען לעדער. עס קאָן דערפאַר גרייליך זיין, אַז די אידען האָבען געקענט די מלאכה פון שמידען מעטאַל נאָך זייענדיג נאָמאַדען. די ביבלישע לעגענדע באַצייכענט דעריבער די דאָזיגע מלאכה אַלס אַ גאַנץ אַלטע, פון דער גראָהער אורצייט, און שרייבט זי צו צו למך'ס זוהן תובל־קין, דעם ער־שטען שמיד פון בראָנז און אייזען (בראשית ד 22).

נאָכ'ן באַזעצען זיך אין לאַנד האָט זיך פיעל ניט געענדערט אין דעם פּרט. יעדער פויער איז געווען זיין אייגענער בעל־מלאכה, אַזוי וויים ווי ער האָט ניט געדעקט זיינע באַדערפעניסען פון די כנעני'שע סוחרים, וועלכע האָבען געלעבט אינ'ם לאַנד פון מסחר. די פרוי האָט געטריקענט דעם פלאַקס אויף דעם דאַך פון הויז. פון פלאַקס און וואָל האָט זי אויף דעם שפּין־רעדיל אויסגעשפּונען גאַרן, פון דעם גאַרן האָט זי געמאַכט פאָדים און אויסגעוועבט צייג, און פונ'ם צייג האָט זי געמאַכט די איינפאַכע קליידער (שמואל א, ב 19). דער מאַן האָט פאַרשטאַנען ווי אויסצואַרבייטען לאַגלען פון פעל פון די געקוילעטע בהמות און ווי עם אויסצואַרבייטען אין לעדער און צו מאַכען דערפון סאַנדאַלען, גאַרטלען און רימענס. אויך אַז איינפאַך

הייזעל פון שטיינער האָט ער ווי עס איז צוזאמענגעשטעלט מיט דער הילף פון זיינע שכנים. אלס בעלי־מלאכות ווייסען מיר פון יענע עלטסטע צייטען נאָר דעם שמיד און דעם טעפּער. זייער ארבייט פאָדערט ניט בלויז א גע־וויסע געניטקייט, נאָר אויך ספּעציעלע געצייג*).

אין דער אומרוהיגער צייט פון די מלחמות מיט די פּלשתים איז ניט מעגליך געווען פאר מלאכות זיך ברייט צו אנטוויקלען (פאַרגלייך דאָס אוועק־פיהרען פון די שמידען און די שלאָסער, וואָס ווערט דערצעהלט אין שמואל א, י״ג 19—22). שלמה האָט טאַקע דעריבער ניט געקאָנט אויסקומען אָהן דער הילף פון די פעניקיער. אין זיין צייט אָבער האָט די לאגע, ווייזט אויס, זיך פאַרבעסערט. די אידען האָבען זיך געלערענט פון די פרעמדע לעהר־מייסטער. און נאָכדעם ווי די כנעני'שע שטעדט האָבען זיך געהאַט געעפענט פאר די אידען, און די אידען האָבען זיך ביסלעכווייז צוגעוואוינט צו די העכערע באַדערפעגישען פון דער כנעני'שער ציוויליזאציע, זיינען דערמיט געווען געגעבען די נויטיגע פאַרבינדונגען פאר פאַכמעסיגע מלאכות. אויפ'ן לאַנד האָבען נאָך געמעגט הערשען די אַלטע צושטענדען, וואו דער פּויער איז זיין אייגענער בעל־מלאכה, אבער דאָס צוזאמענלעבען פון אסך מענשען אין דער שטאָדט און די גרעסערע באַדערפעגישען האָבען געפאָדערט און מעגליך געמאַכט ארבייטס־טיילונג, וועלכע אליין מאַכט מעגליך צו קריגען א גרעסערע געניטקייט און א באַשרענקטען ארבייטס־פאַך.

אין דער צייט פון דער מלוכה איז בראָנז נאָך לאנג געבליבען דאָס פאַרהערשענדע מאַטעריאַל. דאָס זעהט מען אין תנ״ך און דאָס ווייזען אויך די אויסגראָבונגען אין פּאַלעסטינא. די כלי־זין: קיווער, פּאַנצער, בויגען און פיילייכט אויך דער שווערד זיינען פון בראָנז (שמואל א, י״ז 5: שמואל ב, כ״ב 35). פון גלית'עס כלי־זין ווערט דערצעהלט, אז בלויז דער שפּיץ פון זיין שפּיז איז געווען פון אייזען. דאָס ערשטע מאָל ווערט דערמאָנט אייזען אין דוד'ס צייט (שמואל ב, י״ב 31). שפּעטער ווערט אייזען עפטער דערמאָנט: העק (מלאכים ב, ו 5: דברים י״ט 5: כ״ז 5). נעגעל און גריפלער (ירמיה י״ז 1). דאָס רויהע מאַטעריאַל איז געקומען פון לבנון**). אייזען־אויוועגס צום שמעלצען פון רויהע אייזען־מעטאַל זיינען באַקאַנט געווען ביי די אידען („כור הברזל", דברים ד 20: ירמיה י״א 4). צו אייזען־גיסערייי

*) פאַרגלייך צו דער דאָזיגער מיינונג פון בענציגגער די מיינונג פון סק'קורדי אין באַנד 1, ז. 294.

**) פאַרגלייך באַנד 1, ז. 48 אין דער באַמערקונג.

זיינען אבער די אידען ניט צוגעקומען. — פאַר דער קונסט־ארבייט האָט מען אבער אלץ געברויכט בראָנז, ניט אייזען*).

לכתחילה האָט „חרש", וויזט אויס, באַצייכענט יעדען באַארבייטער פון האַרטע מאַטעריאַלען (דורך באַהאַקען, באַשניידען א. אז. וו.), צו אונ־טערשיידען פון „יוצר", א באַארבייטער פון ווייכע מאַטעריאַלען. שפּעטער אבער הערען מיר פון פאַרשידענע „חרשים": „חרש־עץ", א האָלץ־מייסטער, „חרש־אבן", א שטיין־מייסטער (שמואל ב, ה 11) און „חרש ברזל" אדער „חרש נחשת", א שמיד (בראשית ד 22; מלכים א, ז 14). עס קאָן געמאָלט זיין, אז די פאַכמעסיגע האַנטווערקער האָבען לכתחילה געטאָן עטליכע מלאכות, נאָר שפּעטער, ווען די טעכניק האָט זיך מעהר אנטוויקעלט, זיינען זיי צעפאַלען אין באַזונדערע אומנות'ן.

פון דער בראָנז־ארבייט האָט זיך גאָלדשמידעריי (צורף) אָפּגעטיילט אלס זעלבשטענדיגע מלאכה. די פאַרשידענע בילדער, וואָס ווערען געברויכט אין תנ"ך פון דער דאָזיגער מלאכה, ווייזען, אז די אידען זיינען געווען וואויל באַקאַנט מיט איהר. גאָלד און זילבער זיינען געשמאָלצען געוואָרען כדי זיי צו לייטערען, דערביי האָט מען זיך באַנוצט מיט לויג־זאַלץ („בר", ישעיה א 25). מ'האָט געמאַכט פון גאָלד אלערליי צירונג: רינגען, בראַשען, אָרעם־בענדער א. אז. וו. נאַטירליך איז עס שווער צו זאָגען וויפיעל פון די פיי־נערע ארבייטען האָבען געשטאַמט פון פעניקיען.

טעפּעריי איז געווען רייך אנטוויקעלט אין פּאַלעסטינא שוין אין דער פאַר־אידישער צייט. די אידען האָבען זיך גיך אויסגעלערענט די דאָזיגע פאַר די באַדערפעניסען פון טעגליכען לעבען אזוי וויכטיגע אומנות, און ס'איז נאָר א צופאַל וואָס ליימענע טעפּ ווערען בלויז איין מאָל דערמאָנט אין תנ"ך (שמואל ב, י"ז 28). די נביאים געברויכען בילדער פון דער טעפּעריי: „ווי דער ליים אין דער האַנט פונ'ם טעפּער, אזוי זייט איהר אין מיין האַנט, הויז פון ישראל" (ירמיה י"ח 6; פאַרגלייך ישעיה כ"ט 16). צום אויסאַר־בייטען די פאָרם געברויכט מען די טעפּער־שויב („אבנים", ירמיה י"ח 3), וואָס איז באַשטאַנען, לויט ווי ס'איז צו זעהן פונ'ם נאָמען פון צוויי שויבען, וועלכע האָבען זיך באַוועגט איינע אויף דער אנדערער.

דער שטיינהאַקער (חרש אבן) איז געווען, ווי דער היינטיגער אראַבישער

*) פאַרגלייך דערצו אויבען ז. 126 און 231.

בוי־האַנטווערקער, אַ שטיינהאַקער און אַ מויערער אין דערזעלביגער פּערזאָן: ער בויט אויס פּאַרטיג דאַס גאַנצע הויז. ער ברעכט די שטיינער אין דעם אָרט וואו די שטיינער ווערען אויפגעריסען באַהאַקט זיי אַזוי, אַז מ'זאָל קאָנען בויען מיט זיי (מלכים ב, י"ב 13; מלכים א, ז 9) און בויט פון זיי אויס אַ מויער. ער באַנוצט זיך דערביי מיט אַ גרונט־וואָג (ישעיה כ"ח 17; מלכים ב, כ"א 13), אַ ריכט־שנור (ישעיה כ"ח 17) און אַ זינק־בליי (עמוס ז 7). אַז די געוועהנליכע הייזער זיינען געווען געבויט פון געטריקענטע ציגעל אָדער פון רויהע, אומבאַהאַקטע שטיינער, האָבען מיר שוין אויבען געזאָגט. הייזער פון באַהאַקטע שטיינער (בתי גזית) זיינען אויך אין די הויפּט־שטעדט געווען אַ זעלטענע זאַך.

דער סטאָליאַר (חרש עץ) איז גלייכצייטיג אויך געווען אַ טישלער. ער האָט געמאַכט פאַרשידענע מעבעל און כלים (טישען, שטוהלען, מולטערס) און געצייג פאַר דער לאַנד־ווירטשאַפט (דרעש־שליטענס, אַקערס, שויפלען). דער האָלץ־אַרבייטער האָט געאַרבייט מיט אַ זעג, אַ האַק און אַ האַמער (שופטים ט 48; שמואל א, י"ג 20; ישעיה י 15; מלכים א, ו 7; שופטים ד 21).

די וועבעריי איז תמיד געבליבען ביים נידעריגען פאָלק אַ הויז־אינ־דוסטריע. פון דער אַנדערער זייט ווידער זיינען די פיינע געוועבען אָפט געבראַכט געוואָרען פון דער פרעמד: פון מצרים (יחזקאל כ"ז 7), באַבילאָ־ניען (יהושע ז 21) און סיריען (יחזקאל כ"ז 16.*) וועבעריי האָט זיך דערום אַנטוויקעלט אַלס פאַך שפּעטער ווי אַנדערע מלאכות.

דער וואָלקער („כובס", מלכים ב, י"ח 17) האָט געדיכט געמאַכט דאָס נייע וואָלענע געוועב. אויך דאָס איז אַ לאַנגע צייט באַזאָרגט געוואָרען אין הויז גופא, די אַרבייט פון דעם וואָלקער האָט געבראַכט אָפט שלעכטע ריחות מיט זיך: די וואָלקערס פון ירושלים האָבען דעריבער געטאָן זייער מלאכה אויסען שטאָדט (ישעיה ז 3; ל"ו 2). די געוועבען פלעגען אַריינגעלעגט ווערען אין גריבער מיט וואַסער, אין וועלכע מ'האָט אַריינגעטאָן לויג־זאַלץ („נתר" און „בורית", ירמיה ב, 22).

דאָס וואָס אין תנ"ך ווערען קיין גאַרבערס ניט דערמאָנט איז ניט מעהר ווי אַ צופאַל. די פאַרשידענע טעגליכע געברויך־זאַכען: גאַרטלען, סאַנדאַ־

---

*) פאַרגלייך אויך „מלבוש נכרי" אין [illegible]

לען, לאַגלען זיינען געווען פון לעדער, אזוי אז אויך דעריין האָט זיך געמוזט נאָך אין א פריהיגער צייט אויסבילדען א באזונדערע מלאכה. אויך דאָס וואס פארבער ווערען ניט דערמאָנט אין תנ"ך, איז ניט מעהר ווי א צופאַל, ווייל מיר קענען די כנענים און די אידען פון די עלטסטע צייטען אַז אלס ליבהאָבער פון רייכפארביגע קליידער.

וואס איז שייך צוגרייטען שפייז איז בעקעריי געווען די איינציגע מלאכה. וועלכע איז אָנגעפיהרט געוואָרען אין די שטעדט אין א גרעסערען מאסשטאב (הושע ז 4). ירושלים האָט געהאָט אַ אייגענע בעקער־גאָס (ירמיה ל"ז 21).

די זאַלבען־מישער („רקח", שמואל א ח 13; שמות ל 35) זיינען אַלע־מאָל געווען וויכטיגע לייט אינ'ם מזרח וואו זאַלבען און וואוילשמעקענדע אוילען שפּילען אזא גרויסע ראָלע; אבער מיר האָבען ניט קיין שום ידיעה וועגען זייער באשעפטיגונג. — אויך די צירולניקעס ווערען נאר איין מאָל דערמאָנט ביי יחזקאל (ה 1).

## דאָס הויז.

אין דעם פאלעסטינישען קלימאט האָט דער איד געקאָנט דורכ'ן גאַנצען יאָהר זיך אויפהאַלטען מעהרסטענס אין דער פרייער לופט: אויפ'ן פעלד, אין וויינגאָרטען, אין גאַס, אויף דעם מארק־פּלאַץ ביים טויער און דערגלייכען. ער האָט דעריבער ניט געשטעלט קיין פאָדערונגען פאר גרויסע באקוועמ־ליכקייטען בנוגע צו זיין הויז.

די הייזער זיינען, ווי מיר האָבען שוין דערמאָנט, געבויט געווען פון ציגעל אדער פון אומבאַהאַקטע שטיינער. לויט ווי עס האָבען געוויזען די אויס־גראָבונגען איז תענך זיינען אלע הייזער געווען אויסערגעוועהנליך קליין: דער דורכמעסער פונ'ם הויז האָט באַטראָפען העכסטענס 4 מעטער. די שטיי־נערנע הייזער האָבען אויף די אינוועניגסטע ווענט שוין געהאַט שטעלענווייז א פארפּוצונג. פון קאַלך האָבען די אידען שוין גאַנץ פריה געוואוסט (עמוס ב 1; ישעיה ל"ג 12). פון געהאַקטע שטיינער האָט דער קעניג געבויט א טעמפּעל און א פאַלאַץ (מלכים א, ז 9). אבער אַז די רייכע האָבען עס נאָכ־געמאַכט אין די שפּעטערע צייטען, איז עס באַטראַכט געוואָרען אלס לוקסוס און גדלות און איז פון די נביאים שטאַרק געטאַדעלט געוואָרען (עמוס ה 11; ישעיה ט 9).

פון געהעפט האָט געפיהרט א דירעקטע טרעפּ צום דאך, וואו מ'האָט

זיך זעהר פיעל אויפגעהאלטען. מען איז דארטען ארומגעגאנגען שפּאצירען אין קיהלען אוונד (שמואל ב, י"א 2). מ'האט דארטען זומער געשלאפען (שמואל א, ט 25) און מ'האט דארטען אויך געטאן מאנכע שטוב־ארבייט יהושע ב 6). כדי זיך צו באשיצען געגען דער זון, האט מען אויפגעשטעלט זומער אויפ'ן דאך קליינע סוכות (שמואל ב, ט"ז 22 : נחמיה ח 16). פון דאך אוים האט מען געקאנט גוט באטראכטען וואס עס געהט פאר אויף דער גאס, אין געהעפט פונ'ם הויז אדער אין די שכנות'ע געהעפטען (ישעיה כ"ב 1 : שופטים ט"ז 27 : שמואל ב, י"א 2). פונקט אזוי איז מען אויפ'ן דאך געזעהן געווארען פון אומעטום און מ'האט דעריבער געטאן אויפ'ן דאך דאס וואס האט געזאלט קומען אין דער עפענטליכקייט (שמואל ב, ט"ז 22). ביי אז עפענטליכען אומגליק האט מען אויף די דעכער געיאַמערט (ישעיה ט"ו 3 : ירמיה מ"ח 38). דאס אלטע דעכט האט פארלאנגט, אז דער דאך זאל האבען א געלענדער ארום (דברים כ"ב 8). אבער טראָץ דעם געלענדער איז מען לייכט אריבערגעגאנגען פון איין דאך צום אנדערען און מ'האט אט אזוי געקאנט געהן גאנצע גאסען איבער די דעכער.

אז איינפאך הייזעל איז באשטאנען פון איין איינציגען צימער אויף דער ערד. ביי פארמעגליכע האט דאס הויז געהאט אז אויבער־צימער (עליה). דארטען האט מען זיך צוריקגעצויגען, ווען ס'איז געווען קיהל, זיך אפּצורוהען, זיך דורכצושמועסען וועגען עפּעס א סוד (שופטים ג 20) אדער אין טרויער (שמואל ב, י"ט 1). בכלל כדי צו זיין אומגעשטערט. אויך חשוב'ע געסט האט מען דארטען אויסגעבעט (מלכים א, י"ז 19 : מלכים א, י"ז 19 : מלכים ב, ד 10). די הייזער פון די רייכע האבען אחוץ דעם צימער ביים אריינגאנג נאך געהאט אינעווענינגסטע חדרים : דאס פרויען־צימער און דאס שלאף־צימער (שמואל ב, ד 7 : פארגלייך מלכים א, א 15). עס ווערען אויך דערמאנט באזונדערע צימערן פאר ווינטער און זומער (עמוס ג 15 : ירמיה ל"ו 22). פאר אזעלכע גרעסערע קאמפּליצירטע הייזער איז נויטיג געווען אז אייגענער טויער־היטער אדער היטערין*).

די ביישטידלער זיינען געווען די מ צ ב ו ת פון הויז, דאס וואס די הייליגע זיילען זיינען געווען ביים טויער פון בית־המקדש, דער אָרט וואו די הויז־גאטהייט האט זיך אויפגעהאלטען. מ'האט דעריבער אויף די בייר־שטידלער (מזוזות) פון טיר געמאכט כישוף־צייכענס אלס סגולה זיך אפּצור־

*) פארגלייך אויבען ז. 56.

וועהרען פון די ניט־גוטע (ישעיה נ״ז 8). אויף די ביישטידלער האט מען אויך געשמירט דאס בלוט פון קרבן פסח (שמות י״ב 7). אננעמענדיג אט דעם מנהג אין דער יהוה־רעליגיאן, האט מען אנשטאט די כישוף־צייכענס ארייגעשטעלט א שטיקעל פון דער תורה (דברים ו 9), אונזער היינטיגע „מזוזה״.

דער דיל איז געווען א פשוט׳ער טינק פון ליים. די ליכטיגקייט איז ארייגעקומען דורך פענסטער, וואס זיינען געווען, ווי עד היום נאך אין פאלעסטינא, מיט א הילצערנער רעשאטקע און האבען גלייכצייטיג געדינט אלס קוימען. דורך וועלכע אויך דער רייך איז ארויסגעגאנגען (הושע י״ג 3).

די פארפיינערונג פון די הייזער מיט דעם וואקסענדען לוקסוס האט אין עצם פונ׳ם הויז ניט געבראכט קיין ענדערונג. די אריסטאקראטען האבען זיך געבויט גערוימע, פאלאץ־ארטיגע הייזער מיט אסך צימערן (ירמיה כ״ב 14), אבער זיי זיינען קוים געווען פיעל־שטאקיג. דער לוקסוס האט זיך אויסגעדריקט אינ׳ם מאטעריאל, וואס מ׳האט געברויכט. די ווענט זיינען געמאכט געווארען פון פיין באהאקטע שטיינער (עמוס ה 11). די צימערדעקע און די ווענט האט מען באמאלען רויט (ירמיה כ״ב 14; יחזקאל כ״ג 14). אנשטאט פונ׳ם געוועהנליכען סיקאמארען־האלץ, האט מען געמאכט טירען און פענסטער פונ׳ם פיינערען אוילבוים־האלץ אדער פון צעדערן (ישעיה ט 9; מלכים א, י 27 ; ו 31). פון אט דעם פיינערען האלץ האט מען אויך געמאכט פילונגען אויף די ווענט (ירמיה כ״ב 14). רייכע לייט האבען אויך באפוצט זייערע הייזער אינעווייניג מיט העלפאנט־ביין (עמוס ג 15). אויך גרויסע פענסטער זיינען געווען א סימן פון פרעכטיגע בנינים (ירמיה כ״ב 14*).

די מעבעל אין הויז איז באשטאנען (לויט מלכים ב, ד 10) פון פיער שטיק: א בעט, א טיש, א שטוהל און א לאמפ. א בעט צום שלאפען, איז אונזער מאדערנעם זין, האבען די אמאליגע אידען פונקט אזוי ווייניג געקענט ווי די היינטיגע פעלאכען. דער געוועהנליכער איד האט זיך איינגעוויקעלט אין זיין „שמלה״ (שמות כ״ב 26) און האט זיך אט אזוי אוועקגעלעגט אויף דעם דיל אדער אויף א מאטראץ געפלאכטען פון פאלמען־בלעטער. פארמעגליכערע האבען געשלאפען אויף טעפיכער אדער מאטראצען, וואס זיינען געלעגען אויף א העכער געמאכטען ארט ביי דער זייט פון צימער. אבער עס

*) ווייסער מירמעלשטיין (שיש) ווערט ערשט דערמאנט אין די טיילען פון תנ״ך, וואס שטאמען פון נאכ׳ן גלות בבל.

זיינען אויך געווען טראָגבאַרע בעטען (שמואל א, י"ט 13. 15 ; מלכים ב. ד 10). וועלכע זיינען קענטיג באשטאַנען פון א הילצערנעם געשטעל אויף פיער פיס מיט א העכער געמאכטען צוקאָפּענס און מיט א דעקע פון אויבען (בראשית מ"ז 31). דאָס בעט פון די פאַרמעגליכע האָט געדינט אלס זאָפא. אויף וועלכער מ'האָט זיך אויסגערוהט ביי טאָג און מען איז געזעסען ביים טיש (שמואל א, כ"ח 23 ; יחזקאל כ"ג 41) אָדער מען איז לויט דער שפּעטער־רער מאָדע געלעגען אָנגעלעהנט (עמוס ו 4)· אין די הייזער פון די רייכע איז דער געשטעל פון אָט דער זאָפא געווען געמאכט פון צעדערהאָלץ און באפּוצט מיט העלפאנטביין און ער האָט געהאט אָן אָנלעהן באשלאָגען מיט גאָלד־בלעך און פיס באצויגען מיט זילבער (שיר השירים ג 10). מ'האָט איהם באַדעקט מיט טייערע קישענס, מיט פּרעכטיגע טעפּיכער, מיט פּורפּורנע, געשטיקטע צודעקען, מיט פיין עגיפּטיש לייוועגט (יחזקאל י"ג 18 ; שיר השירים ג 10 : משלי ז 16).

דער טיש איז לכתחילה געווען, ווי ס'איז צו דרינגען נאָכ'ן נאָמען נאָר*). א צוזאמענגעלעגטע לעדער־דעקע, אויף וועלכער דער נאָמאַד שטעלט אוועק דאָס עסען. איצט איז ער שוין אבער א האָלץ־געשטעל. דער שטוהל האָט געהערט צו די נויטיגע מעבעל פון הויז, ווייל אין דער עלטערער צייט איז מען ניט געלעגען ביים טיש אָנגעלעהנט אויף א זאָפא, נאָר מען איז געזעסען. די איינפאכע שטוהלען האָבען ניט קיין רוקען און קיין זייטען־לעהן· מיט די רייכערע לעהנשטוהלען פון די אריסטאָקראַטען דאַרפען מיר פאַרגלייכען דעם אַשורישען שטוהל און דעם אַשורישען טראָן. לויט אָט דעם לעצטען מוס־טער קאָנען מיר זיך פאַרשטעלען שלמה המלך'ס טראָן, וואָס איז באַטראַכט געוואָרען אין זיין צייט אלס א וואונדער־ווערק.

לאָמפּען (נר) האָט מען אויסגעגראָבען א גאַנצע מאַסע גוט דערהאַלטענע. פון דער עלטסטער צייט אָן ביז אַראָפּ צו דער גריכישער פּעריאָדע האָבען זיי געהאט דיזעלבינע פאָרם ; א פּלאָד, אָפען שעלכעל פון ליים מיט א ראַנד צוזאמענגעדריקט ביים ענד אין א שנויץ פאַר דעם קנויט. די דאָזיגע פאָרם האָט זיך ביז אויף היינט דערהאַלטען ביי די פעלאַכען. פון א באַזונדערען

---

*) „שלחן" פון „שלח" א פעל (החובט על השלח, משנה, מכשירין ה 6). עס הייסט : א לעדערנע דעקע אויסגעשפּרייט אויף דר'ערד. דאָס דערקלערט דעם אויסדרוק אין תהלים (ס"ט 23) : „יהי שלחנם לפניהם לפח", זייער טיש זאָל ווערען פאַר זיי א נעץ. דאָס קאָן זיך ניט באַציהען אויף א שטעהענדיגען טיש, וואָס קאָן בשום אופן ניט פאַרוואַנדעלט ווערען אין א נעץ, נאָר אויף דער אויסגעשפּרייטער דעקע פונ'ם נאָמאַד. זעה וועגען דעם דאָזיגען פסוק אין דעם קאָמענטאַר צו תהלים פון פראַנץ דעליטש.

אינטערע זיינען די לאָמפּען מיט זיבען שנויצען. וואס מ'האט אויסגעגראבען פון דער אידישער צייט אין תענך, מגידו און אין דרום־פּאַלעסטינא. זיי ווייזען אויך ווי מ'האט געמאכט א פוס צו די לאָמפּען אדער זיי געשטעלט אויף אן אונטערזאץ (מנורה. מלכים ב. ד 10). פון ירמיה כ"ה 10. וואו ער זאגט נביאות, אז דאס אידישע לאנד וועט פארוויסט ווערען און עס וועט אונטערגעהן פון דארטען דער געדויש פון זארנעס און דער שיין פון א ליכט. אויך פון דעם בילדליכען אויסדרוק „עמיצענ'ס ליכט ווערט פארלאָשען" פאר „ער געהט אונטער מיט זיין פאמיליע" (מלכים א. י"ט 36; איוב י"ח 6), איז צו זעהן. אז אין הויז פון דעם אידישען פויער, ווי עד היום נאך אין הויז פון דעם פאלעסטינישען פעלאַד און אין דעם געצעלט פונ'ם בעדואין, האט תמיד געברענט א ליכט. וואס מ'האט אזוי וועניג געלאזט אויסגעהן פונקט ווי דאס פייער פון קוימען אין העלאס און איטאליען.

צו אט די פיער שטיקער מעבעל מוז מען נאך צושטעלען דעם קויהלענבעקען („אח"). מיט וועלכען מ'פלעגט ווינטער ווארימען די צימערן. לכל הפּחות האבען דאס געהאט די רייכע אריסטאקראטען אין דער שפּעטערער צייט (ירמיה ל"ו 22). ווינטער־צייט איז ניט קיין איבעריגע זאך אנצוואַרימען אויף אזא'ן אופן די צימערן.

דאס איז אבער אלץ גערעדט פון די רייכערע הייזער. אין די הייזלעך פון די ארימערע זיינען הפנים אויך אט די פיער שטיק מעבעל ניט געווען בנמצא.

וועגען דער קיך און איהרע כלים איז שוין אויבען גערעדט געווארען.

## שפּייזען און געטראַנקען.

דער אמאליגער איד. ווי דער דרום־לענדישער בכלל און דער מזרח־מענש בפרט, איז געווען זעהר איינפאַך און איינגעהאלטען אין זיין עסען. ברויט און אלס צו־שפּייז פרוכט און ירקות זיינען געווען די טעגליכע שפּייז. פליישׁ די יום־טוב'דיגע שפּייז פאר ארים און רייך. די פעלאַכען פון סיריען לעבען נאך אזוי עד היום.

דער פּרימיטיוועסטער אופן פון מאכען געניסבאר די תבואה איז געווען דורך בראטען די פּולע זאנגען אויף א קליין פייעריל. מ'האט זיי דאן צעריבען מיט דער האנט און מ'האט אוועקגעבלאזען די פּלעווּעס. דער דאזיגער מנהג האט זיך דערהאלטען דורך אלע צייטען. אפילו ווען מ'האט שוין לאנג געוואוסט צו מאהלען און צו באַקען. די אידען פלעגען עסען די דאזיגע

זאנגען („קלוי״) א גאנצען יאהר דורך, און פאר דעם רייזענדען זיינען זיי געווען א פראוויאנט וואס איז באקוועם צו פיהרען מיט זיך (שמואל א. י״ז 17: כ״ה 18: שמואל ב. י״ז 28).

סתם ברויט איז געווען פון ווייצענע מעהל. ווען מ׳האט געמיינט גערש־טען־ברויט, וואס איז געווען ביליגער, האט מען עס בפירוש געזאגט („לחם שעורים״, שופטים ז 13: מלכים ב. ד 42). די צוגרייטונג פון ברויט איז געבליבען אין מזרח־לאנד אומפארענדערט ביז אויף היינט. יעדען טאג ווערט געבאקען פריש ברויט און די מעהל דערצו פריש געמאהלען. נאך פאר זון־אויפגאנג (משלי ל״א 15) הערט זיך איין אן אראבישען דארף נעבען יעדען הויז דער גרילצענדער גערויש פון די זארנעס. פונקט אזוי איז עס געווען צו הערען פארצייטען אין די גאסען פון די שטעדט און אין די דערפער אין ארץ ישראל. דער נביא זעהט דערפאר פאראויס א וויסטען חורבן, ווען ער זאגט, אז עס וועט מעהר ניט געהערט ווערען „דער קול פון די זארנעס״ (ירמיה כ״ה 10).

דאס צערייבען די תבואה איז געשעהן אויף דרייערליי אופנים: מיט א שטייסעל, מיט א רייב־שטיין און מיט א מיהל. דאס צעשטויסען אין א שטייסעל (מדוכה, במדבר י״א 8), וואס איז באשטאנען פון א הארטען שטיין מיט א רונדען חלל, האט נאטירליך ארויסגעגעבען נאר גראבע מעהל. ווען מ׳האט שוין געוואוסט צו מאהלען, האט מען נאך געברויכט שטייסלען ביי גאנץ פרישער תבואה, וואס איז נאך צו ווייך צו מאהלען (ויקרא ב 14) אדער צו מאכען גרויפען (גרש). צוצוגרייטען גרויפען האט מען פריהער געקאכט די ווייץ־קערנער, כדי צו פארמינדערען דעם קראכמאל, און דאן זיי געטרי־קענט אויף דער זון (שמואל ב, י״ז 19). די דאזיגע געטריקענטע קערנער (ריפות) האט מען דאן גראב צעשטויסען (משלי כ״ז 22). אט די גרויפען האט מען ניט געמאכט פרישע יעדען טאג, ווי מעהל. נאר מ׳האט צוגעגרייט א גאנצע מאסע, אשטייגער פאר א גאנץ יאהר אויף אמאל.

פונקט אזוי אלט ווי דאס צעשטויסען איז דאס צערייבען מיט שטיי־נער, וואס גיט ארויס א פיינערען מעהל. אזא רייבער האט מען אויסגעגר־ראבען אין מגידו: א פלאכע, לייכט ארויפגעבויגענע באזאלט־פלאטע מיט א לענגליכען, אויבען רונדליכען רייב־שטיין.

די האנט־מיהל באשטעהט פון צוויי ניט קיין גלייכע שטיינער (דעריבער „ריחים״, אין מערהייט). דער אונטערסטער, גרעסערער, פעסטער שטיין האט אין מיטען א חלל, אין וועלכען דער צאפען פון דעם אויבערסטען באוועג־ליכען שטיין פאסט זיך אריין. דער אויבערסטער שטיין האט געהייסען

„רכב“. דער וואגען, ווייל ער זיצט אויף דעם אונטערסטען שטיין און פאהרט אויף איהם. די שווערע און לעסטיגע ארבייט פון מאהלען מיט די זארנעם פאלט אין אן איינפאכען הויז אויף דער פרוי און די טעכטער, נאר אין רייכערע הייזער טוען עס די שקלאפינס און פון זיי אויך די סאמע נידעריגסטע (שמות י״א 5 ; איוב ל״א 10 ; פארגלייך אויך שופטים ט״ז 21*).

די מעהל האט מען פארקנאטען מיט וואסער אין שטיינערנע אדער לייםענע באק־שיסלען (משארת, שמות ז 28). דעם טייג האט מען געזאלצען (ויקרא ב 13) און מיט זויערטייג (שאור) געזייערט. ווען מען איז געווען אייליגיש האט מען ניט געזייערט דעם טייג, נאר נעגעסען מצות (בראשית י״ט 3 ; שמואל א, כ״ח 24). דאס עסען מצות איז אן איבערבלייבעכץ פון די נאמאדישע מנהגים ; די בעדואינער עסען דאס רוב אומגעזייערט ברויט. פונ׳ם טייג האט מען אויסגעמאכט מיט די הענט פלאכע ברויט־קוכענס (עוגה, ככר לחם).

דער פשוט׳סטער אופן פון באקען איז נאך היינט אין דער מאדע ביי די בעדואינער. מ׳לעגט אוים קליינע שטיינדלעך אין א קרייז און מ׳צינדט אן איבער זיי א פייער. אז די שטיינער זיינען גענוג דערהיצט, שארט מען אוועק דאס פייער. דער טייג ווערט געלעגט אויף די הייסע שטיינער, באדעקט מיט גליהענדער אש און האסטינ געבאקען. אזא ברויטעל הייסט אין תנ״ך „עוגת רצפים“, א ברויטקוכען געבאקען אויף גליהענדע שטיינער (מלכים א, י״ט 6). דערצו נאך האבען די אידען, פונקט ווי די בעדואינער און פעלאכען אין לבנון, זיך באנוצט מיט אייזערנע פלאטען. וועלכע האבען זיך געהאלטען אויף דריי שטיינער און זיינען דערהיצט געווארען דורך א פייער אונטער זיי (מחבת, ויקרא ב 5).

די איינגענטליכע אויווענס (תנור), ווייסען מיר פון די אויסגראבונגען, זיינען געבליבען כמעט דיזעלבינע דורך אלע צייטען און זיינען גלייך צו דעם ט א ב ו ן פון די היינטיגע פעלאכען : א רונדע געוועלבונג ווי א גרויסע איבערגעקעהרטע שיסעל. אריבערגעשטארצט איבער קליינע שטיינער, אויבען אן עפענונג מיט א דעקעל. אויף דער שיסעל ווערט מיסט אנגעצונדען. ווען

*) אין א פיעל שפעטערער צייט, אין דער רוימישער פעריאדע, האבען די אידען געהאט מיהלען געדרעהט דורך אייזלען. דאס ווייסען מיר פון א שטעל אין עוואנגעליום (מתיה י״ח 6), וואו אין גריכישען אריגינאל שטעהט „א מיהלשטיין פון אן אייזעל“. לויט מק׳קורדי האבען די דאזיגע אייזעל־מיהלען עקסיסטירט שוין אין די סאמע עלטסטע צייטען. פארגלייך באנד 1, ז. 203.

די שיסעל און די קיזעלשטיינער זיינען היים, ווערען די פלאַכע לעבלעד ברויט געלעגט אויף די שטיינער און איז עטליכע מינוטען זיינען זיי פאַרטיג אויס־געבאַקען. די גליהענדיגע אַש ווערט דאַן ווידער איבער דער שיסעל געדעקט. אזוי אַז דער אויווען בלייבט שטענדיג וואַרים.

די ברויטלעד וואָס ווערען אַט אזוי אויסגעבאַקען, זיינען לכל הפחות פרישערהייד זעהר באַ'טעמ'ט. זיי ווערען ניט געשניטען מיט א מעסער, נאָר געבראָכען מיט דער האַנט (פאַרגלייך „פרס לחמך“. ישעיה נ"ח 7).

די צושפייז צום ברויט זיינען די פאַרשידענע פרוכטען און ירקות. אויי־בענאַן שטעהען די אייבערטען, וועלכע האַלטען זיך לאַנג ווען מ'לעגט זיי אריין אין זאַלץ־וואַסער. וויינטרויבען, פייגען און טייטלען זיינען געגעסען געוואָרען פריש און אויך געטריקענט. געטריקענטע אויבסט איז צוזאַמענ־געפּרעסט געוואָרען אין א פעסטער מאַסע אין א קוכען־פאָרם: „אשישה“. ראָזינקעס־קוכען, „צמוקים“. צוזאַמענגעפּרעסטע ראָזינקעס, „דבלה“, פייגען־קוכען, „קיץ“, אויבסט־קוכען, פילייכט טייטעל־קוכען*). פון די ירקות דאַרפען אַלס ערשטע דערמאַנט ווערען לינזען און בעבלעך (בראשית כ"ה 34: שמואל ב, י"ז 28). אַלע מינים אוגערקעס זיינען געווען שטאַרק באַליבט: ציבעלע און קנאָבעל זיינען געווען א גוויסער געווירץ צו דער מאָהלצייט און א צו־שפייז צום ברויט (במדבר י"א 5).

די מילך פון דער סטאַדע און דאַס פעטס וואָס קומט אַרויס פון דער מילך איז ביים בעדואין די הויפּט־שפּייז און אין מאַנכע געגענדען כמעט די איינציגע שפּייז. ביים בעדואין איז פיעל מאָל דאָס וואַסער וואָס ער דאַרף פאַר זיין סטאַדע טייערער איידער מילך וואָס ער האָט לרוב, און אז א גאַסט בעט וואַסער, ברייננגט ער איהם בעסער מילך (שופטים ד 19). אַנ־דערש איז אָבער ביים פויער. אויב מיר מעגען דריננגען פונ'ם היינטיגען פעלאַך. דער פעלאַך האָט אסך מילך נאָר אין פריהיאַהר און דעם גרעסטען טייל דערפון פאַרברויכט ער צו מאַכען פּוטער און קעז. אַלס געטראַנק האָט געדינט די דינע מילך, מעהרסטענס זויערמילך, וואָס לעשט זעהר גוט דעם דאָרשט; אין אונטערשייד דערפון באַצייכענט „חמאה“ די דיקע מילך, אי די סמעטענע אי די פּוטער. יעדענפאַלס האָט די העברעאישע שפּראַך קיין באַ־זונדער וואָרט ניט פאַר פּוטער.

בעדואינער און פויערים פאַרברויכען זעהר פיעל פּוטער, אדער ריכטיגער

*) הושע ג 1; שמואל ב ו 19; שמואל א, כ"ח 18; ל 12; מלכים ב, כ 7; שמואל ב, ט"ז 1, 2.

שמאָלץ, ווארים די פּוטער ווערט אויסגעקאַכט, כדי עס זאָל זיך בעסער האַלטען.ביים אויסשלאָגען פּוטער ווערט היינט די גאַנצע זיסע מילך, ניט בלויז די סמעטענע, געשטויסען היז און הער אין א ציגען־פעל און באַאר־בייט מיט די פויסטען: פּונקט אזוי איז דאס געווען פאַרצייטען (משלי ל 33). די זויערמילך וואָס שיידט זיך אָט אזוי אָפּ ווערט געטרונקען. די פּוטער איז פאַר דעם בעדואין א „במקום" פאַר דאס אויל, וואָס פעהלט איהם. דער פויער געברויכט אין זיין קיך ביידערליי, אי אויל און אי פּוטער. קעז (גבינה, איוב י 10) ווערט נאָך היינט געמאַכט אין פּאַלעסטינא אויף זעהר א פשוט'ען אופן: די פאַרגליווערטע מילך ווערט געזייהט, די צוואַרעך ווערט מיט זאַלץ פאַרמישט, דאַן אויסגעקנאָטען אין שויבען גרוים ווי די האַנט און געטריקענט אין דער לופט*).

פלייש האט מען גענעסען זעלטען אין יענע אַלטע צייטען. א בהמה פון דער סטאַדע האט מען געקוילעט נאָר אויף א יום־טוב, ביי א פּרעה־ליכער פאַסירונג אין דער פאַמיליע, אדער פאַר חשוב'ע אורחים (בראשית י"ח 7: שמואל ב, י"ב 4). יעדע בהמה וואס מ'האט געקוילעט איז געווען גלייכצייטיג א קרבן, און דאס בלוט האט געמוזט געווידמעט ווערען צו גאָט און אין פאַר דעם מענשען געווען פאַרבאָטען. אויף דעם קעניג'ס טיש איז נאַטירליך געווען פלייש אַלע טאָג (מלכים א, ה 3) און די גרויסע לייט און די רייכע האבען עס נאָכגעטאָן (עמוס ו 4). שאָף און ציגען־פלייש איז געווען דאס געוועהנליכע פלייש (שופטים ו 19: שמואל א, ט"ז 20: כ"ה 18): דאָך האט מען אויך געוואוסט אָפּצושאַצען דעם ווערט פון א מאַסט־קאַלב אדער פון א שענעם אָקס (בראשית י"ח 7: שמואל א, י"ד 32: כ"ח 24).

אין דער אַלטער צייט פלעגט דאס פלייש געקאָכט ווערען (שמות כ"ג 19: יחזקאל כ"ד 3): עס פלעגט אויך קומען געקאָכטערהייד אויף יהוה'ס טיש (שופטים ו 19: יחזקאל מ"ו 20). נאָר דער קרבן פּסח פלעגט געבראַ־טען ווערען. דאָך האבען מאַנכע, אשטייגער ווי עלי'ס שלעכטע זיהן, שוין אין א פריהיגער צייט גענעסען בעסער געבראָטענע פלייש (שמואל א, ב 15). געבראָטען האט מען אין דער אָפּענער פייער־גלוט.

דער מזרח־מענש איז אין אַלע צייטען געווען א גרויסער ליבהאָבער פון אַלערליי נאַשערייען, באַזונדערס פון זיסע זאַכען. א באַווייז פאַר דעם זיינען די פיעל זאָרטען קוכענס, וואס ווערען דערמאָנט אין תנ"ך. צום זיס

*) צי „שפות בקר" (שמואל ב, י"ז 29) און „חריצי חלב" (שמואל א, י"ז 18) באַצייכענען באַזונדערע זאָרטען קעז, לאָזט זיך ניט באַשטימען.

מאַכען די קוכענס האָט געדינט דער האָניג: וואָס פּלעגט אויך פאַר זיך אַליין גערן געגעסען ווערען (שמואל א, י"ד 27: שמואל ב, י"ז 29; שופטים י"ד 9; ישעיה ז 22; ירמיה מ"א 8). וועגען האָדעווען בינען ווערט אין תנ"ך אין ערגיץ ניט דערמאָנט, עס האַנדעלט זיך דאָ בכן וועגען דעם האָניג פון ווילדע בינען (דברים ל"ב 13; שופטים י"ד 8; שמואל א, י"ד 25). מ'דאַרף אָננעמען, אַז שוין אין דער אַלטער צייט האָבען זיי געמאַכט האָניג פון פרוכט. פון אַזאַ האָניג ווערט עס קענטיג גערעדט, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען האָניג אַלס ספּעציפישען עקספּאָרט־אַרטיקעל פון פּאַלעסטינא (בראשית מ"ג 11; יחזקאל כ"ז 17).

אַ קלענערע באַדייטונג אַלס נאַהרונגס־מיטעל האָט געהאַט פיש. וועגען וועלכע עס ווערט אין דער אַלטער צייט ניט פיעל גערעדט אין תנ"ך (במדבר י"א 5; ירמיה ט"ז 16; יחזקאל מ"ז 10). פיש איז געווען דער הויפּט אַ צו־שפּייז פאַר די אָרימערע קלאַסען (ווי איז עגיפּטען) און יעדענפאַלס נאָר פאַר די וואָס האָבען געוואוינט ביי די פישרייכע וואַסערן. ערשט שפּעטער, נאָך דעם גלות בבל, האָט פיש געשפּילט אַ גרעסערע ראָלע.

פון געווירצען צו מאַכען געשמאַק די מאַכלים קומט זאַלץ דאָס ערשטע אין באַטראַכט (איוב ו 6*). אַנדערע געווירצען וואָס זיינען געוואַקסען אין לאַנד זיינען געווען קאָריאַנדער (גד, שמות ט"ז 31; במדבר י"א 7), קימעל (כמון, ישעיה כ"ח 25), קראָפּ (קצח, ישעיה כ"ח 25).

אין דער אַרבייט פון קאָכען האָבען זיך געטיילט די מענליכע און די ווייבליכע מיטגלידער פון הויז. צו די פרויען איז צוגעפאַלען די אומאָנגענעמערע העלפט: מאָהלען די מעהל, באַקען דאָס ברויט, קאָכען די ירקות, מאַכען פּוטער און קעז (שמואל א, ח 13; בראשית י"ח 6). דאָס קוילענען, דאָס קאָכען און בראָטען פונ'ם פלייש איז געווען די זאַך פון די מענער (בראשית י"ח 7; שמואל א, ב 14; ט 23). פּונקט אַזוי איז עס נאָך היינט ביי די בעדואינער און די פעלאַכען. דאָך האָט אויך דער מאַן פאַרשטאַנען זיך אויסצוקאָכען אַ געקעכץ פון ירקות (בראשית כ"ה 29). אין גרעסערע שטעדט איז בעקעריי געווען אַ ספּעציעלע מלאכה (הושע ז 4; ירמיה ל"ז 21).

די אידישע קיך איז געווען זעהר איינפאַך איינגעאָרדערט. נעבען דער האַנט־מיהל און דער שטייסעל געפינט זיך נאָך דער ליימענער קרוג (כד) צו שעפּען און צו האַלטען וואַסער און אויך צו האַלטען אַנדערע זאַכען (מלכים

---

*) פאַרגלייך באַנד 1, ז. 47.

א, י"ז 12). מיט דעם „כד" אויף דער פּלייצע געהען פרויען אין מיידלעד צום ברונים (בראשית כ"ד 14). אויך אויל האָט מען געהאלטען אין קריג. פאר אנדערע פליסיגקייטען (וויין, מילך) האָט מען, ווי עד היום נאָך אין פּאלעסטינא, געהאט לאָגלען פון ציגען־פעל (חמת, בראשית כ"א 15 : נאד, שופטים ד 19), זעלטענער הילצערנע אדער מעטאלענע קאַנען. פאר פרוכט און געבעק האָט מען געהאט פארשידענע קערב (דוד, ירמיה כ"ד 2 : סל, בראשית מ 17: טנא, דברים כ"ו 2), וואס מיר ווייסען היינט ניט וואס פאר א פארם זיי האָבען געהאט. די טעפּ צו קאָכען פלייש זיינען געווען טיילווייז פון ערד, טיילווייז פון בראָנז. די הייליגטימער און הפּנים אויך די רייכע הייזער האָבען געהאט אסך אזוינע בראָנזענע כלים : נעבען טעפּ (פּרור) און קעסלען (סיר) אויך בעקענס (כיור*), שיסלען (סף, צלחת, קלחת) קאַנען (מזרק). דריי־שפּיציגע גאָפּלען האָט מען געברויכט ניט צום עסען, נאר ארויסצונעמען דאָס פלייש פון הייסען טאָפּ (שמואל א, ב 13) : פונקט אזוי האָט מען געברויכט די מעסערס (מאכלת) נאר צום קוילענען און צו צעלעגען דאָס פלייש אין קיך (בראשית כ"ב 6, 10).

וואס איז שייך משקאות איז דאס שאפען פונ'ם נויטיגען טרינק־וואסער אַלעמאָל געווען איינע פון די וויכטיגסטע לעבענספראגען פאר די איינוואוינער פון פּאלעסטינא. די ארומגעמויערטע שטעדט האָבען געהאט זייערע קוואלען על־פּי כלל ניט אינערהאלב פון די מויערן. דעריבער האָבען שוין די כנענים (דברים ו 11) און נאכהער די אידען אנגעווענדט אסך מיה און ארבייט אויף וואסער־ווערק. צו א הויז און א געהעפט האָט געהערט א ברונים (שמואל ב, י"ז 18 : ישעיה ל"ו 16 : ירמיה ל"ח 6). צוליב זיין זעלטענקייט ווערט דאס וואסער א האנדעלס־ארטיקעל, וואס מ'קאן קויפען נאר פאר געלט (במדבר כ 17, 19 : כ"א 22). דעם דאָרשטיגען אבער צו אנטזאגען א טרונק וואסער איז באטראכט געווארען אלס א זינדיגע קמצנות (ישעיה ל"ב 6).

וועגען וויין איז שוין אויבען גערעדט געווארען („יין", פּאעטיש „חמר" : פרישער וויין־זאפט : „עסים" און „תירוש"). ביי א פרעהליכער מאָהלצייט האָט מען אהן וויין ניט געקאָנט אויסקומען, ווארים „וויין דערפרעהט דעם מענשענ'ס הארץ" (תהלים ק"ד 15). בלויז די רכבים און די

---

*) אויך א גרויסער מעטאלענער קאָד־טאָפּ (שמואל א, ב 14). דאס ווארט באצייכענט אויך די וואסער־בעקענס אין בית־המקדש (שמות ל 18 ; מלכים א, ז 38).

נזירים האבען זיך פּרינציפּיעל צוריקגעהאלטען פון טרינקען וויין*). שיכּרות איז אויף יעדען פאל ניט געווען פרעמד אין אידישען לעבען (ישעיה ה 22; הושע ז 5; ירמיה כ"ג 9).

די אמאָליגע אידען (ווי אויך די אשורים און בכלל די מענשען אין דער אלטער צייט) האבען ליב געהאט צו מאכען דעם וויין שטארקער און באַ־טעם'טער דורכ'ן צומישען געווירצען. אזא וויין האט מען גערופען „יין הרקח", געווירץ־וויין. נעבען דעם געווירץ־וויין ווערט אויך דערמאנט מיל־גרוים־זאפט (שיר השירים ח 2).

אין תנ"ך ווערט נעבען דעם נאטור־וויין אפט דערמאנט „שכר". דער נאמען באדייט בלויז „בארוישענדער געטראנק". און מ'קאן דעריבער ניט באַ־שטימען וועלכען פון די קינסטליכע וויינען, וואס זיינען דאמאלסט באקאנט געווען, די אידען האבען אם מעהרסטען געטרונקען.

פון וויין און „שכר" האט מען געמאכט עסיג (חומץ). געמישט מיט וואסער איז עסיג געווען א געטראנק וואס דערפרישט זעהר און שטילט דעם דאָרשט און איז געברויכט געווארען אם וועניגסטען ביי די נידעריגערע שיכטען (רות ב 14); פונקט אזוי נאך היינט אין מזרח־לאנד.

## קליידונג.

דער תנ"ך גיט אונז ניט קיין באשרייבונג פון דער אידישער קליידונג: מיר זיינען דעריבער אנגעוויזען אויף די אָפּמאָלונגען פון די פארשידענע מלבושים אויף די אויסגעגראבענע מאָנומענטען און אויף פארגלייכונגען מיט דער היינטיגער קליידונג פון די מזרח־מענשען.

די עלטסטע קליידונגס־שטיק איז געווען א פארטוך אויף די לענדען (אזור, חגורה, שק), אן איינפאכע שטיק צייג (ירמיה י"ג 1) אדער לעדער (מלכים ב, א 8). אויף עגיפּטישע בילדער קומט פאר דער דאָזיגער מלבוש ביי די נאמאדען פון מדבר, נאר אין פארבינדונג מיט א מאנטעל איבער דעם.

אין דער געוועהנליכער קליידונג איז דער פּלאץ פונ'ם פארטוך שוין אין א פריהיגער צייט פארנומען געווארען פון דעם העמד־ראק (כתנת). דער דאָ־זיגער אידישער אונטער־געוואנט איז קענטיג געמאכט געווארען פון גראבער וואָל אדער לייוונט און איז געווען פעסט ארומגעבונדען מיט א שטריק אדער א גארטעל. אין דער עלטסטער צייט האט די „כתנת", וויזט אויס, גאר

*) זעה אויבען ז. 47.

קיין ארבעל ניט געהאט אדער גאנץ קורצע און האָט געגרייכט נאר ביז די קניה. א „כתנת“ ביז די קנעכלעך מיט לאנגע ארבעל איז געווען אן אויסער־געוועהנליכע זאך, וואס ווערט דערמאָנט אלס מלבוש פון דער פרינצעסין תמר און פון יעקב'ס ליבלינג יוסף*). שפּעטער, וואהרשיינליך אונטער דעם איינפלוס פון די כנענים, איז די „כתנת“ בכלל געטראָגען געוואָרען לענגער. דאָס קאָן מען זעהן פון די בילדער פון אידישע געפאנגענע אויף די אויס־געגראָבענע מאָנומענטען.

פון די כנענים שטאָמט אויך דער פיינער אונטער־מלבוש („סדין“, שוין דערמאָנט אין די אמארנא־בריף). וואס די חשוב'ע לייט, מענער און פרויען, האָבען געטראָגען אויפ'ן בלויזען לייב אדער אונטער דער כתנת. דאָס איז געווען א מין פיינע לייוועטענע העמד, וואס דער נביא צעהלט אריין צווישען די ניט נויטיגע לוקסוס־זאכען (ישעיה ג 23 ; שופטים י"ד 12, 13).

אין הויז און ביי דער ארבייט איז די „כתנת“ הפּנים גענוג געווען. אנ־דערשוואו טראָגט דער מאן איבער דער „כתנת“ די וואָלענע „שמלה“, וועלכע שטימט בערך מיט דער „הימאטיאָן“ פון די גריכען, מיט דער „טאָגאָ“ פון די רוימער און מיט דער „אבאָט“ פון די היינטיגע בעדואינער. זי באשטעהט פון מסתמא א פיערקאנטיגער שטיק טוך, איז דעריבער אויך פּאסיג צו טראָ־גען און איינצואוויקלען אלערליי זאכען*) און דינט אויך ביי נאַכט אלס בעט־דעקע (שמות כ"ב 26). ווער עס געהט ארום אָהן אן אויבערקלייד ווערט אָנגערופען נאקעט (שמואל א, י"ט 24 ; עמוס ב 16). אן אנשטענדיגער מאן ווייזט זיך בכן ניט אָהן א שמלה.

די פירשטען און אריסטאָקראטען און בכלל די שטאָדט־לייט האָבען גיך ליב באקומען די רייכפארביגע קליידער פון די כנענים און האָבען זיי אריי־בערגענומען (שופטים ה 30 ; שמואל ב, א 24), און די קליידער־פּראכט פון שלמה'ס הויף איז געווען וואונדערליך (מלכים א, י 5). צוויי נייע אויבער־מלבושים זיינען העכסט וואהרשיינליך אריבערגענומען געוואָרען פון די כנענים. איינער, דער „מעיל“, איז א פיינערער אויבער־מלבוש וואס מלכים

---

*) „כתנת פּסים“, שמואל ב, י"ג 18, 19 ; בראשית ל"ז 3, 23. „פּסים“ פון „פּס“ (פּס יד) די האַנט־און־פוס־פלאַך. „כתנת פּסים“ : א כתנת לאַנג ביז די קנעכלעך און מיט לאַנגע ארבעל ביז די הענט (זעה עדוארד קעניג, העברעאישעס און אראמעאישעס ווערטערבוך, 1910 ; היברו ענד אינגליש לעקסיקאָן : בראון, דרייווער, בריגס, 1906 ; אויך דרייווער, „נאוטס טו דהי היברו טעקסט אוו סעמועל“, ז. 299—300).

*) ארויסגעהענדיג פון מצרים, דערצעהלט די לעגענדע (שמות י"ב 34), האָבען די אידען געטראָגען אין זייערע „שמלות“ מולטערס מיט טייג.

און חשוב'ע לייט האָבען געטראָגען אנשטאָט דער גראָבער שמלה (שמואל א. ב 19; י"ח 4; כ"ד 4; כ"ח 14). דער אנדערער נייער אויבער־מלבוש, די „אדרת" (יהושע ז 21) ווערט געטראָגען איבער דער שמלה (מיכה ב 8). זי מוז זיין בכן א ברייטער מאנטעל. זי האָט געמוזט האָבען די פאָרם פון די באבילאָנישע פראכט־מאנטלען, ווארים זי ווערט טאקע אנגערופען „א מאנטעל פון לאנד שנער" (אדרת שנער, יהושע ז 21). און דער מאנטעל פון דעם קעניג פון אשור ווערט אויך באצייכענט מיט'ן זעלביגען וואָרט (יונה ג 6).

די הויפטשטיקער פון דער פרויען־קליידונג זיינען אויך כ ת נ ת און ש מ ל ה. א פרוי איז פארבאָטען צו טראָגען מענער־קליידונג און אומ־געקעהרט (דברים כ"ב 5). אין וואס דער אונטערשייד איז באשטאנען, ווייסען מיר ניט. מ'דאַרף אננעמען, אז די קליידונג פון די פרויען איז געווען פון א פיינערען שטאָף, מיט בונטערע פארבען און רייכער געפוצט. דעם פיינעם אונטער־געוואנט (סדין) טראָגען אויך די פרויען (ישעיה ג 23). פונקט ווי די מענער, אזוי האָבען אויך די פרויען געהאט פארשידענע אויבער־מלבושים: א „שמלה" (דברים כ"ב 5), א „מטפחת", א טוך אין וואס מ'האָט געקאָנט אויך טראָגען אביסעל תבואה (ישעיה ג 22; רות ג 15), א פראכט־מאנטעל („פתיגיל", ישעיה ג 22) און א „מעטפה".

א שטיק קליידונג פון די פרויען, וואס האָט זיי אונטערשיידט פון דער מענער־קליידונג איז געווען דער שלייער. זיין שורש האָט דער שלייער אין דעם מיטוס פון דער געטין אישטאר (עשתרת): ער איז אישטאר'ס צייכען. דער צוזאמענהאנג לאָזט זיך נאָך דייטליך דערקענען אין די פאלען, וואו מיר געפינען א פארהילונג פון'ם פנים: די כלה געהט אנטקעגען דעם חתן אין א שלייער (בראשית כ"ה 65), רות קומט פארשלייערט צו בעז'ן אין שייער (רות ג 4), תמר אלס זונה פארהילעט איהר פנים (בראשית ל"ח 14). בכלל אבער איז עס קיין מאָדע ניט, אז פרויען זאָלען געהן מיט א פארהילטען גע־זיכט (בראשית י"ב 14; כ"ד 16). אין תנ"ך ווערען דערמאָנט פארשידענע שלייערס („רדידים" ישעיה ג 23; שיר השירים ה 7; „צמה", שיר השירים ד 1; „רעלה", ישעיה ג 19; „צעיף", בראשית כ"ד 65; ל"ח 14). ווי זיי האָבען זיך אונטערשיידט אין פאָרם און שטאָף, ווייסען מיר ניט.

מיט דעם וואקסענדען לוקסוס איז אויך געוואקסען די שענקייט פון די

*) בראשית מ"א 42; יחזקאל ט"ז 10; כ"ז 7. שפעטער ווערט פאר דעם געברויכט דאס אראמעאישע וואָרט „בוץ"; ס'איז בכן אימפאָרטירט געוואָרען דאמאלסט פון סיריען.

קליידער. דער האנדעל האָט געבראַכט טייערע פּורפּור פון פעניקיען, פיינע ביסוס (שש) פון עגיפּטען*) און באַזונדערס די פּראָדוקטען פון די וועלט־באַריהמטע באַבילאָנישע וועבערייען, וועלכע האָבען פאַרשטאַנען צו מאַכען מלבושים בונט געוועבט און געשטיקט מיט פיגורען (יחזקאל כ״ז 7, 16, 24). דער רייכערער איד האָט שוין אין אַ פריהיגער צייט זיך ניט באַגנוגענט מעהר מיט איין אנצוג, ווי דער פּויער, נאָר האָט געהאַט יום־טוב׳דיגע קליידער (שופטים י״ד 12 : מלכים ב, ה 5) : שפּעטער אָבער איז דער לוקסוס אין קליידער געוואַקסען נאָר אַהן אַ שיעור (ירמיה ד 30). דאָס פאָלק האָט זיך איינגעוואוינט צו שאַצען לויט די קליידער, ווער עס איז ראוי זיין פאַרטרעטער צו זיין (ישעיה ג 6).

אַז די פרויען זיינען אין דעם פּרט ניט געבליבען הינטערשטעליג הינטער די מענער, ווייזט דער אינוועטאַר פון דער ווייבערליכער טואַלעטע אין ישעיה ג 18—23.

גענויע ידיעות וועגען דער באַדעקונג פון קאָפּ האָבען מיר אין ערגיץ ניט אין תנ״ך. די געפאַנגענע אידען, וואָס שטעהען אָפּגעמאָלען אויף די אויסגעגראָבענע מאָנומענטען, זיינען מיט אַ הוילען קאָפּ. יהוא׳ס טריבוט־ברייננגענדע שלוחים אויף דעם אָבעליסק פון שלמנאסר דעם צווייטען*) זיינען אָפּגעמאָלען אין אשורישער קליידונג, זייער קאָפּ־באַדעקונג איז בכן אויך אַן אשורישע. אין מלכים (א, כ 31) ווערט גערעדט וועגען אַ שטריק וואָס מ׳טוט אַרויף אויפ׳ן קאָפּ גלייכצייטיג מיט אַ זאַק אויף די לענדען. דאָס קאָן אפשר זיין אַן איבערבלייבעניץ פון אַן אַלטער זיטע.

די קאָפּ־באַדעקונג פונ׳ם בעדואין באַשטעהט היינט פון אַ פיערקאַנטיגען טוך צוזאַמענגעלעגט דרייעקיג איבער׳ן קאָפּ. דער מיטעלסטער שפּיץ באַדעקט דעם נאַקען, די צוויי זייטען־שפּיצען ווערען דורכגעצויגען אונטער דער מאָרדע און אַריבערגעהאַנגען איבער׳ן רוקען. אָט אַזוי זיינען נאַקען, האַלז און באַקען געשיצט געגען דער זון. אַ דיקע רינג־פאָרמיגע וואָלענע שנור האַלט פעסט דאָס טוך אויפ׳ן קאָפּ.

מיר דאַרפען זיך ענהליך פאַרשטעלען די קאָפּ־באַדעקונג פון די אידישע נאַמאַדען און פּויערים. די חשוב׳ע לייט אָבער, מענער ווי פרויען, האָבען שפּעטער געטראָגען דעם „צניף״, לויט דער באַדייטונג פון וואָרט**) אַ טוך אַרומגעדרעהט אַרום קאָפּ, בכן אַ טורבאַן. אין עצם באַשטעהט נאָך היינט

*) זעה אויבען ז. 218.

**) „צנף״ — וויקלען אין דער פאָרם פון אַ קנויל, ישעיה כ״ב 18.

די קאפ־באדעקונג ביים פעלאך און ביים שטאדט־מאן פון אזא קאפ־בינדע, וועלכע ווערט ארומגעדרעהט ארום א ווייסער היטעלע אדער ארום דעם רויטען פעץ. דורך דעם אופן פון וויקלען דעם טורבאן האט מען איהם געקאנט געבען זעהר פארשידענע פארמען. אזא באזונדערע פארם האט געהאט די קאפ־בינדע פון דעם כהן גדול און די כהנים (מצנפת, מגבעת, פאר). דער „פאר" איז שפעטער אויך באליבט געווען ביי די חשוב'ע לייט, ביי מענער ווי ביי פרויען (יחזקאל כ"ד 17, 23; ישעיה ג 20) און ווערט אויך דערמאנט אלס צירונג פונ'ם חתן אין דעם טאג פון דער חתונה (ישעיה ס"א 10).

דער ארימער און פשוטער איד איז, ווי עד היום נאך אין פאלעסטינא, מעהרסטענס געגאנגען בארוועס, אפילו ווען ער האט געהאט סאנדאלען. די דאזיגע זוילען (נעלים) זיינען געווען געשניטען פון לעדער אדער האלץ און זיינען געווען באפעסטיגט אן פוס מיט א רימען (שרוך נעל, בראשית י"ד 23; ישעיה ה 27). אין שטוב נעמט מען זי זעלבסטפארשטענדליך אראפ, פונקט אזוי, ווי נאך היינט ביי די מאחמעדאנער, איז א היילגטום (שמות ג 5; יהושע ה 15): די כהנים האבען געמוזט זיין בארוועס ביי דער עבודה. בארוועס געהן איז אויך געווען א צייכען פון טרויער (שמואל ב, ט"ו 30; יחזקאל כ"ד 17, 23). דער לוקסוס פון די רייכע האט זיך אויך אין די סאנדאלען געקאנט ארויסווייזען (יחזקאל ט"ז 10).

## צ י ר ו נ ג.

דער שטעקען און דער זיגעל־רינג פונ'ם מאן זיינען מעהר זאכען פון געברויך איידער צירונג. מיר ווייסען פון די גריכישע היסטאריקער, אז יעדער באבילאניער האט געטראגען א זיגעל־רינג און א שטעקען. פונקט אזוי איז דאס געווען ביי די אידען אין דער אלטער צייט (בראשית ל"ח 18).

וועגען זיגעל־קריצעריי איז שוין אויבען גערעדט געווארען*). ווי נאך היינט אין אריענט איז דאס ארויפדריקען דעם זיגעל־רינג געווען אין יענער אלטער צייט אנשטאט אונטערשרייבען דעם נאמען מיט דער אייגענער האנט. דערפון קומט די הויכע באדייטונג פונ'ם זיגעל־רינג און די אלגעמיינע מאדע איהם צו טראגען ביי זיך. אין דער עלטסטער צייט איז ביי די אידען געווען די מאדע צו טראגען דעם זיגעל־רינג אויף א שנור ארום האלז (בראשית ל"ח 18). שפעטער איז ער געטראגען געווארען אויף א פינגער פון דער רעכטער האנט (ירמיה כ"ב 24).

*) זעה אויבען ז. 115, 116.

על־פּי כּלל איז צירונג און קמיע דיזעלביגע זאַך. די מעטאַלענע און די טייערע שטיינער האָבען געהערט צו באַשטימטע גאָטהייטען און ס'איז דער־ריבער געלעגען אין זיי אַ כּישוף'דיגער כּוח. אַזוי ווי לויט דעם גלויבען פון דעם מזרח־מענשען עד היום נאָך ליגט אַ גרויסע סכנה אין דער „עין הרע", דעם בייזען בליק פון דעם וואָס קוקט מיט קנאה, איז דעריבער יעדע זאַך, וואָס ציהט אויף זיך אָפּ דעם בליק, אַ סגולה זיך צו באַשיצען פון אַ בייז אויג. עס לאָזט זיך דעריבער פאַרשטעהן, וואָס דער מזרח־מענש פון אַלע צייטען טראָגט אַסך תכשיטין. שפּורען פון דעם דאָזיגען גלויבען געפינען זיך נאָך אין תנ"ך. אין ישעיה ווערט איין שטיק פון די תכשיטין פון די פרויען דירעקט באַצייכענט אַלס קמיע („לחשים", ישעיה ג 20). איידער יעקב בויט אין בית־אל אַ מזבח פאַר יהוה, מוזען פריהער אָפּגעטאָן ווערען די געצען־בילדער און די אויער־רינגען (בראשית ל"ה 4). און די לבנה'לעך, וואָס די מדינים טראָגען („שהרנים", שופטים ח 21, 26) און וואָס ווערען אויך דער־מאָנט צווישען די תכשיטין פון די פרויען אין ישעיה (ג 18), זיינען זעלבסט־פאַרשטענדליך ניט געווען קיין אַנדער זאַך ווי קמיעות.

די הויפּט־צירונג פון די פרויען זיינען די אויער־רינגלעך („נזם", בראשית ל"ה 4, אָדער „עגיל", יחזקאל ט"ז 12). אויך פון קינדער פון ביידע געשלעכ־טער ווערען זיי געטראָגען (שמות ל"ב 2). פּונקט אַזוי באַליבט זיינען געווען די נאָז־רינגען (בראשית כ"ד 22, 47), אַ געשמאַק וואָס עס האָבען נאָך עד היום די בעדואינער־פרויען: זיי טראָגען אָפט גרויסע נאָז־רינגען, וואָס הענגען אַראָפּ איבער'ן מויל, און מ'זאָגט אַז די אַראַבער קושען גערן דאָס מויל פון זייערע פרויען דורך די דאָזיגע רינגען. מעהרסטענס ווערט עס דורגעשטעקט דורך דעם רעכטען נאָז־פליגעל, אָפטמאָל אָבער אויך דורך דער שייד־וואַנט פון נאָז.

רינגען אויף די פינגער („טבעת", ישעיה ג 21) האָט מען פיליכט ווע־ניגער געטראָגען, ווייל מ'האָט די זיגעל־רינגען און אַנדערע רינגען געטראָגען גערן אויף אַ שנור אַרום האַלז. דעם שטערן און די האָר האָט מען אויס־געפּוצט מיט שטערן־בענדער פון גאָלד־בלעך אָדער זילבער (שביסים, ישעיה ג 18). אַרום האַלז האָט מען געטראָגען האַלז־קייטען פון פאַרשידענע זאַרטען. דערביי האָט מען אויפגעהאַנגען אַרום האַלז, ווי שוין פריהער דערמאָנט, רינגען אויף אַ שנור, און אַלס צוגאָב נאָך, ווי עס ווייזען די אויסגראַבונגען אין פּאַלעסטינא, פּעריל, קליינע קריסטאַלענע צילינדערלעך, מעטאַל־זאַכען (ווי למשל די פריהער דערמאָנטע קליינע האַלבע לבנה'לעך), ביינערנע קנעפּ

א. אז. וו. אויך מושעלן, וואס זיינען היינט באליבט ביי די אראבער, האָט מען אויסגעגראָבען אין תענך.

עס קומען נאָך די ארעם־בענדער („צמיד", בראשית כ"ד 22: „אצעדה", במדבר ל"א 50) און די פוס־בראַשלען, רינגען אדער קייטלעך וואס מ'האט געטראָגען אויף דעם קנעכעל ארום פוס („עכסים", ישעיה ג 18), אן אייגענאַרטיגע צירונג פון די פרויען אין אלטען און אין נייעם מזרח. אפטמאָל האבען די דאָזיגע פוס־רינגען געהאט טריט־קייטלעך (צעדות, ישעיה ג 20), כדי אפצומעסטען שען און געניי די שפּילענדיגע טריט.

וואס איז שייך די האָר, איז א פולער קאָפּ האָר און א לאַנגע באָרד געווען די צירונג פון דעם מאן (שיר השירים ה 11). א פּליכעוואַטער מאַן איז געווען אין געפאהר, אז מ'זאָל פון איהם חוזק מאכען (מלכים ב, 23: ישעיה ג 17, 24). אבשלום האט אוים אייטעלקייט זיך געשאָרען די האָר נאָר איין מאָל אין יאהר (שמואל ב, י"ד 26). מאַנכע מענער, ווייזט אוים, האבען אפילו געטראָגען צעפּ („מחלפות" שופטים ט"ז 13, 19). היינט איג'ם מזרח־לאַנד לאָזט דער פּויער זיך אפּגאָלען דעם קאָפּ. די בעדואינער אבער טראָגען דאס רוב לאַנגע האָר.

די אידען האבען אויך געלאָזט לאַנג וואקסען די באָרד און די וואנצעס. איינעם אפּשניידען די באָרד איז באטראַכט געוואָרען, ווי היינט נאָך ביי די אראבער, אלס א שווערע באליידיגונג (שמואל ב, י 4). נאָר אין טיפסטע טרויער און הכנעה האט מען זיך אפּגעשאָרען די באָרד (ישעיה ט"ו 2: ירמיה מ"א 5). אבער אננעמען יענעם ביי דער באָרד כדי איהם צו קושען איז געווען אן אויסדרוק פון פריינדשאפט (שמואל ב, כ 9). דאס אויסשניידען די ברעגען פון דער באַקען־באָרד, פּונקט אזוי ווי אפּגאָלען דעם קאָפּ, וואס האבען געהאט א שייכות צו א פרעמדען קולט, ווערען בפירוש פאַרבאָטען (ויקרא י"ט 27: כ"א 5).

פאַר א פרוי איז לאַנגע, רייכע האָר געווען א גרויסע שענקייט און א פּליך די גרעסטע חרפה (שיר השירים ד 1: ז 6: ישעיה ג 24). די פרויען האבען דעריבער ניט געלאָזען גלאט אזוי אראָפּהענגען זייערע האָר, נאָר האָבען געזוכט זיי צו האלטען אין דער בעסטער אָרדנונג (מלכים ב, ט 30). צעוואָרפען די האָר פון א פרוי איז געווען פאַר איהר די גרעסטע דערנידעריגונג (במדבר ה 18). קאמען און האָר־נאָדלען ווערען אין ערגיץ ניט דערמאָנט אין תנ"ך*): דאָך איז דאס אפשר בלויז א צופאַל, ווייל זיי געפינען זיך שוין אויף די עלטסטע עגיפּטישע מאָנומענטען.

*) ערשט אין משנה ווערען זיי דערמאָנט (כלים י"ג, ז; שבת ו, א).

די אידישע פרויען האבען נאך אנגעווענדט אלערליי מיטלען צו פאר־שטארקען זייער שענקייט. זייער טואלעטען־טיש איז געווען רייך באלעגט מיט זאלבען־קעסטעלער, פלאסטערלעך און דעסגלייכען. אן אפט אנגע־ווענדטער מיטעל איז געווען דער בליי־גלאנץ (פוך, מלכים ב, ט 30 ; ירמיה ד 30). אלס שווארצע פולווער אדער מיט אויל צעריבען איז א זאלב איז דער ראזיגער בליי־גלאנץ געשמירט געווארען אויף די אויבערסטע און אונטערסטע ברעמען פון די אויגען : דאס האט אסך פארגרעסערט זייער גלאנץ און האט זיי געמאכט אויסזעהן גרעסער*).

---

*) פון א שפעטערער צייט איז באוויזען פון יוסף פלאוויוס, אז די פרויען פלעגען זיך ארײנשיטען גאלד־שטויב אין די האר, כדי זאלען גלאנצען גאלדיג אין דער זון. (אי־דישע אלטערטימער, בוך 8, קאפ. 7 § 3).

# ביבליאָגראַפיע

Baentsch, B., David und sein Zeitalter, 1907.

Benzinger, I., Hebraeische Archaeologie, 2te Aufl., 1912.

Budde, K., Geschichte der Althebraeischen Literatur, 1906.

Guthe, H., Geschichte des Volkes Israel, 3te Aufl., 1914.

Kittel, R., Geschichte des Volkes Israel, 2te Aufl., II Band, 1909.

McCurdy, J. F., History, Prophecy and the Monuments, 1914.

Nowack, W., Lehrbuch der Hebraeischen Archaeologie, 1894.

Riehm, Handwoerterbuch des Biblishen Altertum, 2te Aufl., 1894.

Stade, B., Geschichte des Volkes Israel, I Band, 1887.